STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01526

DOS LEBEN UN SHAFEN FUN HAFETS HAYIM

Mosheh Meir Yashar

Permanent preservation of this book was made possible
by Paulette Buchbinder
in memory of
Lee Buchbinder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Dos leben un shafen fun
Hofets Hayim.

KAHAN
V. 2

דאָס לעבען און שאַפען פון

חפץ חיים

אדמו"ר הגה"צ ר' ישראל מאיר הכהן זצ"ל

ביאָגראַפיע, זכרונות און איינדרוקען, תורה־ווערטער אויף תנ"ך און אויף אגדות חז"ל, פאַר יעדער געלעגענהייט און אויף יעדער סדרה פון דער וואָך מיט א מפתח הענינים.

— פון —

הרב משה מאיר ישר

צווייטער טייל

דריטע אויפלאגע

ירושלים תשל"ט

הוצאת ספרים
ח. וגשל בע"מ
רח' ירמיה 4, ירושלים

MAZNAIM PUBLISHING CORPORATION
4804 16th Avenue
Brooklyn, New York 11204

©
כל הזכויות שמורות

דפוס "חמד", ירושלים

Printed in Israel

אינהאלט

אין סמילאוויץ 355
דער שפּיאָנאַזש בלבול 363
נאָך דער רעוואָלוציע 372
אונטער די באָלשעוויקעס 376
ר' הירש'ס פּטירה 382
דער סענטראַל רעליעף 390
צו דער „כנסיה הגדולה" אין וויען 394
אויף משיח'ן 404
דירעקט צום רבונו של עולם 410
דער ועד הישיבות 416
טהרת המשפחה 423
ביי דער אספה אין גראָדנע 427
ביי דער אספה אין ביאַליסטאָק 430
ביי דער אספה אין ראָוונע 436
ר' נפתלי 445
פאר די רוסישע אידען 453
אויפ'ן גאָרען שטיבעל 459
אָהן טיטולען 464
כבוד און אויטאָריטעט פון רבנות 469
צום פּוילישען מלוכה פּרעזידענט 478
צום פּוילישען פּרעמיער מיניסטער 485
די אספת הרבנים אין ווילנע 469
פאר'ן כבוד פון גאון הדור 504
מ'קומט צו איהם 514
אן אומפארווירקליכטער חלום 522
זיין פּטירה 534
די חפץ חיים פאָטאָגראַפיעס 546
ר' משה 553
ר' ליב 567
זיין אייגענע ירושה און איהרע יורשים 576
די צוואה וועגען דער ישיבה 583
ר' אלחנן וואסערמאן 587

אינהאלט

אנשטאט א הקדמה.. 599
צדיק און רשע.. 607
לערנען תורה... 626
אויפהאלטען תורה.. 252
דינען השי"ת... 661
אמונה און אפיקורסות.. 675
מצוות און עבירות.. 692

ג.

אין סמילאָוויץ

ערב יום כיפור אין יאָהר תרע״ו איז דער חפץ חיים מיט זײַנע באַגלייטער אָנגעקומען קיין סמילאָוויץ, מינסקער גובערניע, וואו ער האָט באַשלאָסען זיך אָפּצושטעלען און דאָרט צו מאַכען זיין צייטווייליגע היים. אַלע אין שטאָדט האָבען זיך געשעצט גליקליך צו האָבען דעם צדיק אין זייער מיטע. זיי האָבען געזוכט מיט אַלע מיטלען צו מאַכען דעם חפץ חיים באַקוועם. זיי האָבען געשאַפען צווישען זיך די נויטיגע מאַטעריעלע שטיצע אויפצוהאַלטען זיין ישיבה.

פאַר זיך זעלבסט האָט זיך דער חפץ חיים בכלל זעהר ווינציג געזאָרגט, טראָץ אַלע טלטולים און ענוים האָט ער אין זיין פעלזען־שטאַרקע אמונה און בטחון אַלעס מקבל באהבה געווען. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז זיין אמת׳ע היים איז גאָר ערגעץ אַנדערש, אין העכערע וועלטען, וואו עס זיינען ניטאָ קיינע מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען, ווייט פון קנאה, שנאה ותחרות. ער פלעגט באַטאָנען: „עושה שלום במרומיו — דער רבונו של עולם האָט באַשאַפען די וועלט, אַז יעדער באַשעפעניש זאָל זיך געהן זיין וועג, אפילו איין האר מיט׳ן אנדער׳ן זאָלען ניט קומען אין צוזאַמענשטויס. יעדער גרעזעלע האָט זיך זיין מלאך, אַן אייגענאַרטיגען צנור ההשפעה, אָדער לעבנס־קוואַל. די אונצעהליגע מיליאָנען שטערען געהען זיך יעדער איינער זיין אייגענעם וועג אין זיינע באַשטימטע גרעניצען. דער מענש אין זיין נאַרישקייט, אַנשטאָט צו לעבען זיין אייגענעם לעבען, זוכט איבערצוטרעטען די גרעניצען פון זיין שכן, צו לעבען אויף יענעמ׳ס קאָנטאָ...״

דעם מאמר: „ותשובתו הרמתה כי שם ביתו — מאי כי שם ביתו אמר רבי יוחנן כל מקום שהלך שם ביתו עמו״ (ברכות י׳, ע״ב), פלעגט דער חפץ חיים אומגעפעהרט אַזוי ערקלערען: לכאורה איז דאָך אַ פראַגע ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז שמואל הנביא, וועלכער איז געווען אַ שופט, אַ פיהרער פון פאָלק זאָל קיין אייגענע היים ניט האָבען, נאָר וואוהין ער איז געקומען האָט ער דעם אָרט באַטראַכט אַלס זיין היים?

„דער תירוץ איז: די חז״ל זאָגען, „קנה לו דברי תורה קנה לו בית בעולם הבא״ — אַז דורך תורה קויפט זיך אַ מענש איין אין דער צוקונפטיגער וועלט אַ היים. מיינט דאָריבער דער פסוק צו דערצעהלען, אַז איבעראַל, וואו שמואל איז געגאַנגען כדי צו פאַרשפרייטען די תורה צווישען פאָלק „ותשובתו

הרמתה״ איז געווען די איינציגע תשובה, וואס ער פלעגט געבען דאס פאלק „הרמתה״, אין זינען צו האבען העכערע ענינים. די וועלט האט ער באטראכט אלס צייטווייליג „כי שם ביתו״, ווייל דארטען אויף יענעם עולם האט ער געשטרעבט צו האבען זיין פערמאנענטע היים . . .״

דער ווינטער איז שנעל אריבער. ס׳איז געקומען די צייט פון פאר פסח. דער סמילאוויצער רב, הרב ר׳ בצלאל הכהן זייציק ז״ל, איז, ווי געווהנ־ליך, ארויסגעגאנגען מיט עטליכע בעלי־בתים איבער׳ן שטעדטעל צו קלייבען פאר מעות־חיטים. מעהל איז דאן שוין געווען טייער, לויט די מלחמה־פרייזען. צדקה האט מען נאך אבער געגעבען ניט פיעל מעהר ווי פאר דער מלחמה. נאך צוויי טעג געהן איבער׳ן שטעדטעל האט ר׳ בצלאל געזעהן, אז לויט די געזאמעלטע נדבות וועט ווייט ניט זיין גענוג פאר מעות־חיטים. איז ער אוועק צום חפץ חיים ז״ל מיט א טרויעריגען געמיט און איהם געבעטען, ער זאל רחמנות האבען און העלפען, ס׳זאל זיין מצה פאר די ארימע־לייט. דער חפץ חיים ז״ל האט גלייך געענטפערט, אז ער וועט קומען צו מנחה אין גרוי־סען בית המדרש, און האט געבעטען, מען זאל מודיע זיין די בעלי־בתים פון שטעדטעל, אז ער וועט רעדען.

באלד ווי עס איז באוואוסט געווארען, אז ער וועט זיין צו מנחה אין גרויסען בית המדרש, זיינען אלע געקומען. די שוהל איז געווארען אנגעפאקט מיט מענשען.

דער חפץ חיים איז ארויף אויף דער בימה און האט א זאג געטהאן צום עולם . „הערט, ברידער, איך בין ניט געקומען אייך זאגען מוסר, נאר אייך פרעגען אן עצה :

„אזוי ווי איהר זעהט בין איך שוין אן אלטער מאן, א מענש לעבט דאך ניט אויביג. לאחר מאה שנה, ווען איך וועל קומען אויף יענער וועלט און מען וועט מיר דארט פרעגען — ישראל מאיר, דו ביזט דאך געווען אין סמילאוויץ, ווייסט ניט, סמילאוויצער אידען גיבען עפעס צדקה? האבען זיי געגעבען מעות חטים? — פרעג איך ביי אייך, וואס זאל איך דאן ענטפערען? זאל איך זאגען, אז איהר גיט — איז דאך דאס א ליגען, און קיין ליגען האב איך קיינמאל ניט געזאגט. זאל איך צוליב אייך זאגען א ליגען? וואס דען זאל איך זאגען, אז איהר גיט ניט, וועט עס דאך הייסען גערעדט לשון הרע אויף אידען, און דאס וויל איך דאך געוויס ניט!״

מעהר האט דער חפץ חיים שוין ניט באדארפט רעדען. מען האט אנגעע־הויבען ווארפען צו צוויי און צו דריי הונדערטער און אין א קליינער ווילע איז געווארען גענוג געלט אויף מעות חטים.

דער קריגס־פראנט איז וואס וויטער געווארען אלץ טיפער אין רוסלאנד. יעדער קאנטאקט מיט זיין היים אין ראדין איז אפגעהאקט געווארען. אזוי

ווי עס וואָלט געווען גאָר אין איין אַנדער וועלט. האָט טאַקע דער חפץ חיים דאָן איינמאל באַמערקט:

„אַנדערע זיינען מסופק צו ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, טענה׳נדיק, אַז אויב עס וואָלט געווען אַ עולם הבא, וואָלט זיכער אימיצער אַמאָל פון דאָרט געקומען און דערצעהלט, וואָס עס געשעהט דאָרט . . . !" מיר דאָ אלע ווייסען דאָך, אַז ס׳איז איצטער דאָ אַ ווילנער גובערניע. כאָ׳וואָלט ווער קומען און דערצעהלען, וואָס מ׳מאַכט דאָרט אין ראדין . . . !" און דער חפץ חיים האָט טיף אָפּגעזיפצט איבער׳ן גורל פון די דאָרט איבערגעבליבענע תלמידים פון דער ישיבה, און וועגען די לאַגע פון די דאָרטיגע איינוואוינער איבערקלערענ־דיג טאָמער ליידען זיי הונגער.

אין סמילאָוויץ האָט זיך שוין די ישיבה געהאַט פאַרגערעסערט און פאַרשטאַרקט. בחורים־פאַרוואָגעלטע לומדי־תורה פון אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלאַך, ווי נור זיי האָבען דערהערט, אַז דער חפץ חיים פיהרט זיין ישיבה אין גלות, זיינען געקומען אַהין לערנען. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען פריהער קיינמאָל אין קיין ישיבה געלערענט, און זיינען אונטער דער השפעה פון גרויסען רבי׳ן געוואָרען תלמידים אין זיין ישיבה.

איינער פון חפץ חיים׳ס מצוינים׳דיגע תלמידים איז געווען מאיר חר״ל (זצ״ל), באַקאַנט אין עולם הישיבות אלס מאיר קיעווער און שפעטער אַלס מאיר ראדינסקי. ער האָט געשטאַמט פון אַ חשוב׳ער און חסיד׳ישער משפחה אין זלאַטאָפּאָל, איז געווען אַ נאָהענטער קרוב צו די באַוואוסטע בראָדסקי׳ס אין קיעוו. ער האָט געלערנט אין דער „חפץ חיים ישיבה" זייט דעם ווינטער פון יאָהר תרע״ג. זייענדיג פאַר פילע יאָהרען אונטער דער השפעה פון חפץ חיים איז ער געוואָרען אַ גרויסער תלמיד חכם און זיך אויסגעאַרבייט אַלס זעלטענער בעל מדות אויפ׳ן חפץ חיים׳ס דרך. זיין אויסערגעוועהנליכע וואַ־רימע אידישע האַרץ, זיין חסיד׳ישער ברען און התלהבות האָבען איהם פיל געהאָלפען אין זיין אהבת ישראל ומסירת נפש פאַר׳ן כבוד שמים.

אַלס ביישפּיל פון מאיר׳ס מסירת נפש פאַר אידישקייט קאָן דינען דער פאָלגענדער פאַקט:

אין רוסלאַנד, אונטער די באָלשעוויקעס, אין דער צייט, ווען ס׳זיינען אַרויס די גרויזאַמע גזירות קעגען לערנען תורה מיט קליינע קינדער, האָט מאיר אָרגאַניזירט געהיימע חדרים, וואו ער פלעגט אַליין לערנען מיט די קינדער, בלי שום קבלת פרס. ממש טאָג און נאַכט פלעגט ער אַרומלויפען פון איין געהיימען חדר אין אנדערען. אַזוי האָט מאיר חר״ל מרביץ תורה געווען דורך די גרעסטע געפאַהרען פאַר צוויי יאָהר צייט.

אין די יאָהרען פון מלחמה אין פאַרלויף פון חפץ חיים׳ס גלות אין רוסלאַנד, איז אונזער מאיר אויך געווען מיט איהם. זעלבסטפאַרשטענדליך,

אַז אומעטום, וואו דער חפץ חיים איז דורכגעפאָהרען, האָט מען איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

אויף זיך וואַנדערונג איז מאיר'ן איינמאָל אויסגעקומען אונטערוועגס צו נעכטיגען מיט'ן חפץ חיים אין איין חדר. באַזיצענדיג אַ חסידישע נשמה, האָט, נאַטירליך, עס מאיר באַטראַכט פאַר אַ גרויסער זכיה און האָט ערוואַרט צו זעהן עפּעס אויסערגעוועהנליכעס פון זיין גרויסען רבי'ן. ער האָט פון גרויס נייגעריגקייט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכען — ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט פאַרגינען צו שלאָפען, אַז אים איז באַשערט אַזאַ גליק צו קאָנען באַאָבאַכטען דעם רבי'ן אַזוי נאָהענט? כדי ניט אַרויסרופען דעם חפץ חיים'ס פאַרדאַכט, האָט זיך מאיר געמאַכט שלאָפענדיג.

טראָצדעם וואָס דער חפץ חיים איז געוועזען זעהר מיד און אויסגעמאַטערט פון וועג, האָט ער נאָכדעם ווי ער איז קוים צוויי שטונדען גשלאָפען, זיך אויפגעכאַפּט און אָבגיסענדיג נעגל־וואַסער, איז ער, כדי מאיר'ן נישט אויפצוּוועקען שטילערהייד אין די זאָקען צוגעגאַנגען צו זייך בעט צו זעהן צו ער שלאָפט. מאיר האָט זיך דאַן בכיוון געמאַכט כראָפּענדיג.

דער חפץ חיים האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אַ חשבון הנפש מיט זיך אַליין, און האָט גערעדט צו זיך זעלבסט בזה הלשון: דו, ישראל מאיר, די וועלט גיט דיר אַזויפיל כבוד — פאַרוואָס קומט עס דיר? צו דען האָסטו געטהאָן כאָטש אַ הונדערט־חלק, וואָס אַן אמת'ער איד דאַרף טהאָן — טאָ פאַרוואָס קומט דיר דער כבוד? דו ביזט דאָך אַ פּשוטער און אַ מורא'דיג־זינדיגער איד!" און ער האָט דאַן אויסגעבראָכען אין אַ היסטערישען געוויין, און זיך באַגאָסען מיט טרעהרען ווי אַ קליין קינד.

מאיר, ליגענדיג אין בעט, האָט אָנגעהויבען ציטערען ווי אַ פיש און קוים געקאָנט אויסהאַלטען פון שרעק 1).

1) עס איז מאיר'ן געלונגען זיך אַרויסצו'גנב'נען פון רוסלאַנד. ער איז צוריק געקומען צום חפץ חיים אין ראדין. ער האָט זיך דאָן מיט דיזען שרייבער (וועלכער איז גראָד געווען זיינער אַן אינטימער פריינד און האָט צוזאַמען בחברותא מיט איהם געלערנט) קאָראַספּאָנדירט אין יאָהר תרפ"ד־תרפ"ה.

קומענדיג אַלס פרעמדער קיין ראדין האָט ער צוליב פאַרשטענדליכע טעמים אָנגענומען דעם נאָמען „ראדינסקי" אַנשטאָט „חר"ל". ער האָט נאָכהער געהייראַט פון ווילנע און פאַרגעזעצט צו לערנען תורה בפרישות.

צופעליג האָט דער שרייבער אין חודש אב תרצ"ב געלעזען אין „אידישען מאָרגען זשורנאַל" צווישען די טשיקאַווע נייעס די פאָלגענדע ערצעהלונג איבערגעדרוקט פון דער ווילנער צייטונג „די צייט" אונטער'ן קעפּל „דער חפץ חיים זעהט פאָראויס אין חלום דעם טויט פון אַ תלמיד".

„אין דער ישיבה פון חפץ חיים אין ראדין און אין אנדערע אָרטאָדאָקסישע קרייזען ווערט איצט פיל גערעדט וועגען א זאָנדערבאַרען פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט'ן חפץ חיים, וועלכער האָט אין חלום פאָראויסגעזעהן דעם טויט פון איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים.

אין די יאָהרען ווען דער חפץ חיים איז געווען נע ונד אין רוסלאַנד האָט ער זעלבסט־פאַרשטענדליך געליטען זעהר פיל עקאָנאָמיש, זיין מסחר מיט די ספרים זיינע איז כמעט גענצליך רואינירט געוואָרען. טראָצדעם האָט ער זיך אַלץ געהאַלטען ביי זיין הנהגה ניט צו נעמען קיינע מתנות פון מענשען.

ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין „שערי ציון" פון הרב פתחיה מענקין, האָט איהם דר. מ. ס. פון מאָסקווע דערצעהלט, אַז זייענדיג אין יענער גלות תקופה אַ תלמיד פון דער „חפץ חיים ישיבה" האָט פאַסירט, אַז איינמאָל אַריינ־קומענדיג צום רבי'ן האָט ער דעם לעצטען געפונען אַרומדרעהענדיג זיך אין זיין חדר אַן אומבאַרוהיגטען מיט אַ פנים וועלכער האָט אויסגעדריקט צער. אַזוי שנעל ווי דער חפץ חיים האָט באַמערקט דר. מ. ס. האָט ער איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם טהאָן אַ געפעליגקייט און פאַר איהם צוריקשיקען דורך פאָסט אַן אַנווייזונג אויף 300 רובעל וועלכען ער האָט נאָר וואָס דערהאַלטען אין אַ בריוו פון באַוואוסטען אידיש־רוסישען פילאַנטראָפּ ר' רפאל גאָץ פון מאָסקווע.

אַן איבעררראַשטער פרעגט דר. מ. ס.: „רבי פאַרוואָס זאָלט איהר צוריק־שיקען די געלד אין אַזאַ צייט ווען איהר פאַרדינט ניט אויף פרנסה, און דער יקרות איז אַזוי גרויס?"

„ניין, ניין, איך מוז עס גלייך צוריקשיקען צו ר' רפאל'ן. ס'איז דאָך פאַראַן אַ חשש גזל אין דעם".

„אַ חשש גזל! ווי קומט גזל אין דעם פאַל?" האָט דער תלמיד זיך גע־וואונדערט. דער גביר האָט דאָך אייך געשיקט מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען די געלד אויף צום לעבען!"

„יאָ, גזל!" ענטפערט איהם דער רבי אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט איהם צו ערקלערען אַ פשוט'ן דין. „אָט זעהט דעם בריוו, לעזט דורך די ערשטע שורות, דעם לאַנגען טיטול, וואָס ער שרייבט אויף מיר. עס צייגט בפירוש, אַז ער באַטראַכט מיר אַלס אַזאַ פערזאָן אויף וועמען אָט די אַלע תוארים פאַ־

ווי מען גיט איבער איז די מעשה אַזוי געווען:

מיט אַ וואָך צוריק האָט זיך דער חפץ חיים פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אין מיט'ן נאַכט פון שלאָף און אנגעהויבען שטאַרק קרעכצען. ווען מ'האָט איהם געפרעגט וואָס ער קרעכצט? האָט דער אַלטער צדיק געענטפערט, אַז ער האָט געזעהן אין חלום, אַז די וואָך וועט נפטר ווערען אַן איש טוב וחסיד. ער האָט דאַריבער געהייסען, אַז מען זאָל אין דער ישיבה מתפלל זיין.

האָט מען אין דער ישיבה מתפלל געווען און געזאָגט תהלים און דער חפץ חיים אַליין האָט געפאַסט אַ האַלבען טאָג.

אין איינינגע טעג אַרום איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון אטוואצק, אַז דאָרט איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון 35 יאָהר דער תלמיד פון הפץ חיים הרב ר' מאיר ראַ־דינסקי אַן איידים פון ווילנער שוחט ר' דוב בער נאַלין.

ווען מען האָט די שלעכטע ידיעה איבערגעגעבען דעם חפץ חיים, זאָל ער האָ־בען געזאָגט: יאָ, איך האָב עס געוואוסט. שוין געווען צו שפּעט!"

סען זיך — און אַז צוליב דעם שיקט ער עס אַזאַ סומע מיר צו שטיצען. אויב ער וואָלט אָבער געוואוסט, אַז באמת האָב איך ניט פאַרדינט קיין איינעם פון אָט די אַלע טיטולען נאָר אַז איך בין אַ פשוט'ער איד וואָלט ער דאָך זיכער ניט געשיקט אַזאַ סכום געלד. קלערט איהר נאָך אויב ס'איז פאַראַן אַ חשש גזל ? !"

אָבער רבי, מ'דאַרף דאָך עסען, און קיין אנדערע הכנסות זיינען איצט ניטאָ, איז דאריבער מעהר ניט רעכט ווי צו נוצען די געלד... !" האָט דער בחור גע'טענה'ט.

„ס'טייטש, וואָס רעדט איהר ? ווא אַזוי קאָן איך אַזאַ זאַך טהאָן ! אויב עס גיסט זיך אויס אַ טראָפּען מילך אויף פלייש טאָר מען דאָך די פלייש ניט עסען אַ דין וועלכעס אפילו אַ פשוט'ע אידענע וויים. טאָ וואָס איז דער חילוק צווישען איסור בשר וחלב און איסור גזל ? ניין מ'מוז עס צוריקשיקען !"

אַלע באַמיהונגען פון דר. ס. מ. און פון אַנדערע בני בית האָבען ניט גע־האָלפען. ער האָט דאריבער קיין ברירה ניט געהאַט ווי די געלד צוריקצושי־קען. ווען ער איז נאָכער צוריק געקומען איז דער חפץ חיים נאָך ניט געווען באַרוהיגט ביז וואַנעט ער האָט איהם געצייגט די קבלה פון פּאָסט. דער צדיק האָט דאַן געפיהלט ווי אַ שווערע משא וואָלט איהם אַראָפּ פון האַרצען.

ווי אָרים דער חפץ חיים האָט דאַן געלעבט קאָן אילוסטרירען דער פאָלגענדער עפּיזאָד. דאָס איז געווען אין אַ פריהמאָרגען אין יאָהר תרע"ו, אַ בין המצרים (צווישען שבעה עשר בתמוז און תשעה באב). ווען מעהרערע תלמידים האָבען צוזאַמען מיט זייער רבי'ן אָפּגעריכט „חצות". הרב ר' שלום רימער (קאמעניצער) האָט דאַן אלס אורח געגעסען אָנבייסען ביים חפץ חיים. דער לעצטער האָט דאַן אַרויסגענומען פון אַלמער אַן אַלטען לאַבען ברויט. זיי האָבען זיך געוואַשען, געמאַכט המוציא און דער חפץ חיים האָט גענומען שניידען דאָס ברויט. האָט ר' שלום צו איהם געזאָגט : „דעם רבי'ן איז דאָך שווער די ברויט צו שניידען, לאָזט מיר, רבי, איך בין דאָך אינגער !"

האָט דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל איהם געענטפערט :

„אברהם אבינו איז דאָך געווען עלטער פון מיר ! . . ."

ווען דער קריעגס־פראָנט האָט זיך דערנעהנטערט צו סמילאָוויץ איז דער חפץ חיים, כדי אויסצומיידען די געפאַהר פון שלאַכט־פעלד געצוואונגען גע־ווען צו וואַנדערען ווייטער אין רוסלאַנד. סעמיאַטש, מאָהליווער גובערניע, איז געווען זיין נעקסטער אויפהאַלטס־אָרט.

דערצעהלט הרב אייזיק סמאל, אלס עד ראי', זייענדיג אַ תלמיד פון דער ישיבת „חפץ חיים", אויף איהר גלות וועג אין סמילאוויץ, אין 1916.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער קריגס־פראָנט האָט זיך דערנעהנ־טערט צום שטעטעל. די בחורים האָבען דאָרט פארטגעזעצט צו לערנען מיט

אַ געוואַלדיגע התמדה, אזוי ווי ס׳וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געווען. ס׳איז אָנגעקומען אין שטעטעל אַ גרופּע קאָזאַקען מיט אַ קאָמענדאנט בראש, וועמעס אויפגאבע ס׳איז הויפּטזעכליך געווען צו זוכען דעזערטירען, אָדער יונגע לייט וועלכע האָבען זיך אויסבאַהאַלטען פון פּריזיוו. זעלבסט־פאַר־שטענדליך, אַז אין אַזאַ צייט איז דער קלענסטער חשד גענוג געווען צו פאַראורזאכען פיל צרות. צום גרעסטען געפאהר זיינען געווען אויסגעזצט די ישיבה בחורים, אלע יונגע לייט אין די פּריזיוו יאָהרען. די קאָזאקען האָבען זיך געהאַלטען כסדר אין טשעפּען צו זיי און זיי שלעפּען צום קאמאנדאנט, כדי צו רעווידירען זייערע דאקומענטען. לכתחילה האָט אַזאַ אָבלאווע אָנ־געוואָרפען אַ אונגעהוירען פּחד אויף די תלמידי הישיבה. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז דער קאמאנדאנט, דערוויסענדיג זיך וועגען די פּערזענליכקייט פון חפץ חיים, האָט תמיד די ישיבה בחורים באַפרייט. 1).

האָט פּאַסירט, אַז די קאָזאַקען האָבען מיט איינמאָל ארעסטירט צוואנציג תלמידים. ס׳איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל. דער חפץ חיים האָט געהאַט גרויס צער פון דעם. האָט ער געבעטען אַן אָנגעזעהנעם פּערזאָן, צו געהן צום קאמאנדאנט און זיך משתדל זיין פאַר זייער באַפרייאונג. איז ער גלייך געקומען צוריק מיט דער תשובה, אַז דער קאמאנדאנט האָט איהם געבעטען: „זאָג דעם „ראבינ" קאגאן, אַז ער זאָל קיין עגמת נפש ניט האָבען. פאַרוועהרען די קאָזאקען פון צו ארעסטירען האָב איך ניט קיין רעכט, אָבער עס מיינט גאָרניט, איך וועל זיי אלעמען באַפרייען".

מערקווירדיג, ווען דער חפץ חיים מיט דער ישיבה זיינען אוועק פון סמיל־אוויץ, זיינען אויפ׳ן וועג, ביים וואקזאל אין האמעל, פּלוצלונג אַ גרופּע בחורים פון דער ישיבה אָפּגעשטעלט געוואָרען דורך אַ קאזאקען קאמאנדאנט. זיי האָבען זיך לכתחילה דערשראָקען. אָבער דער אָפיציר האָט זיך פריינדליך מיט זיי באַגריסט, זאָגענדיג: „איהר דערקענט מיר ניט? איך בין דאָך דער קאמאנדאנט פון סמילאוויץ! איהר ווייסט, אַז איך פאָהר יעצט צום פראָנט.

1) איינמאָל ווען צוליב די פאַרשטאַרקטע אבלאָוועס האָט זיך דער חפץ חיים אַ גאַנצען טאָג געפיהלט זעהר שטאַרק באַזארגט, האָט ער דעם טאָג געפאַסט. אין אָווענט האָט ער זיך דערפיהלט דערפרישט און דערמוטיגט, און ער האָט גלייך געשיקט רופען זיין איידעם ר׳ הירש׳ן און איהם דערצעהלט, אַז ער האָט געפונען אַן עצה אין דער תורה. „ווען די אנשי סדום האָבען פון לוט׳ן געפאָדערט, אז ער זאָל זיי ארויסגעבען די אורחים, וועלכע זיינען צו איהם געקומען, כדי זיי צו פאַרפאָלגען, האָט זיך לוט געבעטען ביי זיינע סדום׳ישע מיטבירגער, זיי ניט צו טהאָן קיין שלעכטס, כי על כן באו בצל קורתי, וויבאַלד זיי זיינען געקומען אונטער מיין דאַך, בין איך דאָך פאַראַנטוואָרטליך פאר זייער שוץ". „נו", — האָט דער חפץ חיים גע׳טענה׳ט, — „אויב לוט, וועלכער, וואוי־נענדיג אין סדום, וועלכער איז געווען א קנאַפּער צדיק, פונדעסטוועגען האָט ער אנערקענט דעם עלעמענטאַרען פּרינציפּ אז ער דאַרף זיי באשיצען, א פּשיטא שוין, אויב מיר וועלען זיך ארונטערוואַרפען אונטער׳ן שוץ פון רבונו של עולם, אז ער וועט אונז געוויס ניט פאַרלאָזען". אזוי איז טאַקע געשעהן, די גאַנצע צייט איז פון דער ישיבה קיין זעלנער ניט גענומען געוואָרען . . .

איך גלויב אַז דאָס איז ווייל דער „ראבין" קאגאן איז אוועק פון שטעטעל, דאַרף מען מיר שוין דאָרט ניט האָבען. אזוי לאַנג ווי ער מיט דער ישיבה זיינען דאָרט געווען, האָט ער מיט . ,כות אויך אויף מיר מגין געווען. איך בעט ביי אייך אַ געפעהליגקייט, — האָט ער מיט טרערען אין די אויגען זיך געבעטען — „גיט איבער אייער היילינגען „ראבין", אַז ער זאָל גאָט בעטען פאַר מיר, אַז איך זאָל ניט גע׳הרג׳ט ווערען..."

ווען די תלמידים האָבען עס איבערגעגעבען דעם חפץ חיים, האָט ער בעת מעשה באַמערקט: „יאָ, יאָ, ער איז טאַקע געווען פון די חסידי אומות העולם. עס וועט געוויס מגין זיין אויף איהם דער זכות וואָס ער האָט געטהאָן מיט דער ישיבה".

פאַר אַ יאָהר צייט פלעגען קומען בריוו געשריבען אין רוסיש, פון דעם קאָמענדאַנט, דערצעהלענדיג, אַז ער איז געווען כמה מאָל אין גרויסע געפאהרען און איז ניצול געוואָרען דורך נסים. ער פלעגט כסדר בעטען, אַז דער חפץ חיים זאָל פאַר איהם מתפלל זיין.

נא.

דער שפּיאָנאַזש בלבול

צווישען אַלע חשדים און בלבולים פון וועלכע אידען אין צאַריסטישען רוסלאַנד האָבען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה געליטען, האָט דער פון שפּיאָנאַזש זיי פאַרשאַפט די גרעסטע צרות. יחידים אזוי ווי גאַנצע קהלות זיינען באַשולדיגט געוואָרען אַז זיי שטעהען אין באריהרונג מיט׳ן שונא. רבנים און אַנדערע אידישע פאָרשטעהער פלעגען גענומען ווערען פון דער רוסישער מאַכט אַלס ערבים (זאקלאדניקעס) צו גאַראַנטירען מיט זייערע לעבענס אויב ס׳וועט אויסגעפונען ווערען עפּעס א פאַרדאַכט, אז אימיצער פון זייער באַטרע־פענדע קהלה איז פאַרמישט געווען אין שפּיאָנאַזש.

דער חפץ חיים וועלכער האָט די ליידען פון דער וועלט־מלחמה באַטראַכט אַלס סימפּטאָמען פון „חבלי משיח״, אַזוי ווי וועהען וועלכע קומען בעפאַר אַ געבורט (חבלי לידה), האָט אין דיזען חשד געזעהן אַ באַשטעטיגונג אויף זיין מיינונג. דער מדרש זאָגט, אַז די מעשה פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער איז מרמז אויף די געשעהענישען פאַר ביאת המשיח. קומט אויס, פלעגט ער אויספיהרען, פּונקט ווי דעמאָלט איז געוואָרפען געוואָרען אַ חשד פון שפּי־אָנאַזש אויף די קינדער פון ישראל, „מרגלים אתם״, און צוליב דעם איז פריהער שמעון און נאָכהער בנימין גענומען געוואָרען אַלס ערבים, דאַרף דאָס זעלבע אויך פּאַסירען אין דער צייט בעפאָר משיח׳ן.

דאָס איז אָבער געווען אַ טראָפּען פון טרייסט אין אַ גרויסען ים פון צער. דער חפץ חיים איז דאמאָלט געשטאַנען אין איינגען קאָנטאַקט מיט די גדולי ישראל כדי צו זוכען עצות און מיטלען אָפּצואווענדען די גרויסע גזירות און באַשולדיגונגען געגען אידען, ווי אויך אָנצופיהרען אַ ברייטע הילפס אַקציע פאַר די מלחמה געליטענע בכלל און תלמידי חכמים און ישיבות בפרט

ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען זיינען אין דער ישיבת חפץ חיים געווען דריי בחורים פון דער דאַמאָלסדיגער דייטשער שטאָדט מעמעל (היינט די ליטווישע פּאָרט־שטאָדט קלייפּעד).

לויט די מלחמה פאַראָרדנונגען האָבען אַלע דייטשע אונטערטהאַנען זיך געדאַרפט מעלדען צו דער מאַכט, וועלכע האָט זיי אינטערנירט און אַלס גע־פאַנגענע אָפּגעשיקט אין טיעף רוסלאַנד, אָדער גאָר סיביר. די בחורים׳לעך האָבען אָבער אַזוי ניט געטהאָן, ווייל זיי האָבען זיך געשראָקען פאַרטריבען צו ווערען אין געפאַנגענשאַפט וויט צווישען גוים, ועמעס שפּראַך זיי האָבען

ניט געקענט און וועמעס זיטען זיינען פאַר זיי פרעמד געווען. אָבוואָהל די מנהלי הישיבה זיינען פון דעם געווען שטאַרק אומצופרידען, האָבען זיי אָבער צוליעב רחמנות אויף די עלענדע, שוואַכע און אומשולדיגע קינדער אַלעס פאַרקוקט. זיי האָבען געהאָפט, אַז אין אַזאַ קליין שטעטעלע ווי ראַדין וועלען זיי זיך זיכער קענען אויסבעהאַלטען.

אין זומער פון יאָהר תרע״ה איז געקומען קיין ראַדין אַ יונגערמאַן פון דערבייאיגען שטעטעל מערעטש, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס לעדער־סוחר, אָדער גאַרבער. ער איז איינגעשטאַנען אין אַ הויז וואו עס האָבען קוואַרטירט ישיבה בחורים מיט וועמען ער האָט זיך נאָהענט באַפריינדעט. ער פלעגט אויך קומען אין דער ישיבה וואו ער פלעגט אלעמען באַטראַכטען מיט נייגעריגע אויגען. וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ מעהר מתקרב געווען צו די פרושים, ער פלעגט עסען און פאַרברייגגען צוזאַמען מיט זיי. קיינער האָט איהם אין קיין זאַך ניט פאַרדעכטיגט. מאַנכע האָבען איהם גאַר אָנגע־נומען אַלס איינעם פון די פיעלע געסט־באַזוכער.

דערוויסענדיג זיך אַז אין דער ישיבה געפינען זיך תלמידים פון מעמעל, דייטשלאַנד, האָט ער זיך דערנעהנטערט צו זיי, און אַרויסצייגענדיג כלומר׳שט זיין סימפּאַטיע, האָט ער זיי צוגעזאָגט צו העלפען מיט געלד און זאַכען.

געווען איז דאָס שבעה עשר בתמוז. דער גאַרבער האָט דאַן גענומען אַ שפּאַציר אונטער׳ן שטעטל צוזאַמען מיט איינִיגע בחורים צווישען וועלכע עס איז אויך געווען אפרים לייבאָוויץ, איינער פון די דריי מעמלער תלמידים. קומענדיג צו אַ בערגעל האָבען זיי זיך אויף דעם גראָז אַוועקגעזעצט אָפּרוהען. ווען אלע זיינען געווען פאַרטהאָן אין א הייסען געשפּרעך, האָט דער גאַרבער אומבאַמערקטערהייט אַריינגערוקט אַן איינגעלייגטען פּאַפּיר אין מעמלער׳ס קעשענע . . . צוריקקעהרענדיג זיך אין שטעטעל, האָט ער זיך געוויינליך פריינדליך מיט אַלעמען געזעגענט און זיך אַוועק.

אין מיטען נאַכט, ווען אַלע אין שטעטעל, זיינען געווען פאַרזונקען אין אַ טיעפען שלאָף, זיינען אַראָפּגעקומען געהיים אַגענטען (דעטעקטיווס) און זשאַנ־דאַרען פון לידע און ווילנע. זיי האָבען אַרומגערינגעלט דאָס הויז פון ר׳ לייב מאַטליעס, דעם חפץ חיים׳ס שוואָגער וואו אפרים מעמלער האָט זיך אויפגעהאַלטען. מאַכענדיג אַן אַבלאַווע האָבען זיי אין אפרים׳ס קעשענע גע־פונען דעם פּאַפּיר, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַ פּלאַן פון קאָוונער פעסטונג געצייכענט מיט אַלע איינצעלהייטען. די מעשה איז אַזוי געווען. דער גאַר־בער, וועלענדיג ווערען, אָדער שוין זייענדיג אַ רוסישער דעטעקטיוו, האָט בכיוון פאַבריצירט די קאָנספּיראַציע כדי צו צייגען זיין פעהיגקייט צו כאַפּען שונאים פון רוסלאַנד.

דער בחור איז אַ געשמידטער אין קייטען אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין

לידע׳ר טורמע און נאָכהער אין ווילנע. די אַנדערע צוויי מעמלער איז גע־לונגען זיך אויסצובעהאַלטען. איינער פון זיי איז אָבער פון גרויס שרעק משוגע געוואָרען. אפרים איז געווען אין געפאַהר דערשאָסען צו ווערען אין 48 שטונדען. עס האָט אָפּגעקאָסט זעהר פיעל מיה און געלד דאָס צו פאַר־היטען, אויך ניט צו דערלאָזען, אַז דער חפץ חיים און די מנהלים פון דער ישיבה זאָלען אריינגעשלעפּט ווערען אין דעם שפּיאָנאַזש בלבול. לייב מאַט־ליעס, איז זיצענדיג עטליכע וואָכען אין טורמע, נאָך גרויס השתדלות באַפרייט געוואָרען.

דעם חפץ חיים׳ס אונגעהויערער צער און יסורים איז זיך לייכט פאָרצו־שטעלען. דאָך ווען די פאַמיליע פון דעם גאַרבער זיינען געקומען פארוויינטע צו איהם און געבעטען זיי ניט צו פאַרשעלטען צוליעב דעם אויסוואורף, זייער קרוב, האָט דער חפץ חיים אַ רוהיגער זיי געענטפערט: „איך שילט קיינעם ניט״.

זייט דאַן, די גאַנצע צייט פון דער רוסישער הערשאַפט, איז די ישיבה גע־שטאַנען אונטער פאַרדאַכט. ניט איינמאָל זיינען אונערוואַרטעט אַראָפּגעקו־מען זשאַנדאַרען און פלוצלונג געמאַכט אַן אָבלאַווע אין דער ישיבה, רעווידי־רענדיג יעדען איינעם׳ס פּאַספּאָרט און אַנדערע דאָקומענטען. ס׳פלעגען אויך קומען געהיים אַגענטען פאַרשטעלט אַלס ישיבה בחורים. איינער האָט זיך למשל, פאַר די מנהלי הישיבה פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ געוועזענער סטו־דענט וועלכער באַגהערט זיך צו נעהמען צום לערנען. מקיים זייענדיג דעם „כבדהו וחשדהו״ פלעגען די ישיבה בחורים פון דאַמאָלט אָן גוט נאָכשפּיאָ־נירען יעדען אומבאַקאַנטען וועלכער פלעגט אַראָפּקומען אין ראדין און זיך אויסהיטען פון יעדען פרעמדען באַזוכער אויב ער איז נאָר געשטאַנען אונ־טער׳ן קלענסטען פאַרדאַכט.

זאָגאַר דער חפץ חיים אַליין איז צוליעב די אָפטע אָבלאַוועס געוואָרען מעהר פאָרזיכטיג אין זיין באַריהרונג מיט אומבאַקאַנטע מענשען. נאָך עלף אוהר אין אָוועגט האָט ער זאָגאַר די תלמידי הישיבה פאַרזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך ווי ווייט מעגליך מונע זיין פון איהם צו באַזוכען. דורכשרייבענדיג זיך מיט זיין ידיד נאָמן דעם גאון הדור ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק, האָט איהם דער לעצטער מיטגעטיילט, אַז צוליעב די אָפטע בלבולים אויף אידען און זייערע פאָרשטעהער, האָט ער צוריקגעצויגען אַלע זיינע בריעף און רעקאָמענ־דאַציעס וועלכע פלעגען צירקולירען אין די הענט פון יחידים און אינסטיטוציעס. דער חפץ חיים האָט אויף ר׳ חיים׳ס עצה עהנליכעס בעשלאָסען און האָט ווי ווייט מעגליך אויסגעמיטען צו געבען זיין חתימה אָדער הסכמה אויף אַן עניין וועלכע די רשעים אין זייער בייזוויליגקייט קענען אויסטייטשען אַלס קאָנספּי־ראַציע אָדער פאַרראַט. ער האָט געפיהלט, אַז געוויסע פינסטערע כחות פון

דער רוסישער מאַכט זוכען איהם צו שטעלען אונטער׳ן שאטען פון אונטריי־הייט צו דער מלוכה.

צווישען די פויערים אין געגענד זיינען זאָגאַר פאַרשפרייט געוואָרען רו־מאָרס, אַז דער „אַלטער ראווין״ איז געווען פאַרבונדען מיט דייטשע שפּיאָ־נען, און אַז זיין פרוי (וועלכע פלעגט בעפאָר דער מלחמה צוליב איהר שוואַ־כען געזונד פאָהרען קיין קאַרלסבאַד) זוכט פערזענליך אַריבערצופיהרען סודות צום פיינד.

די פיעלע טויזענדער רובעל, די אויסערגעוויינליכע מיה און אנשטריינ־גונג פון חפץ חיים׳ס מקורבים, האָט לײדער גאָרניט געהאָלפען כדי דעם מעמלער צו באַפרייען. ווייל צו שווער און צו שטרענג איז דער פּראָטאָקאָל געגען איהם צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. ווען די דייטשען האָבען זיך דער־נעהנטערט צו ווילנער גובערניע, איז אונזער מעמלער אָבגעפיהרט געוואָרען קיין טיעף רוסלאַנד און צוליעב די מהומות האָט מען ניט געוואוסט וואוהין ער איז פאַרשלעפט געוואָרען .

דער מסור, דער גאַרבער, האָט אָבער זיין פאַרדינטען פסק געקראָגען. ער איז פאַרבליבען אין ווילנער געגענד וועלכער איז דאַן קירצליך אָקופּירט גע־וואָרען פון דער דייטשער אַרמעע. האָט גראד פּאַסירט, אַז אין דער אָפּטיי־לונג פון יענער אַרמעע האָט זיך געפונען אַן אָפיציר, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר־מעדיצין, מיט׳ן נאָמען לייבאָוויץ, אַ ברודער פון אפרים׳ן. איז ער אַראָפּגעפאָהרען קיין ראדין ספּעציעל אויסצוגעפינען וואו זיין ברודער גע־פינט זיך. מען האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, אויך אַז דער מסור געפינט זיך ערגעץ אין דעם געגענד.

ער האָט אין זיין צער בעשלאָסען ניט צו רוהען ביז ער וועט זיך אָפּרע־כענען מיט דעם אויסוואורף. ער האָט אָנגעווענדעט פאַרשידענע עצות און מיטלען ביז וואַנען ס׳איז איהם געלונגען אויסצוזוכען דעם שפּיאָן וועמען ער האָט גלייך אויפ׳ן אָרט דערשאָסען.

זייענדיג אין רוסלאַנד האָט דער חפץ חיים טראָץ די אָנשטריינגונגען פון זיינע מקורבים ניט געפונען קיין שפור וואו אפרים איז אַהינגעקומען. עס זיי־נען פאַריבער כמעט צוויי יאָהר ביז׳ן סוף זומער פון יאָהר תרע״ו, ווען אַ ווילנער איד, אַ פאָדריאַטשיק אין דער טורמע פון דער שטאָדט פּענזע (טיעף רוסלאַנד), האָט איינמאָל געהערט ווי אַ יונגער אידישער אַרעסטאַנט רופט איהם דורך די גראַטעס. דער בחור׳ל האָט דעם אידען געבעטען, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין מודיע זיין דעם חפץ חיים, אַז ער, אפרים מעמלער, געפינט זיך דאָ אין טורמע. דער איד האָט זיין פאַרלאַנג ערפיהלט. דורך דער פאַרמיט־לונג פון זיינעם אַ תלמיד, איז דער חפץ חיים געקומען אין פאַרבינדונג מיט׳ן אַרעסטאַנט.

שמיני עצרת אין יאָהר תּרע"ז איז ערהאַלטען געוואָרען אַ טעלעגראַמע, אַז אין גיכען דארף פאַרקומען דער משפט פון אפרים'ן. דער חפץ חיים איז דאַן געוועזן אין גלות אין סעמיאטש, מאָהליוער גובערניע. אויף מאָרגען, שמחת תורה, ווען דער חפץ חיים איז אויפגערופען געוואָרען צו אַן עליה, האָט ער בעפאָר מאַכענדיג די ברכה, אָנגעפאַנגען קלאַפּען מיט דער האַנד אין טיש און אויסברעכענדיג אין אַ געוויין, האָט ער גע'טענה'ט:

„רבונו של עולם, דו ביזט דאָך אַ בעל הרחמים, פאַרוואָס לאָזטו צו, אַז דיינע קינדער זאָלען אַזוי פיעל ליידען? אָט ליגט די תורה וועלכע אפרים האָט מיט אַזאַ התמדה געלערענט און יעצט ווערט ער נעביך אַזוי אומשולדיג גע־פייניגט!"...

אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען ביי די ווערטער ביטער געוויינט אָהן אַן אויפ־הער, ביז וואנען דער חפץ חיים האָט זיין איידים, ר' הירש'ן, געבעטען אַז ער זאָל דעם עולם באַרוהיגען, ווייל ס'איז דאָך פאַרט שמחת תורה.

גלייך נאָכ'ן דאַוונען האָט דער חפץ חיים אַוועקגעשיקט אַ שליח קיין פעטערבורג צום אַדוואָקאַט גרוזענבערג (וועלכער האָט זיך באַריהמט געמאַכט בשעתו מיט זיין וואונדערבאַרער פאַרטיידיגונג פון בייליס'ן בעת'ן בלוט־בלבול פּראָצעס) איהם צו בעטען איבערצונעמען די פאַרטיידיגונג. ליידער האָט גרוזענבערג, אויסהערענדיג דעם אינהאַלט, זיך ענטזאָגט פון צו זיין דער אַדוואָקאַט, ווייל ער האָט פשוט מורא געהאַט זיך צו פאַרבינדען מיט אַזאַ סאָרט פּראָצעס אין אַזאַ צייט ווען די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט האַס און חשד געגען אידען.

ווען דער חפץ חיים איז אינפאָרמירט געוואָרען פון גרוזענבערג'ס אָפּזאָג, האָט ער טראָץ אַלע שוועריגקייטען אויף קיין זאַך ניט געקוקט, נאָר באַשלאָ־סען אַליין צו איהם צו פאָהרען. קומענדיג צו גרוזענבערג'ן האָט איהם דער לעצטער געפרעגט צי קען ער אַליין עדות זאָגען, אַז דער באַשולדיגטער איז ווירקליך ריין פון דעם שפּיאָנאַזש חשד. האָט דער חפץ חיים אין זיין תמימות'־דיגקייט איהם געענטפערט, אַז ער איז זיכער, אַז דער באַשולדיגטער איז ריין און אומשולדיג און אַז גרוזענבערג אַליין קען עס זיך איבערצייגען פון דעם פאַקט, וואָס אַזאַ אַלטער און שוואַכער מאַן ווי ער, האָט אונטערגענומען אַזאַ ווייטע און שווערע רייזע, אַזש פון סעמיאטש קיין פעטערבורג, כדי דעם בחור ריינצוואַשען.

האָט גרוזענבערג אויף דעם באַמערקט: „רבי, איהר זייט שוין גראָד אַ יונגערמאַן, אויב איהר באַזיצט אַזוי פיעל יוגענדליכע ענערגיע און פרישקייט, מאַכענדיג אַזאַ ריזיקאַלישע רייזע כדי צו ראַטעווען אַ אידיש לעבען... מיר זיינען עס די אמת'ע אַלטע, ווייל מיר האָבען ניט אַזאַ געפיהל"... און צו זיין פרוי וועלכע איז געשטאַנען לעבען איהם, האָט ער אַ טיעף־געריהרטער באַ־

מערקט אין רוסיש: „וואָלט אַ הויכער קריסטליכער גייסטליכער אַזאַ ריזיקאַלישע און מסירת נפש׳דיגע רייזע אונטערגענומען אין אַזא צייט ווען מענשענלעבענס זיינען הפקר, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבען פון אַ פרעמדען אינגעל, אַ יחיד?״

גרוזענבערג האָט זיך ענטשולדיגט און איז אויף אַ ווײַלע ארויסגעגאַנגען פון צימער, האָט דאַן דער חפץ חיים באַמערקט צו זיינע באַגלייטער (די תלמידים הרב יחזקאל סארנא, איצט ראש ישיבה פון חברון, און הרב הלל גינזבורג, איצט דער איידים פון דעם חפץ חיים׳ס צווייטער פרוי), „ער איז גראַד אַ גוטער מענש!... הלואי וואָלט ער אזוי גוט געווען אין עבודת הבורא! עס פעהלט דער אידישער חינוך . . . דער רוח התורה . . . אָ, ווען ער וואָלט נתחנך געוואָרען אין א ישיבה! . . . 1)

צוריקקעהרענדיג זיך האָט גרוזענבערג ווידער באַטאָנט, אַז עס טהוט איהם זעהר לייד, וואָס ער פערזענליך מוז זיך ענטזאַגען צו נעהמען אויף זיך די פאַרטיידיגונג, ווייל ער פיהלט זיך ניט בכח ביי דיזער צייט אויפצוטרעטען אין אַ קריגס־געריכט... ער האָט זיך אָבער נאָר וואָס פאַרשטענדיגט מיט אַ קריסטליכען אַדוואָקאַט, קאַפּיטאַן זוויאזיק, וועלכער איז מרוצה אַנצופיהרען די פאַרטיידיגונג, און אַז ער גלויבט אַז לטובת הענין איז אפשר גלייכער, אַז אַ גוי זאָל זיין דער אַדוואָקאַט איידער א איד.

פאַר׳ן חפץ חיים׳ס אַוועקגעהן האָט גרוזענבערג פאָרגעשטעלט פאַר איהם זיין יונגען זוהן און איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם בענשען. האָט דער חפץ חיים איהם געגעבען אַ ברכה, און נאָכדעם באַמערקט מיט אַ שמייכעל: „זאָל דער אויבערשטער געבען אַז אייער זוהן זאָל זיך פאַראינטערעסירען אין אידישקייט און זיין גרייט פאַר הצלת נפשות — אַ נפש אחת מישראל — מעהר ווי זיין פאָטער״.

פאָרגעקומען איז דער משפט אין חדש טבת תרע״ג אין דער שטאָדט

---

1) עס איז ווירקליך צו באַוואונדערען ווי דער חפץ חיים האָט געננוי און ריכטיג גלייך אָפּגעשאַצט זיין פּערזאָן און כאַראַקטער. גרוזענבערג געהערט צו די געציילטע אידישע נעמען, מיט וועלכע ס׳האָט געקלונגען ניט בלויז די אידישע וועלט, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד איז גרוזענבערג געווען באַריהמט אַלס איינער פון די גרעסטע און דערפאָלגרייכסטע אַדוואָקאַטען. ער האָט זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט ערוואָרבען, פיהרענדיג די פאַרטיידיגונג פון די באַריהמטסטע קרימינעלע פּראָצעסען אין זיין צייט. אָבער פון אידישקייט האָט ער געוואוסט זעהר ווייניג. פּאָליטיש איז ער געווען זעהר לינק געזאָנען און געשטאַנען ווייט פון אידיש געזעלשאַפטליכען לעבען. וואו עס איז געשעהן אַ אידישע צרה, אַ פּאָגראָם, אַ גירוש, און עלילת דם, א. ד. ג., איז גרוזענבערג אַלס דער גרויסער הומאַניטעריער געווען פון די ערשטע זיך אָנצונעמען פאַר די געליטענע. די אידישע געשיכטע, די פּיין און ליידען פון אידישען פאָלק האָבען איהם שטאַרק גערירט, אָבער אויפגעטרייסעלט האָט עס איהם ניט. אַזוי דערקלערט ער אַליין אין זיינע ערינערונגען אין רוסיש („ווטשעראַ״, פּאַריז, 1938). זוכענדיג די גאולה פון דער ליידענדער מענשהייט אין אַלגעמיין, האָט ער אונטערגעשעצט די ספּעציפיש אידישע ליידען, די פּראָבלעמען, האָפנונגען און שטרעבונגען פון אידישען פאָלק.

וויטעבסק פאַר אַ קריגס־געריכט באַשטעהענד פון דריי רוסישע גענעראַלען אַלס ריכטער. אַלס עדות זיינען גערופען געוואָרען דער חפץ חיים, זיין איי־דים ר׳ הירש לעווינסאָן און הגאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן (איצט ר״מ פון ישיבת אהל תורה, באַראַנאָוויץ).

דעם טאָג ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט דער חפץ חיים מודיע געווען אַלע ישיבות אין דאַמאָלטדיגען רוסלאַנד מ׳זאָל מתפלל זיין און זאָגען תהלים, און אין זיין אייגענע ישיבה האָבען אַלע דאַמאָלט אויסער דעם אויך געפאַסט.

אין געריכט איז דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס געפרעגט געוואָרען צי ער איז גרייט צו שווערען, אַז דער באַשולדיגטער איז דעם פאַרברעכען ניט בעגאַנגען. האָט דער רבי געענטפערט: „איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען קיין שקר ניט געזאָגט, אָבער צו שווערען אפילו אויף אַן אמת בין איך ניט בכח״.

דער קריסטליכער פאַרטיידיגער האָט נאָך זיין עדות זאָגען אויפגעקלעהרט די שופטים ווער אָט דער דאָזיגער עדות איז. אַלס אילוסטראַציע האָט ער זיי דערצעהלט דעם עפּיזאָד, אַז איינמאָל זייענדיג אין וואַרשא, איז דער חפץ חיים אין גאַס אָפּגעשטעלט געוואָרען פון אַ מאַן וועלכער האָט געבעטען, אַז ער זאָל איהם אויסבייטען אַ פינף רובעלדיגע אַסיגנאַצ־ע. ווען דער רבי האָט אַרויס־גענומען זיין געלד־טאַש האָט דער פרעמדער עס פון זיין האַנד אַרויסגעכאַפּט און מיט דעם אַנטלאָפען. האָט איהם דער רבי נאָכגעשריען, אַז ער איז איהם מוחל במחילה גמורה, און צו זיינע באַגלייטער וועמען ער האָט זיך באַמיהט צוריקצוהאַלטען פון נאָכלויפען דעם גנב, אָדער מאַכען אַ געוואַלד, האָט ער אַ רוהיגער באַמערקט: „די נויט האָט איהם מסתמא געבראַכט צו אַזאַ לאַגע, שפּעטער וועט ער זיך אפשר באַדיינקען און האָבען חרטה, טאָ צו וואָס זאָל ער האָבען געגעסען גנבה׳שע? ס׳איז דאָך בעסער ער זאָל עסען כשר׳ע״.

דעם אַדוואָקאַטס אילוסטראַציע האָט פאַראורזאַכט דעם פאָלגענדען דיאַ־לאָג צווישען איהם און דעם פאָרזיצענדען פון געריכט.

פאָרזיצענדער: „הערר אַדוואָקאַט, גלויבט איהר טאַקע אַליין אויך אין דער דאָזיגער מעשה?״

אדוואָקאַט: „ניין, הערר ריכטער, איך האַלט עס בלויז פאַר אַ לעגענדע״.

פאָרזיצענדער: „אויב אַזוי, טאָ וואָסער באַווייז ברענגט איהר?״

אַדוואָקאַט: „ענטשולדיגט מיר, הערר פאָרזיצענדער! קענט איהר מיר ערקלעהרען פאַרוואָס עפּעס דערצעהלט דאָס פאָלק וועגען אייך ניט אַזעלכע לעגענדעס? דיינקט איהר ניט, אַז דאָס שאַפען לעגענדעס וועגען אַ געוויסע פערזאָן איז גלייכצייטיג אַ באַשטעטיגונג אויף זיין גרויסקייט?״

פאָרזיצענדער: „יאָ, מיר האָבען טאַקע דעם פולסטען צוטרוי צום עדות,

אַז ער מיינט צו זאָגען דעם אמת, און מיר גלויבען אַז ער וויל קיין ליגען ניט זאָגען, אָבער דער דייטש איז אַזוי קלוג, אַז ער האָט די אַלע גרויסע רבנים אויך אָפּגענאַרט".

דער פּראָקוראָר (פּראָסעקיוטאָר) האָט זיך נאָכהער באַמיהט אָפּצושוואַכען דאָס עדות זאָגען פון חפץ חיים. ערקלערענדיג אין זיין רעדע, אַז אַבוואָהל ער צווייפעלט ניט אין דער אויפריכטיגקייט און עהרליכקייט פון דעם אלטען „זשידאָווסקי ראווין" וועמען אידען באַטראַכטען אַלס היילינען, דאָס אָבער פאַרשטאַרקט אדרבא נאָך מעהר דעם באַוויז, אַז דער באַשולדיגטער האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש, אַז אַרויסגעבענדיג צו די דייטשען געהיימניסע, האָט ער געהאָלפען פאַראורזאַכען דאָס פאַלען פון קאָוונער פעסטונג, ווייל ער האָט זיך פאַרזיכערט, אַז איהם וועט זיך געלינגען אויסצובעהאַלטען אין דער ישיבה און אויב ער וועט אפילו אריינפאַלען וועט איהם דיזער אלטער פאַרטיי־דיגען... נאָכדעם ווי ער האָט פאַטעטיש געשילדערט די רוסישע לעבענס וועל־כע זיינען געפאַלען ביי קאָוונע, די יסורים פון די פאַרקריפּעלטע און פאַר־וואונדעטע און דיליידען פון די פאַר'יתום'טע און עלענד געבליבענע קרובים, און די חרפה וואָס זיין (כלומר'שטער) טהאָט האָט גורם געווען פאַר'ן צאַר באַטיושקאַ, און דער מוטער־לאַנד, האָט ער שטרייננ געפאָדערט טויט־שטראָף פאַר'ן באַשולדיגטען.

נאָכדעם ווי די ריכטער זיינען אריין אויף אַ קורצע באַראַטונג, האָט דער פאַרזיצענדער, אַרויסקומענדיג, פאַרגעלייענט צווישען אַנדערעס דעם אורטייל, וועלכער האָט זיך אומגעפעהר טיילווייז אַזוי געלעזען:

„דער דייטשער אונטערטהאַן אפרים לייבאָוויץ איז געפונען געוואָרען ביים ספּעציעלען קריגס־געריכט שולדיג אין שפּיאָנאַזש געגען רוסלאַנד לטובת דעם שונא די רעגירונג פון זיין פאטערלאַנד. די פאָלגענדע צוויי פאַקטען לאָזען ניט איבער קיין צווייפעל אין דער ריכטיגקייט פון דער באַשולדיגונג: 1) ער האָט זיך אין קיינער צייט ניט געמאָלדען צו דער לאָקאַלער מאַכט אלס דייט־שער אונטערטהאַן און ספּעציעל נאָכ'ן אויסברוך פונ'ם קריעג ווען אַלע אין רוסלאַנד אונטער אַ דראָהונג פון אַ שווערע שטראָף זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען דאָס צו טהאָן; 2) דער פּלאַן פון קאָוונער פעסטונג וועלכעס איז געפונען געוואָרען אין זיין האַנט, דאָס אלעס, לאָזט ביי די ריכטער ניט איבער קיין שום ספק, אז דער באשולדיגטער איז א געפעהרליכער שונא פון רוס־לאַנד.

„לויט'ן אַרטיקעל 132 פון קריגס קאָדעקס, פּאַראַגראַף... ווערט דער באַשולדיגטער פאַראורטיילט צו טויט־שטראָף.

„אָבער אַזוי ווי ער צייגט זיך אויס צו זיין מינדעריעהריג ווערט זיין טויט־

שטראָף פאַרביטען אויף צוועלף יאָהר שווערע טורמע (קאַטאַרגע). אַזוי ווי צוויי יאָהר איז ער שוין אָפּגעזעסען דאַרף ער זיצען נאָך צעהן יאָהר".

דער בחור'ל האָט פון גרויס שרעק גע'חלש'ט. די אַנוועזענדע אין גע־ריכט האָבען זיך באַגאָסען מיט אַ שטראָם פון הייסע טרעהרען. קוקענדיג אויפ'ן אומשולדיגען אַרעסטאַנט, האָבען זיי געיאָמערט: „וועה, וועה, אַזאַ שוואַכער אינגעל, ווי אַזוי וועט ער עס איבערטראָגען!"

ארויסגעהענדיג פון געריכט, האָבען די תלמידים אָנגעפאַנגען טראַכטען פּלענער ווי אַזוי צוריקצוהאַלטען די שרעקליכע נייעס פון רבי'ן. מורא האָ־בענדיג, אַז דער באַריכט זאָל חלילה ניט האָבען אַ געפעהרליכע ווירקונג אויף זיין שוואַכען פיזישען צושטאַנד.

האָט מען איהם לכתחילה דערצעהלט, אַז ער איז בלויז פאַראורטיילט גע־וואָרען אויף צוויי יאָהר טורמע. דערפיהלענדיג אָבער, אַז מען באַהאַלט פון איהם די ריכטיגקייט, האָט ער געפאָדערט מען זאָל איהם גלייך דערצעהלען דעם גאַנצען אמת. אַלע אַנוועזענדע האָבען דאַן אויסגעבראָכען אין אַ מורא'־דיגען געוויין. דערהערענדיג דעם אורטייל, האָט דער חפץ חיים צוערשט אָפּ־געגעבען אַ שבח והודיה צום אויבערשטען וואָס אַ דאַנק זיין חסד און רחמנות איז אפרים ניצול געוואָרען פון טויט. מיט אַ רוהיגען גלעטענדען טאָן האָט ער דאַן געזוכט אַלעמען צו מוטיגען, טרייסטען און שטאַרקען. וואָס ס'שייך דעם משפט איז זיין באַמערקונג געווען בזה הלשון:

„זיי האָבען איהם צוגע'משפט צעהן יאָהר תפיסה. שוטים וואָס זיי זיינען! און אַז זיי וועלען זיך האַלטען צעהן חדשים ווייסען זיי? און אַפילו צעהן וואָ־כען זיינען זיי שוין זיכער? ניין! אויף אַזוי פיעל זיינען זיי קיין בעלי דעה נישט!"

עס איז ווירקליך געווען „כשגגה היוצא מלפני השליט", ווייל גליקליכער־ווייזע האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט. מיט צוויי חדשים שפּעטער, כ"ב אדר תרע"ז איז דער צאַר ניקאָלאַי אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון טראָהן. ווען די רעוואָלו־ציאָנערע קערענסקי רעגירונג האָט איבערגענומען די מאַכט איז אונזער כלומר'שטער שפּיאָן אפרים, אַ דאַנק די אינטערווענציע פון גרוזענבערג'ן, גלייך באַפרייט געוואָרען צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען.

דערצעהלט דער גאון און צדיק, ר' ברוך בער לייבאָוויטש (ראש ישיבה פון קאַמענעץ) אַז ער איז דערביי געווען בעת זיין גרויסער רבי, ר' חיים בריסקער, האָט הערענדיג וועגען חפץ חיים'ס באַמערקונג מכח דעם משפט, געזאָגט בזה הלשון:

„דער חפץ חיים האָט ניקאָלאַי'ן פון טראָהן אַראָפּגעוואָרפען... עס קענען נאָך אָבער קומען אַנדערע צו דער מאַכט וועלכע וועלען זיין פיעל ערגער".

אַזוי ווייט, איז געווען דער גלויבען פון די גדולי הדור, האָט דער חפץ חיים געקענט דערגרייכען מיט'ן כח פון זיין צדקות.

נב.

נאָך דער רעוואָלוציע

אין סעמיאטש איז דער חפץ חיים פאַרבליבען זאָגאַר נאָכדעם ווען דער רוסישער צאַר און זיין טיראַנישע אָרדנונג זיינען באַזייטיגט געוואָרען. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז מעהר ווי אַלע האָבען די אידען פריי אָפּגעאָטעמט. אָבער די פרייהייט מיט איהרע זיסע חלומות און האָפנונגען אויף דער צוקונפט האָט זיי ניט פאַר׳שיכור׳ט אַזוי ווי זייערע ברידער אין מערב איראָפּא ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט איהרע לאָזונגען פון עמאַנציפּאַציע האָט דערוויטערט פון אידענטום. דער רוב מנין ורוב בנין איז דאמאלט געשטאַנען גאַנץ ווייט פון אסימילאַציע. די אָרטיגע אידען האָבען גראָד מיט אַלע כחות געזוכט איינצואָרדנען זייער ניי־לעבען אויף די אַלטע אויסגעפּרובירטע יסודות פון טראַדיציע.

אין דער רוסיש־אידישער וועלט האָט דאַמאָלט געקאָכט און געשטורעמט צוליב די הכנות צום פאָרשטעהענדען „אַל־רוסלענדישען אידישען קאָנגרעס״, וועלכער האָט באַדאַרפט אויסאַרבייטען די נייע לעבענס־פאָרמען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געשאַפען און אויך צו פאַרפאַסען די קאָנסטיטוציע פאַר דער אידישער אויטאָנאָמיע. אויף דער אידישער גאַס זיינען דאַמאָלט איבערנאַכט אויסגעוואַקסען פּאַרטייען, ווי שוועמלאַך, יעדע מיט איהר בלומר׳שט אייגענאַרטיגען פראָגראַם. ציוניסטען, בונדיסטען, פאָלקיסטען, סאָציאַליסטען און אַנדערע. יעדער גרופּע האָט פּרעטענדירט צו זיין די וואָרט־זאָגערן פון די אַכציג פּראָצענט אונאָרגאַניזירטע אידען דאָס הייסט די גרויסע מאַסע „די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר״. יעדע פּאַרטיי האָט קאָנצענטרירט איהרע כחות צו געווינען אָט די דאָזיגע אידען דורך ענערגישע פּראָפּאַגאנדא, ווי רעדעס, אַ מבול פון פּראָקלאַמאציעס, א. א. וו.

באַגרייפענדיג דעם כח פון פאַראייניגונג האָבען די אָרטאָדאָקסישע אידען אויך ערוואַכט. אידען דאָ און דאָרטען האָבען זיך אָרגאַניזירט אין קערפּערשאַפטען כדי ווי אַמבעסטען צו קאָנען פאַרטיידיגען זייערע לעבענס־אינטערעסען. עס זיינען ענטשטאַנען פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס אין די הויפּט צענטערן פון רוסישען אידענטום. די „נצח ישראל״ אין פעטערבורג, „מסורה וחירות״ אין מאָסקווע, „אחדות ישראל״ אין אוקראינע, „אגודת ישראל״ אין וויס־רוסלאַנד. אויך איז אונטער דער פיהרערשאַפט

פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן, מהרש"ד שניאורסאָן, געגרינדעט געוואָרען די „שלומי אמוני ישראל" אין פעטערבורג.

כדי אַרויסצושטעלען אַ פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אָרטאָדאָקסישע אידען ביי דעם אַלגעמיינעם קאָנגרעס און כדי געמיינשאַפטליך אויסצואַר־בייטען אַ פלאַטפאָרמע אין איינקלאַנג מיט'ן טראַדיציאָנעלען גייסט איז אין חדש סיון פון יאָהר תרע"ז פאַררופען געוואָרען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין מאָסקווא פון די פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע טיילען פון רוסלאַנד. דער חפץ חיים, דער ליובאַוויטשער רבי, ר' איצעלע פאָנעוויעזער זיינען ביי אַזעלכע אסיפות געווען די פיהרענדע גייסטער.

עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרען אַן איבער פאַרטייאישער פאַרטיי „אחדות", וועלכע האָט ווירקליך רעפּרעזענטירט די גרויסע מאיאָריטעט פון רוסישען איד'ענטום.

דער אויפרוף צום פאָלק דאַטירט חדש אייר תרע"ז איז אונטערגעשריבען פון חפץ חיים און פון די חשוב'סטע גדולי הדור, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אין רוסלאַנד, ווי ר' חיים סאָלאָווייטשיק, בריסק; ר' יצחק ראַבינאָוויץ, פאָ־נעוויעז; ר' מאיר אטלס, שאוויל; ר' זלמן סנדר כהנא שפירא ר' אלי ברוך, מיר; ר' אליעזר ראבינאָוויץ, מינסק; ר' משה מרדכי עפּשטיין, סלאבאָדקע: ר' שלום דוב שניאורסאָן אדמו"ר מלובאַוויטש, ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, ווילנע, א. א. וו.

דער אויפרוף לעזט זיך טיילוויז אַזוי:

„אלעמענס הערצער זיינען דורכגענומען מיט אַ שטאַרקען וואונש, אַז די שלומי אמוני ישראל (טראַדיציאָנילע אידען) זאָלען זיך אָרגאַניזירען אין אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק האָבען די גדולי ישראל פאַרשטאַנען די נויטווענדיגקייט פאַר רעליגיעזע אידען צו זיין פאַר־אייניגט. עס איז דאַמאָלט געגרינדעט געוואָרען אַן אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָ־מען „כנסת ישראל". און אין אויסלאַנד איז נאָכער געשאַפען געוואָרען אַן עהנליכע פאַראייניגונג מיט'ן נאָמען „אגודת ישראל". גרויס איז געווען דער תועלת און דאָס אויפלעבונג וועלכע אַזעלכע באַוועגונגען האָבען פאַראורזאַכט. ליידער האָט ביי אונז דאַמאָלט אַזאַ באַוועגונג זיך ניט געקאָנט ענטוויקלען צוליב די שטערונגען פון דער אכזריות'דיגע רוסישע רעאַקציע.

„אָבער איצט ווען אַלע שווערינקייטען מצד דער רוסישער רעגירונג זיינען באַזייטיגט געוואָרען אַ דאַנק דער איבערקערעניש און דעם שינוי הסדר, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געבראַכט. אין דער ליכט פון פרייהייט אָרגאַני־זירט זיך יעדער פאַרטיי לויט איהר באַזונדערע איבערצייגונגען און פאַר־לאַנגען.

„עס איז דאריבער פון גרויס וויכטיגקייט פאַר די רעליגיעזע אידען וועלכע זיינען דער רוב מנין פון פאָלק, אַז זיי זאָלען זיין פאַראייניגט פאַר׳ן וואהל־זיין פון אונזער פאָלק און תורה. אחדות אין דיזען מאָמענט איז אַ נויט־ווענדיגקייט אַזוי ווי לופט צו אָטעמען. דורך אחדות איז מעגליך צו דער־גרייכען גדלות אין אונזערע שטרעבונגען; צו פאַרזיכערען, אַז מיר זאָלען אונגעשטערט קאָנען אָפּהיטען אונזער גייסטיגע ירושה — די געטליכע תורה וועלכע איז אונזער נשמה, און איהרע הייליגע טראַדיציעס וועלכע זיינען פון דור דורות איבערגעגאַנגען צו אונז״.

פון דער פלאַטפאָרמע האָט ר׳ איצעלע פאָנעוויעזער געפאָדערט אין דער ליכט פון איהרע פּרינציפּען צו ענטשיידען די אַלע פאַרשידענע פּראָבלעמען, וועלכע דאָס לעבען ברייננגט.

אינטערעסאַנט איז, ווען ס׳איז געקומען אויסצואורבייטען די פּרינציפּען פון דער פלאַטפאָרמע האָט ר׳ איצעלע פאָנעוויעזער דאמאלט געפאָדערט מ׳זאָל אויך אריינגעמען די אגראר־פראַגע און זיך ערקלערען פאַר דאָס רעכט פון דער מלוכה אונטער געוויסע באַדינגונגען אָפּצונעמען די ערד פון די פּריצים און עס צוטיילען צו די פּויערים. ווען אַנדערע רבנים, דעלעגאַטען האָבען געגען דעם פּראָטעסטירט, ווייל די דאָזיגע פראַגע איז אַ ריין רוסישע און האָט קיין שייכות ניט צו אידען, האָט ר׳ איצעלע באַוויזען, פאַנאַנדערגלי־דערענדיג די פאַרשידענע פּאַרטייאישע פלאַטפאָרמען אין דיזער פראַגע, אַז עס האָט יאָ אַ שייכות צו אידען צוליב׳ן פּרינציפּ פון זעלבסט־אייגענטום. עס דאַרף ווערן פעסטגעשטעלט ווי ווייט די מלוכה האָט דאָס רעכט מבטל צו מאַכען דעם קנין יחידים, 1). ס׳איז ענטשטאַנען אַ הייסער וכוח און ר׳ איצעלע׳ס רעוואלוציאָנערער פאַרשלאַג איז אָראָפּגענומען געוואָרען פון טאָגעס אָרדנונג.

דער חפץ חיים האָט דאַן גענומען אַן אַקטיווען אנטייל אין אלע ברענענ־דיגע פראַגען אין דאָס אויפשטעלען פון פּראָגראַם האָט ער מדקדק געווען עס זאָל זיך ניט אַריינכאַפּען אַזעלכעס וועלכעס ער האָט באַטראַכט אַלס שעדליך.

זיצענדיג איינמאָל ביי אַ מיטינג צוזאַמען מיט׳ן ליובאַוויטשער רבי׳ן האָט דער חפץ חיים דערהערט, אַז די אויפגאַבע פון מיטינג איז צו נאָמינירען אַן עקזעקיוטיוו קאָמיטע. האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַנטשולדיגט, אַז ער קאָן זיך ליידער ניט באַטייליגען אין די באַראַטונגען. ווען ער האָט גע־נומען פאַרלאָזען דעם חדר, האָט דער ליובאַוויטשער רבי, אַן איבערראַש־טער זיך אויפגעשטעלט און צוגעשטאַנען צו איהם מיט דער פראַגע פאַרוואָס ער געהט אַוועק, האָט איהם דער חפץ חיים תמימות׳דיג געענטפערט היות ווי

---

1) זעה „גדולים פון אונזער צייט״ — יעקב מאַרק זייטע 134; מ׳האָט דאַן ר׳ איצעלע׳ן גערופען „דער רעוואלוציאָנערער גאון״.

מ׳געהט אויסקלייבען מענשען וועט מען דאָך דערמאָנען נעמען און אויף יעדען איינעם זוכען חסרונות, שרעקט ער זיך דאַריבער פאַר לשון הרע . . .

ליידער האָבען די האניג מאָנאַטען פון דער רוסישער רעוואָלוציע לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. דער זומער איז אַוועק. די באָלשעוויקעס האָבען פאַר־כאַפּט די מאַכט און ברוטאַל צושטערט אַלע רעליגיעזע באַוועגונגען.

נג.

אונטער די באָלשעוויקעס

אין סעמיאַטש, אויך אונטער די באָלשעוויקעס האָבען די ישיבה בחורים ניט געליטען קיין הונגער, אַ דאַנק דעם רעספּעקט וואָס די מאַכט באַזיצער האָבען געהאַט פאַר'ן חפץ חיים. ניט איינמאָל זיינען זיי געקומען צו איהם נאָך אַ ברכה.

ווען דער מלחמה פון די ווייסע קעגען די רויטע רעגירער האָט זיך דערנעהענטערט קיין סעמיאַטש האָט דער חפץ חיים באַשלאָסען אויסצוואוואַנדערן טיפער אין רוסלאַנד. עס איז געווען שבת און דער חפץ חיים האָט בייטאָג געהאַלטען אַ געזעגענונג'ס־דרשה אין שוהל. ער האָט ראשית געבעטען דעם עולם, היות ווי ער האָט מיט זיי געוואוינט אַ לענגערע צייט קאָן דאָך זיין, אַז ער האָט וועמען עס איז באַליידיגט, אָדער פוגע בכבוד געווען זאָל מען איהם דאריבער מוחל זיין. ער האָט אַלעמען אויפגעפאָדערט צו בלייבען מוטהיג און שטאַרק אין זייער אמונה, אָפּהיטען שבת, טהרת המשפחה, חסד און צדקה. דערהויפּט האָט ער געבעטען מען זאָל אַכטונג געבען אויף די אָרימע לייט אין שטאָדט, אַז זיי זאָלען ניט ליידען חלילה קיין הונגער. ער האָט אַזוי ווי אַ טרייער טאַטע זיך געבעטען, אַז די רייכע קינדער זאָלען אַכטונג געבען אויף די אָרימע. נאָך אַזאַ האַרציגע התעוררות זיינען אַלעמענס אויגען פייכט געווען פון די פילע טרעהרען, וועלכע זיי האָבען בעת זיין רעדען פאַרגאָסען. נאָך מנחה ווען דער עולם האָט זיך געוואָשען צו שלש סעודות, איז דער חפץ חיים נאָך אַלץ געבליבען טיעף פאַרזאָרגט.

פלוצלונג האָט ער באַמערקט דורכ'ן פענסטער דורכגעהן דעם אידישען קאָמיסאַר „אַרטשיק". ער האָט איהם געבעטען אַריינקומען אין שוהל. ווען ער איז אַריינגעקומען האָט דער חפץ חיים איהם איינגעלאַדען צו עסען מיט איהם צוזאַמען שלש סעודות. דער קאָמיסאַר האָט, וואָהרשיינליך מורא געהאַט, אַז זיין קאָמוניסטישע כשרות וואָלט דורך אַזאַ טהאט גשטעלט געוואָרען אונטער אַ חשד, האָט ער דאַריבער זיך אַנטשולדיגט מיט'ן תירוץ, אַז ער איז פאַרנומען און קאָן ניט בלייבען.

דער חפץ חיים האָט איהם דאַן געבעטען, אַז ער זאָל זיך כאָטש צוהערען צו זיינע אַ דבר תורה. אָבער דאָס האָט דעם קאָמוניסט ניט ווינציגער אָפּגעשראָקען. ער האָט זיך געבעטען: „רבי איך בין דאָך אַ גראָבער יונג, אַ פּראָסטאַק, אַ גוי, טאָ ווי קום איך צו תורה?"

דער חפץ חיים האָט איהם אָבער ניט אָפּגעלאָזען און האָט מיט אַ ליבלי־כען טאָן און גוט־מוטיגען שמייכעל געזאָגט:

„איך וועל אייך זאָגען עפּעס פון חומש, וועלכעס איהר האָט געלערנט אַלס קינד און איהר וועט עס זיכער פאַרשטעהן". אַרטשיק האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט זיך צוגעהערט וואָס דער חפץ חיים האָט איהם געזאָגט, נעמליך:

„עס שטעהט אַז „ועץ החיים בתוך הגן" מאַכט דער תרגום: „באמציעות גינתא", ד. ה. דער בוים פון לעבען איז געשטאַנען אין מיטען פון גאָרטען, אָדער גן עדן, פאַרוואָס עפּעס דוקא אינמיטען און ניט אָן אַ זייט? דער תירוץ איז, אַז די תורה וויל אונז לערנען מיט דעם אַז צום לעבענס־בוים קאָן מען דערגריי־כען פון אַלע זייטען גלייך. אַנדערע קומען צו זייער גייסטיגע שטרעבונגען דורכ'ן וועג פון תורה, אַנדערע דורך עבודה, אַנדערע דורך צדקה, אָדער חסד.

„וויסען זאָלט איהר, אַז כל זמן איך בין געוועזען אין שטאָט האָב איך גע־זאָרגט, אַז די אָרימע זאָלען האָבען וואָס צו עסען, יעצט אַז איך פאָהר אַוועק און איהר בלייבט דאָ, בעט איך פון אייך, אַז איהר זאָלט פאַר זיי זאָרגען. אייער מאַכט האָט קאָנפיסקירט די תבואה פון די רייכע. ווען איהר וואָלט מיר גע־פאָלגט וואָלט איך אייך געוויס געהייסען עס צוריקגעבען צו די אייגענטימער, אַזוי ווי דער דין התורה פאָדערט. אָבער דאָס ווייס איך, אַז איהר וועט ניט טהאָן. לכן בעט איך אייך אמוועניגסטענס אַכטונג צו געבען, אַז די אָרימעלייט זאָלען כאָטש פון דעם עפּעס געניסען, אַז זיי זאָלען חלילה ניט הונגערען.

„דיזער חסד וועט פאַר אייך זיין, דער וועג דורך וועלכען איהר וועט דער־גרייכען צום עץ החיים, (האָבען עולם הבא)".

אַרטשיק איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרען פון אָט די פשוט'ע ווערטער, אַז ער האָט אַ קלאַפּ טהוענדיג אין טיש אויסגעשריען:

„רבי, איך שווער, אַז איהר זייט עס דער איינציגער אמת'ער גרויסער קאָמוניסט. מיר ווייסען נאָר ווי אַזוי צונעמען פון די רייכע און פאַרגעסען צו באַזאָרגען די אָרימע, אָבער איהר דאגה'ט באמת פאַר די אָרימע".

זייענדיג אין סעמיאַטש האָט דער חפץ חיים אַרויסגעגעבען דעם ספר „חובת השמירה" וועלכער באַשטעהט פון 13 פּרקים און צום ענדע קומט אַ קונטרס „כבוד שמים" וועלכער האָלט 3 פּרקים. דער ספר איז געדרוקט גע־וואָרען אין פּאָלטאַווע אין יאָהר תרע"ח. אין זיין פּתיחה צום קונטרס „כבוד שמים" ערקלערט דער מחבר, אַז ער פיהלט זיך ענטוישט וואָס זיינע ספרים „חפץ חיים", „ושמירת הלשון", וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין זיין יוגענד האָבען ניט געבראַכט דעם געהעריגען תיקון בנוגע דאָס אָפּהיטען זיך פון לשון הרע ורכילות, טראָצדעם וואָס זיינע ווערק ווערען פון אַלעמען געריהמט האָבען זיי דאָך ניט אויפגעטהאָן דאָס ערוואַרטעטע. און זיינע באַקאַנטע האַ־

בען איהם דאַריבער געראַטהען צו פאַרפאַסען אַ קיצור פון אַלע פוסקים און מאמרי חז״ל, וועלכע באַריהרען די ענינים . . .

אין דער הקדמה צום ספר „חובת השמירה״ ערקלערט דער מחבר, וואָס עס האָט איהם באַוועגען צו קאָנצענטרירען זיין אויפמערקזאַמקייט וועגען דעם מענשען׳ס פליכטען אָפצוהיטען זיין מויל, ווייל די מויל איז פעהיג אַריינצושלעפען דעם מענשען אין אַ זומפּ פון זינד מעהר ווי אַלע אַנדערע טיילען פון מענשליכען אָרגאַניזם צוזאַמען גענומען — און ער אילוסטרירט מיט א משל: אַ מלך האָט איבערגעגעבען צו אַ פאַבריקאַנט 248 וועב־שטולען און אויך אַ סך רייע וואָל מיט לינען. דער קעניג האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל פאַר איהם פאבריצירען שעהנע ווארע פאַר וועלכעס ער האָט איהם צוגעזאָגט צו באַפרידיגען אויף אַ גוטען אופן אויסער די אויסצייכענונגען וועלכע ערוואַרטען איהם, אויב נאָר די ווארע וועט זיך אויסצייגען פיינער ווי אלע אנדערע. צווישען די אַלע וועב־שטולען איז געווען איין שטול וועלכער האָט געאַרבייט דורך עלעקטריציטעט. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז דער פאַבריקאַנט האָט קאָנצענטרירט זיין הויפט אויפמערקזאַמקייט אויף דיזער שנעלער וועב־מאַשין ווייל דורך איהר אַרבייט האָט ער אין איין שטונדע געקאָנט פאַרדינען מעהר ווי אין אַלע אַנדערע 248 וועב־שטולען; דאגעגען דאָס קלענסטע דורכפאַל קאָן איהם פאַראורזאַכען דעם גרעסטען שאָדען...

כך אַזוי, דער מלך מלכי המלכים האָט דעם מענשען געגעבען 248 אברים קעגען די 248 עשה׳ן. יעדער אבר האָט זיך זיין ספּעציעלע מצוה. צווישען זיי האָט דער אויבערשטער געשאָנקען דעם מענשען אַ מויל וועלכע קאָן איהם אַריינברייגען די גרעסטע פאַרדינסטען. אין עטליכע מינוטען קאָן דאָך דער מענש אָפּלערנען הונדערטע ווערטער תורה און כידוע איז דאָך יעדער וואָרט תורה אַ מצות עשה און פון יעדער מצוה ווערט געשאַפען אַ מלאך מליץ פאַר׳ן מענשען . . . ווערהענד אַן אונאָפּגעהיטע מויל קאָן אין איין רגע פאַראומגליקליכען דעם מענשען אויף אייביג . . .

נאָכדעם ווי מיר בעטען: אבינו מלכנו כלה כל צר ומסטין מעלינו, בעטען מיר גלייך: אבינו מלכנו סתום פיות משטיננו ומקטריגנו.

לכאורה, וויבאלד ס׳וועלען פאַרוואונדען ווערען אונזערע שונאים און דערצערענער, טאָ צו וואָס נאַכהער די תפלה, אַז השי״ת זאָל פאַרמאַכען די מיילער פון אַלע מסטינים ומקריגים? —

נאָר דאָס באַוואָרענען מיר זיך אין אונזערע תפלות צום רבש״ע, קוים וועלען אונזערע זכותים ניט העלפען, אַז אונזערע פיינד זאָלען צושטערט ווערען, דאַריבער בעטען מיר, אַז אַמווייניגסטענס זאָלען זייערע מיילער פאַרמאַכט ווערען.

דאָס איז שכר פון מדה כנגד מדה. פאַר די יעניגע וועלכע היטען

זייערע מיילער און קאָנטראָלירען זיך פון ריידען שלעכטס אויף אַנדערע, אַז השי״ת זאָל היטען די מיילער פון אַנדערע צו ריידען שלעכטס קעגען זיי.

דער חפץ חיים איז מיט זיין ישיבה אַוועק קיין סנאָווסק, טשערניגאָווער גובערניע. לכתחילה האָט ער זיך דאָרטען ווי עס איז איינגעאָרדענט. צו איהם פערזענליך האָבען די באָלשעוויקעס זיך באַצייגען מיט ליבע און רעס־פּעקט.

דאָרט האָט אַ געוויסע צייט געהערשט אלס קאָמיסאר אַ קריסט מיט׳ן נאָמען „קרילאוו״. ער האָט לכתחילה פאַרשאַפט אלעמען גרויסע צרות מיט זיינע נייע פּאַראַנדקעס. זאגאר די בני הישיבה האָט ער ניט געשוינט. ער פלעגט זיי רופען צו צוואנגס ארבייט, זיי אוועק שיקען הונגעריגע און נאקעטע אין די וועלדער און זיי צווינגען צו טהאָן עבודת פרך.

העלפט השי״ת, אַז „טאָוואַרישטש״ קרילאָוו ווערט שטאַרק קראַנק, אַ נוטה למות. זיינע אידישע חברים זאָגען, אַז זיי וועלען געהן בעטען ביים חפץ חיים, אַז ער זאָל געזונט ווערען. ווען ער איז געזונט געוואָרען האָט ער שוין מעהר פון די בני הישיבה ניט גענומען אויף ארבייט. ער פלעגט די בני הישיבה זיך לאָזען פריי באַוועגען. ער האָט פאַרהייליגט דעם חפץ חיים. קוים פלעגט איהם ווער דערמאָנען, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט׳ן חפץ חיים, האָט ער שוין געהאַט איינזעהניש מיט איהם. אַ דאַנק איהם פלעגען אלע באלשאוויסטישע מאַכט־האָבער דעם חפץ חיים באַהאַנדלען מיט כבוד.

ווען זיי האָבען איינמאָל געהערט, אַז דער חפץ חיים טרינקט טהעע אהן צוקער האָבען זיי איהם געבראַכט אַ מתנה צעהן פונט צוקער. צוקער איז דאַמאָלט געווען אַ קאָסטבאַרער אַרטיקעל, עס איז ממש ניט געווען בנמצא צו קויפען. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ענטזאָגט צו נעמען פון זיי דעם צו־קער, ווייל „מסתמא״ האָט ער געזאָגט, „האָבען זיי דאָך עס צו גענומען פון אַ רייכען...״

עס איז ענטשטאַנען איין רעוואָלוציע נאָך דער אַנדערער. דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט, די רעפּרעסיעס און מלחמה דרוק האָט געשטיקט, מחלות און עפּידעמיעס האָבען זיך פאַרשפּרייט. ס׳זיינען קראַנק געוואָרען בחורים אין דער ישיבה, אפילו די פאַמיליע פון חפץ חיים איז ניט געשוינט געוואָרען. י״ט חשון תרע״ח שטאַרבט די עלטערע טאָכטער פון ר׳ הירש׳ן וועלכע איז געווען אַ כלה פאַר איינעם פון די בעסטע ישיבה בחורים. נאָך דער לויה האָט געשיקט דער חפץ חיים אויסגעפינען ווי זיין טאָכטער שרה׳לע (די מוטער) פיהלט. ווען ער האָט דערהערט אַז זי איז רוהיג האָט דער חפץ חיים אַ צופרידענער באַמערקט „שרה׳לע איז טאַקע אַ בת דעת . . . ״

עס איז וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ ערגער און מעהר אונערטרעגליך. דאָך וואָלט אַלעס דער חפץ חיים געדולדיג דורכגעטראָגען אָבער ניט אַ פאַר־

זוך מעביר צו זיין על הדת. ער אליין דערצעהלט צווישען אַנדערעס אין אַ בריוו, דאַטירט יום ה׳ דסליחות שנת תרפ״א (ווען ער איז שוין געווען צוריק אין זיין היים אין ראדין). בזה הלשון:

„הנה גם אנכי שבעתי נדודים בארץ רוסיא. באלו שש שנים שהייתי עם הישיבה בשלשה מקומות: בסמילאוויץ, בשומיאץ ובסנאווסק, וב״ה מצאתי חן בעיניהם וכלם החזיקו הישיבה באופן נעלה. אכן לבסוף, הטילו הגדולים עבודה רבה על כל העיר הן בחול, הן בשבת, ואיש לא יפקד מהם ואפילו הבחורים מאנשי בית המדרש היו ג״כ בכלל הזה. ולא יכולתי להצילם, והוסכם אצלנו לצאת ממקום שנתחלל כבוד השי״ת בפרהסיא לעיני הכל ולבא למקום שנוכל לקיים התורה (וגם לפי שיטתם הבזויה אין להזכיר כלל שם ה׳ ולהיפך ממה שכתוב בתורה למען ספר שמו בכל הארץ והם כל עבודתם והשתדלותם לשכח שם ה׳) וב״ה שמילא רצוננו להוציאנו מארץ רוסיא...

אַלזאָ שפעטער צוליב די גזירות פון די אָרטיגע באָלשעוויקעס וועלכע האָבען געצוואונגען אַלעמען מחלל שבת זיין זאָגאַר די בני הישיבה, האָט ער זעהענדיג, אַז אַלע זיינע באַמיהונגען האָבען ניט געהאָלפען באַשלאָסען צו פאַרלאָזען רוסלאַנד. ער האָט ניט געקאָנט צוקוקען ווי דער כבוד השם ווערט פאַרשוועכט בפרהסיא דורך פאַרדאַרבענע ברואים וועלכע שטאַמען פון אידען און נוצען אויס זייער צופעליגע מאַכט צו פאַגראַמירען די אידישע גייסטיגע אוצרות.

דער חפץ חיים האָט געהאָט פון דעם גרויס יסורים. ער איז זאָגאַר אַליין געגאַנגען צום אידישען קאָמיסאַר און איהם שטרענג געווארנט אויפ׳ן ספּעציפישען חפץ חיים שטייגער.

עס איז געווען שבת אין דער פריה. דער קאָמיסאַר איז געווען איבערראַשט פלוצלונג צו דערזעהן פאַר איהם דעם חפץ חיים. ער האָט זיך איהם געבעטען זעצען אָבער דער אַלטיטשקער האָט אין אַן ערנסטען און אין האַלב שטרענגען טאָן גלייך אָנגעפאַנגען איהם דערצעהלען אַ מעשה.

„אין אַ דאָרף נאָהענט צו סמילאָוויץ, האָט אַמאָל געוואוינט אַ איד וועלכער האָט געהאַט אַ בראַנפען־ברויז. אַ לאַנגע צייט האָט ער דורכגעשמוגעלט אַ סך בראַנפען אָהן אַן אָפּצאָהל (אַקציז) ביז מ׳האָט איהם ענדליך געכאַפּט. ווי דער מנהג איז דאַן געווען אין אַלטען רוסלאַנד האָט מען איהם צוגעשמיד זיינע הענד און פיס אין קלעצער און איהם אַזוי דורכגעפיהרט סמילאָוויץ אויפ׳ן וועג צו ווערען פאַרשיקט נאָך סיביר. די גאַנצע שטאָדט האָט סימפּאַטיזירט מיט׳ן אַרעסטאַנט און האָבען אויף זיין אומגליק זיך שטאַרק מצער געווען. ווען מען האָט איהם פאַרבייגעפיהרט דעם רב׳ס הויז איז דער רב אויך אַרויסגעקומען איהם צו טרייסטען. אָבער דער אומגליקליכער האָט מיט ביטערקייט אָנגעפאַנגען שרייען: „רבי איהר זייט שולדיג אין מיינע ליידען. איך

האָב געוואוינט אין אייער שכנות. איהר האָט געוואוסט פון מיין פרנסה און מיר קיינמאָל ניט געווארנט, זייט איהר דאריבער פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלץ.״

דאָ האָט זיך דער חפץ חיים געווענדעט צום קאָמיסאַר און מיט אַ ציטער־דיגע שטימע געזאָגט:

„געדיינקט, אַז קיין פאַרברעכען קאָן ניט פאַרבייגעהן אָהן שטראָף. מען וועט אייך אַמאָל פרעגען (אויפ׳ן עולם האמת) פאַרוואָס זענט איהר באַגאַנגען אַזאַ גרויזאַמע רשעות צו אייערע אייגענע ברידער? וועט איהר זיך מסתמא פאַרענטפערען, אַז איהר זענט ניט געווען אין גאנצען שולדיג, ווייל דער חפץ חיים זייענדיג אין שטאָדט און וויסענדיג פון אַלעס האָט אייך ניט געשטערט, איז ער דאריבער מעהר שולדיג פאַר אייך. לכן בין איך אייך געקומען פאַר־אויסזאָגען און וואַרנען, אַז איהר באַגעהט אַ מורא׳דיגען פאַרברעכען געגען גאָט און לייט. באַרעכענט זיך אין צייט און ציהט צוריק אייערע רשעות׳דיגע גזירות.״

צו פאַרגרעבט און נידערטרעכטיג איז אָבער דער רויטער מושל געווען, אז דעם חפץ חיים׳ס הייליגע ווערטער זאָלען דורכדרינגען זיין פארשטיינער־טע האַרץ און פאַר׳חומר׳טע נשמה...

נד.

ר׳ הירש׳ס פטירה

דעם גרעסטען צער און פארלוסט, וואס דער חפץ חיים האט געליטען במשך די זעקס יאהר פון זיין גלות אין רוסלאנד (תרע״ה־תרפ״א) איז געווען די פטירה פון זיין באליבטען איידים ר׳ הירש לעווינסאן זצ״ל, י״ח שבט תרפ״א אין סנאווסק. (געבוירען אין יאהר תרכ״ג אין וואלאזשין). פאר׳ן חפץ חיים האט עס געמיינט אזוי ווי מ׳וואלט אוועק געריסען פון איהם זיין רעכטע האנד, אדער ווי ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט: „מיט זיין פטירה איז מיר אפגעשטארבען א העלפט פון מיר אליין. ער איז געווען מיינער א פלג גופא״.

אין דער ווירקליכקייט איז ר׳ הירש טאקען געווען צו איהם מעהר ווי אן איבערגעגעבענער איידים; ער איז געווען זיין אמת׳ער גרויסער שותף, זיין נאהענטסטער און אינטימסטער פריינד, א טייל פון זיין אייגענע גרויסקייט. ר׳ הירש האט איהם געהאלפען אין אלע זיינע אונטערנעמונגען. אהן זיין ראטה און טהאט האט דער חפץ חיים במשך פון 35 יאהר (תרמ״ה־תרפ״א) ניט געטהאן קיין זאך. ער האט איהם געהאלפען מחבר צו זיין זיינע ספרים און צו פארפאסען זיינע אונצעהליגע מאמרים און קול קורא׳ס. אין זיינע הענד האט ער איבערגעגעבען די פיהרערשאפט פון דער ישיבה גייסטיג און מאטעריעל. און ר׳ הירש מיט זיין געניאליטעט, זיין הייליגע התלהבות און נשמה־ערהאבענקייט, מיט זיין תפארת שבתפארת׳דיגע נשמה, אויסערגעוועהנ־ליכע צדקות, מוטה און אונערשעפליכע ענערגיע, האט די ישיבה דערהויבען צו איהר גרויסע וויכטיגקייט און באריהמטקייט.

א דאנק די איבערנאטירליכע מסירת נפש פון ר׳ הירש׳ן איז די ישיבה בכח געווען איבערצוטראגען איהר שווערסטע תקופה אין גלות. ר׳ הירש איז פערזענליך געווען א „מסתגף בגופו״; אליין האט ער געלעבט א לעבען פון לויטער קדושה וטהרה. אבער בנוגע די תלמידים אין דער ישיבה האט ער ווי א געטרייער פאטער זיך שטענדיג באמיהט, אז עס זאל זיי גאר ניט פעהלען.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, ווען הונגער נויט איז געווען א נאטירליכע ערשיינונג, פלעגט ר׳ הירש — טראץ זיין אייגענע שוואכקייט כמעט קיינמאל אין זיין מויל א ביסען ברויט ניט נעמען איידער ער איז גע־ווען זיכער, אז די תלמידים זיינען פארזארגט מיט עסען. דאמאלט ווען א

שטיקעל שוואַרצע ברויט איז געווען אַ יקר המציאות, ווען פאַרשידענע מחלות האָבען געבושעוועט, און ס׳זיינען געווען אין דער ישיבה שוואַכע בחורים, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין אַזעלכע לוקסוסדיגע מאכלים, ווי אַ שטי־קעל ברויט מיט פוטער, אַן איי, אָדער גאָר אַ שטיקעל פלייש, פלעגט ר׳ הירש ניט רוהען ביז וואַנעט ס׳פלעגט איהם געלונגען עס פאַר זיי צו באַקומען. ער איז געווען דער „קרבן תמיד״ פאַר דער ישיבה. „יענעם׳ס פוטער איז דאָך נויטיגער ווי מיין ברויט!״ — פלעגט ער זוכען זיך צו פאַר־ענטפערען פאַר זיין געטרייער פרוי, די צדקנית שרה׳לע, ווען זי פלעגט זיך בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל זיך פאַרגינען עסען אַ שטיקעל ברויט צו דער זאַט. קוים פלעגט זי פאַר איהם אַמאָל קאָכען אַ שטיקעל פלייש, האָט זי געמוזט שטעהן און אַכטונג געבען און איהם ניט אָפּלאָזען ביז וואַנעט ער האָט עס אויפגעגעסען, אַנדערש פלעגט ער עס שטילערהייט איינוויקלען כדי אַוועק טראָגען פאַר אַ שוואַכען, אָדער קראַנקען בן הישיבה.

איינמאָל ווען ר׳ הירש איז געווען פאַרנומען אין עניני הנהלה איז זיין פרוי שרה׳לע געקומען איהם בעטען ער זאָל געהן עסען. זעהענדיג, אַז ער איז פאַרטיעפט אין זיין ענין האָט זי כדי איהם צו מאַכען אַפּעטיט געזאָגט „איך האָב אָפּגעקאָכט אַזאַ גוטע און געשמאַקע זופּ ס׳וועט דאָך קאַלט ווערען!״ ווען ר׳ הירש האָט דאָס דערהערט האָט ער, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר ניט געמיינט איהם, מיט אַ ליכטיגען שמייכעל זיך אָנגערופען: „אַזוי, אַ גוטע און געשמאַקע זופּ. גוט! מ׳דאַרף טאַקע קודם כל זעהן אַוועקטראָגען פאַר׳ן קרעמענטשו־קער!״ (אַ געוויסער בן הישיבה אַ חלש).

ווען ער איז שוין געלייגען אויף זיין טויטען בעט און זיין שווער איז אריין איהם מבקר חולה צו זיין, האָט ער איהם געפונען וויינענדיג. אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער וויינט, האָט ר׳ הירש כליפענדיג געענטפערט „ס׳איז שוין באַלד אַ וואָך פאַריבער און די בחורים האָבען נאָך אַ ברעקעל פלייש ניט פאַרזוכט...! — ווי אַזוי קאָנען זיי לערנען?!״

ניט אומזיסט האָט דער חפץ חיים אין זיין טרויערן אויף איהם באַדויערט: „ר׳ הירש איז געווען אַ מתחייב בנפשו, ווייל אַ מנהל הישיבה איז אַ מחויב צו באַזאָרגען, אַז די תלמידים זאָלען האָבען אַ געזונדען מנהל״.

אויך: „ער האָט זיך מפקיר געווען אין גאַנצען. וואו ער האָט נאָר געקראָגען אַ שטיקעל ברויט, האָט ער עס גלייך אַוועקגעגעבען אַן אַנדערען און אַליין איז ער שטענדיג געבליבען דער לעצטער. ער האָט באַדאַרפט וויסען, אַז ער איז דער מנהיג הישיבה. זאָל זיין ניט טראַכטען וועגען זיך, אָבער די

ישיבה דאַרף דאָך האָבען אַ מנהיג, האָלט מען מיט פינף בחורים וויניגער, ס'זאָל אויך זיין פאַר'ן מנהיג" 1)

דערצעהלען די בני בית, אַז דעם ערב יום הפטירה פון ר' הירש'ן איז דער חפץ חיים עטליכע שטונדען דורכאנאַנד פאַרבליבען ביי זיך אין חדר אין התבודדות. פאַר אַן אָפענעם ארון קודש האָט ער שעפטשענדיג תפלות בי־טער געוויינט. מען האָט איהם נאָכער געהערט זיך ארומדרעהענדיג אין צימער און שטאַמלענדיג מיט אַ טרעהרען־געשטיקטע שטימע, „מ'ענטפערט ניט! מ'ענטפערט ניט!"

ווען ר' הירש'ס קינדער זיינען נאָכדעם אַריינגעלאָפען כדי איהם אָנצוזאָ־גען די בשורה, אַז זייער פאָטער פיהלט זיך אַ ביסעל בעסער, אַז ער האָט גע־עפענט די אויגען, גערעדט און זיי דערקאָנט האָט זיך אויף אַלעמענ'ס פנימ'ער באַוויזען אַ שטראַהל פון האָפנונג און צופרידענהייט. דער חפץ חיים אַליין איז אָבער געבליבען אומעטיג, אַזוי ווי די ענדערונג האָט גאָר ניט געמיינט פאַר איהם... זיין מאָדנע האַלטונג האָט דאַן אַלעמען איבערראַשט.

אַ צובראָכענער איז יענעם אָוועט דער חפץ חיים אריינגעקומען אין בית המדרש וואו די בני הישיבה האָבען געלערענט. ער האָט זיך געווענדעט צו זיי: „קינדערלאך, הערט אויף לערנען. זאָלען מיר זאָגען תהלים פאַר ר' הירש'ן, אפשר וועלען מיר איהם אויסבעטען... מ'האָט זיך אין הימעל איינגע־שפאַרט..."

אַ קורצע צייט נאָכדעם, האָט ר' הירש אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה... „אוי לה לספינה שאבדה קרבניטה!" (ב"ב צ"א).

ווען אַ שיף פאַרלירט איהר הויפט־קאַפיטאַן אינמיט'ן פון אַ שטורם־ברוי־זענדען ים, זוכען דאַמאָלט די פאַרבליבענע מיט אַלע מעגליכקייטען, וואָס שנעלער איהר צוריקברענגען צום האַפען. אַזוי האָט דער חפץ חיים ביי זיך באַשטימט גלייך נאָך ר' הירש'ס פטירה, וואָס שנעלער צוריקצו־ברייגגען די ישיבה קיין ראדין...

דעם נעקסטען חדש, כ"א אדר תרפ"א האָט דער חפץ חיים פאַרלאָזען סנאָווסק צוזאַמען מיט זיין ישיבה. איבעראַל וואו ער האָט זיך אויפ'ן וועג

---

1) ביים הספד צום יאהרצייט האָט ער צווישען אַנדערם באַמערקט:

„ביי הקמת המשכן ווערט געזאָגט — ויעש משה כאשר צוה ה' את משה, וואָלט דאָך באַדאַרפט שטעהן — כאשר צוה ה' אותו — ווייל דער פסוק רעדט דאָך וועגען איהם? דער תירוץ איז, אַז אויב עס וואָלט געשטאַנען „אותו — איהם", וואָלט משמע געווען, אַז עס איז דאָ אַן „ער", און אויב אַן „ער", מוז דאָך שוין זיין אַן „איך". ביי משה רבינו איז אָבער קיין „איך" ניט געווען, ממילא איז אויך ניט געווען קיין „ער", נאָר ס'איז געווען עפעס אַ איד, וואָס רופט זיך משה, וועלכער טהוט אַלץ, וואָס הקב"ה באַפעהלט אָט דעם אידען משה . . . אַזוי איז געווען ר' הירש ז"ל. זיין אייגענער איך האָט פאַר איהם אינגאַנצען ניט עקזיסטירט."

אָפּגעשטעלט פלעגט ער קריגען אַ גרויסאַרטיגען קבלת פּנים. ספּעציעל איז דער קבלת פּנים גראַנדיעז געווען אין מינסק. לכתחילה האָבען זיך די אָרטי־גע קאָמוניסטען דערשראָקען פאַר די גרויסע מאַסען, וועלכע פלעגען זיך אַרום איהם פאַרזאַמלען „אפשר גאָר אַ קאָונטער־רעוואָלוציע!״ זייערע דע־טעקטיווס פלעגען זיך דאריבער אויסמישען מיט׳ן עולם, וועלכער פלעגט באַ־לאַגערען דעם חפץ חיים׳ס אכסניה און האָבען נאָכגעשפּיאָנירט זיין יעדע באַ־וועגונג.

דער חפץ חיים איז געצוואונגען געווען צו פאַרבלייבען אַ לייגערע צייט אין מינסק, ווייל די מאַכט האָט נאָך דאַן ניט געהאַט ערלויבט קיין וואַגאָנעס פאַר היימלאָזע פון פּוילין זיך צוריקצוקערען אַהיים. און זאָגאַר נאָכדעם ווי ס׳איז ערלויבט געוואָרען וואַגאָנען, פלעגען זיי אָפּגעהן שבת. און דער חפץ חיים האָט פּערזענליך פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט פאָהרען אום שבת, אָב־וואָהל ער האָט אַלעמען מתיר געווען צו פאָהרען שבת, כדי זיך אַרויסצו־ראַטעווען פון די באָלשעוויקעס.

פלעגען אידען פון אַרומיגע שטעט און שטעטלאך קומען צו אים יעדער איינער מיט זיין בקשה. יעדער איינער האָט געזוכט צו הערען פון צדיק הדור אַ וואָרט פון טרייסט און שטאַרקייט כדי צו קאָנען ווי עס איז איבערטראָגען די שווערע און ביטערע נסיונות, וואָס דער באָלשעוויזם האָט געבראַכט אין זיינע גרויזאַמע פליגלען. מיט אַ צוועהטאָגט האַרץ פלעגט דער חפץ חיים אַלעמען אויסהערען און בעת מעשה פאַרגיסען טייכען טרערען אויף דעם אידישען עלענד און פּיין.

ווען די רבנים האָבען זיך באַקלאָגט, אַז זיי זעהן ניט איין ווי אַזוי זיי קאָ־נען עפּעס אויפטהאָן אונטער אַזעלכע טרויעריגע באַדינגונגען, ווען די יוגענד ווערט מאַסענווייז אָוועקגעריסען פון אידענטום. האָט דער חפץ חיים גע־ענטפערט:

„אויב מ׳קאָן ניט מאָביליזירען יונגע צו לערנען תורה דאַרף מען זיך אָנשטריינגען צו מאַכען, אַז די אַלטע זאָלען כאָטש לערנען. מיר דאַרפען זיך אָפּלערנען פון די אומות העולם, וועלכע האָבען אין צייט פון דער מלחמה, ווען די יוגענד איז אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען אויפ׳ן פראָנט — מאָביליזירט די עלטערע. אמת די אַלטע סאָלדאַטען זיינען אומפעהיג געווען צו אַטאַקי־רען דעם שונא. זיינען זיי אָבער אימשטאַנד געווען ווי עס איז אָפּצוהאַלטען דעם אַטאַקירענדען פיינד ביז וואַנעט די יונגע זיינען אונטערגעוואַקסען גרייט צו פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס...״

זעהר פיעל האָט זיך דער חפץ חיים אָנגעליטען אויף זיין וועג צוריק אַהיים. די צרות הכלל האָבען איהם אַזוי צובראָכען, אַז ער איז קראַנק גע־וואָרען. די בני בית האָבען דאַמאָלט געזוכט צו ווירקען אויף איהם, אַז ער

זאָל צושטימען צו די בקשות פון די אָרטיגע אידען צו בלייבען אין מינסק. ער אַליין האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט הערן „אויב מ׳קאָן מיט׳ן באַהן ניט פאָהרען זאָל זיין מיט אַ פוהר!״ אַזוי ענטשלאָסען איז ער געווען צו פאָה־רען אַהיים קיין ראַדין. האָט מען געדונגען פוהרען, אָבער ווען אלעס איז שוין געווען איינגעפּאַקט און אָנגעלאָדען אויף די פוהרען און דער חפץ חיים איז שוין גרייט געווען אָפּצופאָהרען, איז פּלוצלונג אַ מיטגליעד פון דער משפחה קראַנק געוואָרען. ער האָט דאמאָלט שוין געמוזט פאַרבלייבען לייגער אין מינסק ביז חדש סיון תרפ״א. די רעגירונג האָט זיי דאַן געגעבען אַ וואַגאָן און דער חפץ חיים און זיינע באַגלייטער זיינען אָנגעקומען דעם זעלבען טאָג מיט׳ן צוג קיין פוילין. אין בּאַראַנאָוויץ האָט זיך דער חפץ חיים אָפּגעשטעלט כדי זיך אָפּצורוהען. דאָרט איז ער פאַרבליבען צעהן טעג. אידען פון ווייט און נאָהענט זיינען געקומען צו איהם. יעדער איינער האָט זיך געשטופּט איהם מקבל פנים צו זיין.

פיהלענדיג זיך איין טאָג זעהר שוואך און צובראָכען, האָט ער זיך דאמאלט געבעטען מ׳זאָל איהם צו רוה לאָזען. ער האָט זיך פערזענליך פאַר זיי אנטשולדיגט:

„אידען איך בין היינט פטור פון גמילות חסדים, איך בין אַ חולה זייט מיר מוחל!״

כ״ה סיון אין דער פריה האָבען די בעלי בתים און די פאַרבליבענע בני הישיבה אין ראדין צוזאמען מיט׳ן ראש ישיבה הגאון ר׳ משה לאנדינסקי אָפּ־געוואַרט דעם חפץ חיים ביי דער באַהן סטאַנציע אין באסטון. פון דאָרט איז ער געפאָהרען אַהיים מיט אַ פוהר. ביי פינף קילאָמעטער פון ראדין האָבען איהם באַגעגענט די גאַנצע שטאָדט קינד און קייט. טראָץ זיין שטאַרקען פּראָטעסט, האָבען זיי אויסגעשפּאַנט די פערד פון זיין וואָגען און איהם דעם גאַנצען וועג אַליין געפיהרט ביז קיין ראדין.

די שמחה איז דאַן ביי אַלעמען געווען זייער גרויס, ענדליך האָבען זיי זוכה געווען צו זעהן זייער באַליבטען רבי׳ן צוריק מיט זיי.

חרוב און פאַרלאָזען האָט דער חפץ חיים געפונען דעם בנין פון דער ישיבה. די דייטשע אָקופּירער האָבען דעם בנין הישיבה רעקוויזירט פאַר זייער געברויך און די תלמידים זיינען דאַן געצוואונגען געווען צו לערנען אינ׳ם אָרטיגען בית המדרש.

האָט דאריבער דער חפץ חיים קודם כל באַשטימט, אַז דער זוהן (הרב ר׳ יהושע ליב לעווינסאָן) און דער אידים (הרב ר׳ אליעזר זאב קאַפּלאַן) פון ר׳ הירש׳ן זאָלען איבערנעמען די פיהרערשאַפט פון דער ישיבה. מיט זייער הילף צוזאמען מיט די פון די ראשי ישיבה הגאון ר׳ משה לאנדינסקי און הגאון

ר׳ נפתלי צבי טראָפּ זצ״ל האָט זיך דער חפץ חיים געווידמעט צוריק אויפצו־בויען און ריאָרגאַניזירען זיין ישיבה.

כדי אַלעס צו ברייננגען אין אָרדנונג האָט זיך געפאָדערט תומ״י אַ באַ־דייטענדע סומע, וועלכעס דער חפץ חיים האָט ניט געקאָנט ערוואַרטען צו שאַפען פון די פּאַראַרימטע אידען אין זיין געגענד. האָט ער זיך דאריבער גע־ווענדעט דורך אַ קייבעל צום „סענטראַל רעליעף״ אין נויאָרק, וועלכע האָט איהם טעלעגראפיש ארויסגעשיקט אַ חשוב׳ע סומע. אין זיינעם אַ בריוו צום „סענטראל רעליעף״, האָט ער דאַן געשריבען טיילווייז אזוי:

„ראשית וויל איך אויסדריקען מיין הארציגען דאַנק צו אייער קאָמיטע, וועלכע האָט מיר געשיקט פיער מיליאָן מאַרק (לויט דאמאָלסדיגע וואליוטע אין פוילין), כדי מתקן צון זיין דעם רואינירטען בנין פון דער ישיבה, וועלכער איז צושטערט געוואָרען דורך די פאַרשידענע אַרמייען, וועלכע האָבען זיך אין פאַרלויף פון קריעג אָפּגעשטעלט אין ראדין. אויך צו שפּייזען די תלמידים זיי זאָלען חס ושלום ניט אויסגעהן פון הונגער, און זיי באַקליידען מיט די נויטיגע מלבושים...

„וואויל איז אייך, טייערע ברידער, אַז איהר האָט זוכה געווען צו דער־האַלטען דעם כבוד ה׳ אין דער וועלט...

„ב״ה, דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען איך זאָל זיך ארויסראַטע־ווען פון רוסלאַנד, וואו דער כבוד פון השם יתברך איז נתחלל געוואָרען בפרהסיה, און האָט מיר געבראַכט צוריק אין מיין היים אין ראדין, וואו עס איז ב״ה ערלויבט מקיים צו זיין די תורה״ . . .

עס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט ווי דער חפץ חיים שילדערט אין דיזען בריוו דעם מצב היהדות לויט זיין אויפפאַסונג:

„ליידער אָבער האָב איך געפונען, אַז במשך פון די יאָהרען וואָס איך בין געווען נע ונד אַוועק פון דאנעט האָט זיך אַלעס געביטען צום שלעכטען. איך האָב זיך מתבונן געווען וועגען אידישען לעבען אין אַלע שטעדט אין ווילנער געגענד. אַ גרויסער חורבן הערשט איבעראַל סיי אין עניני הגוף, סיי אין עניני הנפש. פילע ישיבות זיינען חרוב געוואָרען, תלמוד תורות זיינען רואי־נירט, אַמאָליגע בעלי בתים זיינען פּאַראַרימט געוואָרען. אַ נייע אָרדנונג איז געשאַפען געוואָרען מיט דער הילף פון יצר הרע און זיינע שלוחים, וועלכע גראָבען אונטער די הייליגע יסודות פון רעליגיעזען אידישען לעבען. אַ נעץ פון פרייע שוהלעס איז פאַרשפּרייט געוואָרען וועמעס פיהרער זוכען אויסצו־וואָרצלען אלעס וואָס איז הייליג און טייער צו יעדער פרומען אידען...

צום ערשטען יאָהרצייט פון ר׳ הירש׳ן איז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרען אַ גרויסער הספד אין דער ישיבה . נאָכדעם ווי דער חפץ חיים האָט אין ריה־רענדע ווערטער געשילדערט די הייליגע פערזענליכקייט פון דעם גרויסען

נפטר, האָט איהם מספיד געווען דער ראש ישיבה הגאון ר׳ נפתלי. דאָס פאָל־גענדע איז אַן אויסצוג פון זיין הספד: —

שילדערינג דעם טרויער אויפ׳ן חורבן בית המקדש זאָגט דער נביא ישעיהו: „ואנו ואבלו פתחיה״, זאָגט אויף דעם דער מדרש — אנינות מבפנים ואבלות מבחוץ (ילקוט ישעי׳ ג׳). אנינות, ווייסען מיר באַציהט זיך אויף דעם יום המיתה ביז דער קבורה, ווען „מתו מוטל לפניו״. אבלות פאַנגט זיך אָן נאָך דער קבורה. וועהרענד לויט׳ן אויבענדערמאָנטען מאמר קומט גאָר אויס אז אין דער זעלבער צייט וואָס עס איז דאָ אבלות מבחוץ איז אויך דאָ אנינות מבפנים?

„ווי אזוי איז עס מעגליך? מען קאָן עס פארשטעהן דורך פאָלגענדען משל. אַ בוים כאָטש ער איז אָפּגעהאַקט פון זיינע ווארצלען דויערט נאָך פונדעסט־וועגען זיין חיות, די פרישקייט איז נאָך ניט אויסגעטריקענט, די צווייגען זע־גען נאָך לעבעדיג, די בלעטער זיינען נאָך גרין. עס נעמט צייט ביז דער בוים ווערט אינגאנצען טויט. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן ביהמ״ק, אַבוואָהל עס איז שוין אַריבער אַ לאַנגע צייט זייט ער איז צושטערט געוואָרען, פיהלען נאָך די פרומע און עהרליכע אידען דעם חורבן פריש אַזוי ווי עס וואָלט היינט גע־שעהן. אָט פאַר די העכערע סאָרט מענשען, וועלכע שטעהן מיט זייערע הערצער און נשמות „בפנים״ פאַר זיי איז דער חורבן ביהמ״ק אַ לאַנגע אנינות, ווילע זיי פיהלען דעם אומגליק, זיי פאַרשטעהן און באַגרייפען, אַז דער טראגישער גלות איז אַ רעזולטאַט פון דעם חורבן בית המקדש. כל זמן דער ביהמ״ק האָט עקזיסטירט האָבען זיך אידען געפיהלט נאָהנט צום פאָטער אין הימעל, און היינט זיינען זיי פארלאָזען און דערוויטערט...

„מיתת צדיקים — זאָגען די חז״ל — איז כשריפת ביהמ״ק. אויך ווערט אין דער תורה אַ צדיק געגליכען צו אַ בוים („היש בה עץ״)...

„ווען אונזער גרויסער נפטר דער צדיק ר׳ הירש ז״ל, איז פון אונז אוועק־געריסען געוואָרען און די גאַנצע אויסערליכע לומדישע וועלט האָט געטרוי־ערט אויף איהם, האָבען זיינע תלמידים אינערהאַלב דער ישיבה נאָך אַלץ גע־פיהלט די גרויסע השפעה פון זיין לעבען, פאַר אונז איז געווען דער גאנצער יאָהר בבחינת אנינות מיר האָבען זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטעלען, אַז ר׳ הירש איז שוין אין קבר, ווען אַלע זענען שוין געוואָרען אבלים זענען מיר נאָך אַלץ געווען אוננים, יעצט אָבער פאַנגט זיך ערשט אָן אונזער אבילות... וויל ניט ביי אַלעמען פאַראורזאַכט דער טויט פון אַ צדיק די זעלבע מאָס טרויער. די מקורבים ליידען און פיהלען דעם צער און פאַרלוסט פיעל מעהר און פיעל לענגער...״

ניין ר׳ הירש איז ניט טויט! ר׳ הירש לעבט! ער לעבט אין זיין ישיבה. ער לעבט אין דער גרויסער וועלט צווישען זיינע טויזענדער תלמידים, וועלכע

האָבען געהאַט די זכיה זיך צו וואַרעמען איז דעם הייליגען פייער פון זיין תורה ועבודה.

עס איז בכלל אומעגליך זיך פארצושטעלען די „ישיבת חפץ חיים״ אין איהרע בליהענדע יאָהרען, אויך דעם רוהם, וואוקס און גרויסקייט פון נאָמען חפץ־חיים, אָהן דעם ווירקזאַמען מאָטיוו, טיפע און ווייטע וויזיע פון ר׳ הירש׳ן.

דער שרייבער עראינערט זיך א הספד געהאַלטען פון ר׳ הירש׳ן אין דער ישיבה, אין ווינטער פון יאָהר תרע״ד, אויף א באריהמטען תלמיד, מיכל קריטשעווער, א בריליאַנטענער דרשן. ער איז יונג געשטאָרבען, אלס רעזולטאט פון א צוקיהלונג, נאָך א פייערדיגע 4 שעה׳דיגע דרשה, אין דער גרויסער שוהל אין ווילנע:

„דו, וועלכער ביזט געווען לייכט אזוי ווי א צבי לעשות רצון אבינו שבשמים, ביסטו צו אונזער גרויסען צער און ווייטאָג געפאַלען א דערשלאָ־גענער, שטייענדיג אויף דער בימה, אין דיין מיה צו דערהויבען דאָס פאָלק ישראל!״

אויך איהר, גרויסער און הייליגער רבי זייט געפאַלען א קרבן שטעהענ־דיג אויף די העכסטע הויכענישען, אזוי ווי אונזער אוראַלטער פאָטער אויס־שטרעקענדיג אייער האַלז פאר קידוש שם שמים! איהר וועלכער האָט כל ימיו געקלאָגט אויפ׳ן קלענסטען אידישען פארלוסט, איצט שטעהען מיר אלע און קלאָגען אויף אייך — אונזער גרויסע אבידה, שאינה חוזרת!

עס קומט אויפ׳ן געדאנק אייערע ווערטער אויסטייטשענדיג דעם מאמר חז״ל: „והחי יתן אל לבו״ — דברים של מיתה, דספד יספדוניה; דקבר יקברוניה; דידל ידלוניה; דלואי ילוויה; דטען יטענוניה (כתובות ע״ב), — מיינענדיג: „אָט נעכטען האָט מען איהם געהערט קלאָגען אויף אנדערע, איצט קלאָגט מען שוין אויף איהם אליין און א. וו. . . . ״

א ים מיט טרערען האָט איהר דאַמאָלט פארגאָסען, אויפ׳ן פריהצייטיגען פארלוסט פון אייער באליבטען תלמיד ז״ל. — טאָ וויפיל ימים טרערען, דאַר־פען די אונצעהליגע תלמידים פארגיסען אויפ׳ן פארלוסט פון זייער גרויסען און הייליגען רבי׳ן, זייער איבערגעגעבענער פאָטער און גייסטיגער פאַרזאָר־גער! . . .

נה.

דער סענטראַל רעליעף

י״ג חשון אין יאָהר תרפ״ג (אָקט. 23, 1923) האָט איהם דער סענטראַל רעליעף דורך קייבעל געבעטען אָנצונעמען די איינלאַדונג צו קומען נאָך אַמע־ריקא צוזאַמען מיט די רבנים גאונים ר׳ מאיר שמחה דווינסקער, ר׳ חיים עוזר, ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק, און ר׳ יחזקאל ליבשיץ כדי צו אָרגאַניזירען אַ תורה פאָנד פאַר די ישיבות פון איראָפּא און ארץ ישראל. ער האָט אָבער געענטפערט אויף דעם מיט אַ בריף דאַטירט כ״ז מרחשון.

„כאָטש עס איז אַזאַ ענין קדוש ונחוץ מאד טהוט מיר אָבער זעהר לייד אַז איך קאָן דאָס ניט ממלא זיין, ווייל איך פיל זיך ניט ביי די כחות, איך בין זעהר שוואך אין געזונד און פאָהר צו דאָקטוירים״.

אין אַ בריף פון כ״ה אדר תרפ״ז דריקט ער אויס זיין אנערקענונג צום סענטראַל רעליעף פאַר זיינע לייסטונגען צו ראַטעווען די תורה. און שרייבט צווישען אַנדערעס, אַז די השגחה האָט בכיון איבערגעלאָזען לפליטה די אידען אין אַמעריקא, מיט זייערע רבנים און גדולים, אַלס רעזערוואַר צו ראַטעווען די תורה פון פאַרגעסען ווערען.

נאָך אין יאָהר תרפ״א, האָט ער אין אַ בריף געפאָדערט, אַז דער סענט־ראַל רעליעף זאָל שיקען אַ קאָמיטע פון צוויי כדי זיי זאָלען זיך איבערצייגען אויפ׳ן אָרט אין דעם גרויסען חורבן, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט אין אידישען לעבען בכלל און אין די מוסדות התורה בפרט.

אין יאָהר תרפ״ט ווען דער סענטראַל רעליעף האָט אָנגעפאַנגען צו פאַר־קלענערען זיין טהעטיקייט און טיילוויז זיך צו ליקווידירען שרייבט דאַן דער חפץ חיים אַ פייערדיגען אויפרוף (דאטירט כ״ח תשרי תרפ״ט) צו די פיהרער. מיט פשוט׳ע חפץ חיים׳דיגע אַרגומענטען זוכט ער זיי איבערצייגען אין דעם אַז דער קיום פון דער וועלט איז אָפּהענגיג אין דער תורה, אַז אָהן תורה איז ניטאָ קיין לעבען. אַפילו תחית המתים וועט נאָר קומען בזכות התורה. האָ־בענדיג אַזאַ טייערען זכות פון אויפהאַלטען דעם למוד התורה אין דער וועלט, ווי אזו קאָנען זיי זיך ערלויבען עס צו פאַרלירען? דער חפץ חיים וואונ־דערט זיך און קאָן דאָס ניט פאַרשטעהן. ווי אַזוי אידען זאָלען פאַרנאַכלעסי־גען אַזאַ גליק. אַרויסלאָזען פון די הענד אַזאַ וויכטיגען עסק.

אַלס אילוסטראַציע דערצעהלט ער אַ מעשה שהיה. איינמאָל האָט איינער פון די רוסישע קיסרים זיך געגרייט אַנטייל צו נעמען אין גרויסע מאַנעווערעס,

וועלכע ער האָט באַפעהלען צו אָרגאַניזירען אין די הייסע טעג פון זומער. עס זיינען געווען פאַרזאמעלט די גרעסטע גענעראלען מיט זייערע ארמייען. אלע זיינען זיי געווען געקליידעט אין נייע שווערע און ווארימע מונדירען מיט די הויכע קאָלנערס. די זון האָט געברענט, אָבער זיי זיינען געשטאַנען אויפ׳ן פרייען פעלד באדענדיג זיך אין שוויס און אזוי געוואַרט און געוואַרט אויפ׳ן קייזער.

איין גענעראַל האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ חכם. דיינקענדיג, היות עס איז שוין אַריבער אַזאַ צייט און דער קייזער איז נאָך אַלץ ניט געקומען, מסתמא וועט ער שוין אַזוי גיך ניט קומען. ער איז דאריבער אַרויס פון זיין שורה און אַוועק אין נאָהענטסטען וועלדעל זיך אַביסעל אָפּצוקיהלען. בינו לבינו איז דער קייזער מיט זיין סוויטע אָנגעקומען. ער האָט אַלעמען באַגריסט און באַדאַנקט. ער האָט אויך אויסגעטהיילט אויסצייכנונגען צו אַלע גענעראַלען און האָט זיי איינגעלאַדען אַלע צו קומען אין אָוונד צו אַ באַל. און דער גענעראַל, וועלכער האָט פריהער ניט געהאַט קיין געדולד צו בלייבען אין דער שורה האָט זיך שיעור אויפגעגעסען אַ לעבעדיגער פון גרויס צער. אין אָוונד האָט מען איהם צום קייזערליכען באַל ניט אַריינגעלאָזען. ער האָט דערצו אויך באַקומען אַן אויסרייד פון קייזער אַליין. מען קאָן זיך לייכט פאַרשטעלען זיינע ליידען און חרפה!

כך רעדט דער חפץ חיים צו די פיהרער פון רעליעף. עס איז נאָהנט די צייט ווען דער כבוד ה׳ וועט נתגלה ווערען אין דער וועלט. עס איז דאָך „עיקבתא דמשיחא" עס וועט דאָך שוין לאַנג ניט נעמען און דער „לעתיד לבא" וועט ווערען אַ געגענוואַרט, עולם הבא וועט ווערען אַווירקליכקייט און דער רבש"ע מיט זיין פמליא של מעלה וועט ערשיינען אויסצוטיילען כבוד און אויסצייכענונגען צו די אלע וועלכע האָבען מאביליזירט זייערע כחות פאַר החזקת התורה און מצוות, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען אויפ׳ן פסוק, „ולישראל מה פעל אל, שעתידה בת קול להיות מפוצצת בראשי הרים ואומרת מי שפעל עם אל יבא ויטל שכרו".

„טאַ, ברידער, איהר וועלכע זיינט געשטאַנען מיט מסירת נפש אַזוי פיל יאָהרען אין די שווערסטע צייטען און אין די ערשטע רייהען, איהר, וואס זענט געוואָרען לשם ולתפארת אין אונזער וועלט, איהר זאָלט פלוצלונג פאַר־לאָזען אייערע שורות!" אַזוי איינפאַך רעדט דער חפץ חיים מיט זיינע רייכע ברידער מעבר לים. און פאַרשטעהט ניט ווי אַזוי אַזעלכע פאַרזיכטיגע און פעהיגע ביזנעס־לייטע זאָלען ניט פאָראויסזעהן די קאַטאַסטראָפאַלע רעזול־טאַטען פון אַזאַ שריט, אין דער וועלט פון זייערע גייסטיגע מסחרים!

קאָן נאָך זיין אַ גרעסער שכר ווי העלפען אָרימע בני תורה? ס׳איז דאָך אַ דאָפּעלטער שכר פאַר העלפען תורה און טהאָן צדקה מיט אָרימע. יאָ,

אמת, אַלעס איז טאַקי פשוט, ווי עס ווייזט אָבער אויס דאַרף מען זיין אַ חפץ חיים, כדי צו קאָנען פיהלען און באַגרייפען אַזאַ פשטות.

אינטערעסאַנט איז דעם חפץ חיים׳ס דערקלערונג וועגען די סיבות, וועלכע האָבען, לויט זיין מיינונג פאַראורזאַכט דעם „קריזיס" („דעפּרעשאָן") אין די לעצטע יאָהרען:

די תורה זאָגט — וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה׳ אלהיך מיסרך (דברים ה׳) — כדי דאָס בעסער צו פאַרשטעהן האָט ער עס אילוסטרירט מיט זיינעם אַ משל. אַז עס ווערט קאַליע אין הויז די עלעקטרע, איז דער בעסטער וועג גלייך צו רופען די „עלעקטריק קאָמפּאַני", אַז זיי זאָלען צושיקען אַ מענשען עס צו פאַרריכטען. פאַראַן אָבער מענשען, ווען עס פּאַסירט אַזעלכעס ביי זיי, וועלען זיי פריהער פון אַלץ זוכען אַליין צו פאַרריכטען, זיך פּורקען מיט אַ מעסער, אָדער גאָפּעל, אַזוי אַז אַפּטמאָל אַנשטאָט צו פאַרריכטען, וועלען זיי נאָך ערגער מאַכען, אָדער וועלען זיך גאָר אָפּברענען די הענד, אָדער ליידען אַן אויפטרייסלונג פון אַן עלעקטרישען שטראָם („שאָק").

די תורה לערנט אונז, אַז דער אויבערשטער שטראָפט זיין פאָלק ישראל אויפ׳ן זעלבען דרך, ווי אַ פאָטער זיין קינד. ווען אַ פאָטער שלאָגט זיין קינד, ערקלערט ער עס גלייכצייטיג פאַרוואָס: „דערפאַר וואָס דו האָסט דאָס און דאָס געטהאָן, קריגסטו די קלעפּ. זאָלסט עס מעהר ניט טהאָן, אויב יאָ, וועסטו קריגען מעהר קלעפּ!" אין דער צייט פון די נביאים פלעגט טאַקע אַזוי געשעהן. דער נביא פלעגט קומען און וואָרנען די אידען, אַז זיי זאָלען זיך צוריקהאַלטען פון טהאָן די, אָדער יענע זאַך, אויב זיי פלעגען ניט פאָלגען, האָט השי״ת געשיקט די שטראָף.

אַז אַזוי איז געווען דער דרך ה׳, איז צו זעהן אין די רייד פון כמעט אַלע נביאים. איצט אָבער, ווען נבואה איז בטל געוואָרען בעוה״ר און מיר האָבען מעהר ניט קיין נביאים אונז צו שטראָפען און וואָרנען, ווערט פונדעסטוועגען די תורה און איהרע רייד פאַלשטענדיג מקוים 1). מיר דאַרפען בלויז האַלטען אָפען די אויגען און זיך געגוי צוקוקען, קאָן מען עס לייכט איינזעהן.

השי״ת מאַכט אָפּטמאָל בכונה, אַז אין דעם עונש זאָל זיין קאָנטיג דער חטא, כדי מ׳זאָל וויסען פאַרוואָס די קלעפּ קומען.

לאָמיר אַקאָרשט זעהן, וואָס איז אַזוינס „קריזיס" („דעפּרעשאָן")? דער באַדייט דערפון איז, אַז עס איז קיין געלד ניטאָ. איז דאָך די פראַגע וואו איז אַהינגעקומען די געלד? ווען עס איז שלעכט אין איין שטאָדט און גוט

1) זאָגט דער רמב״ן: כל נבואה לדורות נכתבה וכל נבואה לשעה לא נכתבה. אַלזאָ אַלץ וואָס שטעהט אין דער תורה, אַלע רייד פון די נביאים זיינען פאַרצייכנט געוואָרען פאַר די שפּעטערדיגע דורות.

אין דער צווייטער, קאָן מען דאַמאָלט זאָגען, אַז די געלד פון איין שטאָדט איז אַריבער אין דער צווייטער. אָדער ווען עס הערשט אַ קריזיס אין איין לאַנד און „פּראָספּעריטי״ אין אַן אַנדער לאַנד, קאָן מען עס דערקלערען, אַז די געלד־צירקולאַציע האָט זיך אַזוי געדרייט, אַז דער פּאַרמעגען פון איין לאַנד איז אַריבער אין דער צווייטער. אָבער ווען דער קריזיס הערשט אין דער זעלבער צייט איבער דער גאַנצער וועלט, דאַן קאָן מען דאָך שוין גאָר קיין תירוץ ניט געבען. בלייבט דאָך, ממילא, די פראַגע, וואו איז נעלם געוואָרען די געלד פון דער וועלט? עס איז דאָך זיכער אין דער ערד ניט אַריין.

דער ענטפער איז, אַז די זעלבע צאָל געלד און פיל־ייכט נאָך פיל מעהר איז איצט פאַראַן אין דער וועלט, מעהר זאָגאַר, ווי אין די אַזוי גערופענע „פּראָספּעריטי״־יאָרען. אָבער ס׳פעהלט אין זאַך — „בטחון״. ס׳איז ניטאָ קיין צוטרוי, מ׳געטרויט מעהר ניט איינער דעם אַנדערען. דער יסוד פון עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען דאָך אין געגענזייטיגען גלויבען און טרויען צווישען מענשען. גמילת חסדים, אַז פינאַנציעל זאָל איינער דעם אַנדערען אַרויסהעלפען, איז דאָך אַ פונדאַמענטאַלע נויטווענדיג־קייט. אַזוי האָט זיך דאָך די וועלט תמיד געפיהרט. אויב איינער האָט פאַר־מאָגט הונדערט רובעל, האָט ער געטאָהן געשעפט פאַר טויזענד, די איבעריגע ניין הונדערט האָט ער געבאָרגט, אָדער געקראָגען קרעדיט. איצט אָבער איז קרעדיט אַראָפּ, ווייל איינער גלויבט ניט דעם צווייטען, אַזוי אַז עס האָט פאַראורזאַכט דעפּרעסיע.

דער קלאַפּ איז אַן עונש פון השי״ת. און אין דעם קלאַפּ ליגט טאַקע אויך דער טעם, די אורזאַך פון דער זינד, פאַר וועלכען די וועלט ווערט גע־שלאָגען. מ׳האָט פאַרלוירען די אמונה, דעם בטחון און גלויבען אין רבונו של עולם. מ׳וויל ניט גלויבען, נו, איז די שטראָף מדה כנגד מדה. איהר ווילט ניט האָבען קיין אמונה אין אויבערשטען, נעמט מען צו די אמונה פון איינעם צום צווייטען, דעם געגענזייטיגען צוטרוי, וועלכעס איז דער לעבענס־נערוו פון דער וועלט און איהרע עקאָנאָמישע געזעצען.

אָבער אָנשטאָט צו געהן גלייך צום מקור — צו דער תורה, אָנשטאָט צו פאַרשטאַרקען דעם בטחון, גלויבען און האָפנונג אין השי״ת, זוכט מען עצות מיט גאָפּעלס און מעסערס, מ׳זוכט די שולד אין אויסערליכע סבות און צופאַלען, און ניט אינערליך, אין זיך זעלבסט . . . .

נו.

צו דער „כנסיה הגדולה״ אין וויען

די פלאַם־פייערדיגע ליבע, וועלכע דער חפץ חיים האָט געפיהלט פאר׳ן כלל ישראל האָט איהם דערהויבען הויך איבער אלע פּאַרטייען מיט זייערע איינג־הערציגע פּראָגראַמען און עגאָטיסטישע לאָזונגען. ער האָט באַלאַנגט צו אַלעמען. אויף יעדער איינעם האָט ער געהאַט אַ זכות. פאַר אלעמען איז ער געווען דער גרויסער מליץ יושר. זיין אהבת ישראל האָט פון קיין גרע־ניצען ניט געוואָלט וויסען פאַר אַלעמען האָט ער זיך איינגעשטעלט. אָבער ווי ס׳שוין דעם לעזער באַקאַנט, איז דער חפץ חיים געווען טיעף איבערציינט, אַז דער פונדאמענטאלער פּרינציפּ אין דער עקזיסטענץ פון דער בריאה איז די תורה און אַז אָהן תורה וואָלט די וועלט געווען אין אַ מצב פון „תהו ובהו״, האָט ער דאריבער אימער געהאָפט און געשטרעבט צו זעהן ווי די תורה מיט איהרע טראַדיציעס ווערט ווידער ווערען די דאמינירענדע קראַפט אין אידישען לעבען.

די אגודת ישראל וועלכע איז אַרויסגעקומען מיט אַזאַ לאָזונג האָט גע־קראָגען די שטיצע און מיטווירקונג פון חפץ חיים. ווי ס׳שוין איינמאָל דער־מאָנט געוואָרען האָט דער חפץ חיים אין יאָהר תרע״ג גלייך נאָך דער ענט־שטעהונג פון דער אגודת ישראל פאַרעפענטליכט אַ בריוו אויפפאָדערינג די רעליגיעזע אידען זיך אָנצושליסען אָן דיזער באַוועגונג, כדי מיט אָרגאַניזירטע און געמיינשאַפטליכע כחות צו פאַרשטאַרקען אידישקייט. אין זומער פון יאָהר תרע״ד ווען איבעראַל האָט מען זיך געגרייט צו דער ערשטע גרויסע אספה פון אגודת ישראל, וועלכע האָט געזאָלט פאַרקומען אין קאטאוויץ, האָ־בען זיך דאָן צום חפץ חיים געווענדעט די גאוני הדור ר׳ חיים סאָלאָווייי־טשיק, ר׳ איצעל פאנעוויעזער, א. א. וו., מיט אַ דרינגליכע בקשה אז ער זאָל באַ־עהרען די אספה מיט זיין באַטייליגונג טראָץ זיין שוואַכקייט. דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אָבער אַלעס צושטערט.

אונטער דער צאַריסטישער אָרדנונג איז בכלל זעהר שווער געווען עפּעס אויפצוטהאָן, זי האָט קיינמאָל ניט דערלאָזט, אַז אידען זאָלען זיך אָרגאַני־זירען, אָבער נאָכדעם ווי די מלכות הרשעה איז באַזייטיגט געוואָרען, האָט זיך די אגודת ישראל באַוועגונג צוואוּאָקסען. פריהער אין פּוילן אונטערן איינ־פלוס פון דער דייטשע־אָרטאָדאָקסיע, נאָכהער אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער קערענסקי הערשאַפט. צוזאַמען מיט די דאמאָלסדיגע גדולי הדור,

וועלכע זיינען פאַרוואָגעלט געוואָרען אין רוסלאַנד האָט דער חפץ חיים אין חדש אייר תרע"ז אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אָרטיגע אידען זיך אָנצו־שליסען אַן דער אגודת ישראל, ווייל זי שטרעבט צו לעזען די אידיש־געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען אין דער ליכט פון דער תורה, אָבער די באָלשע־וויסטישע איבערקערעניש האָט צושטערט אַלע זיסע חלומות און אידעאַלען פאַר'ן רוסישען אידענטום. צוריקקערענדיג זיך אַהיים קיין ראדין האָט דער חפץ חיים צוזאַמען מיט'ן גאון הדור ר' חיים עוזר גראדזענסקי און אַנדערע גדולים פיעל געהאָלפען די אגודת ישראל באַוועגונג צו פאַרשפּרייטען.

ווען די אַלוועלטליכע אגודת ישראל האָט אין זומער פון יאָהר תרפ"ג פאַררופען די ערשטע אַזוי גערופענע „כנסיה הגדולה" אין וויען האָט דער חפץ חיים צוגעשטימט אין דיזער פאַרזאַמלונג זיך פערזענליך צו באַטייליגען.

הונדערטע דעלעגאַטען פון דער גאַנצער וועלט זיינען געקומען אַנטייל צו נעמען אין דיזער גרויסע פאַרזאַמלונג. טויזענדער אידען פון ארבע פינות העולם זיינען דאָרט געווען. די גרעסטע רבנים פון דער וועלט אויך די באַ־ריהמטע אדמורי"ם פון פוילין, גאַליציע, רומעניע און אונגאַרען, זיינען זיך דאָרט צוזאמענגעקומען. יעדער רבי איז זיך געקומען מיט זיינע חסידים און אייגענע פאַרעהרער און נאָכפאָלגער. אָבוואָהל דער חפץ חיים איז ערשינען אָהן שום אויסערליכע פּראַכט און גלאַנץ, איז ער דאָך געוועזען די צענטראַלע פיגור, וועלכע האָט אַלעמען באַצויבערט. זיין מאַגנעטישע פּערזענליכקייט האָט פאַרכאַפּט אַלעמענס הערצער אָהן אויסנאַם.

צו דער אספה איז דער חפץ חיים געפאָהרען מיט דער באַהן, וואו ס'זיינען געפאָהרען צוזאַמען מיט אייניגע באַריהמטע רבנים אויך די רביים פון גער און סאקאלאוו. דער חפץ חיים איז אָבער ניט געפאָהרען מיט זיי אויף דער צווייטער קלאַס, נאָר אויף דער דריטער קלאַס, ווייל ראשית האָט ער פאָהרען אויף אַ צווייטע קלאַס באַטראַכט אַלס לוקסוס, צווייטענס, זיינען אין דער צווייטער קלאַס די בייַנק געווען אויסגעבעט מיט אַזאַ שטאָף, אויף וועלכע ער איז נזהר געווען פון צו זיצען אויף זיי צוליב'ן חשש פון שעטנז.

אומעטום וואו די באַהן האָט זיך אָפּגעשטעלט זיינען טויזענדער אידען אַרויסגעקומען מקבל פנים צו זיין די געהויבענע געסט. פלעגען דאַריבער ביי יעדער סטאַציע די רביים מיט זייערע באַגלייטער אַרויסגעהן צו באַגריסען דעם עולם. דער איינציגער, וועלכער האָט טראָץ די דרינגליכע פאָדערונגען פון די פאַרזאַמעלטע זיך ענטזאַגט אַרויסצוגעהן, איז געווען דער חפץ חיים.

דער אַסטראָוועך רב הגאון ר' מאיר דן פלאצקי, וועלכער האָט אויפ'ן פאַרלאַנג פון גערער רבי'ן און אין זיין נאָמען צוזאַמען מיט'ן וואַרשעווער אַלטען רב פּערלמוטער זצ"ל באַגלייט דעם חפץ חיים, האָט דיזען שרייבער איבערגעגעבען צווישען אַנדערעס :

אויף איינע פון די סטאַציעס אין פוילין, האָבען זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם, וועלכער האָט דורכאויס געפאָדערט, אַז דער חפץ חיים זאָל זיך צו זיי באַווייזען. זיי האָבען געשיקט אַ קאָמיטע פון רבנים מיט חשוב׳ע בעלי־בתים, איהם בעטען ער זאָל צו זיי אַרויסקומען. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ענטזאָגט עס צו ערפיהלען. איז ר׳ מאיר דן צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל איהם זאָגען פאַרוואָס ער וויל ניט אַרויסגעהן צום עולם. האָט איהם דער חפץ חיים ערקלערט, אַז היות ער איז כל ימיו אַנטלאָפען פון כבוד, טאָ ווי קאָן מען פון איהם פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל געהן זוכען כבוד. כבוד האָט ער איהם ערקלערט איז דאָך זעהר אַ ריזיקאַלישע ערפאַהרונג. און ער האָט דאַביי ציטירט פון ר׳ יהודא החסיד, אַז פאַר אַלע גשמיות׳דיגע פאַרגעניגנס, וועלכע דער מענש געניסט אויף דער וועלט, רעכנט מען איהם ניט אָפּ פון זיין חלק לעולם הבא, וועהרענד פאַר כבוד, וועלכעס איז אַ רוחניות׳דיגע תענוג רעכענט מען יאָ אַראָפּ.

הרב פלאָצקי האָט דאַן באַמערקט צום חפץ חיים: „ערשטענס דיינק איך, רבי, אַז ס׳איז זאָגאַר כדאי צו פאַרלירען אַ ביסעל עולם הבא, אבי צופריידענצושטעלען די בקשה פון אַזויפיל אידען (כ״י), צווייטענס, צוויפעל איך בכלל, צו מ׳קאָן צוליב דעם פאַרלירען עולם הבא?״

האָט דער חפץ חיים איהם ניט געלאָזט אויספיהרען: „גענוג, מ׳דאַרף ניט מעהר, פאַר מיר איז גענוג דער ערשטער טעם״. און דער חפץ חיים איז צוגעגאַנגען צום פענצטער זיך צו באַווייזען פאַר׳ן עולם.

ווען דער עולם האָט איהם דערזעהן האָבען זיך אַלע אָנגעפאַנגען צו שטופען כדי איהם צו געבען „שלום עליכם״. פאַר׳ן שוואַכינקען חפץ חיים האָט עס געמיינט ממש סכנת נפשות. האָט ער אויפגעהויבען זיין האַנד און אַלעמען באַגריסט מיט די ווערטער „שלום עליכם אידען״, דאַביי באַמערקענדיג ס׳שטעהט, „שלום שלום לרחוק ולקרוב״ — ווייזט דאָך אויס, אַז מ׳קאָן זאָגען שלום עליכם אויך פון דערווייטענס. מ׳מוז ניט דוקא געבען די האַנד.

ווען ער איז דורכגעפאָהרען די סטאַנציע טשענסטאכאוו איז ער שוין געווען זעהר אויסגעמאַטערט. האָט ער באַשלאָסען מעהר ניט אַרויסצוגעהן צום עולם. ער האָט געבעטען מען זאָל פאַרמאַכען די טהיר און די פענצטער כדי איהם געבען אַ מעגליכקייט זיך אָפּצורוהען. פלוצלונג אָבער איז דער קאָנדוקטאָר אַריינגעלאָפען מיט אַ באַפעהל אַלע זאָלען אַרויסגעהן פון דעם וואַגאָן אין אַן אנדערען, ווייל אין איין זייט האָט זיך אָנגעצונדען אַן אקס פון אַ ראָד.

ווען דער חפץ חיים האָט עס דערהערט, אַז מען מוז פאַרט אַרויסגעהן פון וואַגאָן האָט ער באַמערקט „מען זעהט דעם כח פון אַ רבים״ — מען מוז ארויסגעהן״.

ווי באַוואוסט האָבען מאַנכע קנאות'דיגע היץ־קעפּ געזוכט אויפצושטור־רעמען די אספה קעגען געוויסע גדולים פון אַנדערען לאַגער. באַזונדערס, האָבען די ארץ־ישראל־דעלעגאַטען געוואָלט פאַרברייטערען אין דער עפענט־ליכקייט זייער שטאַנדפּונקט אין דער באַקאַנטער מחלוקת צווישען די צדדים אין ירושלים. ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער פאַראויס פאַרלאַנגט עס לגמרי אַראָפּצונעמען פון טאָגעס־אָרדנונג.

דער חפץ חיים האָט דאַן ציטירט דעם מאמר:

ושנאת הבריות כיצד ?. מלמד שלא כיון אדם לומר אהוב את החכמים ושנוא את התלמידים . . . אלא אהוב את כלן . . . (אבות דרבי נתן, פרק ט"ז).

דער גערער רבי, דער לייטענדער גייסט פון דער אגודת ישראל האָט אין זיין באַוואונדערען דעם חפץ חיים דאַמאָלט באַמערקט צו זיינע מקורבים:

די חז"ל שילדערען די גרויסקייט פון הלל הזקן. ער האָט געהאַט 80 תלמידים, דער קלענסטער איז געווען רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער איז באַ־האַוונט געווען אין כל התורה מיט איהרע אונענדליכע חכמות. דער גרעסטער איז געווען יונתן בן עוזיאל, וועגען וועמען מ'פלעגט זאָגען, אַז ער איז געזעסען און געלערענט מיט אַזאַ פייער, דאָס אויב אַ פייגעל איז דאַן דורכגעפלויגען, איז ער פאַרברענט געוואָרען (סוכה כ"ח, ע"א).

דאָס אַלץ שילדערט די גרויסקייט פון גרעסטען תלמיד פון גרויסען הלל הזקן. וואָס איז אָבער מכח דעם רבי'ן, הלמאי פאַרשווייגט די גמרא צו דער־צעהלען וואָס האָט פּאַסירט, אויב אַ פייגעל איז איבער איהם דורכגעפלויגען? דער תירוץ איז, אַז די גרויסקייט פון רבי'ן (הלל'ן) האָט אויף אַזוי ווייט איבערגעשטיגען די פון זיין גרויסען תלמיד, אַז ווען אַ פייגעל איז דורכגע־פלייגען בשלום איבער איהם איז ער ניט פאַרברענט געוואָרען. „אַזוי איז דער חפץ חיים. ער איז אַזוי גרויס, אַז דער פייער פון מחלוקת ווערט אָפּגעקיהלט, ווען עס קומט צו איהם!"

דער חפץ חיים איז געווען דער ערשטער וועלכער איז געבעטען געוואָרען צו ערעפענען די פאַרזאַמלונג. ער האָט דאַן אָנגעפאַנגען מיט אומגעפעהר דיזע התנצלות: ס'זענען פאַראַן צווישען די פאַרזאַמעלטע גרויסע גאונים וצדיקים — טאָ ווי קום איך צו רעדען צו אייך בכלל און נאָך זיין דער ערשטער רעד־נער דערצו? די תורה זאָגט דאָך אונז אן „לא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו". זוך זיך נישט צו דערהויבען צו אַ צו־הויכען אָרט, וועלען דאמאָלט נישט אויפגעדעקט ווערען דיינע חסרונות. איך פיהל זיך אָבער באַרוהיגט וויסענדיג, אַז איך בין אַ כהן, און ב"ה אַ זקן אויך. אַזאַ מין כבוד האָט דאָך נישט צו טהאָן מיט ערוואַרבענע מעלות וועלכע אַ מענש דאַרף פאַרדינען. כ'בין דאריבער בערעכטיגט, אַלס עלטסטער כהן, צו בענט־שען אַלע אַנוועזענדע מיט דער ברכת כהנים...

במשך פון די פיעלע זיצונגען האָט דער חפץ חיים מעהרערע מאָל אַד־רעסירט די פאַרזאַמעלטע. אין איינע פון זיינע רעדעס האָט ער זיך געווענ־דעט מיט אַ רוף צו די רבנים און פאַרשטעהער פון אידענטום: „הבו לד׳ כבוד ועוז״ גיט אָוועק דעם רבונו של עולם זיין געהעריגען כבוד! ווען אַ קע־ניג קומט באַזוכען זיינס אַ לאַנד איז דער שטייגער, אַז ס׳געהן אַרויס איהם מקבל פנים צו זיין און צו צוטיילען איהם כבוד דער גובערנאַטאָר (גאָווער־נאָר) און זיין סוויטע. ווען ער קומט אין שטאָט געהט ארויס דער מעיאָר (בירגערמייסטער) און ער נעמט איבער די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר׳ן קע־ניג׳ס זיכערקייט און כבוד. וואו נאָר דער קעניג באַווייזט זיך, וואַרטען אויף איהם יעדער הויפט־בעאַמטער פון דעם דיסטריקט גרייט צו ערפיהלען זיינע פליכטען. דער פאָליסמאַן פון דער קלענסטער געסעל איז אַזוי פיל פאַראַנט־וואָרטליך פאַר דער עהרע פון מלך, אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר פון דער גור־בערניע.

„כך אזוי״, האָט דער חפץ חיים פאָרגעזעצט מיט התלהבות: דער רבונו של עולם דער מלך מלכי המלכים איז ערשינען צו די אבות, האָבען די לעצטע איהם אָפגעגעבען דעם געהעריגען כבוד שמים. זיי האָבען ענטדעקט זיין גרויסקייט איבער גאָר דער וועלט. נאָכהער האָט ער זיך ענטפלעקט צו די נביאים און זיי האָבען באַקאַנט געמאַכט זיין גלאָררייכקייט צו דער מענשהייט. דערנאָך די תנאים, די אמוראים און שפּעטער די גאונים, די ראשונים און צדיקים האָבען יעדער איינער אין זיין דור ערפיהלט זיין פליכט אָפהיטענדיג און פראָקלאמירענדיג זיין גרויסקייט און כבוד שמים. מיר אין דיזען דור זיינען אַזוי ווי פראָסטע פּאָליסלייט לגבי די גדולים פון די פריהערדיגע דורות. אונזער פליכט אָפצוהיטען דעם כבוד שמים איז אָבער ניט קלענער פון יענע גרויסע אין די פריהערדיגע דורות.

אַ כאַראַקטעריסטישע בילד וועגען דעם חפץ חיים אויף דער וויענער אספה ווערט געשילדערט פון פערזענליכע בעאָבאַכטער אין דער אידישער פרעסע פון נויאָרק. כדי די בילד זאָל זיין פולשטענדיג ווילען מיר פאַר׳ן לע־זער ציטירען פון צוויי געגענגעזעצטע צייטונגען פון אַן אָרטאָדאָקסישע, און פון אַן עקסטרים ראדיקאַלע.

דער באַוואוסטער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פון אידישען טאַגעבלאַט, מר. גדלי׳ בובליק, נאָכדעם ווי ער באַטאַנט, אַז דער גרעסטער זיג פון דער אגודת ישראל איז געווען די אָנוועזענהייט פון חפץ חיים באַריכטעט ער אין זיין צייטונג פון ד׳ תשרי תרפ״ד.

„עס איז ניטאָ יעצט אַזאַ פערזאָן זאָל אַזוי פאַרהייליגט זיין און געהאַלטען ווערען פאַר אַזאַ קדוש ווי דער חפץ חיים. דער עולם זעהט אין איהם דעם גרויסען צדיק הדור, נאָך מעהר ווי דעם גאון...

„ווען מען גיט אַ געשריי־דער חפץ חיים קומט! — ברעכט אויס אַ פּאַניק אין זאַל. אַלע שפּרינגען אויף פון זייערע פּלעצער און אַלעמענס בליקען זיי־נען געריכטעט אויף איין פּונקט...

„ער אַליין פון קליינעם געוואוקס, אַלט און שוואַך, זיין שטימע נידעריג אָבער יוגענדליך פריש. אויף זיין פּנים שפּיעלט שטענדיג אַ פרידליכער און גוטער שמייכעל. זיינע אויגען לאַכען גוטמוטהיג. עס שיינט, אַז דער אַלטער צדיק איז אין זיין גאַנצען לעבען קיינמאָל אין כעס ניט געווען. זיין יעדער וואָרט, זיין יעדער תנועה אָטעמט מיט אומבאַגרענצטע גוטסקייט און מיט עניוות אָהן אַ שיעור. עס איז ניטאָ אין איהם קיין מינדסטער סימן פון קנאות. ער איז דער פאַרקערפּערונג פון שלום. ניין! דער חפץ חיים האָט קיינמאָל ניט געוואָלט זיין קיין פיהרער און וויל עס יעצט אויך ניט. ער האָט זיך נאָר געבעטען כל ימיו — אידען, זייט גוטע, שטילע, פרומע און עהרליכע אידען. ער איז ווייט פון אַלע פּאָליטיק פון די פּאַרטייען, און ווען מען האָט דעם צדיק געזאָגט, אַז זיין קומען וועט העלפען פאַרשטאַרקען דעם דת, איז ער געקומען...

ער רעדט שטיל, אַז קוים די ערשטע רייהען פון די דעלעגאַטען קאָנען הערען אָבער דאָך טהוט קיינער ניט אַ ריהר מיט אַ גליד אפילו אין די ווייט־סטע ווינקלאָך פון זאַל. דער עולם הערט ניט, נאָר שלינגט פון דער ווייטענס די תנועות פון דעם חפץ חיים. זיי דאַרפען ניט הערן די ווערטער, זיי הערן אין זייער נשמה, וואָס ער וויל פון זיי און זיי גיסען זיך צוזאַמען מיט איהם אין זייערע געפיהלען. און ער שטעהט און זאָגט:

„פּאַלט ביי זיך ניט אראָפּ. אויב איינער פון אייערע קינדער איז שוין אַוועק פון ריכטיגען וועג, זעהט אַז די אַנדערע זאָלען זיין גוטע אידען. זיינען די אַנדערע אַוועק איז נאָך דאָ אפשר איינער פון זיי וואָס קאָן אַ גוטער איד זיין. זיינען חלילה שוין אַלע ווייט, העלפט אַנדערע זאָלען בלייבען אידען. מען דאַרף איבערהויפּט ניט פּאַרלירען קיין מוטה. מען טאָר אין קיין יאוש ניט אריינפּאַלען אפילו אויב מ'זעהט אין אַ גאַנצע מדינה האָבען זיך אידען חס ושלום דערווייטערט פון דער תורה, דאַרף מען אויך ניט ווערען פאַרצוויי־פעלט, ווייל עס זיינען דאָך געבליבען אַנדערע לענדער. אַזוי האָט דאָך שוין כמה מאָל פּאַסירט ווען אידישקייט איז אונטערגעגאַנגען אין איין מדינה, איז עס אויפגעוואָקסען אין אַן אנדערע.

„פאַרגעסט ניט אָן אייערע קינדער. ווארום, אַז משיח וועט קומען און מיר וועלן איהם אַנטקעגען געהן וועט ער זיך ניט פרעהן מיט די רבנים, מיט די צדיקים און מיט די שעהנע עלטערע אידען נאָר ער וועט די ערשטע זאַך אַ פרעג טהאָן, — וואו זיינען אייערע קינדער? —

אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" פון סעפּטעמבער 23טען, 1923, באַשרייבט איהם אַ געוויסער ה' מאַסקוף:

„דער סאקאלאווער רבי, וועלכער האָלט אין מיטען רעדען ווערט פלוצלונג שטיל, זיין האַנט בלייבט אויסגעשטרעקט און אזוי ווי פאַרגליווערט. דער עולם, דאָס פּרעזידיום, די זשורנאַליסטען, די געסט אויף די גאַלעריעס טהוען זיך אלע אַ שטעל אויף. אויך רבנים, צדיקים און פרומע אידען הויבען זיך אויף פון די פּלעצער. עס ווערט אַ שטומער איינגעהאַלטענער גערודער, אַ געטומעל פון עהרפורכט און רעספּעקט, עס דערהערן זיך שטרייכגע אויס־געשרעהן פון עטליכע שמשים — מאַכט פּלאַץ!... מאַכט אַ וואַרע! — מען מאַכט. מען שטופּט זיך קאָפּ אויף קאָפּ מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט אַ ציטער אין הארצען. מען טרעט אָפּ אויף אונטערוויילעכץ; עס ווערן צוויי רייהען פון מענשען אין מיט'ן זאַל, צוויי רייהען פון דעלעגירטע רבנים אין גלאַנציגע בעקעשעס מיט לאַנגע ווייסע בערד און צווישען די דאָזיגע צוויי רייהען רבנים פיהרען עטליכע רבנים — וואָס זאָג איך פיהרען — זיי טראָגען אויף די הענד אַ קליינינקען שוואַכען זקן, אַן אוראלטען איינגעבויגענעם מענ־שעל מיט אַ קליין ווייס באָרד אין אַ פּשוט'ען אָרימען שוואַרצען ראָק, אַ שוואַרץ אָרים שאַלכעל אויפ'ן האַלדז...

„אַז איהר זעהט צום ערשטען מאָהל דעם ניינציג יאָהריגען קליינעם זקן מאַכט עס אויף אייך אַ מאָדנעם איינדרוק איהר דערפיהלט אַ ציטערניש פון עהרפורכט און ליבע, אַ געוואַלדיגען רעספּעקט און דרך ארץ, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ. ווען איהר קוקט זיך צו נעהענטער זעהט איהר אַ פּנים פון אַ מלאך, פון אַ דינער פון גאָט, די שכינה רוהט אויפ'ן דאָזיגען פּנים און איהר מוזט צומאַכען די אויגען פון גרויס ליכטיגקייט, וואָס שטראַהלט פון די קליינע גרויע קלוגע אויגען. ווען ער שטעהט אויף דער בימה און רעדט האַלטען איהם צוויי רבנים אונטער די אַרעמס. דער גאַנצער צוזאַמענפאָהר הערט אויס זיין רעדע שטעהענדיג. זיין קול איז שוואַך, אָבער קלאָר. ער רופט אידען צו אחדות און שלום צו גוטסקייט, צו פרומקייט, צו ליבע און צו מעשים. זיין קליינע איינגעבויגענע געשטאַלט ציטערט ביים רעדען. דאָס קליינע ווייסע בערדעל לייכט זיך פון דערווייטענס, ווי פריש געפאַלענע שנעע. פון די אויגען שיינט די גאַנצע וועלט מיט חכמה און גוטסקייט...

„אזוי, שטעל איך מיר פאָר, האָט געמוזט אויסזעהן הלל הזקן דער תנא פון דער גמרא.

„אַרויס פון האָל געהט ער צווישען די רייהען שטעהענדיגע רבנים. ער געהט גיך, דריבניטשקע, איינגעבויגען דעם ווייסען קאָפּ צו דער ערד...

„און ווען מען הויבט איהם אויף און מען זעצט איהם אַריין אין אָטאָמאָביל, איז די גאַנצע גאַס שוואַרץ פון מענשען. מען שטופּט זיך קאָפּ אויף קאָפּ צו זעהן דעם חפץ חיים. קריסטען טהוען אויס די היט פון זייערע קעפּ פאַר גרויס רעספּעקט. אידען דראַפּען זיך אויפ'ן אָטאָמאָביל, אויף די רעדער, אויפ'ן

מאַטאָר. איטליכער וויל זעהן דעם חפץ חיים אָנריהרען דעם זוים פון זיין אָרי־מע קאַפּאָטע. די גאַר נאָהענטע שטופּען די ציטערדיגע הענד אין אַטאַמאַביל אַריין. דער חפץ חיים גיט שלום, ער באַריהרט מיט זיינע איידעלע צאַרטע פינגער די ציטערדיגע גראָבע הענד: שלום. ס'טהוט זיך אָפּ חושך... די פּאָליסלייט זיינען אָהנמעכטיג. זיי קאָנען ניט מאַכען קיין אָרדענונג. זיי שטופּען זיך אַליין אויך און קוקען פאַרגאַפט און מיט רעספּעקט אויפ'ן מאָד־נעם קליינעם אַלטיטשקען מיט'ן סאַמעטענעם קאַשקעט אויפ'ן ווייסען קאָפּ...

„אויך די וויענער דייטשע צייטונגען האָבען געשריבען פיעלע באַגייס־טערטע אַרטיקלען וועגען חפץ חיים..."

זייענדיג אין וויען איז דער חפץ חיים געווען דער גאַסט פון ר' עקיבא שרייבער, אַן אייניקעל פון „חתם סופר". ער האָט לכתחילה ניט געוואָלט אָנ־נעמען די איינלאַדונג איינצושטעהן ביי מר. שרייבער'ן ביז וואַנעט דער לעצ־טער האָט איינגעשטימט איהם לאָזען עסען זיין אייגענע, אָדער על מנת כן ער זאָל נעמען באַצאָהלט פאַר די הוצאות. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז די הויז איז אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס דער חפץ חיים האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען געווען באַלאַגערט מיט מענשען.

אַ באַקאַנטער לאָנדאָנער איד ר' אברהם פּנחס לאנדאו, גבאי פון מחזיקי הדת און פיהרער פון אַ תלמוד תורה און אַנדערע אינסטיטוציעס, ביי וועמען די עסקים זיינען לעצטענס ניט געגאַנגען ווי געוואונשען האָט געהאַט פיעל אויסצושטעהן פון זיינע בני בית. די לעצטע האָבען באַשולדיגט, אַז זיין גבאות און האַרציגע איבערגעבענהייט צו טהאָן גוטס און חסד מיט מענשען זיינען שולדיג אין זיינע שלעכטע ביזנעס, און האָבען דאַריבער געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך צוריקציהען פון זיין וואהלטהעטיגקייט. פאָהרענדיג קיין וויען האָט ר' אברהם פּנחס באַשלאָסען זיך שואל עצה זיין מיט'ן גערער רבי'ן (וועמעס אָנהייגער ער איז געווען) און מיט'ן חפץ חיים וואָס צו טהאָן. פון איין זייט אַ פראַגע פון שלום בית, און פון דער אַנדערער זייט איז איהם שווער געווען זיך צושיידען מיט זיין צדקה וחסד.

האָט דער גערער רבי כמעט מסכים געווען, אַז ער זאָל זיך רעכענען מיט די פאָדערונגען פון זיינע בני בית. איז אָבער, לא נתקררה דעתו. קומענדיג צום חפץ חיים האָט ער געפונען אַ געפּאַקטען חדר מיט מענשען. עס איז אונמעגליך געווען פאַר איהם זיך דורכצושלאָגען צום רבי'ן.

דער חפץ חיים האָט גראָד פאַרענדיגט זיין מאָהלצייט. און זיין שטיי־גער איז געווען פלעגט ער זאָגען אַ דבר תורה פאַר'ן בענטשען, נאָכדעם ווי ער פלעגט ענדיגען דעם „מזמור לדוד ה' רעי לא אחסר". דאָס וואָס ער האָט דאַמאָלט געזאָגט איז געווען:

„אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי". — אַ טשיקאַווע מעשה: מענשען

קומט אַמאָל אויס צו לייעדען פאַר טהאָן גוטס. עס פּאַסירט מאַנכעס מאָל, אַז אַ מענש האָט זאָגאַר רדיפות פאַר טהאָן טוב וחסד. דער אמת איז אָבער, אַז יעדער מענש מוז במילא דורכמאַכען רדיפות — דאריבער איז שוין בעסער אַז די רדיפות זאָלען קומען צוליב טהאָן חסד. אָט דאָס איז דער פשט פון פסוק: „מ׳בעט ביים רבש״ע, אַז טוב וחסד זאָלען זיין מיינע רודפים מיין גאַנצען לעבען״.

ווען דער לאַנדאָנער איד האָט עס דערהערט, איז ער פאַרציטערט געוואָרען. איצט האָט ער שוין מעהר ניט וואָס צו פרעגען — דער חפץ חיים האָט איהם צוגעטראָפען אין ריכטיגען פינטעלע אַריין.

אין חודש אלול פון יאָהר תר״ץ איז אין ווין פאָרגעקומען די צווייטע גרויסע פאַרזאַמלונג פון אגודת ישראל. אין זאַל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער חפץ חיים איז געקומען. ס׳איז געוואָרען אַ טומעל. די קאָרעספּאָנדענטען זיינען שנעל געלאָפען צו טעלעפאָנירען די נייעס צו זייערע צייטונגען אין דער גאַנצער וועלט. צוריקקערענדיג האָבען זיי אָבער אויסגעפונען, אַז עס איז געווען אַ טעות. געקומען איז גאָר דעם חפץ חיים׳ס איידים. דער חפץ חיים אַליין האָט זיך האָט ניט שוין ניט געפיהלט אימשטאַנד אונטערצונעמען אַזאַ ווייטע רייזע. ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו, וועלכע איז געלעזען געוואָרען פון דער פּלאַטפאָרם פון פאָרזיצענדען. נאָכדעם ווי ער בענטשט די אספה מיט ברכת כהן מאַכט ער אויפמערקזאַם די פאַרזאַמעלטע אויף געוויסע פּראָבלעמען וועלכע דאַרפען געגנוי באַהאַנדעלט ווערען. ער פיהלט זיך באַוונדערס צובראָכען איבער די בלוטיגע געשעהנישען אין ארץ ישראל מיט אַ יאָהר פריהער זאָן פאָדערט אַ פאַרשטאַרקטע און מוטיגע טהעטיגקייט לטובת ישוב ובנין הארץ. אַן אינטענסיווע און פיל פאַרצווייגטע אַקציע פאַר תורה, פאַר ישיבות, פאַר שבת, טהרת המשפחה, עניני החסד, א. א. וו.

דער בריוו איז געלעזען געוואָרען פון הרב צירלסאָן אונטער שטורמישע אפּלאָדיסמענטען און ארויסרופונגען — „זאָל לאַנג לעבען דער רבי!״

ווען הגאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, האָט קומענדיג דאַן פון דער צווייטער „כנסיה הגדולה״ איבערגעגעבען דעם חפץ חיים וועגען די פאַרשידענע פּראָבלעמען וועלכע זיינען דאָרט באַהאַנדעלט געוואָרען, האָט ער איהם צווישען אַנדערעס דערצעהלט וועגען די הצעות בנוגע די צאָל מיטגלידער פון וועלכע די „מועצת גדולי התורה״ זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערען. מאַנכען האָבען פאָרגעלייגט, אַז די צאָל זאָל באַשטעהן פון דריי־און־צוואַנציג — כנגד „סנהדרין קטנה״, אַנדערע האָבען געפאָדערט איין־און־זיבעציג — כנגד „סנהדרין גדולה״, אָדער הונדערט און צוואַנציג אַזוי ווי די „אנשי כנסת הגדולה״ בשעתם. האָט דער חפץ חיים אַ פאַרציטערטער אויסגעשריהען: „געוואַלד ווי קריכען זיי? וואָס איז עס פאַר אַן אָנמעסטען זיך?״

אינטערעסאַנט, דער גאון הדור ר׳ מאיר שמחה הכהן פון דווינסק, דער־ וויסענדיג זיך פון אַזאַ פאָרשלאַג איז דאַן אויך אַרויסגעקומען מיט אַ בריוו, וועלכער איז דאַן פאַרעפענטליכט געוואָרען אין דער פרעסע, אין וועלכען ער האָט שטאַרק מזהיר געווען ניט צו וואַגען מאַכען אַזאַ פאַרגלייכונג, דורך שאַפען אַ קערפערשאַפט עהנליך צו דער צאָל פון סנהדרין, אָדער „כנסת הגדולה", וועלכע איז עלול צו שאַפען דעם איינדרוק, אַז עס זוכט אויסצואיבען עהנליכע אויטאָריטעט.

נז.

אויף משיח׳ן

אין זיין גלויבען און האָפען אויף משיח׳ן האָט דער חפץ חיים דוכט זיך ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך צווישען די צדיקים פון פיעלע דורות. ער פלעגט פאַרגיסען פיעל טרעהרען אין זיינע תפילות אויף משיח׳ן. עס איז דאָך בכלל אַ מצוה צו האָפען אויף זיין קומען. די חז״ל זאָגען דאָך, אַז ביים יום הדין וועט מען פרעגען יעדער אידען „צפית לישועה״ צו ער האָט ער־וואַרטעט די גאולה. דער חפץ חיים האָט טאַקע אונטער דעם זעלבען טיטול פאַרפאַסט אַ ספעציעלען קונטרס וואו ער צייגט אויף די באַדייטונג פון האָפען אויף אַ ישועה, אויף משיח׳ן.

ווען מען האָט אים געהערט רעדען וועגען משיח׳ן, און ווען האָט ער דען ניט גערעדט מכח דעם? — האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט, אָט הערט מען שוין דאָס קומען פון זיינע טריט. ער פלעגט רעדען מיט אַזאַ טיעפע ערנסטקייט, מיט אַזאַ טאָן פון זיכערקייט, אַז ער האָט קיינעם ניט געלאָזט צווייפלען אויף אַ האָר, אַז מען דאַרף זיך ריכטען גאָר אין גיכען צו באַגריסען דעם אידישען גואל. „אפילו אַ בלינדער״, פלעגט ער זאָגען, קאָן אויך זעהן, אַז מיר זענען שוין בעקבתא דמשיחא אַלע צייכענס צייגען דאָך אויף דעם. עס איז שוין גאָרניט ווייט. אָט נאָך אַ קליינע ווילע. אַדורך געשוואומען אַזאַ ברויזיגען און שטורמדיגען ים (דעם גלות) און מיר זענען שוין גאָר נאָהנט צום ברעג. מיר דארפען זיין מוכן ומזומן. „אעפ״י שיתמהמה אחכה לו״. ביי אורחים וועל־כע פלעגען איהם בעזוכען האָט ער זיך פיעלע מאָל נאָכגעפרעגט צו מען רעדט ביי זיי אין שטאָדט וועגען משיח׳ן. ער האָט זיך זאָגאַר געמאַכט א ספעציעלע שבת׳דיגע קאַפאָטע מקבל פנים צו זיין משיח׳ן. און פלעגט זיך פון צייט צו צייט איהר אָנטהאָן און זיך אוועקזעצען ווארטען אויף איהם.

שבת איז געווען דער איינציגער טאָג ווען ער פלעגט אויף משיח׳ן ניט וואַרטען, ווייל ער פלעגט זיך פרעהען מיט׳ן שבת. און וואָס איז שבת אויב ניט אַ משיח׳ס טאָג. דער שבת איז דאָך אַ מעין עולם הבא. ער פלעגט דאַ־ריבער ווילען, אַז שבת זאָל אויביג אָנהאַלטען. ס׳זאָל זיין אַ יום שכולו שבת וקדושה ומנוחה לחיי העולמים...

מיט אַ פאַרבענקטע שטימע האָט ער איינמאָל ביי קבלת שבת זאָגענדיג: „ה׳ מלך תגל הארץ ישמחו איים רבים״, — באַמערקט, — „ווען אַ מלך בשר ודם זיעגט, פרעהען זיך ניט אלע מלוכות, די אונטערוואַרפענע, פאַריאָכטע

און שוואַכע מדינות ווינען. אָבער ווען כביכול וועט קעניגען, וועט די גאַנצע וועלט אָהן אויסנאהם זיך פרעהען. „ישמחו איים רבים״, אפילו די קלענסטע אינזעלעך וועלען זיך פרעהען״.

זעהענדיג די איבערקערעניש, וועלכע די וועלט־מלחמה האָט פאַראור־זאַכט אויף אַלע געביטען פון לעבען, גיט איבער ר׳ אלחנן, אַז דער חפץ חיים פלעגט זאָגען:

„מען זעהט היינט אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע ווייזען אויס אויבערפלעכ־ליך, אַז זיי זיינען נייעסען, פון וועלכע מ׳האָט קיינמאָל פריהער ניט געוואוסט. דער אמת איז אָבער ניט אַזוי. עס זיינען ניטאָ קיין נייעסען — מה שהיה הוא שיהיה ואין כל חדש תחת השמש. עס איז בלויז פאַראַן איין אונטערשיעד צווישען היינט און אַמאָליגע צייטען: נעמליך, דער לויף פון צייט, דער גלגל הזמן לויפט היינט זעהר שנעל. דאָס וואָס עס פלעגט אַמאָל דויערען אייניגע הונדערט יאָהר פאַסירט עס היינט אין אַ קורצער צייט. די געשעהענישען פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר, וואָלטען לויט אַמאָליגען לאַנגזאַמען גאַנג באַ־דאַרפט נעמען הונדערטער יאָהרען.

„אַזוי ווי מיט דער וועלט בכלל, פאַסירט אויך מיט יעדען איינצעלנעם פערזאָן בפרט: גרויסקייט, כבוד און עשירות זיינען שטענדיג געווען אַ גלגל החוזר בעולם. אַזוי ווי אַ ראָד, וועלכער דרעהט זיך ארויף און אַראָפּ. הללו עולין, והללו יורדין. אַמאָל פלעגט דויערען אַ היבשע צייט פון עולה ביז יורד און פון יורד ביז עולה. ווען מ׳פלעגט למשל מן השמים איינעם געבען רייכטום פלעגט עס אָנהאַלטען אַ דור אָדער צוויי, דאַגעגען היינט איז עשירות אַזוי ווי דער קקיון דיונה, בין לילה היה ובין לילה אבד. עס דויערט זעהר קורץ, לאַנג האַלט זיך ניט אויף איין אָרט, עס קומט גיך און פאַרשווינדט זעהר שנעל.

„מיר האַלטען דאָך איצט בעפאָר דאָס קומען פון משיח׳ן (קודם ביאת המשיח), און איידער משיח קומט מוזען אויסגערעגולירט ווערען אַלע חשבונות מימות עולם. היות ווי די צייט איז זעהר קורץ, מוז דאַריבער אַלץ פאַסירען זעהר גיך. די געשווינדקייט פון גלגל החוזר ווערט וואָס ווייטער אַלץ שנעלער. די פאַסירונגען אין דער וועלט דרעהען זיך האַסטיגער, אַזוי ווי אַ לענטע אין אַ פילם. אויך אַקוראַט ווי אַ צוג, וועלכער בעפאָר קומענדיג צו אַ סטאַציע, לויפט שנעלער ווי דעם גאַנצען וועג. אַזוי איז איצט די וועלט, יאָגענדיג זיך אַלץ נעהענטער צום ציל, פאָהרט זיך דאַריבער שנעלער . . .״

אַ זעהר אינטערעסאַנטער בריוו, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם חפץ חיים׳ס אונגעהוירע בענקשאַפט און שטאַרקע אמונה אויף דאָס שנעלע קומען פון משיח׳ן געפינט זיך אָפּגעדרוקט אין ספר „יד רמה״, געשריבען צום מחבר הרב הגאון הגדול וכו׳ מוהר״ר רפאל מרדכי הלוי סאלאווי, הגאב״ד דקלעשצעל.

דער בריעף איז דאטירט יום ה׳ מו״מ תרפ״ג און לעזט זיך אין זיין אידישע איבערזעצונג טיילווייז אזוי:

„איך האב ערהאלטען זיין טייערען ספר „יד רמה״, וועלכער איז פול מיט חריפות און בקיאות... ביי דיזער געלעגענהייט וויל איך אבער כת״ר אויפ־מערקזאם מאכען, היות די אלע סימנים וועלכע די חז״ל האבען פאראויס גע־געבען פאר ביאת המשיח זיינען מקוים געווארען, ווי: געלט וועט פארלירען די ווערדע, הונגער וועט הערשען, קיין שלום וועט ניט זיין, שנאה וועט זיין פארשפרייט, און נאך און נאך (סנהדרין צ״ז). אלעס איז פאר אונזערע אוי־גען געווארען א פאקט. איז דאך קיין צווייפעל ניט, אז מיר שטעהן יעצט ערב דאס קומען פון משיח׳ן. דאריבער ווען די גדולי ישראל בזמננו, אזוי ווי כבודו, וועלכער איז דערצו אויך א לוי וואלטען זיך צו מיר׳ צוגעהערט וואלט איך זיי גע׳עצה׳ט צוווידמענען זייערע לומד׳ישע כחות צו שאפען חבורים פאר׳ן פאלק אין אזעלכע ענינים וועלכע האבען צו טהאן מיט קודש ומקדש.

„משיח וועט דאך זיכער אין גיכען קומען וועלען זיך דאך געפינען טוי־זענדער כהנים און לויים וועלכע וועלען גאר קיין אהנונג ניט האבען אין די ענינים פון עבודה...

„איז דאך עס א פליכט אויף די כהנים און לויים, וועלכע זיינען תלמידי חכמים בזמננו זיך צופארפאלקאמען אין די ענינים און עס צו מאכען לערנען צו די אונוויסענדע...״

מ׳דערצעהלט, אז דער חפץ חיים האט איינמאל טעלעגראפיש צו זיך ארויסגערופען דעם באוואוסטען אלטען גאון ר׳ שמעון שקאפ, גראדנער ראש הישיבה, וועלכער איז אליין א כהן און געהאט מיט איהם א לענגערען שמועס מכח פארשפרייטען דעם למוד הקדשים צווישען די בני הישיבה.

איינע פון זיינע הויפט ארגומענטען אויף צו לערנען קדשים בזמננו איז גע־ווען: „צו טהאן די עבודה אין בית המקדש פלעגט באטראכט ווערען אלס גרעסטער כבוד און תענוג, עס ווערט אין תנ״ך דערצעהלט, אז דעם מלך עוזיהו, וועלכער איז אליין ניט געווען קיין כהן האט זיך פארגלוסט צו טהאן די עבודה פון קטורת איז ער דערפאר נענש געווארען מיט צרעת. נמצא, אז ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט האבען דאן נאר די כהנים געמעגט טהאן די עבודה, וועהרענד היינטיגע צייטען קאנען דאך אלע, אפילו א ישראל, טהאן די עבודה פון כהן גדול לפני ולפנים, ווייל, זאגען די חז״ל, השי״ת האט פארזיכערט צו אברהם אבינו, אז ווען דער בית המקדש וועט זיין חרוב וועט דאס לערנען די תורה פון קרבנות פאררעכענט ווערען אזוי ווי דאס מקריב זיין קרבנות בפועל ממש. דאס איז נאר מעגליך יעצט, אבער ניט שפע־טער ווען דער בית המקדש וועט שוין זיין בבנינו.

„שטודירען דען ניט די פאַרשידענע געלערנטע צווישען די אומות העולם די אַלטע אָפּגעלעבטע ציוויליזאַציאָנען פון אַמאָל? ארכעאָלאָגען גראָבען אויס טיעף פון דער ערד די איבערבלייבענישען פון די אַלטע פאַרשטאָרבענע וועל־טען על אחת כמה וכמה אונזער תורה, וועלכע איז אַן אייביג לעבעדיגער קוואַל, דאַרף מען דאָך געוויס טרינקען מיט דורשט איהרע מים חיים! „דרוש וקבל שכר״ זאָגען די חכמים, ד. ה. עס איז אַ מצוה זיך צו פאַרטיעפען איז יעדען עניין פון דער תורה אויב אַפילו עס איז ניט נוגע גלייך הלכה למעשה. פאַרוואָס זאָל מען באַליידיגען אַ חלק תורה? עס איז דאָך נאָך, אדרבה, מעהר מצוה צו לערנען אַזאַ מסכת, וועלכע איז פאַרלאָזען און פאַרנאַכלעסיגט פון אַלעמען״.

ס׳איז אינטערעסאַנט וואָס דער חפץ חיים פלעגט זאָגען, אַז צו דעם גע־דאַנק מחבר צו זיין דעם ביאור אויפ׳ן „תורת כהנים״ איז ער צוגעקומען צו־ליב׳ן מאמר אין מדרש (משלי יוד) אַז אויפ׳ן עולם האמת וועט מען פרעגען יעדען למדן וועלכער האָט אנדערע זאַכען געלערענט, — בני, תורת כהנים למה לא שנית? — מיין קינד, דו האָסט אנדערע זאַכען געלערענט, טאָ, פאַרוואָס האָסטו קיין תורה ניט געלערענט? (זעה הקדמה צום „תורת כהנים״) 1).

דער זכות פון למוד הקדשים איז בכח צו דערנעהנטערען די גאולה. אַלס אַן אילוסטראַציע פלעגט דער חפץ חיים זיך באַנוצען מיט דעם פאַקט, וואָס ביי אַ חתונה קומט אָן שווער צוזויאָגען די מחותנים און חתן כלה צו דער חופה. קוים אָבער שטעהט שוין דער חתן אונטער דער חופה, לאָזט מען איהם שוין לאַנג ניט וואַרטען און מען ברייננגט גלייך די כלה. דאָס זעלבע מיט אונז — זאָל נאָר אקארשט דער חתן (דאָס פאָלק ישראל) זיין גרייט צו דער חופה, וועט שוין דאַן השי״ת ניט לאָזען לאַנג וואַרטען אויף דער כלה (אויף משיח׳ן).

דעם חפץ חיים׳ס שטאַרקע אמונה אין ביאת הגואל, האָט געשלאָגען איהרע טיפע וואָרצלען אין זיין לעבען פון דער פריהסטער יוגענד אָן. זייענדיג א יונגער בחור׳ל, פלעגט ער דערצעהלען, אז אין שטעטעלשען בית המדרש האָט מען איינמאָל ערוואַרטעט אַ באַזוך פון גאון וצדיק ר׳ אלי׳נקע קראַטינגער. אַלע בחורים וועלכע פלעגען שלאָפען אין בית המדרש זיינען דאַן אויפגע־שטאַנען פאַרטאָג און האָבען צו־געראַמט דעם בית המדרש. „בעת ר׳ אלי׳נקע איז געקומען״, פלעגט דער חפץ חיים צוגעבען, „האָב איך זיך באַהאַלטען אין ווינקעלע, איך האָב מורא געהאַט ער זאָל מיך ניט באַמערקען״. „היינט— פלעגט ער מיט התלהבות אויספיהרען — „אויב פאַר אַ גאון ווי ר׳ אלי׳נקע

---

1) דער חפץ חיים ערקלערט אין זיין הקדמה צום תורת כהנים: „איך האָב געזוכט צו מאַכען אַ לייכטען פירוש כדי צו מאַכען דעם ספרא צוגענגליך פאַר אַזעלכע פשוט׳ע אידען ווי איך . . . און האָף אז דורך דעם באור וועט יעדער איינער לייכט קאָנען לערנען דעם תורת כהנים אַזוי ווי איינער לערענט אַ פרק משניות מיט׳ן תפארת ישראל״.

האט מען זיך אזוי פיעל געגרייט און געגרייט, טא ווי דארף מען זיך שוין גרייטען פאר משיח׳ן ?!״

ער פלעגט אפט באטאנען:

„נאכמעהר ווי מיר ווילען, אז ער זאל קומען וויל ער קומען. ער וועט אבער ניט קומען סיידען אלע אידען וועלען ווארטען און האפען אויף איהם״.

מען דערצעהלט, אז דער חפץ חיים איז אנוועזענד געווען אין ווארשא, ווען די פארשטעהר פון דער אידישער קהלה אין בריסק דליטא זענען געקומען צום באריהמטען גאון ר׳ יאשע בער סאלאוויטשיק מיט א כתב רבנות און איהם געבעטען ער זאל ווערען זייער רב. ר׳ יאשע בער האט זיך לכתחילה ענטזאגט, ווייל נאכדעם ווי ער האט פארלאזען סלוצק האט ער געהאט ביי זיך בעשלאסען ניט אנצונעהמען מעהר קיינע רבנות־שטעלע. האט זיך דאן איינער פון די פארשטעהער געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער: „רבי, ווי קאנט איהר אונז אפזאגען? עס ווארטען דאך 25,000 אידען אויף אייך! רבי יאשע בער איז פון די פשוט׳ע ווערטער געריהרט געווארען. ער איז גלייך אריינגעלאפען צו דער רביצין און האט מיט התלהבות אויסגעשריען: „זיי אזוי גוט, גיב מיר וואס שנעלער מיין קאפאטע און מיין שטריימעל. איך מוז געהן. 25,000 אידען ווארטען אויף מיר. איך טאר אזא עדה אידען ניט לאזען אויף מיר ווארטען״.

ווען דער חפץ חיים האט געהערט פון דעם עפיזאד האט ער א טיעפען קרעכץ געטהאן און דערביי באמערקט:

„אויב ר׳ יאשע בער האט זיך אזוי צוגעהיילט, ווייל ער האט ניט געקאנט דערלאזען, אז 25,000 אידען זאלען אויף איהם ווארטען, שטעלט זיך פאר ווען משיח וויים, אז דער כלל ישראל ווארט אויף זיין קומען ווֹאלט ער דאך שנעל געכאפט זיין גארטעל און קאפאטע און געקומען צולויפען; ער וואלט זיכער דעם כלל ישראל ניט געלאזט ווארטען.

דער אומגליק איז אבער, וואס דער כלל ישראל ווארט ניט אויף איהם.

„מ׳זאגט מעהר ניט מיט׳ן מויל — כי מחכים אנחנו לך, — אבער באמת האפט מען גארניט! איי מ׳ווארט ניט אויף איהם!״ פלעגט ער גיסענדיג מיט טרעהרען טיעף אפזיפצען.

פון דער אנדערער זייט פלעגט ער טענה׳ן צו די יעניגע וועלכע האבען זיך געפיהלט מיואש׳דיג הלמאי ס׳דויערט אזוי לאנג:

„אידען האבען שוין ניט קיין כח צו ווארטען אויף משיח׳ן. זיי קוקען שוין אויס אויף זיינע טריט באלד צוויי טויזענד יאהר. דאך ווען ער וועט שוין זיין וועט דאך אין משיח׳ס צייטען דער שכר פון א מצוה זיין זעהר קליין און ס׳וועט זיין צו שפעט מתקן צו זיין פריהערדיגע פעהלערן. אזוי ווי די חז״ל זאגען אויפ׳ן פסוק: „והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ — אלו

ימי המשיח שאין בהם לא זכות ולא חובה" (ילקוט, קהלת י"ב).
„אלעס איז פאַר אונזער טובה — משיח מוז קומען און וועט קומען. עס ווענדעט זיך אָבער אַלעס אין אונז אַלעמען אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה! דער כח היצר איז אָבער אַזוי גרויס און מעכטיג, אַז ער דערלאָזט ניט מען זאָל ביי זיך פועל'ן צו ווערען אַ בעל תשובה... ער רעדט אין דעם מענשען, אַז תשובה איז פונקט אַזוי שווער ווי צו שפּרינגען פון אַ דאַך. ער וויל מאַכען דעם מענשען צו גלויבען, אַז תשובה איז אונמעגליך. דער אמת איז אָבער — שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד — און מען קאָן תשובה טהאָן אין איין רגע... און משיח וועט זיכער קומען".

נח.

דירעקט צום רבונו של עולם

פשטות איז שטענדיג געווען דער הויפט־שטריך אין דער מערקווירדיגע הנהגה פון חפץ חיים. אויף אן איינפאכען אופן פלעגט ער זיך אוסרעדען מיט יעדען איינעם פון זיינע באזוכער, אלעס אין א ריינעם פארשטענדליכען אידיש, אין מאמע לשון. מ׳פלעגט קומען צו איהם נאך ברכות פון דער גאנצער וועלט. אויסהערענדיג יעדערן׳ס ליידען און צרות פלעגט ער זיפצענדיג און מיט רחמנות זאגען: „וואס קאן איך א פשוט׳ער איד אייך העלפען. דער בורא יתברך מיט זיין גרויסען חסד זאל אייך העלפען״. אדער: צו וואס קומען בע־טען פון מיר וואס וויל ניט און קאן גאר ניט טהאן, געהט גלייך צו איהם (צום רבש״ע) וואס וויל און קאן אייך העלפען!״

איטליכען האט ער געזוכט צו טרייסטען און מחזק זיין ניט צו פארלירען קיין מוטה און האפענונג און האבען בטחון אין רבונו של עולם.

„ווען איינער פיהלט שלעכט — פלעגט ער זאגען — זאל ער אין התבודדות אוועקגעהן אין א ווינקעל״ און איינער אליין דורך ווערטער, וועלכע קומען טיף פון הארצען זיך אויסרעדען מיט השם יתברך, אזוי ווי א קינד מיט א פאטער, און אין פשוט׳ע ווערטער זאל ער בעטען פון אויבערשטען חסד און רחמנות און דער רבונו של עולם וועט זיך געוויס צוהערן צו זיין בקשה״.

ווען דער חפץ חיים איז אין חדש אלול פון יאהר תרפ״ד געווען אין גראד־נא איז אזוי ווי איבעראל זיין אכסניה באלאגערט געווארען פון טויזענדער מענשען, וועלכע האבען זיך פארזאמעלט פון נאהענט און ווייט כדי צו כאפ־פען א קוק אויפ׳ן רבן של כל ישראל און איהם בעטען, אז ער זאל מתפלל זיין פאר זיי. האט זיך דער צדיק דאמאלט געווענדעט צו זיינע באזוכער מיט אומגעפעהר דיזע ווערטער:

„קינדער וואס דארפט איהר מיר האבען, אז איך זאל פאר אייך בעטען ביים טאטען (השי״ת)? איהר ווייסט דאך, אז א פאטער איז ניט צופרידען, אז איין קינד זאל קומען בעטען א טובה פאר דאס אנדערע, נאר וויל, אז יעדער קינד זאל קומען פערזענליך צו איהם מיט זיין בקשה. אזוי איז דאך אויך מיט אונזער פאטער אין הימעל. דער רבונו של עולם וויל, אז יעדער איד זאל אליין קומען צו איהם מי׳ט זיינע תפלות ובקשות, אלא נאר וואס דען אנדערע פון אונז פיהלען זיך אפשר, אז דער טאטע איז א ביסעל ברוגז׳לאך אויף זיי, קאן איך אייך פארזיכערען, אז ער (השי״ת) גארט זעהר זעהר און זעהר

זיך איבערצובעטען מיט אונז נאָך מעהר ווי מיר מיט איהם. ער וואָרט נאָר מיר זאָלען צו איהם קומען! אַליין, טייערע ברידער! פריהער פון אַלעס דאַרף מען אַליין תפלה טהאָן!״

צום עולם וועלכע זיינען געקומען נאָך ברכות האָט ער באַמערקט: „מ׳זוכט רק ברכות דורך משונה׳דיגע וועגען. ווען אַ תלמיד חכם קומט אין אַ שטאָדט קומען דאָן אַלע צו איהם בעטען ברכות. אנדערע זיינען אַפילו גרייט צו באַצאָהלען אבי צו קריגען אַ ברכה פון אַ צדיק. מען פאַרגעסט אָבער, אַז די גרעסטע ברכות גיט השי״ת פאַר החזקת התורה. — ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת, — איז געזאָגט געוואָרען אין דער געגענוואָרט פון כלל ישראל, כהנים לויים, זקנים און נביאים צוזאַמען מיט׳ן ארון ברית ה׳ אין צענטער.

„קאָן דען מעגליך זיין אַ גרעסערע און מעהר ווירקזאַמע ברכה?״

מר. ש. ה. פון ווארשא, היינט אין ניו־יאָרק האָט דעם שרייבער דערצעהלט דעם פאָלגענדען אינצידענט:

עס זיינען פאַריבער פיל יאָהרען נאָך זיין חתונה און ער האָט קיין קינדער ניט געבוירען. איז ער אַוועק צום אַ געוויסען בעל מופת, וועלכער איז דאמאלט גראד געווען אין ווארשא נאָך אַ ברכה. אויסהערענדיג זיין שווער האַרץ האָט דער בעל מופת פון איהם פאַרלאַנגט 52 רובעל כמנין „בן״ אַלס פדיון כדי ער זאָל איהם געבען זיין ברכה פאַר אַ בן זכר. ש. ה. איז אָבער געווען אָרים און ניט פאַרמאָגט אַזאַ סומע האָט דער רבי געפאָדערט זיין גאָלדענעם זייגער אַלס משכון, אַז ער וועט איהם ביסלעכווייז אויסצאָהלען די סומע. אָבער היות ווי דער זייגער איז געווען אַ מתנה וועלכע ער האָט באַקומען אלס חתן פון זיין פרוי, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען עס אוועקצוגעבען אָהן איהר וויסען. איז ער דאריבער געגאַנגען איהר פרעגען, צו זי איז איינשטימינג.

דורכגעהענדיג פראַנציסקאַנער גאַס, האָט ער אין הויף פון נו. 11 דערזעהן אַ גרויסע מאַסע מענשען, צווישען זיי איז געווען אַ קליינער אידעלע צו וועמען אַלע האָבען זיך געשטופט צו געבען שלום. ווען ער האָט דערהערט, אַז אָט דער אידעלע איז דער חפץ חיים איז ער אויך צוגעגאַנגען אין אַלעמען איבערווארטענדיג האָט ער פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ.

דערהערענדיג דעם אינצידענט האָט דער חפץ חיים אַן איבערראַשטער צו ש. ה. געזאָגט: „חלילה, איהר זאָלט ניט געבען קיין געלט, איהר האָט דאָך ניט! בעט אַליין ביים רבונו של עולם ער וועט אייך העלפען!״ און דער חפץ חיים האָט איהם צוגעוואונשען, אַז די תפלות זאָלען אָנגענומען ווערען״.

כך הוה, דערזעלבען יאָהר האָט ש. ה.׳ס פרוי געבוירען אַ בן זכר. „היינט

האָב איך ב״ה אַ היבשע משפחה באַשטעהענד פון פיל קינדער״, האָט ער זיין ספור המעשה פאַרענדיגט.

מערקווירדיג זיינען ווירקליך געווען די דרכים פון חפץ חיים אין זיינע באַמיהונגען צו העלפען אַ ליידענדען. ער האָט דאָן קיין צייט און מיה גע־שפּאָרט. מיט ווערטער און מעשים, מיט האַרץ און נשמה, מיט געפיהל און פאַרשטאַנד פלעגען זיין דורכגעדרונגען אַלע זיינע אנשטרענגונגען צו ברייג־גען טרייסט, מוטה און האָפענינג צו דעם נידערגעשלאָגענעם און פאַרצווייפעלטען. ער האָט געפיהלט דעם צער השכינה אין יעדען אידישען זיפץ...

צו אַן אָרימען אידען, וועלכער האָט איהם מיט אַ צובראָכען האַרץ דער־צעהלט זיינע ליידען האָט דער חפץ חיים צווישען אַנדערע טרייסט ווערטער אין דברי חזוק איהם פאַרטייטשט דעם פסוק, „כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו״, (תהלים) דורך דער פאָלגענדער אילוסטראַציע:

עס זיינען אַמאָל געווען צוויי פריינד ראובן און שמעון, ועעמעס פאַרמעגען די רעגירונג האָט קאָנפיסקירט, אַלס קנס פאַר ניט צאָהלען קיין צינזען. ראובן האָט געהאַט אלס פאַרטיידיגער זיינעם אַ גוטען פריינד דעם גרעסטען אדוואָ־קאַט פון לאַנד.

די צוויי פריינד, זיצענדיג אין תפיסה האָבען איינער פאַר דעם אַנדערען אויסדערצעהלט זייערע צרות. האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן צו ראובן׳ען, „וואָס זאָרגסטו זיך? דו האָסט דאָך אַלס פאַרטיידיגער דעם גרעסטען אַדוואָקאַט, איהם וועט דאָך געוויס געלינגען דיך צו באַפרייען. שלעכט איז מיר, ווייל איך האָב ניט אַזעלכע איינפלוסרייכע פריינד, און קיין געלד מיט וואָס צו דינ־גען גוטע פאַרטיידיגער האָב איך אויך ניט, בין איך דאָך אַ פאַרלוירענער!״

„שטעלט זיך פאָר״, האָט דער חפץ חיים געזאָגט צום אורח. „ווען איהר וואָלט געווען זיכער, אַז אויפ׳ן עולם האמת וועט דער רמב״ם זיין אייער פאַר־טיידיגער פאַר׳ן בית דין של מעלה, וואָלט איהר זיך דאָך געשעצט גליקליך. ווער רעדט נאָך אויב איהר וואָלט געוואוסט, אַז אביי, אָדער רבא, רבי עקיבא אָדער ר׳ יוחנן בן זכאי וועט זיין אייער מליץ, קיינער וואָלט זיך דאָך צו אייך אין צופרידענהייט ניט געקאָנט גלייכען, אַ פשיטא שוין ווען איהר וואָלט גע־ווען בטוח, אַז די נביאים, אָדער משה רבנו בכבודו ובעצמו אָדער גאָר די אבות הקדושים וועלען ערשיינען פאַר׳ן הימלישען געריכט אייך צו פאַרטיי־דיגען וואָלט דאָך דאמאלט אייער נחת רוח געווען אונפאַרגלייכבאַר!

„די חז״ל זאָגען אונז, אַז ווען אַ איד טהוט אַ מצוה ווערט פון איהר באַשאַ־פען אַ מלאך מליץ, וואָס קאָן איהם ראַטעווען פון גיהנם. וועגען אַן אָרימאָן ווערט אָבער געזאָגט, אַז דער רבונו של עולם אַליין איז זיין פאַרטיידיגער, אַז ער שטעהט ביי זיין רעכטע האַנד אַזוי ווי אַן אַדוואָקאַט און זוכט איהם אַרויס־צוראַטעווען פון די יעניגע וועלכע משפט׳ען זיין נפש (משופטי נפשו)״.

אין זומער פון יאָהר תרפ״ב איז געקומען צו איהם אַ אומגליקליכער איד אַ יורד און האָט פאַר איהם מיט ביטערע טרערען דערצעהלט זיין אומגליקליכע לאַגע. ער איז געווען אַ בכבוד׳יגער בעל הבית אין זיין שטאָדט. און איז איצט גלייך ער איז געוואָרען אַ מחוסר לחם. האָבען זיך גוטע פריינד צוזאַמענגעלעגט און איהם אויסגעבאָרגט אַ סומע. איז ער געפאָהרען קיין ווארשאַ קויפען סחורה, פאָהרענדיג צוריק, זיינען אויפ׳ן באַהן איהם באַפאַלען פוילישע זעלנער. איהם געצופּט די באָרד, געשלאָגען און געפייניגט, אַזוי שנעל ווי די באַהן איז צוגעקומען צו אַ סטאַנציע האָבען די רשעים אוועקגעריסען פון איהם זיין וואַרע און דערמיט אַנטלאָפען. ער איז געבליבען ביי גאָרניט. ער האָט איבערגעפיהרט יתומים׳שע געלט פון אָרימע כלות און אלמנות! אהיים קאָן ער צוריק ניט פאָהרען. ער איז אומגליקליך, האָט ער מיט פאַרבראָכענע הענט געכליפּעט.

דער חפץ חיים האָט איהם מיט אלע מיטלען געזוכט צו באַרוהיגען. ער האָט פאַרבראַכט מיט איהם צוויי שטונדען צייט. ציטירענדיג פילע פסוקים אין מאמרים און מיט ריהרענדע אילוסטראַציעס האָט ער איהם געזוכט צו טרייסטען און שטאַרקען. ער האָט איהם אויך איינגעלאַדען צו זיין זיין אורח.

נאָכדעם ווי דער איד האָט זיך שוין געפיהלט באַרוהיגט האָט דער חפץ חיים געשיקט רופען די ראשי הישיבה, הגאון ר׳ ר׳ נפתלי זצ״ל און יל״ח, הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי זצ״ל און זיי געבעטען אַרויסצוגעהן איבער׳ן שטעטעל. זיי האָבען דאמאָלט צונויפגעזאַמעלט הונדערט דאָלאַר.

דער חפץ חיים האָט דעם אורח דערלאַנגט די סומע און איהם צוגעוואונשען ער זאָל מהיום והלאה האָבען הצלחה. געזעגענדיג זיך מיט איהם האָט ער באַמערקט: „איך האָב פאַרבראַכט מיט אייך צוויי שטונדען. איך האָף ס׳וועט ניט זיין אומזיסט, נאָר ס׳וועט אייך פיל העלפען . . . פאָהרט לחיים ולשלום״. מיט פיל מוטה און האָפנונג האָט דער אורח פאַרלאָזען ראַדין.

די פאָטערליכע נאָהענטקייט פון רבונו של עולם צום מענש, סאי בחיים און סאי לאחר מאה שנה איז ביים חפץ חיים געווען אַ לעבעדיגע רעאַליטעט, וועלכעס ער האָט געפיהלט מיט זיין גאַנצען וועזען. אָפטמאָל פלעגען אונוויכטיגע פאַסירונגען ערוועקען ביי איהם ערנסטע געפיהלען און טיפע מחשבות, דינענדיג אלס אילוסטראַציעס פאַר הויכע און ערהאַבענע באַגריפען. קיין וואונדער, זיין מוח האָט דאָך קיינמאָל פון קיין היסח הדעת ניט געוואוסט, איז דאָך תמיד געווען פאַרזונקען אין אַ ים פון הייליגע געדאַנקען; דער מענש מיט זיינע פאַרוויקעלטע פראָבלעמען, דאָס בייגקעניש און זוכעניש פון זיין נשמה, די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון זיין אינערליכסטען מהות נאָך הימלישע ערהאַבענקייט, זיך צו באַהעפטען מיט דעם אומענדליכען קוואַל פון אויביגקייט, פון אמת און אַבסאָלוטע פאָלקאָמענהייט . . .

עס איז דאַריבער געווען נאַטירליך, אַז אין יעדער אינצידענט, צופאַל און פאַסירונג זאָל דער חפץ חיים זוכען אַ וואונק און אָנדייטונג אויף העכערע ענינים, אַ רוף פאַר התעוררות און חשבון הנפש, פאַר פנימות׳דיגע התבוננות און זעלבסט־פאַרטיפונג.

דאָס איז געווען אַ פּאָר יום טוב, ווען אַ גרויסע טייל תלמידים פון דער ישיבה צופאָהרען זיך אַ היים צו זייערע עלטערען. איין פריהמאָרגען, נאָכ׳ן דאַווענען, ווען דער חפץ חיים האָט געהאַלטען ביים ענדע פון זיינע תפלות, איז צוגעקומען אַ בחור, זיך געזעגענט מיט איהם און איז אין אַ צופרידענער, פרעהליכער שטימונג אַוועק — ער פאָהרט דאָך אַ היים צו זיינע עלטערען.

דער חפץ חיים באַמערקענדיג עס, האָט דאַן געזאָגט צו זיינע תלמידים, וועלכע זיינען גראַד דאַן געשטאַנען אַרום איהם:

„אַט, זעהט איהם, ער פאָהרט אַהיים צום טאַטען, פיהלט ער דאַריבער גוט און פרעהליך! וואָלט דאָך אייגענטליך אַזוי אויך באַדאַרפט זיין, ווען אַ איד האַלט ביים שטאַרבען און גרייט זיך צוריקצוקערען אין דער הויך, צום פאָטער אין הימעל?״ נאָכדעם ווי דער חפץ חיים איז אַ ווילע געבליבען אַ פאַר־טראַכטער, האָט ער פאַרגעזעצט:

„אַ תירוץ אויף דעם קאָן מען געפינען אין די ווערטער פון רמב״ן, וועל־כער זאָגט צווישען אַנדערעס אין דער הקדמה צו זיין ספר תולדות האדם — דער טויט איז דאָך אַ נאַטירליכע ערשיינונג אין דער בריאה, טאָ פאַרוואָס ווייִנט דער שטאַרבענדער מענש? דער ענטפער איז, אויב דער אויבערשטער וואָלט דעם מענשען באַשאַפען מיט׳ן באַדינג, אַז ער מוז שטאַרבען, וואָלט דאַן קיין מעגליכקייט ניט געווען פאַר׳ן מענשען צו פאַרגיסען טרערען אויף זיין טויט. אָבער אַזוי ווי אין אָנפאַנג איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען צו לעבען אויביג, נאָר צוליב דעם דורכפאַל פון אדם הראשון (חטא פון עץ הדעת) איז נגזר געוואָרען, אַז ער זאָל שטאַרבען, קומט דאָך אויס, אַז דער טויט איז אַ צושטערונג פון דער נאַטור, דאַריבער ווייִנט זיך . . .״

אינטערעסאַנט, דער „העקרים״ באַהאַנדעלט אויך די פראַגע און זיין ענטפער קומט אויס אומגעפעהר אַזוי:

יעדע פּלוצלינגע ענדערונג, זאָגאר אַ נאַטירליכע ערשיינונג, געמיינט פאַר דער טובה און וואָהלזיין פון מענשען פאַרשאַפט צער. דאָס געבוירענע קינד, ווען עס דערזעהט די ליכט פון טאָג, וויינט עס זאָך פאַנאַנדער. זייענדיג צוגעוויינט צו אַ פינצטערע וואוינונג, איז דאָס קינד ניט בכח צו באַגרייפען די גוטסקייט פון ליכט. כך אַזוי, ווען דער מענש פאַרלאָזט די פינצטערע וועלט, אָבוואָהל ער געהט איבער צו אַ גייסטיג ליכטיגע און ווירדיגע וועלט, קאָן עס אָבער דער מענשליכער שכל אַזוי שנעל ניט משיג זיין, שאַפט עס דאַריבער צער און טרערען . . .

מערקווירדיג, דאָס שטענדיגע שוועבען אין די הימלען פון גייסט האָט קיינמאָל אויף אַ האָר ניט אָפּגעשוואַכט זיין האַרץ־קלאַפּ פאַר דער וועלט מיט איהרע פּראַקטישע אויפגאַבען. אין זיין ספר „שם עולם״ ברייננגט ער ארויס דעם פאָלגענדען געדאַנק:

די תורה דערצעהלט: ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה. אַז דער אויבערשטער האָט באַזעצט אדם הראשון צו באַארבייטען און אָפּצוהיטען דעם גן עדן. דאַרף מען פאַרשטעהן, אַוואָסער אַרבייט האָט עס כביכול באַשטימט פאַר אדם׳ן צו טהאָן אין גן עדן?, אויך נאָכדעם ווי ער איז פון דאָרט ארויסגעטריבען געוואָרען, וועֶר באַארבייט די פלאַנצונגען און בוימער אין גאָרטען פון עדן?

די חז״ל ערקלערן לעבדה — זו תלמוד, ולשמרה זו מצוות (ספרי דברים). דאָס מיינט, אַז אויב אדם וואָלט ניט געזינדיגט, וואָלט די תורה איהם געגעבען געוואָרען אין גן עדן, און אַז דער קיום פון איהרע מצוות וואָלט פאַראורזאַכט שיינע פלאַנצונגען אין גן עדן.

אַזעלכע גייסטיגע נטיעות קאָנען מיר איצט אויך שאַפען דורך טהאָן מצוות און מעשים טובים, אַזוי ווי דער רמב״ן באַהויפּטעט אויפ׳ן פסוק — אשר ברא אלקים לעשות. אַז דער אויבערשטער האָט נאָר באַשאַפען די קערענדלאַך און וואָרצלען פון דער בריאה, און באַשאַנקען דעם מענש מיט אינטעליגענץ און חכמה צו קולטיווירען און ענטוויקלען, פאַרשעהנערען און אויסבעסערען די נאַטור, און ארויסברייננגען די פאַרבאָרגענע כחות וועלכע זי פאַרמאָגט.

די פלאַנצונגען וועלכע מיר זיינען בכח צו שאַפען, זיינען אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, פּראַכטפול און איינגענעם פאַר דעם אויג, וועמעס פּרוכט איז געשמאַק צו געניסען. דאָס טהאָן אַ מצוה מיט הידורים (סוכה נאה, לולב נאה) אינערליכע און אויסערליכע, ווען באַגלייט מיט דער געהעריגער כוונה איז פאַררעכענט אַזוי ווי מיר וואָלטען פאַרפלאַנצט שעהנע פּרוכט בוימער אין גן עדן, אויף דער וועלט אזוי גוט ווי אויף יענער וועלט, ווייל דער גן עדן התחתון איז פאַרבונדען מיט׳ן גן עדן העליון...

נט.

דער „ועד הישיבות"

דער למוד התורה אין פוילין אין די לעצטע דורות איז קאָנצענטרירט געוואָרען אין דער אַזוי גערופענער „פוילישע ליטא", וועלכע פאַרמאָגט עד היום די באַהרימטסטע וועלט ישיבות ווי וואָלאָזשין, מיר, לאָמזע, באַראַנאָוויץ, גראָדנע, קאַמעניץ, ראַדין, א. א. וו. אין די יאָהרען בעפאָר דער מלחמה איז דאָס רוסישע אידענטום געוועזען דער הויפט קוואַל פון וואַנעט די ישיבות פלעגען ציהען יניקה. די וועלט מלחמה האָט אָבער צושטערט דעם אַמאָליגען גרויסען אידישען צענטער, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם רוב מנין ורוב בנין פון אידישען פאָלק. ס'זיינען אויסגעוואָקסען נייע לענדער, נייע רעגירונגען, נייע גרעניצען און נייע גזירות. די אידישע באַפעלקערונג איז שרעקליך פאַראָרימט געוואָרען. אַלץ וואָס אידען האָבען געשאַפען אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָהרען מיט פיל מיה און קרבנות איז צושטערט געוואָרען. דער „צענטראַל רעליעף", אין אמעריקא האָט אין די מלחמה יאָהרען מיט אַ ברייטע האַנד געשטיצט די ישיבות. יעדער ישיבה פלעגט אויך האָבען פריוואַטע קוואַלען אין די פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלאַך פון וועלכע זיי פלעגען קריגען בײַשטייערונגען.

האָט דער חפץ חיים ווי אַ „חכם עדיף מנביא" פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז בלויז פון אַ צייטווייליגען כאַראַקטער. זיין מיינונג פלעגט בכלל זיין, אַז אין אַזעלכע ענינים טאָר מען זיך ניט פאַרלאַזען אויף אַנדערע, אַז קיין איד אונטער אַ וואָסערע אומשטענדען ער זאָל זיך ניט געפינען טאָר זיך ניט באַפרייען פון „עול התורה". אויך קאָן מען זיך ניט פאַרלאַזען אויף משולחים אין אַ צייט ווען די אידישע לאַגע אין דער וועלט איז אַזוי קריטיש און אַבנאָרמאַל

דער חפץ חיים האָט דאריבער ניט גערוהט. ער האָט כסדר געקלערט און געזוכט עצות ווי אַזוי אָוועקצושטעלען דעם מצב הישיבות אויף אַ מעהר געגרונדען יסוד.

כידוע איז דעם חפץ חיים'ס שיטה אימער געוועזן, אַז דער קיום התורה אין גלות פאָדערט, אַז יעדער ישיבה זאָל פאַר זיך אַליין זוכען די נויטיגע קוואַלען פון הכנסה און ניט זיין אָפהענגיג אָן אַ צענטראַליזירטער קערפּערשאַפט. אמת, אַזאַ יסוד איז ווייט ניט אין איינקלאַנג מיט די מאָדערנע שיטות און באַגריפען פון עקאָנאָמיע און פילאַנטראָפיע. פלעגט אָבער דער חפץ

חיים אויפווייזען, אַז די איינריכטונגען, וועלכע די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט געבראַכט, איז אויך ניט אָהן חסרונות און אַז די אַלט־מאָדישע סיסטעמען זיינען אויך ניט אָהן מעלות. נעמט, למשל, עלעקטרישע לאָמפּען. די באַלייכטונג פון אונזערע הייזער איז היינטיגע צייטען כמעט איבעראַל אָפּהענגיג אויף אַ צענטראַלע קראַפט־סטאַנציע. ווערט עפּעס קאַליע אין דער צענטראַלע בלייבען אַלע הייזער פינצטער. ווערענד די תקופה פון קעראָסין (נאַפט) לאָמפּען, אָדער גאָר חלב׳נע ליכט האָט יעדער הויז געמאַכט אונאָפּהענגיג איינע פון דער אַנדערער. ווען ס׳איז אַפילו געוואָרען אומעטום פינצטער האָט איינער געקאָנט האָבען ביי זיך ליכטיג.

כך אַזוי, פלעגט דער חפץ חיים אַרגומענטירען, איז מיט די ישיבות. יעדער תורה אינסטיטוציע דאַרף זוכען צו זיין וואָס מעהר זעלבסטשטענדיג, כדי איהר קיום זאָל גיכער זיין געזיכערט. צייטען האָבען זיך אָבער געביטען, אַלס רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה, אַז כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון די תורה־אַנשטאַלטען האָט זיך געפאָדערט אַ געמיינזאַמע גרויסע אַקציע.

אויף דער איניציאַטיווע פון חפץ חיים מיט דער מיטווירקונג פון הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי איז פאַר תמוז תרפ"ד פאַררופען געוואָרען אַ גרויסע אספה אין ווילנע, די ירושלים דליטא. אין דיזער פאַרזאַמלונג האָבען זיך באַטייליגט הונדערטער רבנים און ראשי ישיבה. אויפ׳ן פאָרשלאַג פון חפץ חיים איז דאַן געגרינדעט געוואָרען דער „ועד הישיבות".

דער חפץ חיים האָט דאַן צוזאַמען מיט הגאון ר׳ חיים עוזר׳ן פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף, אין וועלכען זיי פאָדערען יעדער אידען זיך מתחייב צו זיין צו צאָהלען לכל הפחות בערך 18 זלאָטעס, אָדער צוויי דאָלאַר אַ יאָהר צום „ועד הישיבות"; יעדער קהלה זאָל גרינדען אַ לאָקאַלען ועד מיט דער באַטייליגונג פון אָרטיגען רב, זאַמלען די געלד און עס איבערשיקען צו דעם צענטראַלען קאָמיטעט אין ווילנע, וועלכער דאַרף צוטיילען די הכנסה פּראָפּאָרציאָנעל צו אַלע ישיבות.

אָבוואָהל דער חפץ חיים איז געווען דער הויפּט איניציאַטאָר אין דער גרינדונג פונ׳ם „ועד הישיבות", דאָך ווען די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסען אָפיציעל צו עפענען דעם „ועד הישיבות" דורך אַ מאַסען פאַרזאַמלונג אין דער ווילנער שטאָדט שוהל און געבעטען דעם חפץ חיים צו האַלטען דעם „נאום הפתיחה" האָט ער לכתחילה פּראָטעסטירט; „ווי קום איך דערצו? ווי אַזוי קאָנט איהר עס פון מיר גאָר פאַרלאַנגען. ווען איך האָב מיט בערך 60 יאָהר צוריק, זייענדיג בלויז 28 יאָהר אלט געשריבען מיין ערשטען ספר, האָב איך מיין נאָמען ניט געוואָלט שרייבען כדי אויסצומיידען פרסום. איצט אויף דער עלטער ווילט איהר איך זאָל זוכען כבוד!" — ווען מ׳האָט איהם אָבער

אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיין רעדען וועט זיין אַ תועלת פאַר׳ן קיום הישיבות האָט ער זיך מיט צופרידענהייט אונטערגעגעבען.

ער האָט דאַן אין ווילנע גערעדט וועגען החזקת התורה אומגעפעהר אַזוי: „די חז״ל זאָגען: מוטב תופר תורה ואל תשכח תורה מישראל. עס הייסט, אַז עס איז גלייכער, אַז די תורה זאָל אַמאָל פאַרשטערט (פאַרלעצט) ווערען, איידער זי זאָל פאַרגעסען ווערען אינגאַנצען. דער געדאַנק פון דעם איז אַזוי: ווער עס טרעט חס ושלום, איבער די תורה אין אַ געוויסען פונקט, איז כאָטש ער וועט דאַרפען אָפּגעבען אויף דעם דין וחשבון לעתיד לבוא, אויף יענער וועלט, בלייבט ער פונדעסטוועגען אין דעם כלל איד. אָבער ווען די תורה זאָל פאַרגעסען ווערען, דאַן קען מען זיך גאָרניט פאַרשטעלען וואָסערע שרעקליכע פאָלגען עס קאָנען פון דעם קומען פאַר׳ן כלל ישראל. „דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט דעם מחזיק אַ גלייכען חלק מיט׳ן לומד התורה. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז דער וואָס שטיצט די תורה זאָל שטעהן אויף דער זעלביגער גייסטיגער און מאָראַלישער הויך פון דעם וואָס לערנט די תורה. דאָס קאָן מען פאַרשטעהן פון חומש ווי עס שטעהט, אַז דער „ארון ברית ד׳״ וואָס האָט ענטהאַלטען אין זיך די לוחות האָט געדאַרפט זיין „מצופה זהב טהור״, באַדעקט מיט ריינעם גאָלד, כידוע איז דער ארון מרמז אויפ׳ן לומד התורה, דאגעגען די „בדי הארון״ די שטאַנגען דורך וועלכע דער ארון האָט זיך געטראָגען האָבען בעדאַרפט זיין בלויז באַ־דעקט „זהב״ מיט גאָלד, אָבער נישט מיט קיין „זהב טהור״, ווייל די שטאַנגען סימבאָליזירען דעם מחזיק התורה און פון דעם לעצטען האָט די תורה נישט געקאָנט פאָדערען אַזאַ רוחניות׳דיגע מדריגה ווי פון דעם תלמיד חכם.

„די תורה זאָגט אויך אָן „בטבעות הארון יהיו הבדים . . . לא יסורו ממנו הבדים.״

„די שטאַנגען דאַרפען קיינמאָל נישט אַוועקגענומען ווערען פונ׳ם ארון אַפילו ווען דער ארון איז געשטאַנען אין קדשי־הקדשים האָבען אויך די בדי הארון געמוזט זיין צוזאַמען מיט׳ן ארון. דאָס איז אַ רמז, אַז דער מחזיק התורה טאָר קיינמאָל נישט אויפהערען צו שטיצען דעם תלמיד חכם. און בזכות זיין החזקה צום לומד התורה אויף דער וועלט, וועט דער מחזיק זיין אויפ׳ן עולם העליון צוזאַמען מיט׳ן ערשטען, ווי אין פסוק שטעהט „שמח זבולן בצאתך ויששכר באהליך״, וועלכעס מיינט לויט׳ן פשט פון רז״ל, פרעה זיך זבולון ווען דו וועסט אַוועק געהן פון דער וועלט, ווייל ישׂשכר וועט זיין בעולם הבא צוזאַמען מיט דיר אין דיין געצעלט.

„די חז״ל זאָגען אויך:

„כל המטיל מלאי לכיס תלמידי חכמים זוכה ויושב בישיבה של מעלה שנאמר, „כי בצל החכמה בצל הכסף״ (פסחים נ״ג). פון דעם קאָנען מיר אויך

דרינגען, אַז דער מחזיק התורה וועט אויפ'ן עולם העליון קריגען ידיעות התורה, ווייל אויב נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַ זכות פאַר איהם צו זיצען צו־זאַמען מיט'ן לומד התורה אין דער ישיבה של מעלה. קוים פערבלייבט ער אונוויסענד וואָלט דאָך עס געווען נישט קיין שכר פאַר איהם, נאָר אַן אַפּקו־מעניש אָדער גאָר אַן עונש.

„ווען עס זיצט אַ גאַנץ געוועהנליכער מענש לעבען גרויסע לומדים בעת זיי זיינען זיך מפלפל אין לערנען און ער קאָן נישט אנטייל נעמען און איז ווי אַ שטומער וואָס קאָן קיין מויל נישט עפענען, איז דאָך עס דער גרעסטער צער און בזיון אַפּילו אַזוי צו זיצען אַ קורצע צייט. ובפרט אויף דער אייביגער וועלט צו זיצען לעבען תלמידי חכמים און נישט פאַרשטעהן אַ וואָרט וואָלט עס דאָך פאַרשאַפט אונגעהויערע ליידען.

„אַזוי געפינען מיר אין דער גמרא, אַז משה רבנו האָט מתפלל געווען אויף יהודה'ן ער זאָל קאָנען פאַרשטעהן אין עולם הבא „מאי דקאמרי רבנן".

„עס ווערט טאַקע געבראַכט, אַז בעת עס איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת צווישען די גדולי הדור וועגען אַן ענין שעטנז, האָט דער גאון ר' חיים וואלאזשינער, זצ"ל געזעהן אַ מענשען אין חלום, וועלכען ער האָט געקאָנט ביים לעבען אַלס אַ פשוט'ן אידען. האָט ער איהם געפרעגט ווי מען האַלט מכח דעם „בישיבה של מעלה" האָט דער פאַרשטאָרבענער איהם געענטפערט דעם דין מיט אַלע מקורים.

„עס איז דאַריבער פשוט, אַז די מחזיקי התורה זיינען אויפ'ן עולם העליון טאַקע זוכה ממש צו פאַרשטעהן די תורה אַזוי ווי זיי וואָלטען אליין איהר געלערענט.

„דער נאָמען פון מחזיק תורה ווערט אויך פאַראייניגט צוזאַמען מיט'ן נאָ־מען פון לומד תורה, ווי אין תלמוד ווערט שמעון דערמאָנט אַלס „אחי עזריה" שטענדיג צוזאַמען, ווייל עזריה האָט דורך זיין שטיצע מעגליך געמאַכט, אַז שמעון זאָל קאָנען לערנען".

אָבוואָהל דער חפץ חיים איז געווען די האַרץ און נשמה פון „ועד הישיבות" און כמעט אלע טהעטיגקייטען פלעגען הויפּטזעכליך זיין געשטיצט אויף זיין אויטאָריטעט, האָט ער פּערזענליך שטענדיג געזוכט אויסצומיידען צו ערשיינען אלס פיהרער.

אָפּטמאָל פלעגט זיינע מקורבים קאָסטען פיעל מיה און אנשטריינגונג צו ווירקען אויף איהם, אַז ער זאָל זיין פּרינציפּ פאַרבויגען. קוים אָבער פלעגט מען איהם זאָגען, אַז עס קאָן העלפען פאַר'ן קיום התורה, איז עס געווען דער ווירקזאַמסטער ארגומענט.

דערווידער און פאַרהאַסט איז כבוד געווען ביים חפץ חיים, זאגאר אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען ער האָט שוין אַזוי פיעל ניט געזוכט צו אנטלויפען

פון כבוד, ער איז שוין גאַרניט נתפעל געוואָרען פון דעם. ער פלעגט גאָר באַ־טראַכטען כבוד אלס גרעסטען בזיון און אלס אונערטרעגליכע אָפּקומעניש פאַר איהם, ווייל אויב מענשען וועלכע ווייסען ניט גיבען איהם אָפּ כבוד אומפאַרדינט איז דאָך עס גאָר אַ צער און אַ באַליידיגונג. משל למה הדבר דומה? צו אַ פּרינץ, וועלכער איז פאַרקראַכען אין תאוות און זיין פאָטער דער קעניג האָט איהם באַשטראָפט צונעמענדיג פון איהם זיינע טיטולען און איהם פאַרטריבען אין אַ ווייטע מדינה. דאָרטען האָבען די מענשען ניט וויסענדיג פון זיין ירידה איהם צוגעטיילט כבוד מלכים. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלען ס'א יסורים און האַרץ וועהטאָג אַזאַ כבוד האָט פאַרשאַפט דעם פרינץ, וועלכער האָט ביי זיך געפיהלט זיין ערנידעריגטען מצב. כך אזוי פלעגט דער חפץ חיים זאָ־גען:

„ווי אַזוי קאָן זיך אַ מענש גרויסהאַלטען צוליב דעם כבוד, וואָס אַנדערע טיילען איהם צו, ווען באמת ביי זיך פיהלט ער זיין גייסטיגע אָרימקייט און קלייניקייט?" דעם מאַנטעל פון פיהרערשאַפט האָט ער געהאַלטען צו גרויס פאַר זיין פּערזאָן. ער פלעגט באַהויפּטען: אַז דער מנהיג הדור מוז פאַר־דינען דעם צוגעטיילטען כבוד. די חז"ל זאָגען „יפתח בדורו כשמואל בדורו" (ר"ה, כ"ה), אבוואָהל דער שופט יפתח איז ניט געווען אַזאַ יחסן און אזוי גרויס ווי זיין פאָרגענגענער שמואל הנביא, דאָך אין זיין דור איז ער געווען אזוי חשוב ווי שמואל אין זיינעם. ד. ה. יעדער דור איז מחויב צו רעספּעקטירען זיין פיהרער, און ניט זאָגען, אַז ווייל ער איז ניט אַזאַ גדול ווי יענע אין די פריהערדיגע דורות דאַרף מען איהם ניט מכבד זיין. אמת, אָבער אַז כדי אַ מנהיג זאָל פאַרדינען דעם כבוד פון זיין דור, מוז ער אָבער, אזוי ווי יפתח, זיין באמת גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר כבוד שמים און פאַר דעם וואויל זיין פון פאָלק. און פון אזעלכע מדרגות האָט ער זיך באַטראַכט ווייט.

באמת אָבער האָט דער חפץ חיים דער גרעסטער כבוד ניט געשאָדט. ער איז אימער געבליבען אין זיין פאלקאמענהייט. אומעטום אין אלע באַדינ־גונגען און אונטער אלע צושטאַנדען איז ער געווען דער זעלבער, אין זעלבען שעור קומה. אין בית מדרש, אין ישיבה, אין קראָם, אין גאַס און אויף די אלערליי קאָנפערענצען און אוידיענצען און אויך דאָן ווען ער איז געשטאַנען לפני מלכים, אומעטום און אַלעמאָל איז ער געווען דער זעלבער ריינער און הייליגער „חפץ חיים".

דערצעהלט דער איישישאָקער רב, הרב ר' שמעון ראזובסקי: דער חפץ חיים איז אין יאָהר תרפ"ה, ווען ער האָט געדיינקט צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל, געקומען אין איישישאָק, וואו ער האָט אין זיין יוגענד דאָרט גע־לערנט, כדי זיך צו געזעגענען מיט דער שטאָדט. די גאַנצע שטאָדט, אַלט און יונג, זיינען דאָן ארויס איהם מקבל פנים זיין. ווען דער חפץ חיים האָט

דערזעהן דעם רב, האָט ער איהם געבעטען זיך זעצען לעבען איהם אין זיין וואָגען. ווי ערשטוינט איז דער איישישאָקער רב געוואָרען זעהענדיג ווי דער חפץ חיים ווייגט מיט הייסע טרעהרען. אויף זיין פראַגע: „רבי, פאַרוואָס וויינט איהר?" האָט דער צדיק געענטפערט: „צוליעב דעם גרויסען כבוד, וואָס מען טהיילט מיר צו, וועלכעס איך פאַרדיען ניט". און האָט דאַן דערמאָנט דעם ירושלמי וועלכער זאָגט, אַז אויב מען גיט איינעם כבוד פאַר וויסען צוויי מסכתות און ער וויסט מעהר נישט ווי איינע, דאַרף ער זאָגען דעם אמת, אַז ער באַזיצט ניט מעהר ווי איין מסכת. דער איישישאָקער רב איז אַליין גע־ריהרט געוואָרען ביז טרעהרען פון אַזעלכע הייליגע און ערנסטע געפיהלען. זוכענדיג צו באַרוהיגען דעם רבי'ן, האָט ער געזאָגט צו איהם: „אין ראש חודש בענשען בעטען מיר אויף אַ חיים של עושר וכבוד, איז דאָך אין פלוג אַ וואונדער, פון כבוד דאַרף מען דאָך גאָר אַנטלויפען, טאָ ווי אַזוי בעטען מיר ביי אַ השי"ת אויף אַ לעבען פון כבוד? דער תירוץ איז, אַז מיר זאָגען בכיוון גלייך חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים. דיזע תפלה איז אַ פירוש אויף די פריהערדיגע, נעמליך דאָס וואָס מיר בעטען ביי השי"ת אויף אַ לעבען פון כבוד ווילען מיר עס כדי צו פאַרמעהרען די ליעבע פון תורה מיט יראת שמים, אַזוי ווי דער ירושלמי זאָגט אין קדושין, אַז דורכ'ן כבוד, וואָס מען טיילט צו אַ תלמיד חכם ווערט פאַרמעהרט אהבת תורה מיט יראת שמים. דאַ־ריבער דאַרפט איהר, רבי, זיך פרעהען און נישט וויינען, ווייל דורך דעם וועט ביים פאָלק פאַרגרעסערט ווערען די ליעבע צו תורה און יראת שמים". דאָס האָט איהם באַרוהיגט און אַ שטראַהל פון שמחה האָט זיך באַוויזען אויף זיין שעהנעם פנים.

ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט באַהויפּטען, אַז עס איז די פליכט פון יעדער איד, אָהן אויסנאָם צו זיין אַ מחזיק תורה און אַז דיזען חוב קאָן קיינער אויף קיין פאַל פון זיך ניט אַראָפּנעמען.

צוגרייטענדיג צו פאַרעפענטליכען אַ קול קורא וועגען „ועד הישיבות", האָט דער חפץ חיים לכתחילה געהייסען שרייבען, אַז דער, וועלכער ענטזאָגט זיך מחזיק צו זיין תורה, וועט קיין חלק לעולם הבא ניט האָבען, ווייל ער רייסט דערמיט איבער זיין פאַרבינדונג מיט דער אויביגקייט פון כלל ישראל בזה ובבא. האָט ער זיך אָבער גלייך מיישב געווען, אַז עס איז צו שטרענג, האָט ער עס געהייסען אויסשטרייכען, זאָגענדיג:

„ווי אַזוי מען פסק'ט אויף דער וועלט (למטה), אַזוי מוז מען פסק'ענען ביי בית־דין של מעלה (אויף יענער וועלט)".

און דער חפץ חיים האָט דערביי דערצעהלט אַן אַנעקדאָט. איינמאָל זיינען זיך געזעסען צוזאַמען אַ קאָמפּאַניע גדולים צווישען וועלכען ס'האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן דער גאון וצדיק ר' וועלוועלע, ווילנער שטאָדט מגיד. דער

לעצטער האָט דאָן אויסגעפיהרט אַ שמועס, אַז אַזוי ווי אויף דער וועלט ווערט יעדער דור גע׳משפט פון דעם שופט פון זיין דור, אשר יהי׳ בימים ההם — אַזוי איז עס אויך אויף יענעם עולם, אויך אַז די פיהרענדע גדולים פון יעדער דור, לאַנד און וועלט־טייל ווערען אויסגעקליבען צו משפט׳ן די מענ־שען פון זייער צייט („קאָנטעמפּאָרעריס״), ווייל יעדער עבירה, אָדער מצוה ווערט דאָך געמאָסטען לויט די ספּעציעלע אומשטענדען פון אָרט און צייט. דאָס וואָס איז אַמאָל פאַררעכענט געוואָרען אַלס שווערע זינד, קאָן היינט לויט׳ן מקום און זמן, מעגליך זיין אונפאַרגלייכליך לייכט. עס איז דאַריבער ניט מעהר ווי רעכט, אַז מ׳זאָל אַזאַ אויפגאַבע אָנפאַרטרויען דעם גדול פון זיין דור, וועלכער האָט געלעבט אין דער זעלבער סביבה און דורכגעמאַכט עהנליכע ערפאַהרונגען.

אַזוי שנעל ווי ר׳ וועלוועלע האָט זיין שמועס פאַרענדיגט, האָט זיך איינער פון דער חבורה אַ שטעל אויף געטהאָן און מיט טרערען אין די אויגען געבעטען ר׳ וועלוועלען:

„אויב אַזוי, זאָגט מיר שוין, רבי, מיין פסק. אַזוי ווי איהר וועט איצט זאָגען, וועט דאָך בלייבען. זאָגט מיר דאַריבער גלייך איצט מיינע זינד. דאָ, אויף דער וועלט, האָב איך דאָך די מעגליכקייט תשובה צו טהאָן, וועהרענד דאָרטען וועט דאָך שוין זיין צו־שפּעט . . .״

ס.

טהרת המשפחה

אַ זעהר וויכטיגער עפּיזאָד וועלכער כאַראַקטעריזירט אַמשעהנסטען די תמימות און פּשטות פון חפץ חיים איז זיין דרשה פאַר די ווילנער אידישע פרויען וועגען „טהרת המשפחה״.

אין יאָהר תרפ״ה האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די מקוה אין ווילנא איז אַלט און אָפּגעלאָזען איז ער איינמאָל ספּעציעל צוליב דעם אַהין געפאָהרען. אַריינקומענדיג צום גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי האָט ער איהם געקושט און מיט ליבע און אויפריכטיגקייט צו איהם געזאָגט: „מיין טייערער ברודער און אמת׳ער ידיד לאָמיר זיך שטאַרקען און ארבייטען צוזאמען פאַר דער הייליגער מצוה צו בויען דאָ אַ נייע מאָדערנע מקוה.״ דער חפץ חיים האָט ניט גערוהט ביז עס איז אויפגעבויט געוואָרען אַ נייע מקוה.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז כדי דאַן צו שאַפען די געלד צו בויען די מקוה האָבען די ווילנער רבנים און בעלי בתים געוואָלט פאַרקויפען אַ צאָל ספרי תורה אָבער דער חפץ חיים האָט צו דעם ניט דערלאָזט. „עס וואָלט געווען די גרעסטע חרפה און בזיון פאַר ווילנא עס צו טהאָן אַבוואָהל על פּי דין מעג מען עס״, האָט ער געזאָגט. ער האָט אַליין געגעבען 500 דאָלאַר די ערשטע נדבה פאַר דיזען צוועק. דאָס האָט געווירקט און די נויטיגע סומע איז געשאַפען געוואָרען.

אין ווינטער פון יאָהר תרצ״א, האָט דער חפץ חיים איין פריהמאָרגען באַ־שלאָסען ביי זיך צו פאָהרען פּערזענליך אין ווילנא און דאָרטען רעדען פאַר די אידישע פרויען מכח טהרת המשפחה. אַלע באַמיהונגען פון זיינע מקורבים איהם צוריק צוהאַלטען פון ריזיקירען זיין שוואַכען געזונד און איינשטעלען זיין לעבען מאַכענדיג אַ נסיעה אין אַזאַ קאַלטען און פראָסטיגען וועטער האָבען ניט געהאָלפען. ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס. ער טאָר ניט אָפּלייגען. כל זמן השי״ת גיט איהם לעבען דאַרף ער טהאָן מיט אַלע כחות פאַר׳ן כבוד השם. גראַדע האָט זיך געמאַכט, אַז דער איינציגער אָטאָמאָביל, וואָס מען האָט געקאָנט קריגען אין שטעדטעל צו מאַכען די רייזע איז ניט געווען אין אָרדנונג. די היץ האָט ניט געאַרבייט. האָט ער געהייסען אַריין שטעלען אַ קויל אייוועלע, און מען האָט איהם אויסגעבעט מיט קישענס און פּערענעס און ער איז אַזוי געפאָהרען קיין ווילנא.

קומענדיג קיין ווילנא האָט ער גלייך פאַררופען צו זיך אַלע אָרטיגע רבנים

און האָט אין זיינע רייד דערמאָהנט זיי דעם מאמר חז״ל (שבת נ״ה.) אַז גאָט האָט לכתחילה באַפעהלען דעם מלאך גבריאל צו פאַרצייכענען צום לעבען די צדיקים גמורים, וועלכע האָבען מקיים געווען די תורה פון א׳ ביז ת׳ טראָץ דעם וואָס זיי האָבען ניט פּראָטעסטירט אָדער געשטראָפט די רשעים, ווייל צו השי״ת איז געווען באַוואוסט, אַז די לעצטע וואלטען ניט צוגעהערט צו זייערע שטראָף־רייד. האָט אָבער די מדת הדין גע׳טענה׳ט: „אמת רבש״ע, פאַר דיר איז באַוואוסט געווען, אַז די רשעים וואָלטען זיך צו זיי ניט צוגעהערט, אָבער צו די צדיקים איז דאָך ניט געווען ידוע, האָבען זיי דאריבער בעדאַרפט טהאָן זייערס און זיי שטראָפען.״ דער רבש״ע האָט דאַן געמוזט צוגעבען די גע־רעכטיגקייט פון דער טענה. ביי די ווערטער, איז דער חפץ חיים אַריין אין אַ ברענענדיגע התלהבות און האָט געזאָגט:

„אויב אויף אַזעלכע צדיקים האָט געקאָנט שולט זיין די מדת הדין, כאָטש דער רבש״ע אַליין האָט עדות געזאָגט, אַז קיין מוסר וואָלט אויף זיי ניט גע־האָט די קלענסטע ווירקונג, טאָ וואָס זאָלען מיר שוין רעדען! ווי קאָנען מיר זיך פטר׳ן מיט דער טענה, אַז מען וועט זיך צו אונז ניט צוהערען און מען וועט אונז סיי ווי סיי ניט פאָלגען? מיר, דאַרפען טהאָן אונזער פליכט צום פאָלק, כדי מען זאָל נאָכער פון אונז ניט מאָהנען.

ספּעציעלע באַקאַנטמאַכונגען זענען אויסגעקלעפּט געוואָרען, וועלכע האָ־בען זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„היינט, דינסטאג פ׳ וישלח, י״ב כסלו, 7 אוהר אָוועגד פּינקטליך, וועט אין דער שטאָדט־שוהל רעדען דער גאון און צדיק בעל „החפץ חיים״, ספּעציעל פאַר פרויען. מענער ווערען געבעטען ניט קומען. פאַר מענער וועט באַ־שטימט ווערען אַ באַזונדער צייט ווען דער חפץ חיים וועט רעדען״.

מיט אַ האַלבע שטונדע פאַר דער צייט איז שוין די שוהל געווען אָנגע־פּיהלט מיט פרויען פון פאַרשידענע שיכטען. אלע זיינען געווען געקליידעט באַ־שיידען אידישלאך ווי עס האָט געפּאַסט פאַר דעם אָרט, און פאַר אַזאַ רעדנער. ביי דער טהיר איז געשטאַנען אַ ספּעציעלע וואַך, וועלכע האָט ניט אריינגע־לאָזט אין שוהל קיינע מענער. די לעצטע האָבען דאריבער פאַרנומען די עזרת נשים. הינטער׳ן באריער וואו דער כאָר געפינט זיך שטענדיג איז אָפּגעזונ־דערט געוואָרען פאַר רבנים. איבעראַל איז געווען געפּאַקט. אויך אויפ׳ן שוהל הויף זענען פאַרזאַמעלט געווען מאַסען מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט לפחות כאָפּען אַ קוק אויפ׳ן חפץ חיים. מען האָט דעם אַלטען (צוליב זיין אַלטקייט און שוואַכקייט) אַריינגעטראָגען אין שוהל אויף אַ שטול און איהם אַוועקגעזעצט לעבען ארון קודש. אַרום איהם זיינען געזעסען זיינע אייניק־לאַך, די מנהלי הישיבה הרב ר׳ יהושע לעווינסאָן, הרב ר׳ אליעזר קאַפּלאַן און דער ראש הישיבה הרב ר׳ משה לאנדינסקי.

ער האָט גערעדט זעהר שטיל און זיינע ווערטער זענען איבערגעזאָגט גע־וואָרען פאַר די פאַרזאמעלטע פון זיין אייניקעל הרב קאַפּלאַן און פון לאמ־זער רב הרב שאצקעס.

זיין דרשה האָט געדויערט בערך אַ שטונדע צייט. ער האָט צווישען אַנ־דערעס געזאָגט:

„קדושים תהיו — די הייליגע תורה האָט אונז פאַרזאָגט מיר זאָלען זיין הייליג, ווייל דער רבש״ע איז הייליג און מיר זיינען זיין פאָלק.

„אונזער חז״ל זאָגען, אַז אַ מענש איז זיך מקדש אַ ביסעל העלפט מען איהם זיך מקדש צו זיין פיעל, אַז מען איז זיך מקדש דאָ אויף דער וועלט איז מען איהם מקדש דאָרטען למעלה. דער כלל איז, אַז מען העלפט אונז צו זיין הייליג.

„איך געדיינק ווילנא מיט 70 יאָהר צוריק. אַ הייליגע שטאָדט געווען, אַ שטאָדט פון תורה און יראת שמים, און איצט איז זי אין גאַנצען אַנדערש גע־וואָרען. ס'איז ניט מעהר די ירושלים דליטא. די דורות ווערען אַלץ קלענער און קלענער. דור הולך ודור בא, נאָר די הייליגע תורה בלייבט אַלעמאָל אין דער זעלבער מדריגה. תורה ה' תמימה, דעם רבש״ע'ס תורה איז שטענדיג אַ גאַנצע און אין אַלע דורות דאַרפען מיר אָפּהיטען איהר גאַנצקייט, כדי מיר זאָלען בלייבען דער זעלבער עם קדוש.

„ווען די דורות ווערען קלענער און שלאַפער דאַרפען מיר זיך דאַן נאָך מעהר שטאַרקען און מען וועט אונז געוויס העלפען פון אויבען. הבא לטהר מסייעין אותו!

בדרך כלל זיינען מיר אַן עם קדוש, בנים אתם, מיר זיינען קינדער און אָפּגעטיילט פון אלע פעלקער, אָבער עס זיינען פאַראַן ביי אונז מסיתים ומדיחים, וועלכע פאַרפיהרען דעם עם קדוש אין בלאָטע, דאַרפען מיר זיך שטאַרקען אַרויספיהרען זיי אויפ'ן גלייכען וועג.

„טבילה אין אַ מקוה איז אַ מצות עשה פון דער תורה. די מצוה איז ניט גלייך צום איסור פון עסען חזיר, נבלה וטרפה. דאָרטען איז אַ לאו, און דאָ איז כרת. דאָס איז איינע פון די עברות, וואָס מען איז מחויב זיך צו לאָזען הרג'ענען אויב מען נויט אונז אויף דעם עובר צו זיין, און דאָ נעמט מען מיט'ן אייגענעם ווילען און מען קריכט אליין אין פייער און מען פיהרט אהין דעם מאַן מיט די קינדער?

„ווען עס ברעכט אויס אַ פייער אין אַ שטוב, וואו אַלע שלאָפען און איי־נער איז וואַך, מוז ער שרייען און וועקען אלעמען. איך זעה ווי דער עולם שלאָפט און דער פייער האָט אַרומגענומען פילע אידישע הייזער בין איך גע־קומען אַהער צו שרייען און וועקען. עס איז מיר זעהר שווער געווען דער פאָהרען, אָבער אַז עס איז נוגע אין לעבען אַ גרויסען טייל אידען, קאָן מען

ניט זיצען אין שטוב. יעדער איז מחויב צו וועקען דעם אַנדערען און אַרויס־ראַטעווען איהם פון פייער. מען זינדיגט ניט במזיד, נאָר פשוט צוליב אומ־וויסען.

„דער תנא זאָגט, — כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלה בתשובה. איצט אַז מיר וואַרטען פון טאָג צו טאָג אויף דער גאולה, איז ניטאָ קיין אַנדער עצה ווי תשובה. מיר האָבען דעם גאַנצען ש״ס, די משניות׳ן און די שלחן ערוך׳ס, אַלץ פאַרטיג, און דאָך אָהן תשובה קאָן ניט זיין קיין גאולה.

„דער כלל איז אין קורצען צוריק צו דער קדושה. מיר דאַרפען אַרויס־קריכען פון דער בלאָטע און אַנטאָן ווידער אונזערע בגדי מלכות, קדושה און טהרה. יעדע פרוי דאַרף זיך באַקאַנען מיט די דינים פון טהרת המשפחה.

האָט רחמנות אויף זיך און אייערע קינדער. עס איז שוין ניט פיעל גע־בליבען צו וואַרטען ביז דער גאולה. לאָמיר לכל הפחות די לעצטע ביסעל צייט זיך אויפפיהרען ווי עס דאַרף צו זיין כדי מיר זאָלען ניט פאַרשעהמט ווע־רען חלילה.״

דרך אגב האָט ער אויך דערמאָהנט, אַז שוין 500 יאָהר זייט די ווילנער שוהל עקזיסטירט און עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז זי זאָל אַנגעפילט ווערען בלויז פון פרויען, און ספּעציעל פאַר זיי זאָל מען האַלטען אַ דרשה. דאַרף עס פאַרשריבען ווערען אין פנקס.

צום סוף פון זיין דרשה האָט ער געעפענט דעם ארון קודש און ביי אַ טויטער שטילקייט האָט ער געבענטש מיט ברכות כהנים אַלע אנוועזענדע פרויען און זיי געוואונשען פרנסה, געזונד און שלום.

נאָכדעם האָט מען דעם חפץ חיים אַרויסגעטראָגען אויף די הענד פון שוהל און אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי. דער געדראַנג איז געווען אין לשער. דער אַלטער האָט זיך געפיהלט זעהר שוואַך. ווען ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט עס אַלעס געטאָהן לכבוד השם איז ער געוואָרען מונטער און לע־בעדיג. און צו זיינע מקורבים האָט ער געזאָגט אויפ׳ן וועג:

„וואָס רעכענט איהר, אַז איך ווייס ניט, אַז עס וועלען זיך געפינען אַזעלכע וועלכע וועלען לצנות מאַכען פון מיר און זאָגען, אַז אויף די עלטערע יאָהרען בין איך געוואָרען אַ ווייבערשער מגיד? אָבער מיר אַרט דאָס ניט. אויב עס זאָל אפילו זיין אַ בזיון איז עס דאָך לכבוד שמים און אַזאַ בזיון איז אַ ענין גדול, עס איז דער גרעסטער כבוד. אַזוי ווי דוד המלך האָט געענטפערט מיכל בת שאול וועלכע האָט איהם אויסגערעדט פאַרוואָס ער האָט זיך מבזה געווען און געשפּרונגען און געטאַנצט פאַר׳ן ארון קודש אין געגענוואַרט פון זיינע דינסטען און קנעכט, האָט ער איהר געענטפערט: „ועם האמהות אשר אמרת עמם אכבדה!״ — אַז פאַר איהם איז דאָס דער גרעסטער כבוד.

סא.

ביי דער אספה אין גראָדנע

כדי צו פארשטארקען די טהעטיגקייט און אויסארבייטען ברייטע פלענער פאר'ן „ועד הישיבות", אויך כדי צו באַהאַנדלען אַנדערע נויטיגע פּראָבלעמען לטובת הכלל איז פאַררופען געוואָרען א גרויסע קאָנפערענץ ט"ו אלול, תרפ"ד, אין דער שטאָדט גראָדנע.

זעהר וויכטיגע תקנות זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרען. דער חפץ חיים איז אזוי ווי אימער געוועזן דער רוח החיים פון דער גאַנצער אספה. קיין זאַך איז ניט געטהאָן געוואָרען אָהן זיין צושטימונג.

אַדרעסירענדיג די פאַרזאַמעלטע רבנים, ראשי ישיבה און בעלי בתים חובבי תורה האָט דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס געזאָגט: —

„לא יהי' לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה" (שופטים י"ח), זאָגט די תורה, און דאריבער איז געווען דער חוב צו געבען זיי תרומות ומעשרות. זייער חלק האָט מען אוועקגעגעבען צו אלע אידען און די אידען זיינען מחויב געווען אָפּצוגעבען זיי דעם חלק צוריק. און היינט דאַרף מען אויך געבען אָט דעם זעלבען חלק די לומדי תורה, ווייל זיי זיינען אויפ'ן אָרט פון די כהנים ולוים, כדי זיי זאָלען קאָנען זיצען רוהיג און לערנען די תורה, ווייל אָהן אַ תורה זיינען מיר נישט קיין פאָלק.

„א מגיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם ווילנער גאון זצ"ל, וועגען וואָס זאָל ער זאָגען אויפ'ן בימה פאר'ן עולם, האָט ער איהם געענטפערט, אז ער זאָל רעדען נאָר וועגען החזקת התורה, וואָרום נאָר דאָס איז נוגע אַלעמען.

„די תורה איז אין א סכנה מיר זיינען אלע מחויב זי צו ראַטעווען. אין אַ פולע ערטער האָלט דאָך שוין בעוה"ר ביי דעם, אז מען מיינט דאָס נאָר יאָהר־צייט אָפּהיטען איז א חוב און אלע אַנדערע זאַכען איז מעהר ניט ווי א מנהג. די תורה האָלט חלילה ביי פאַרגעסען ווערען. מיר זיינען דאָך אלע ערבים איינער פאַר'ן אַנדערען. עס איז אָבער גוט צו זיין אַן ערב אויף א קליינע סומע, אָבער ווען מען באָרגט אויף אונזערע ערבות גרויסע סומען, ווען די שטרי־חובות זיינען גרויסע און מען וועט מאָנען ביי אונז, דאַרף מען זעהן, אַז מען זאָל קאָנען צאָהלען. „הנה יום בא בוער כתנור", זאָגען די חז"ל, אַז דאָס מיינט מען דעם טאָג ווען דער בורא עולם וועט מאָהנען דעם עלבון התורה, פאַר וואָס האָט מען איהר ניט געלערענט, פאַרוואָס האָט מען איהר נישט מחזיק גע־ווען? זאָלען מיר דאריבער מאָביליזירען אונזערע כחות פאַר'ן כבוד התורה...

— בנתה ביתה, זו התורה ללמדך שכל מי שקנה לו דברי תורה קנה לו בית לעולם הבא (מדרש משלי). —

„עס ווערט נישט געזאָגט, אַז דער וואָס לערענט תורה קויפט זיך איין הויז אויף יענער וועלט, נור עס ווערט געזאָגט, אַז דער וואָס קויפט דברי תורה, איז דאָ דאַריבער איינגעוויקעלט די פאָלגענדע כונה: אין דער וועלט פון גשמיות זענען פאַראַן צווייערליי בעלי בתים! איין מין בעלי בתים זיינען בוי־ער, זיי האָבען מיט די אייגענע הענד אויפגעבויט פאַר זיך הייזער, פאַראַן אָבער אַ צווייטער מין בעלי בתים, וואָס ווייסען ניט אַ פלעקעל פון אַ סוכה אַריינצושלאָגען און דאָך האָבען זיי גרויסע פּאַלאַצען, ווייל זיי האָבען געהאַט געלד, האָבען זיי באַצאָהלט אנדערע בוי קינסטלער, אַז יענע זאָלען פאַר זיי די פּאַלאַצען אויסבויען.

„כך, אזוי איז דער פאַל מיט תורה. די תלמידי חכמים וואָס זיצען כסדר און לערנען בויען פאַר זיך אויף היכלות דורך זייער אייגענעם לערנען. אָבער די וואָס שטיצען די לומדי תורה זיינען קונים דברי תורה, קויפען זיך איין הייזער אויף יענער וועלט מיט דער דאָזיגער שטיצע, און די דאָזיגע הייזער בלייבען אויף אייביג זייערע, קיינער קאָן עס פון זיי קיינמאָל נישט אָב־נעהמען, און דאָס ווערטה פון אַזעלכע הייזער קען קיינמאָל ניט פאַלען (אויף אמעריקאנעם לשון הייסט עס), אפילו נישט אין דעם גרעסטען „ריעל עסטייט" קריזיס . . .

„אבער אויב דער מחזיק תורה וויל, אַז אין הימעל זאָל מען איהם באַטראַכטען אַלס גלייכער שותף צום לומד התורה, דאַרף ער ערמעגליכען דעם לומד התורה, אַז ער זאָל אויף דער וועלט קאָנען זיצען און עוסק זיין אין תורה רוהיג און בדרך כבוד אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ גלייכען שותף."

און דער חפץ חיים האָט דאַביי דערצעהלט, אַז צום ווילנער גאון איז איינמאָל געקומען זיינער אַ בן עיר, אַ באַוואוסטער גביר און מחזיק תורה און איהם געפרעגט, אויב דורך זיין כסדר שטיצען אַ געוויסען תלמיד־חכם איז ער ווירקליך באַרעכטיגט צו געניסען אַ גלייכען חלק מיט איהם, האָט איהם דער גאון געענטפערט, אַז אַזאַ גלייכע פּריווילעגיע איז נאָר מעגליך, אויב דער גביר גיט דעם תלמיד חכם אַ שליסעל צו זיין קאַמאָד, ד. ה. אַ פרייען און געזיכערטען צוטריט צו זיין פּאַרמעגען . . .

ביי דיזער אספה איז אויך באַריהרט געוואָרען די פראַגע, ווי די רבנים האָבען זיך צו פאַרהאַלטען מיט מוסר־זאָגען פאַר דעם עולם.

אַ טייל פון די רבנים האָבען געהאַלטען, אַז די מוסר־מאמרים ווירקען איצט נישט, דער המון וויל נישט הערען מוסר־זאָגען, און „כשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע" — אַזוי ווי עס איז פליכט צו זאָגען אַ וואָרט, וואָס מ׳הערט זיך צו, אזוי איז אויך אַ מצוה נישט צו

זאָגען דאָס וואָרט אין אַ פאַל, ווען מ'ווייסט, אַז דאָס וואָרט וועט נישט געהערט ווערען.

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע פון די פאַרזאַמעלטע רבנים, איז אויפגעשטאַנען דער חפץ חיים זצ"ל, און ווענדענדיג זיך צו אַלע אַנוועזענדע רבנים, האָט ער געזאָגט:

— איך דערמאָן זיך פון אַנומעלט, מיט אַ 50 יאָהר צוריק, בין איך געקומען אין קיעוו אין אַ זעהר קאַלטען ווינטער־טאָג. דער פראָסט האָט געשניטען, און אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַן אָרימע אַלטיטשקע אידישע פרוי מיט אַ קאָרב געטריקענטע באַרנעס אויף די הענד צו פאַרקויפען. זי האָט גערופען די דורכגעהער און אויסגעשריגען: „באַרנעס געטריקענטע, 3 קאָפּעקעס אַ פונט! אַ פונט 3 קאָפּעקעס! קויפט אידען! אַ פונט באַרנעס 3 קאָפּעקעס"! כ'האָב זיך צוגעקוקט, ווי די פרוי שרייט און רופט אַ לאַנגע צייט, און קיין איינציגער מענש פון די פאַרבייגעהענדע קויפט נישט איהרע באַרנעס. עס איז מיר פשוט געוועז אַ רחמנות ווי אַ אידישע זקנה פריהרט אויף דער גאַס, ניט פאַרקויפט אפילו פאַר אַ פּרוטה. האָב איך אָפּגעוואַרט אַביסעל צייט, און צום סוף בין איך צו איהר צוגעגאַנגען און האָב געפרעגט ביי דער אָרימער פרוי: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס נוצט דען אייער רופען, איהר פאַרקויפט דאָך סיי־ווי־סיי ניט, טאָ צו וואָס טויג אייך דאָ אומזיסט געפרוירען צו ווערען? געהט, ליבערשט אַהיים, וועט איהר לכל־הפחות ניט פריהרען". — מיין ליבער איד, האָט מיר די זקנה געענטפערט, ווי איהר זעהט מיך, שטעה איך שוין אָט דאָ אויף דעם דאָזיגען פלאַץ אַ היבש ביסעל יאָהרען, שוין פערציג יאָהר ווי איך שריי און רוף אַלע טעג די קונים און דוכט זיך, אַז זיי קויפען קיינמאָל נישט. דאָך ווען איך קום אַהיים ביינאַכט און צעהל איבער מיין געלט, ווייס איך, אַז איך האָב תמיד אַ שפּאָר ביסעל ריוח. און אָט טאַקי פון דעם שרייען ציה איך מיין חיונה אַלע יאָהרען...

„כשופר הרם קולך" — האָט פאַרענדיגט דער זקן שבכהונה זצ"ל — איהר רבנים טהוט אייער פליכט, שרייט, רופט, און זאָגט מוסר. אייער רעדען וועט, בעזרת השי"ת, מלהיב־לבבות זיין, און ווען איהר וועט אַמאָל איבערצעהלען, וועט איהר געפינען, זיכער, אַ ריוח..."

סב.

ביי דער אספה אין ביאַליסטאָק

אין יאָהר תרפ״ה, צעהן טעג אין חדש כסלו, האָט דער חפץ חיים צוזאַמען מיט די גדולי הרבנים וראשי הישיבות זיך פאַרזאַמעלט אין ביאַליסטאָק. ווען דער חפץ חיים איז אָנגעקומען אין שטאָדט זיינען אַלט און יונג אַרויס איהם מקבל פנים צו זיין ביים וואָקזאַל. די אָרטיגע ציווילע מאַכט (דער גאָווערנאָר) האָט אויך געשיקט לכבודו אַן עהרען וואַך פון רייטער פּאָליציי איהם צו באַגלייטען ביז׳ן האָטעל. מען האָט איהם ממש צוגעטיילט כבוד מלכים.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז ביים חפץ חיים איז דאָס פאָהרען פאַר תורה געווען אַן ענין פון מסירת נפש. „מ׳זאָל מיר צוזאָגען הונדערט מצוות וואָלט איך ניט געפאָהרען, איך בין דאָך אַ קראַנקער, קאָן ניט, און דאַרף ניט פאָה־רען. ווען ס׳איז אָבער נוגע דעם קיום התורה, דער עקזיסטענץ פון ישיבות, האָב איך זיך מיט קיין זאַך ניט גערעכענט, איך בין געפאָהרען״.

אייניגע אָרטיגע פיהרערס, צווישען וועלכע ס׳זיינען געווען זאָגאַר עטליכע מורי הוראה, האָבען דאַן דורכאויס געפאָדערט פון די פאַרזאַמעלטע, אַז דער „תחכמוני״ זאָל איינגעשלאָסען ווערען צווישען די ישיבות, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אונטערען „ועד הישיבות״, אויב ניט האָבען זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום, וועלען זיי זיך ניט באַטייליגען אין דער אַלגעמיינער אַקציע לטובת די ישיבות. די טענה פון פיהרער פון „ועד הישיבות״ איז אָבער געווען, אַז דער „תחכמוני״ איז אַ לעהר־אַנשטאַלט, וואו עס ווערט אַ גרויסער טייל פון טאָג אָוועקגעגעבען פאַר למודי חול און קומט דאַריבער ניט נאָך די סטאַטוטען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען בנוגע דער צייט, וועלכע יעדער אינסטיטור־ציע־מיטגליד דאַרף געבען פאַר למודי קודש. עס האָבען ניט געהאָלפען קיינע בקשות, עס האָט געהאַלטען, אַז די גאַנצע אספה זאָל בטל ווערען. ווען די אָרגאַניזאַטאָרען האָבען דערזעהן, אַז זיי קאָנען צו קיין טאָלק ניט קומען האָ־בען זיי דערצעהלט דעם חפץ חיים מכח דער פאָדערונג, האָט דער חפץ חיים אַ רוהיגער געענטפערט בלויז די עטליכע ווערטער, וועלכע האָבען געמאַכט אַן ענדע צו די שטרייטיגקייטען:

„נו, מיר זיינען געקומען אַהער, מיר קאָנען פאָהרען צוריק, וועט ניט זיין קיין אספה״. קעגען חפץ חיים׳ס פסק הלכה האָט שוין קיינער ניט געוואַגט זיך אַנטקעגען צושטעלען. אַזוי הייליג און טייער איז ביים חפץ חיים געווען דער „ועד הישיבות״.

אין אבענד האָט דער חפץ חיים גערעדט פאַר אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון סוחרים און פאַבריקאַנטען וועגען כבוד התורה. ער האָט געפאָדערט פון די אנוועזענדע זיך ניט אָפּצושטעלען פאַר קיין זאַך, נאָר מיט מסירת נפש העלפען די תורה און איהרע לערנער. ער האָט זיי געגעבען אַ ביישפּיל פון זיך זעלבסט.

אָט זעהט, אויף מיינע עלטערע יאָהרען בין איך געקומען צו אייך און זיך אויף אזוי פיעל געלאָזט מבזה זיין. עס איז דאָך ממש ביזוי בזיונות פאַר אַזאַ אלטען מאַן ווי איך אזעלכע פאַראַדען מיט אזא כבוד! אלא, נאָר וואָס דען, מען האָט מיר געזאָגט, אַז עס קאָן אַרויסקומען אַ טובה פאַר דער תורה. היינט אויב ביי אַזאַ אַלטען און שוואַכען מאַן איז רעכט געווען זיך צולאָזען אזויפיעל מבזה זיין פאַר דער תורה, דאַרפט איהר דאָך געוויס טהאָן אלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגליך און פאַסיג פאַר׳ן כבוד און קיום פון דער תורה.

פאַר די פאַרזאַמעלטע רבנים, ראשי ישיבה און בעלי בתים חובבי תורה האָט ער געזאָגט:

„בנוהג שבעולם, אַז מ׳וויל קויפען אַ סחורה אויף וועלכע מ׳איז ניט אַזאַ גרויסער מבין פרעגט מען זיך ביי גרעסערע מבינים. ובפרט, אַז מ׳זעהט אַז אַ גרויסער מבין יאָגט זיך נאָך די סחורה און וויל דאָס באמת קויפען, דאַ־מאָלט איז מען געוויס זיכער, אַז די סחורה איז אַ ראַיעלע און איז ווערט דעם מקח.

„ביי דער תורה הקדושה שטהעט, אַז מלאכים האָבען געוואָלט נעמען די תורה. „תנה הודך על השמים!״ האָבען זיי גע׳טענה׳ט גיב אונז די תורה. פאַרשטעהט זיך, אַז באַלד די תורה איז כולה רוחניות זיינען די מלאכים באַ־שטעהענד פון כולו רוח — „עושה מלאכיו רוחות״. געווען די גרעסטע מבינים אויף דער תורה. היינט ווי גרויס דאַרף זיין די שמחה ווען משה רבנו האָט ביייגעקומען די מלאכים און ער האָט באַקומען די תורה פאַר אונז.

„מצוות איז געוויס אַ גרויסער ענין, אַ פעולה קדושה, אָבער צו תורה איז קיין מצוה ניט גלייך. „כל המצוות אינן שוות אפילו לדבר אחד מן התורה״, ווייל אַ מצוה איז אזוי ווי אַ ליכט און די תורה איז אַזוי ווי די זון. „כי נר מצוה ותורה אור״. די גרעסטע עלעקטרישע לאָמפּען זיינען אנטקעגען דער זון גאָר ניט.

„די תורה איז אונזער לעבען „כי היא חייכם״. זי איז אויך דער לעבען פון אונזערע קינדער אַזוי ווי עס שטעהט; „לנו ולבנינו עד עולם״ אויפ׳ן „ולבנינו״ זיינען פאַראַן פינטלאַך, אויף וואָס באַווייזט עס?

„דאָס איז אזוי ווי איינער שרייבט צום אנדערען אַ בריוול און שטרייכט איהם אונטער עטליכע ווערטער, אום צו ווייזען, אַז דאָס איז דער עיקר, אַז דאָס דאַרף מען געדיינקען בעסער. מ׳דאַרף מדריך זיין די קינדער זיי זאָלען געהן בדרך התורה, ווייל די תורה דאַרף זיך האַלטען עד עולם אויף אייביג.

און ניט אַ טייל פון דער תורה, נאָר די „גאַנצע תורה", ווי מיר האָבען איהר מקבל געווען — „את כל דברי התורה", דאָס איז אונזער געווער אין דער גרויסער מלחמה.

„אונזערע שונאים ווילען אָבער ביי אונז צונעמען דוקא אָט די געווער, ווייל זיי ווייסען, אַז דאַן פאַרלירען מיר אונזער כח און זיי וועלען אונז קאָנען בייקומען. דאַריבער דאַרפען מיר זיך מחזק זיין ניט אַרויסצולאָזען אָט די געווער פון אונזערע הענט.

„איצטער לאָמיר זעהן ביי וועמען אין די הענט ליגט עס צו פאַרהיטען? די תורה איז אַ שותפות'דיגער עסק פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל. אַלע זיינען איהר מחויב צו לערנען יום ולילה. אַזוי אָבער ווי ניט אַלע זיינען ביכולת צו לערנען שטענדיג, איינער צוליב פּרנסה, דער אנדערער צוליב אנדערע ענינים איז פאַראַן אַן עצה מחזיק צו זיין דעם וואָס לערנט. דורך דעם וואָס איינער האַלט אויס אַ למדן, קריגט ער אַ חלק אין יענעמס תורה. דער מחזיק מאַכט דערמיט אַ בעסערען געשעפט, ווי דער לומד, ווייל דורך זיין ביסעל געלד, וואָס ער גיט, באַקומט ער אַ חלק אין דער תורה, וואָס דאָס איז נצחיות'דיגע ענינים.

„דער לומד קאָן דאָך אַליין ניט פאַרדינען, און דער מחזיק קאָן דאָך אַליין ניט לערנען דאַריבער מאַכען זיי שותפות, פונקט אַזוי ווי צוויי מענשען: איינער איז אַ גרויסער סוחר, האָט אָבער ניט קיין געלט, דער אַנדערער האָט יאָ געלט איז ער אָבער ניט באַהאַוענט אין עניני מסחר, קומען זיי ביידע צו־זאַמען און מאַכען אַ געמיינזאַמען עסק.

„אַזוי איז אויך ביים גוף מיט'ן נפש. דער גוף איז מפרנס דעם נפש און דער נפש איז מחיה דעם גוף צוליב דעם מזון חומרי פון גוף קאָן די נשמה קונה שלמות זיין אין תורה. דערפאַר וועט דער גוף אויפשטעהן תחית המתים, צוליב דעם אור התורה פון דער נשמה. כדי אויפצושטעהן תחית המתים מוז מען אָנקומען צו דער תורה. מצוות קאָנען מעהר ניט העלפען ווי מחיה זיין די נשמה — דעם נפש; אָבער לעבעדיג צו מאַכען דעם גוף מוז מען האָבען תורה — „כל מי שיש בו אור תורה, אור תורה מחייהו". אָהן תורה בלייבט דער גוף ליגען ווי אַ שטיין.

„אַז מען איז מחזיק לומדי תורה טהוט מען דערמיט ביידע זאַכען: אי תורה, אי חסד, ווייל בעוונותינו הרבים, גביר'ישע קינדער לערנען גאַנץ ווייניג אין די ישיבות. ווען דער רבונו של עולם זעהט, אַז אידען טהוען תורה מיט חסד, זאָגט ער, — מה דאָך די אידען, וואָס זיי אליין נויטיגען זיך אין חסד פון דעסט־וועגען טהוען זיי חסד מיט אנדערע, דאַרף איך, דער מקור החסד, געוויס טהאָן מיט זיי חסד. — ווערט דורכדעם נתעורר דער חסד למעלה. הערען אויף די

צרות מיט די גזרות מיט די אַלע נייע אָנשיקענישען, וואָס מאַכען חרוב דעם אידישען לעבען.

„ס'איז נאָך ווייניג, אַז אַ מענש היט זיך ניט צו טהאָן קיין עבירה, עס איז אויך ניט גענוג, אַז ער לויפט אפילו טהאָן אַ מצוה, דער עיקר איז זעהן קונה זיין תורה פאַר דעם נפש דורך אַליין לערנען, אָדער דורך העלפען אַנדערע צו קאָנען לערנען. אַ מענש דאַרף זעהן אויסצונוצען דאָס ביסעל צייט אויף דער וועלט נאָר אויף תורה.

„אין פּסוק שטעהט: „מי יעלה בהר ה' — אשר לא נשא לשוא נפשי". למשל איינער אַ יורד, לא עלינו, האָט באַקומען פון איינעם אַ הלואה פינף הונדערט רובל, כדי זיך דערמיט אויפצובויען און שטעלען זיך אויף די פיס. ס'איז אוועק אַ יאָהר איז דער מלוה געקומען מאָנען זיין חוב, געהט דער לוה צו צום קאַמאָד און נעהמט ארויס דעם זעלבען פינף־הונדערטער, וואָס יענער האָט איהם געליהען און גיט איהם אָפּ: נאַ דיר דיין געלד, איך האָב זיך אַפילו ניט צו געריהרט צו דעם, אָט אַזוי ווי דו האָסט מיר געגעבען, אַזוי ליגט עס ביי מיר די גאַנצע צייט — טענה'ט דאָך מלוה, „סטייטש, אויף דעם האָב איך דיר געגעבען אַזאַ קאַפּיטאַל געלד, אויף אַוועקצולייגען אין אלמער? איך האָב דאָך דיר געגעבען דו זאָלסט זיך אויפבויען און ניט אויף צו האַלטען אין קאָ־מאָד".

„אָט דאָס איז דער פּשט פון פּסוק, אַ מענש וועט קומען אַהין און וועט אָפּברייגגען צוריק זיין נשמה, זאָל שוין אַפילו זיין טאַקע אַ רייגע, גלייך ווי ער האָט איהר באַקומען אָהן קיינע פלעקען וועט מען איהם אויך מאָנען, היתכן, מ'האָט דיר געגעבען אַ נשמה צו האַלטען זיך מיט איהר אויף דער וועלט אָהן קיינע נוצען? דער עיקר איז דאָך צו קויפען תורה און ווערען אַ שטיקעל מענש און דו האָסט עס ניט געטהאָן. „אשר לא נשא לשוא" — דער וואָס האָט ניט געטראָגען אומזיסט זיין נפש. „לשוא" איז ניט נאָר דער טייטש פאַלש, נאָר אויך אומזיסט.

„דער מחזיק דאַרף זעהן צו שטיצען דעם תלמיד חכם מיט וואָס נאָר ער קאָן, זיין איבערגעגעבען פאַר תורה, אַזוי ווי אין זיינעם אַן אייגענעם עסק..."

דעם חפץ חיים, וועלכער האָט גערעדט זעהר שטיל, האָט דער געפּאַקטער עולם, טראָץ אַלע אָנשטריינגונגען, קוים געקאָנט הערען. אָבוואָהל ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, דאָך צוליב זיין קליינעם געוואוקס און געבויגענ־קייט פון עלטער און שוואַכקייט, האָט איהם דער עולם פון דער ווייטענס ניט אַרויסגעזעהן. האָבען אָנוועזענדע גבירים אויסגעטהאָן זייערע טייערע פוטערס, אויסגעלייגט זיי איינעם אויפ'ן אַנדערען אונטער'ן חפץ חיים'ס פיס, און דער צדיק האָט האַלב זיצענדיג און האַלב אָנלענענדיג גערעדט.

דעם טאָג וואָס דער חפץ חיים האָט געדיינקט צו פאַרלאָזען ביאַליסטאָק, האָט זיך דער וואיעוואָדע (גאָווערנאָר) טעלעפאָניש אָנגעפרעגט, וועלכע צייט דער חפץ חיים דיינקט אָפּצופאָהרען. האָט אויף דעם דער חפץ חיים געהייסען ענטפערען, אַז ער האָט נאָך ניט באַשטימט ריכטיג די צייט. וועלענדיג פאַר־מיידען פרסום און כבוד, איז ער אָפּגעפאָהרען צוויי אוהר פאַרטאָג. פון אחינו בני ישראל האָט ער זיך אָבער ניט געקאָנט אויסבעהאַלטען. פילע הונדערטער אידען זיינען דאָך אַרויסגעקומען דאמאָלט צום באַהן זיך מיט איהם צו געזע־געגנען.

מיט׳ן חפץ חיים זיינען דאַן מיטגעפאָהרען אויסער די רבי׳צין און אייניק־לאָך באַגלייטער אויך די באַוואוסטע רבנים ר׳ שמואל גריינימאַן און ר׳ ישראל יעקב לובצאַנסקי.

צו פאָהרען פון ביאַליסטאָק קיין ראַדין דאַרף מען אין וואָלקאָוויסק איבער־שטייגען פון דער פּאַלעסער באַהן, וועלכע געהט פון ביאַליסטאָק קיין באַראַ־נאָוויטש, אויף דער באַהן וועלכע געהט פון שעדליץ קיין מאלאדעצנע דורך ווילנא. פון איין ליניע איבערצוגעהן אויף דער אנדערער דאַרף נעמען אַ היבש ביסעל צייט. וועהרענד די שעדליצער באַהן וואַרט אויף דער ביאַליס־טאָקער אַ גאַר קליינע ווילע.

דעם חפץ חיים האָט מען אויסגעבעט און ער האָט זיך צוגעלעגט צו כאַ־פען אַ דרעמעל. די באַגלייטער אָבער האָבען זיך געזאָרט דעם גאַנצען וועג קוים וועט זיי ניט געלונגען איבער צו טראָגען דעם רבי׳ן (געהן אליין האָט ער שוין דאַן ניט געקאָנט) אין אַזאַ קורצער צייט, וועלען זיי דאַרפען זיצען און וואַרטען אין וואָלקאָוויסק ביז אויפצומאָרגענס אין אָוועגד אויף אַן אַנדער באַהן.

קומענדיג אַ וויאָרסט פאַר וואָלקאָוויסק האָט זיך די באַהן אָפּגעשטעלט, זי האָט נאָכהער ווייטער אָנגעפאַנגען צו קריכען, ביז זי האָט זיך צום ענדע אָפּגעשטעלט. האָבען די באַגלייטער זעהר שנעל געכאַפּט דעם חפץ חיים און אַראָפּגעגאַנגען, ווי אימער, אויף דער רעכטער זייט און געוואָלט זיך נעמען געהן דורכ׳ן וואָקזאַל צו דער אַנדערער ליניע, אָבער אין דער פינצטער האָבען זיי קיין סימן פון אַ וואָקזאַל ניט געזעהן, נאָר עטליכע טריט ווייטער אַ באַהן, וועלכע דער קאָנדוקטאָר האָט זיי געצייגט, אַז דאָס איז די שעדליץ־מאָלאָ־דעטשנער באַהן.

ווי זיי הבען זיך נאָכהער ערקונדיגט פון קאָנדוקטאָר איז ער שוין אויף דער ליניע פילע יאָהרען און יענעם אָבענד האָט עס צום ערשטען מאָהל פּאַסירט, אַז אַ טאָוואַרנער וואַגאָן (באַגאַזש באַהן) איז על פי טעות פריהער פאַרפאָהרען אויף דער ביאַליסטאָקער באַראַנאָוויטשער ליניע, און דורכדעם געשטערט די שפּעטער אָנקומענדע פּאַסאַזשיר באַהן פון ביאַליסטאָק צו פאַר־

פאָהרען אויף איהר געוועהנליכער ליניע, און האָט איהר געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען אויף אַן אַנדער ליניע אין שכנות פון דער שעדליצער באַהן.

אַט אַזוי פלעגט דער חפץ חיים פאָהרען — אָדער בעסער געזאָגט, אַזוי פלעגט מען איהם פיהרען . . . מן השמים . . .

כדי צו פאַרגרעסערען און מעהר פאַרשפּרייטען די טהעטיגקייט פון „ועד הישיבות" אין וואָהלינער געגענד, האָט דער חפץ חיים דאַן מסכים געווען אָפּצולייגען זיין געפּלאַנטע רייזע קיין ארץ־ישראל פאַר פּסח פון יאָהר תרפ"ה. עס איז פאָרגעקומען די באַריהמטע אספה אין ראָוונע, אין וועלכער ער האָט זיך דאַמאָלט באַטייליגט, י"א סיון תרפ"ה.

סג.

ביי דער אספה אין ראָוונע

לויט'ן פּלאַן פון ועד הישיבות האָבען די פאָלגענדע פיער „וואָיעוואודז־טווס" (גובערניעס) באַדאַרפט אָרגאַניזירט ווערען פאַר דיזער אויפגאַבע: ווילנע, בריסק (גראָדנע), ביאַליסטאָק און ראָוונע (וואָהלין). כדי צו אָרגאַני־זירען דעם וואָהלינער געגענד איז באַשטימט געוואָרען אָפּצוהאַלטען איינע פון די הויפּט אספות אין איהר הויפּט־שטאָדט, ראָוונע.

וואָהלינער געגענד האָט, ליידער, אין פאַרלויף פון פילע דורות כמעט ניט געוואוסט פון קיינע ישיבות. לומדות איז דאָרט געווען אַ זעהר זעלטענע ערשיינונג. איניגע פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען אין די יאָהרען פאַר דער וועלט־מלחמה דאָרט אַ וויכטיגע ישיבה צו גרינדען, אָבער אַלע מאָל אָהן ערפאָלג. עס האָט תמיד געפעהלט די פּאַסיגע פערזאָן צו באַשאַפען דעם פּאַסיגען סענטימענט און צו באַגינסטיגען דעם באָדען דערפאַר.

גליקליכערווייזע, אין די יאָהרען נאָך דער וועלט־מלחמה איז דער ישיבה־גייסט אויך דורכגעדרונגען וואָהלין. אין זוויהיל, קאָרעץ, לוצק זיינען געגרינ־דעט געוואָרען ישיבות.

זעהענדיג ווי די גדולי הרבנים והצדיקים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין זייער געגענד אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָבען זיי אַזוי ווי קינדער דערגריי־כענדיג די עלטער פון רייפקייט, זיך דערפיהלט מוטהיג צו פאָדערען זעלבסט־שטענדיגקייט.

דער פּאָלטאַוועער עילוי ר' יואל שארין ז"ל דער ראש ישיבה פון זוויהיל, נאָכהער קאָרעץ, האָט דאַריבער לכתחילה געפאָדערט, אַז וואָהלין זאָל בלייבען אונאָפּהענגיג פון ווילנע. ער האָט מציע געווען, אַז וואָהלין זאָל זיך באַטייליגען אַלס אַגלייכער שותף אָנצופיהרען די אַקציע, וועהרענד דאָס פאַרטיילונג פון די געלדער, און דאָס באַשטימען דעם סטאַטוס און פּראָגראַם פון אַ ישיבה זאָל איבערגעלאָזען ווערען צום ו ע ד אין וואָהלין.

הרב שארין האָט געגעבען אָנצוהערען, אַז אויב וואָהלין וועט אַריבער־שטייגען מיט איהר תורה די אַזוי געררופענע ליטא און פּוילען דאַרפען דאַן אַלע זיין צופרידען. און האָט עס ערקלערט מיט אַ משל: אַ סוחר, וועלכער האָט צוויי געשעפטען, איינעם אין לאָדז, דעם אַנדערען אין ביאַליסטאָק, אויב דער געשעפט אין ביאַליסטאָק איז מעהר ערפאָלגרייך, ווי דער אין לאָדז, וועט זיין „פּריקאַזשציק" (אָנגעשטעלטער) אין לאָדז זיך ניט פרעהען, אויב

ער איז אַ פרעמדער. אַנדערש איז אָבער, אויב ער איז זיינער אַ זוהן, דאַן וועט ער האָבען פון דעם גרויס שמחה.

כדי צו פאַרמיידען ווייטערע רייבונגען און צו קאָ־אָרדינירען און צעמענ־טירען די פאַראייניגטע כחות, האָט זיך דער חפץ חיים אויפגעשטעלט און ער־קלערט זיין שטאַנדפונקט קעגען „סעפּעראַטיזם" אָדער „ליזע" שותפות. ער האָט דאַן צווישען אַנדערעס באַמערקט בזה הלשון: „כל ימי ב"ה האָב איך זיך געהיט פון לשון הרע, רכילות און אבק לשון הרע ובפרט פון מחלוקת. בע"ה איך האָב געמאַכט וועגען דעם ספרים אויך. זאָג איך אייך דאַריבער, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס זאָל קאָנען ברענגען צו מעהר לשון הרע און מחלוקת ווי אַזאַ שותפות. נאָר מיט געמיינזאַמע פאַראייניגטע כחות קאָנען מיר מצליח זיין."

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע האָבען זיך אונטערגעוואָרפען דעם חפץ חיים'ס מיינונג, און ס'האָט זיך געשאַפען די נויטיגע האַרמאָניע פון אהת ואהב בסופה.

ביי דער אספת הרבנים זיינען אַנוועזענד געווען פילע הונדערטער רבנים פון נאָהענט און וועיט. זיי זיינען דעמאָלט געקומען הויפּטזעכליך צוליב דער גרויסער צוציהונגס־קראַפט — דער אַלטער חפץ חיים. דער לעצטער איז שוין דאַן געווען זעהר שוואַך. מען האָט איהם אַוועקגעזעצט אויבענאַן. יעדער איי־נער האָט זיך געשטופּט צו געבען שלום־עליכם דעם גרויסען רבי'ן. דעם חפץ חיים'ס אַן אייניקל האָט פאַרגעשטעלט פאַר איהם יעדען רב באַזונדער: „דאָס איז דער רב פון דער שטאָדט און דער, דער רב פון יענער שטעדטעל", און אַזוי ווייטער. דער חפץ חיים האָט מיט אַ ליכטיגען שמייכלענדיגען פנים יעדען אייגעם געדריקט די האַנט און געשעפּטשעט אַ ברכה בעת מעשה. ווען ס'איז געקומען צום לעצטען און זיין אייניקעל האָט איהם פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז דער באוואוסטער רב פון יענער שטעדטעל, האָט דער חפץ חיים, אָנ־נעהמענדיג דעם לעצטענ'ס האַנט, זיך אוועקגעשטעלט און אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל האָט ער געזאָגט: „אונזערע חכמים לערנען אונז, אז די הימלישע רעגירונג פיהרט זיך אַזוי ווי א רעגירונג אויף דער ערד. א קעניג, א בשר ודם, האָט זיינע גרויסע באאמטע אין די גרויסע שטעדט און אין די קליינע שטעדטלעך האלט ער אַן איינפאַכען פאַרשטעהער, למשל, א גובער־נאַטאָר אין א גרויסער גובערניע, א ספּראַווניק אין א גרויסער שטאָדט, א פּריסטאַוו — אין א קלענערער שטאָדט און אַן אוראַדניק אדער פּראָסטען סטראַזשניק (פּאָליסמאַן) אין א קליינער שטעדטעל, אָבער דו, רבונו של עולם, מיט דיין תורה, זעה, ס'א גרויסע און וויכטיגע באאמטע דו האָסט, אַזעלכע שעהנע אידען, לומדים גדולים און צדיקים אין אזעלכע קליינע שטעדטלעך, אלע זיינען דאָך דיינע פאַרשטעהער, דיינע באַי־כח, און די פון דיין תורה, ס'א כבוד שמים!"

אַדרעסירענדיג די פאַרזאַמלונג, האָט דאַן דער חפץ חיים גערעדט וועגען די אפיקורס׳ישע ספרי למוד אין די מאָדערנע שוהלעס און האָט אומגעפעהר געזאָגט אַזוי:

„איך האָב דאָ נישט לאַנג געזעהן אַ ביכעל פון היסטאָריע, וואָס מען לער־נט מיט די קינדער, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז מסתמא אַ היסטאָריע פון אַפריקאַ, אָדער אַמעריקאַ, ערשט איך עפען אויף, זעה איך, אַז ס׳איז כולו אַפיקורסות.

אַט נעמט דעם ספור התורה וועגען דער עקידה:

מיר וויסען אַלע דעם ענין: איינמאָל געקומען אַ מלאך, נאָכאַמאָהל אַ מלאך און נישט דערלאָזען אברהם אבינו מקריב זיין יצחק׳ן פאַר אַן עולה, אָבער זיי זיינען מעתיק, אַז דאָס האַרץ האָט איהם נישט געלאָזען, — נישטאָ קיין מלאך וואָס האָט נישט געלאָזען, נישטאָ קיין מלאך וואָס האָט איהם מבטיח געווען „הרבה ארבה את זרעך״, איהר פאַרשטעהט אַן עסק, מען האָט זיך פאַרנומען אויסצוואָרצלען פון די קינדער די גאַנצע אמונה.

די גאַנצע תורה מאַכען זיי אויף דעם שטייגער. אַלע וויסען ווי אַזוי דער רבש״ע האָט אַרויסגענומען די אידען פון מצרים, ער האָט געשפאָלטען דעם ים, דורכגעפיהרט די אידען אין דער טריקעניש און די מצריים האָט ער דער־טרונקען אין ים, אָבער זיי זיינען גאָר מעתיק, אַז די מצרים האָבען נאָכגעיאָגט די אידען ביז׳ן ברעג ים און דאָרט האָבען זיי געכאַפּט די מפּלה.

אויף וועלכען אופן האָבען זיי געכאַפּט די מפלה, און וואָס פאַר אַ מפלה? פון דעם איז גאָר נישטאָ קיין וואָרט. טאָ וואָס קאָן דאָס קינד אַרויסנעמען פון אַזאַ לערנען? פון וואַנען זאָל דאָס קינד שעפּען אמונה?

דער ענין פון מילה איז דאָך אַ יסוד פון כריתות ברית, און אין זייער היסטאָריע פעלט דאָס גאָר אין גאַנצען.

די מעשה פון יעקב׳ן מיט לבן׳ען ווי אַזוי מען האָט לבן׳ען אָנגעזאָגט אין חלום, ער זאָל זיך אָנדערש באַגעהן מיט יעקב׳ן, זענען זיי מעתיק, אַז לבן׳ען האָט זיין געוויסען נישט געלאָזען אַזוי פיעל צו בע׳עולה׳ן יעקב׳ן, ער האָט מיט אַ מאָל באַקומען די מדה פון בושה, אַ נייער בושת פנים, לבן הארמי!...

די מעשה מיט די עשר מכות פעהלט ביי זיי אין גאַנצען. אויך וועגען עמוד ענן און עמוד אש וועלכע האָבען געפיהרט די אידען אין דער מדבר, ליכטיג מאַכענדיג פאַר זיי דעם וועג, איז גאָר ביי זיי קיין זכר נישטאָ.

דער פאָטער מיינט אַז ער האָט אוועקגעגעבען זיין קינד אין חדר, און ער וויס גאָרנישט אַז דאָרט האָדעוועט מען איהם אויס פאַר אַ גוי, אָהן אמונה, און אָהן תורה. אַ איד דאַרף וויסען וואוהין ער שיקט זיין קינד לערנען. עס איז זעהר ביטער אויב מען ווייסט נישט צו וועמען אין די הענט מען גיט אָפּ די קינדער.

דער כלל איז, אַז אָהן אמונה איז דער מענש אין גאַנצען אַ פוסטע זאַך. דער טאטע קאָן זיך זיין אַ שעהנער איד, אַ מאמין, וואָס פאַר אַן אויסזעהן האָט אָבער זיין זוהן?״

אויסער פאַר החזקת תורה האָט דער חפץ חיים דאמאלט פערזענליך זעהר פיעל געארבייט כדי צו פארשטאַרקען דאָרט דאָס אָפּהיטען פון שבת. ער האָט זאגאר געווירקט אויף די שעהרערעס (בארבערס) זיי זאָלען האַלטען פאַרמאַכט שבת, און האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע דרשה אויפפאָדערינדיג צו זיין ארגאַ־ניזירט און פאַראייניגט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון שמירת שבת.

זיינע ווערטער זיינען געווען:

„שבת איז דאָס האַרץ פון אידענטום, פריהער פון אלץ מוז מען דאָס האַרץ שטאַרקען.

„עס פאַסירט אַז דאָקטוירים קומען זיך צוזאַמען ביי אַ חולה וועלכער איז קראַנק אויף אלע אברים. יעדער דאָקטאָר זוכט אַ רופאה צו דער מחלה אויף וועלכער ער איז אַ ספעציאליסט. רופט זיך אָפּ אַן עלטערער דאָקטאָר צו זיינע קאלעגען, — זעהט איהר דען ניט אַז דער פולס איז ביים חולה זעהר שוואַך, דאָס צייגט דאָך דעם געפּהערליכען צושטאַנד פון זיין האַרץ, איז דאָך דאריבער פריהער פון אלץ דרינגענד צו טראַכטען מיטלען ווי אזוי צו פאַרשטאַרקען זיין האַרץ, אנדערש וועט קיין פעולה ניט זיין פון אלע אנדערע רפואות.

„כך אזוי איז עס מיט אונז. מיר זיינען בעוה״ר קראַנק אין גייסטיגען זין. אונזער רוחניות׳דיגע רופאים זוכען רפואות פאַר די פארשידענע מחלות פון וועלכע עס ליידעט דער אידישער ארגאניזים. צום ערשט אָבער מוז מען היילען דאָס האַרץ — שבת, וועלכער איז דער יסוד פון דער אידישער אמונה. אָהן שבת קאָן ניט זיין קיין אידישקייט, — המחלל שבת בפרהסיא כאילו עובד עבודה זרה.

„ביי יעדער בעל מלאכה אָדער סוחר, הייגגט אַ שילד (סיין) אין פראָנט פון זיין וואַרשטאַט, אָדער קראָם צו באַקאָנט מאַכען זיי באַשעפטיגונג. כל זמן עס הייגגט די שילד, איז אפילו אויב דער בעל מלאכה פאָהרט אַוועק אויף עטליכע טעג, ווייס מען אַלץ, אַז דאָ וואָהנט דער בעל מלאכה, ווייל די שילד בלייבט. אָבער ווען מ׳נעמט שוין אַראָפּ דעם שילד, איז אַ סימן, אַז דער בעל מלאכה האָט זיך שוין איגגאַנצען ארויסגעקליבען פון דאָרטען.

„כי אות היא ביני וביניכם — שבת איז אַ אות, אַ צייכען, אַ שילד, אַז דער רבונו של עולם וואָהנט ביים אידען אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה, אין זיין הויז. אפילו ווען אַ איד פאַרפעהלט עפּעס, ער דערוויטערט זיך פון דער תורה, דאָך כל זמן אָט דער צייכען — שבת — הייגגט איבער איהם איז נאָך אַלץ דער רבונו של עולם נאָהענט צו איהם, ער איז נאָך אַלץ אַ איד. נעמט ער

אָבער אַוועק דעם סימן, די שילד, וואָרפט ער אַרויס דעם שבת פון זיין היים, באַווייזט ער, אַז דאָס אידישקייט פאַרשוואונדט גלייכצייטיג פון איהם.

„די תורה האָט פילע מאָל מזהיר געווען וועגען שבת. אַלע נביאים האָבען מוכיח געווען וועגען שבת. ביי קיין עבירה געפינט מען ניט, אַז השם יתברך אַליין זאָל זיין דער דיין אויף צו פאַר׳משפט׳ן דעם עובר, נאָר בלויז פאַר חילול שבת, ביים מקושש, און פאַר גאָט לעסטערונג — מגדף.

„דער עונש פאַר חלול שבת איז דער גרעסטער — סקילה, אָדער כרת פאַר זיך און זיינע קינדער.

„אַזוי איז אויך די ברכה פון שמירת שבת די גרעסטע. זי איז די ערשטע ברכה אין דער תורה, „ויברך אותו״. דער פסוק זאָגט אויך: „ראו כי ה׳ נתן לכם את השבת״ — זעהט מיט אייערע אייגענע אויגען, אַז דער שבת און זיין הייליגקייט איז אַ קוואַל פון ברכה, פאַר פרנסה. פרייטאָג איז געפאַלען דער מן פאַר שבת אויך.

„איך וואָלט וועלען פרעגען יעדען אידען באַזונדער, מילא זיך אַליין ביזטו מפקיר, וואָס האָסטו אָבער צום כלל ישראל? קיינער, דוכט זיך, וויל ניט בכיוון גורם צו זיין אַ רעה צו אַנדערע. וויפיל שלעכטס פאַראורזאַכט מען צום כלל ישראל דורך חילול שבת. וואָרום פאַרוואָס זיינען טאַקע היינט פאַראַן אַזויפיל צרות ר״ל, אַזעלכע, פון וועלכע מ׳האָט פריהער קיינמאָל ניט געוואוסט? פאַרוואָס קומט טאַקע ניט משיח, טראָצדעם וואָס ס׳איז שוין מקוים געוואָרען אַלע סימנים פון דער צייט, „כלה פרוטה מן הכיס״, עס איז שוין נתרבה געוואָרען „בזיזי בתר בזיזי״, די תלמידים זיינען נתמעט געוואָרען א. א. וו.? מען דערלאָזט, ליידער, ניט ער זאָל קומען!

„אין עזרא׳ס צייטען איז דער דור ראוי געווען צו אַזאַ גאולה ווי ביי יציאת מצרים, לויט׳ן מיינונג פון די חז״ל. למעשה האָט אָבער געדויערט איבער דרייסיג יאָהר ביז זיי זיינען צוגעקומען צו עפּעס אַ ממשלה. פאַרוואָס? ווייל ס׳זיינען געווען דריי הונדערט נושאי נשים נכריות צווישען פערציג טויזענט, וואָס דאָס באַטרעפט אפילו ניט קיין איין פראָצענט, פונדעסטוועגען איז עס באַטראַכט געוואָרען אַלס פלעק אויפ׳ן גאַנצען פאָלק, טראָצדעם וואָס פילע פון זיי האָבען פאַרלאָזען זייערע פרעמדע פרויען. איז זיך שוין לייכט פאַר־צושטעלען ס׳א פלעק עס מאַכען די מחללי שבת, — וועלכע זיינען היינט פיל מעהר ווי איין פראָצענט — אויפ׳ן כלל ישראל!

„אידען ווערען געהאַלטען פאַראַנטוואָרטליך איינער פאַר׳ן אַנדערען, „כל ישראל ערבים זה לזה״, מיר האָבען מקבל געווען „על בנינו ועל דורותינו ועל כל דורות זרע ישראל״. ביי שבת איז זאָגאַר די ערבות פיל גרעסער ווי פאַר אַנדערע זאַכען. עס איז דאָך אַ גרויסער אונטערשייד צו איינער איז ערב אויף אַ ביסעל געלד, צו איינער איז ערב מיט זיין גאַנצען אייגענס און אויף

זיין גאַנץ לעבען — ווי עס איז דער פאַל מיט שבת. דער עונש פאַר ניט מוחה זיין איז גרויס . . .

„דעם מענשענס כבוד און גליק ווענדעט זיך אָן דעם, וויפיל ער האָט מכבד געווען די תורה, „כל המכבד את התורה גופו מכובד". ווען דער מענש וועט קומען אויפ'ן עולם העליון, וועט ער דאָך געוויס וועלען, אַז מען זאָל איהם עטוואָס מכבד זיין, לכל הפחות ווי אַ פשוט'ן מענשען, וואָס וועט ער אָבער ענטפערען, ווען מ'וועט איהם אַ פרעג טהאָן: „אם אב אני איה כבודי ?" האָסט געגעבען דיין פּראָטעסט פאַר חילול שבת, ניט מיט בייזען, אָבער זאָגען יענעם מיט גוטען, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיך, אויפ'ן כלל ישראל און ניט מחלל שבת זיין ?

„אַז מען פועל'ט ביי איינעם, אַז ער זאָל פאַרמאַכען זיין געשעפט פרייטאָג פאַרנאַכט, איז דאָך עס אַ גרויסער זכות, אַזוי ווי עס שטעהט „עתידה בת קול שתצא ותאמר מי שפעל עם אל יבא ויטול שכרו".

„מיר געפינען ביי אלקנה'ן, אַז דאַריבער האָט ער זוכה געווען צו האָבען אַ זון ווי שמואל, וועלכער איז געווען שקול ווי משה און אהרן, ווייל ער פלעגט יעדען יאָהר געהן עולה רגל צו זיין מיט אַן אַנדער וועג, כדי צו קאָנען דער־וויל צורעדען און מיטנעמען אַלעמאָל אַנדערע אידען עולה רגל צו זיין. האָט השי"ת געזאָגט, בזכות דעם וואָס דו ביזט מכריע מיינע קינדער לכף זכות, וועל איך דיר געבען אַ זון, וועלכער וועט מכריע זיין דעם גאַנצען כלל ישראל לכף זכות. דאַרף דאָך יעדער איד וועלען נעמען אַ חלק אין אַזאַ זאַך. אידען וועלען דאָך אי"ה אין גיכען זיכער דאַרפען נאָך נביאים, אפשר וועט ער זוכה זיין, אַז זיינער אַ זון וועט זיין אַ נביא און אפשר ער אַליין !

„ביי גאולת מצרים האָבען דאָך אידען אין ניין און פערציג טעג זוכה געווען זיך צו דערהויבען פון אַ מצב פון חומר ולבנים צו ווערען נביאים. מיר געפינען, אַז ביים קלייבען די שבעים זקנים האָט אַ גאַנצער שבט פאַראיבעל געהאַט, אויב מ'זאָל ביי איהם פאַרפעהלען אַ נביא.

„וועגען משיח'ס־צייט (עקבתא דמשיחא) ווערט געזאָגט: וצרפתים כצרוף את הכסף ובחנתים כבחון את הזהב. עס מוז זיין א צירוף אחר צירוף, א בחינה אחר בחינה. עס מוז קלאָר אַנאַליזירט ווערען און געגעבן באַקאַנט ווערען וויפיל פּראָצענט אידישקייט עס געפינט זיך ביי יעדען איינעם אין האַרצען. אויב עס וואָלט ניט געהערשט אַזאַ הפקרות ווי איצט וואָלט דאָך אַזאַ צושטאַנד אומעגליך געווען אויסצוגעפינען. ווייל עס קאָן זיין אָבוואָהל אין האַרצען וויל איינער זינדיגען, שעמט ער זיך, אָדער האָט מורא עפענטליך אַזוי צו טהאָן. דאַגעגען ווען די וועלט איז הפקר און אַלץ איז פאַרקערט, ווען איינער, למשל, לייגט תפילין, היט שבת, אָדער איז מקיים אַ מצוה, לאַכט מען פון איהם און אָפטמאָל איז מען איהם זאָגאַר מבזה, און דעם פרייען אָדער דעם

רשע טיילט מען צו כבוד, — ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אויב טראָצדעם בלייבט איינער אַ איד און האַלט זיך ביי דער תורה, צייגט ער אויסדריקליך זיין מדרגה אין אידישקייט.

„היינטיגע צייטען, ווען דאָס אידענטום ווערט אַטאַקירט פון אַלע זייטען, אונטערדריקט און ליידט פון עול מלכות, ווערט געשענדעט פון די כופרים און אָפּגעשפּאָט פון די אפיקורסים — אויסער דעם וואָס יעדער איינער ליידט פון זיין יצר הרע, — איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די יעניגע, וועלכע פאַרבלייבען טרייע אידען, טראָץ אַלע ביטערע ערפאַהרונגען און נסיונות, וועלען זיין פון די יחידי סגולה, די אויסדערוועהלטע, וועלכע וועלען בעת משיח וועט קומען זוכה זיין צו רוח הקודש. ואת רוחי אשפוך על כל בשר."



הרב ר׳ נפתלי צבי טראָפ זצ״ל

בעה"י ערב חג השבועות תרפ"ו ראדין

גמח"ט לכבוד ידידי הרב הגאון יו"א יקר ונעלה
כש"ת מוה"ר משה מאיר שליט"א ולמע"כ שיחי'
אוהבו נאמן

אחדשה"ט ואחר הסכמה עולם כי תהי' בהצלחה
עליהן במעלות הכשנית ברוח ובנפש כראות נפשו
ויחזק ה' את רוחו שיעסק ויהי' העדה בדרך
הסולה שהלכו בה אבותינו תמיד ויהי' לגופו
עדה כישראל השם יתן לו בזה כשמי
ויחשב יהלום שיחי' רמזה עקור התורה
ודרשה אשר הרוצה בזה התשורה ואתם
ה' ולמשפחתו יעזור ה' כל משאלות לבו לטובה
כנפש אוהבו מרדכי נפתלי בן טראפ

א ווינטש בריוו פון דעם גאון רבי נפתלי טראפ זצ"ל צו

דעם מחבר ארויפגעהענדיג אויף א רבנות שטעלע

סד.

ר׳ נפתלי

פינף און צוואַנציג יאָהר (תרס״ד־תרפ״ט), האָט דער באַריהמטער גאון ר׳ נפתלי צבי טראָפּ, מרביץ תורה געווען אַלס ראש מתיבתא אין דער „ישיבת חפץ חיים״. במשך פון אָט דער צייט האָט ער מחנך געווען טויזענדער תלמידים. אָריגינאַל און אייגענאַרטיג איז געווען זיין דרך הלמוד. מיט זיין שאַרפע און טיפע קאָפּ, מיט זיין גרינדליכקייט און סאָבטעל־דקות׳דיגע הבנה איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון פלפולים און פשט׳לאַך. ער פלעגט זאָגען: „מיר זאָגען ניט קיין נייע תורה, מיר ווילען בלויז פאַרשטעהן די אַלטע תורה״. זיינע חדושים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קלאָרקייט און לאָגישקייט. ער איז געווען דער גרויסער מחדש און בעל הבנה, ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געאיילט צו מאַכען תורה. מ׳פלעגט איהם כמעט שטענדיג טרעפען אַ פאַרטראַכטען. יעדען חידוש, וועלכען ער האָט אַרויסגעבראַכט האָט ער עס שווער און לאַנג אין זיך אויסגעטראָגען און אויסגעהאָרעוועט. ער פלעגט טעג און נעכט און אַמאָל וואָכען, זיך באַשעפטיגען מיט איין ענין. צייטענווייז פלעגט ער אַרומוויקלען דעם קאָפּ מיט אַ נאַסען האַנדטוך און טראַכטען וועגען אַ געוויסע קשיא גאַנצע טעג. זיין עמלות בתורה איז ווירקליך געווען אין לשער. האָבענדיג אַלץ נאָכגעטראַכט און איבערגעטראַכט, דורכגעקלערט און איבערגעערדט, דאָ אַראָפּגענומען און דאָרטען צוגעלייגט, דאָ אַ שליף געטהאָן און דאָרטען צוגעפּוצט, און ווען עס האָט שוין אַלעס געשיינט צו זיין פּערפעקט, ערשט דאַן פלעגט ער עס באַנוצען אַלס שעור (תלמודישע לעקציע אָדער אָפּהאַנדלונג) פאַר זיינע תלמידים.

קוים איז איהם געלונגען אויפצוקלערען אַ קאָמפּליצירטען און שווערען ענין, פלעגט דאַמאָלט זיין שמחה זיין זעהר גרויס. אַ באַגייסטערטער פלעגט ער אינמיטען נאַכט לויפען אַנזאָגען די בשורה צו זיינע נאָהנטע תלמידים.

אין איינקלאַנג מיט׳ן חפץ חיים׳ס וואונש, פלעגט ר׳ נפתלי, זיינע שעורים אין דער ישיבה איבערזאָגען צוויי מאָל אין באַזונדערע טעג, כדי די בחורים זאָלען אינצווישען האָבען אַ געלעגענהייט גענוי אַ דורכצוטראַכטען אַלע ענינים

---

1) עהנליכעס ווערט איבערגעגעבען אינ׳ם נאָמען פון גאון הדור ר׳ חיים הלוי סאָלאָווייטשיק זצ״ל: „מחדש זיין חדושים איז ניט פאַר אונז. דאָס האָבען נאָר בכח געהאַט די ראשונים ז״ל. אונזער אַרבייט איז בלויז צו פאַרשטעהן דאָס וואָס ס׳שטעהט״. (הקדמה צום מאסף „אהל תורה״ הרב א. ב. וואַסערמאַן).

און זיין פארברייטעט צו מאַכען אַלע נויטיגע הערות. זעלבסט פארשטענדליך אַז דאָס האָט געהאַט אַ היבשע ווירקונג אויף דעם פאָרשריט פון די תלמידים.

אָפטמאָל פלעגט ר׳ נפתלי, אריינגעמען זיינע תלמידים אין זיין לעהר צימער (באקאנט עד היום אלס „ר׳ נפתלי׳ס שטיבעל״), וועלכער איז געווען אַ סאָרט גייסטיגער לאבאראטאריום און דאָרט זיי ציינען ווי אזוי זיינע שעורים פלעגען געשאַפען ווערען.

ער פלעגט זיי באַקאַנען מיט די עלעמענטען און מאטעריאל פון וועלכע ער פלעגט זיינע תורה־בנינים אויפבויען. ער פלעגט ראשית כל דורכלערנען מיט זיי צוזאַמען די גמרא און פלעגט בעת מעשה ברייגגען דערצו אז זיי אליין זאָלען זיך אָנשטויסען אויף די אונגלאַטע שטעלען און דערשפירען די אויבער־פלעכליכע אונגלייכקייט, אַז זיי אליין זאָל עפעס אהרען, עפעס קשה זיין אין דער באטרעפענדער סוגיא. דערנאָך פלעגט ער דורכלערנען די הויפט מפרשים אויף דער סוגיא, די ראשונים און אחרונים און נאַכהער דורכקוקען די פוסקים מיט זייערע נושאי כלים. עס פלעגט זיך פיעל מאָל ארויסווייזען אז לויט ווי ער האָט איינגעלערענט אין דער אָדער יענער גמרא, אין דעם אָדער יענעם ראשון, ווערט עפעס אזוי ווי פון זיך זעלבסט אלץ קלאָר און פאַרשטענדליך און אַסך קשיות ווערען ממילא באַזייטיגט 2).

אזוי פלעגט דער רבי פאַר זיינע תלמידים ענטפלעקען די יסודות היצירה פון תלמודי׳שען חדוש, זיי לערנען ווי אזוי יעדען ענין צו אנאליזירען און תמיד זוכען צו באַגרינדען יעדער סברא אויף געזונטע ראיות והוכחות . . .

זיין טיפע און שטאַרקע לאָגיק האָט ר׳ נפתלי, ענטוויקעלט פון זיין פריהס־טע יוגענד. געבאָרען געוואָרען איז ר׳ נפתלי, י״ג חדש ניסן תרל״א, צו זיין פאָטער ר׳ משה און מוטער נעשע, אין גראדנע. שוין אלס יונגער בחור׳ל האָט ער געקלונגען מיט זיין שאַרפקייט און עמקות, מיט זיינע ברילאנטענע מדות און נאָבעלען כאראַקטער. זיין ערשטער און ווירקזאַמסטער רבי איז געווען זיין פאָטער, וועלכער איז געווען ראש ישיבה אין גראָדנע, און איז דאָרט באַריהמט געווען מיט זיין גרויסע לומדות און צדקות.

ר׳ משה׳ס עניוות איז ממש געווען אויסערגעוועהנליך. ער פלעגט זיך

2) זיין הנהגה איז געווען אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס הגאון הנצי״ב ז״ל האָט אַמאָל באַמערקט: „ווען דער רמב״ם וואָלט זיין „יד החזקה״, — אַנשטאָט זיך אָפצוזונדערן מיט זיך אַליין פאַר צעהן יאָהר צייט — געשריבען אין קאָמפאַניע פון חברים און תלמידים וואָלטען דאַן בלי שום ספק אַלע זיינע ווערטער געווען קלאָר און פעלזען־שטאַרק. עס וואָלט ניט מעגליך געווען קיינע השגות אָדער סתירות״ (זעה „מקור ברוך״ להרב עפשטיין, זייט 1766). זעה אויך ציטאַטע פון מהרש״א סוף פרק ששי חה״ל סנהדרין: „פון דאנעט ביז׳ן סוף פרק וועל איך ניט פאַרעפענטליכען, ווייל איך האָב עס ניט געלערנט, זייענדיג אין די ישיבה (מיט די תלמידים), האָבענדיג געווען אויפ׳ן יריד אין לובלין״. ד. ה. ער האָט געהאַט חדושים אָבער ער האָט זיי ניט געהאַלטען פאַר גוט, ווייל ער האָט זיי ניט מחדש געווען בלמוד התלמידים. אזוי פלעגט זיך אויך נוהג זיין דער מהרש״ל. **יעדער סוגיא דורכגעהן מיט זיינע חברים און תלמידים.**

פערזענליך באַטראַכטען אלס פשוט׳ער איד אַ יודע ספר און האָט מיט זיך קיינ־מאָל קיין וועזען ניט געמאַכט. זיין אַנטלויפען פון כבוד וגדולה איז געווען אויסטערליש. ס׳איז אזוי ווייט געקומען, אַז די רבנים אין גראָדנע, האָבען איינמאָל באַשלאָסען איהם דורכ׳ן בית־דין שמש אָפיציעל לאָזען וויסען אַז ער (ר׳ משה) איז אַ גרויסער למדן . . . די איינציגע זאַך מיט וועלכע ר׳ משה האָט זיך ערלויבט צו שטאָלצירען איז געווען זיין זון ר׳ נפתלי. גרויס איז געווען זיין תענוג ווען ער פלעגט, לערנענדיג מיט זיין ליבען בחור׳ל, זעהן ווי אָט דער קליינער תלמיד חכם פאַרמעסט זיך צו שווימען אינ׳ם ים התלמוד כאחד הגדולים.

ביי זיין פאָטער האָט ער געלערנט ביז נאָך זיין בר מצוה. ווען ער איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר, אין יאָהר תרמ״ו, איז ער אַוועקגעפאָהרען לערנען אין דער ישיבה אין קעלם. פון דאָרט איז ער אין יאָהר תרמ״ח געקומען לערנען אין דער ישיבה אין סלאָבאָדקע. לאַנג איז ער דאָרט ניט געווען. ער איז אַוועקגעפאָהרען לערנען קיין טעלז ביים גאון ר׳ אליעזר גאָרדאָן.

אין יאָהר תרמ״ט, איז דער באַריהמטער גאון ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויץ (ר׳ איצעלע פענעוועיזער), אויפגענומען געוואָרען אלס ראש ישיבה אין סלאָבאָדקע.

ר׳ איצעלע איז פאַררעכענט געווען אין עמקות דער צווייטער גדול צום גאון הדור ר׳ חיים בריסקער זצ״ל. זיין שיטה אין לערנען איז טאַקע אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס עהנליך צו דער פון ר׳ חיים׳ן. ער האָט באַזעסען אַ זעלטענעם פלינקען כח מחדש צו זיין חידושי תורה. ס׳איז כמעט ניט געווען קיין אָרט אין דיביידע תלמודים (בבלי און ירושלמי) וואו ער האָט ניט געהאַט קיין תורה נייעסען אויפגעטהאַן און קלאָר געמאַכט שווערע ענינים. זיינע סברות זיינען שטענדיג געווען געבויט אויפ׳ן געזונדען שכל און לאָגיק. ער פלעגט זיך מעמיק זיין אין יעדער תלמוד׳ישער סוגיא און פון יעדער שקלא וטריא אַרויסנעמען די חלקי הבונה וחלקי הסותר, און מיט לאָגישער הבנה פלעגט ער יעדען ענין געענוי אַנאַליזירען און אַזוי פאַנאַדערגלידערען ביז ער האָט דערגרייכט דעם הויפט־יסוד און האָט ווי אַ וואונדערבאַרער עקספערט אויפ־געבויט אַ גראַדען וועג צו דער מסקנה — די הלכה.

אַ דאַנק ר׳ איצעלע׳ס גרויסקייט איז די סלאָבאָדקע ישיבה אַרויפגעשטיגען אויף איהר גלאָררייכער הויכקייט. ר׳ איצעלע׳ס גאונות׳דיגע שעורים, זיין צוגעטאָנענקייט און חבר׳שאַפט מיט די תלמידים האָבען אַזוי ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט צוגעצויגען די עלויים און בעלי כשרונות פון אַלע אַנדערע ישיבות.

דער יונגער נפתלי, וועלכער איז שוין דאַן אַלט געווען 18־19 יאָהר און געווען דער ליבלינג פון די גדולי התורה אין עולם הישיבות, איז צוריקגע־קומען קיין סלאָבאָדקע וואַהרשיינליך אין יאָהר תר״ן, כדי צו זעטיגען זיין

אינערליכען דורשט פון אַט דעם רבי'ן, וועמעס חידושים האָבען אַזוי ווי ליכטיגע שטערענס באַלויכטען פאַר איהם פילע אונענדליכע וועלטען פון דער תורה.

נפתלי גראָנער האָט זיך צוגעבונדען מיט לייב און זעעלע צום ראש ישיבה און איז שנעל געוואָרען דער מצוין פון זיינע תלמידים. ער האָט מיט אַ זעלטענער פּינקטליכקייט נאָכגעפאָלגט זיין געניאַלען רבי'ן און איז אין אַ קורצער צייט אויסגעוואָקסען אַלס גוואַלדיגער עמקן און אייגענאַרטיגער בעל הבנה אין לערנען.

אין יאָהר תרנ"ד האָט דער מנהל רוחני פון דער סלאָבאָדקער ישיבה, דער באַוואוסטער צדיק ר' נטע הירש פינקעל איהם אויסגעקליבען אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער מרים. דער זיווג איז אָבער נישט געווען קיין באַשערטער. זי איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען אַלס כלה. דער חתן האָט זיך לכתחילה שטאַרק גענומען צום האַרצען דעם פאַרלוסט, זיך געפיהלט זעהר צובראָכען און אומעטיג. ער האָט אָבער געפונען טרייסט און ווידער אויפ־לעבונג אין זיין התמדה און פאַרטיפונג אין לערנען.

אַ יאָהר נאָך דעם האָט ער זיך משדך געווען מיט דער טאָכטער פון באַוואוסטען צדיק ר' אליעזר יעקב חוואַס, מיט וועמען ער האָט געהייראַט י"א תמוז תרנ"ה.

ר' נפתלי איז אויך געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער, דייטשער און העברעאישער השכלה־ליטעראַטור. דאָס אַלעס האָט איהם אָבער נאָך שטאַרקער אַ שטויס געטהאָן צו דער לעהרע פון מוסר, צו דעם מאור שבתורה. ער האָט מיט זיין הויך־ענטוויקעלט סענסיטיוויטעט און הייליגען רגש באַגריפען איהר גאַנצען פראַכט. פריהער אין סלאַבאָדקע און נאכהער אַלס פאַרהייראַטער יונגער־מאַן אין קעלם, ביים גאון וצדיק ר' שמחה זיסל זיוו, האָט ער אַיינזאַפּענדיג די באַזונדער־אַרטיגע מוסר שיטות געלערענט ניט צו כאַפּען קיין התפעלות פון דאָס אויבערפלעכליכע און אויסערליכע, נאָר צו זוכען אין יעדער אידעע די אינערליכע ווערטהען און נשמה — פנימות'דיגקייט. מוסטערהאַפט איז געווען זיין לויטער עטישע פערזענליכקייט וועמעס עהנליכקייט ס'איז נאָר געווען צו טרעפען צווישען די יחידי סגולה אין פריהערדיגען דור.

אין יאָהר תר"ס איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס ראש ישיבה אין דער ישיבת „אורח חיים" אין סלאָבאָדקע, דורכ'ן מיסד הגה"צ ר' הירש'ל לעוויטאַן און וואו ער האָט געהאַט אַ געלעגענהייט זיך איבערצוצייגען אין זיין טאַלאַנט־פולע פעהיגקייט אַלס ערציהער.

אין יאָהר תרס"ד ווען ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען, אינגאַנצען ביי דריי און דרייסיג יאָהר אַלט, איז ער אויפגענומען געוואָרען פון חפץ חיים אַלס ראש פון זיין ישיבה אין ראדין.

זיין גאונות און קלאָרקייט, זיין בליציגע שאַרפזין און לעבעדיגקייט וועלכע ער האָט אריינגעבראַכט אין לערנען, זיין פאָטערליכע ליבליכקייט און אויסער־געוועהנליכע צוגעלאָזענקייט צו זיינע תלמידים, האָבען איהם געמאַכט פאַר׳ן ליבלינג און כח המושך אין דער ישיבה וועלט. ער איז פאַררעכענט געווען אַלס איינער פון די בעסטע ראשי ישיבה וואָס דאָס אידענטום פאַרמאָגט, און אַלס אַ זעלכער, איז ער באַטראַכט געוואָרען אויך צווישען די ראשי ישיבה אליין.

אַלס אילוסטראַציע צו זיין פאַרטיפקייט אין לערנען אין וועלכעס ער פלעגט אָפטמאָל דערגרייכען ביז התפשטות הגשמיות, קאָן דינען דער פאַקט וואָס איינמאָל, שפּאַצירענדיג אונטערן שטאָדט (ראדין) צוזאַמען מיט׳ן גאון ר׳ אלחנן וואסערמאַן (יבדל לחיים), האָבען זיי זיך אזוי פאַרטיפט אין לערנען אַז זיי זיינען ביידע אריין אין אַ גרויסען זומפּ און מיט גרויס מיה איז זיי קוים געלונגען זיך ארויסצוראטעווען.

איינמאָל, געהענדיג אין אַ ווינטערדיגען טאָג צו זאָגען דעם שעור אין ישיבה, האָט זיך ר׳ נפתלי אויסגעגליטשט און געפאַלען. דאַנקענדיג השי״ת וואָס ר׳ נפתלי האָט זיך ניט צוקלאַפּט, האָט דער אַלטער ראש ישיבה, הגאון ר׳ משה בדרך הלצה באַמערקט: „דאָס איז טאַקע געווען אַן איינפאַל פון אַן אמת׳ען גאון!״

ר׳ נפתלי האָט אויך מיטגעהאָלפען דעם חפץ חיים אין מחבר זיין מאַנכע פון זיינע לעצטע ספרים, און אויף די עלטערע יאָהרען, ווען דער חפץ חיים האָט אויפגעהערט צוליב זיין שוואַכקייט צו ענטפערען פערזענליך אויף שאלות ותשובות, פלעגט ער אַזעלכע ענינים איבערגעבען צו ר׳ נפתלי׳ן און אויך צו ר׳ משה׳ן.

ר׳ נפתלי פלעגט זעהר זעלטען פאַרפעהלען דעם חפץ חיים׳ס „שמו׳עסען״. ער פלעגט מיט זיין פיל־האַרציגען רגש און טיפען מח כאַפּען גרויס התפעלות פון חפץ־חיים׳ס ווערטער. ער פלעגט אָפטמאָל „דערהערען גאונות״ (אויף דער ישיבה׳שער שפּראַך) אין די רייד פון חפץ חיים, וועלכע פלעגען אויס־קומען פשוט פאַר פילע יונגע תלמידים . . .

מען דערצעהלט, אַז זייענדיג אין סמילאוויטש (אין יאָהר תרע״ו, אין דער צייט פון דער מלחמה), האָט ר׳ נפתלי׳ן געאַהרט זעהר אַ שווערע קשיא אויף אַ תוספות אין מסכת בבא קמא, אין די ענינים פון „נתקל פושע״. די קשיא האָט ר׳ נפתלי׳ן קיין רוה ניט געגעבען. ער איז אַוועק אַ פאַרטראַכטער און באַזאָרגטער צום אָרטיגען רב, הגאון ר׳ בצלאל זייטשיק, כדי אַדורכצו־רעדען מיט איהם דעם ענין. ר׳ בצלאל, דערהערענדיג די האַרבע קשיא איז אויך געבליבען אין אַ פאַרלעגענהייט. זיי האָבען ביידע גענומען אַ שפּאַציר

און אזוי געהענדיג געזוכט א תירוץ אויף דער קשיא, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דער הויז, וואו דער הפץ חיים האָט געוואוינט.

אַריינקומענדיג אין וואוינונג פון חפץ חיים, האָבען זיי איהם געפונען פאַרטיפט אין לערנען אין דעם אַנדער׳ן חדר, טאַקע אין זעלבען ענין, וועלכען ער האָט דאַמאָלט געלערנט מיט זיין יונגען זוהן אַהרן, וועלכער איז געווען אַ תלמיד אין דער ישיבה. קומענדיג צו דעם תוספות, וועלכען דער חפץ חיים האָט געלערנט פאַר זיך אַליין, האָט ער אויפ׳ן קול מיט אַ התלהבות׳דיגען גמרא ניגון אויף זיין שטייגער אויסגערעדט: „איי איז דאָך די קשיא וואָס האָט מיר אַמאָל געהאַרט אויף דעם תוספות? האָבען מיר דאָך שוין אַמאָל פאַרענטפערט, איז לויט׳ן תוספות אין כריתות, איז גאָר קיין קשיא ניט, און האָט דאָן דורכגערעדט אויסווייניג יענעם תוספות.

ר׳ נפתלי, וועלכער איז פאַרבליבען מיט ר׳ בצלאל׳ן אין פראָנט־צימער, איז ממש אַרויס פון די כלים. ס׳זיינען איהם ליכטיג געוואָרען די אויגען און האָט פון גרויס התפעלות אויסגערופען — אוי, ס׳אַ גאונות, ס׳אַ גאונות! . . .

„פינף און צוואַנציג יאָהר געווען מיט׳ן חפץ חיים און קיינמאָל ביי איהם קיין סתירה ניט געזעהן״, האָט ר׳ נפתלי אין גרויס ענטוזיאַזם זיך איינמאָל אויסגעדריקט.

דער פאָלגענדער עפיזאָד כאַראַקטעריזירט אַמשעהנסטען די געגענזייטיגע אַכטונג צווישען חפץ חיים און ר׳ נפתל׳ן.

אַ תלמיד פון ישיבה איז איינמאָל אין דער אָנוועזענהייט פון ר׳ נפתלי׳ן געקומען פרעגען דעם חפץ חיים אַ שאלה. אַזוי ווי ער עסט אין איין הויז און שלאָפט אין דער אַנדערער, טאָ אין וועלכען אָרט איז ער מחויב אָנצוצינדען חנוכה־ליכט.

דער חפץ חיים אין זיין גרויס עניוות האָט זיך ניט געהאַלטען ווירדיג צו ענטפערען אויף אַ שאלה אין דער אָנוועזענהייט פון אַזאַ גדול. האָט ער זיך געווענדעט צום ראש ישיבה: „ענטפערט איהר, ר׳ נפתלי, אָט די שאלה״.

האָט ר׳ נפתלי געענטפערט: „נו, לאָמיר ברענגען אַ „משנה ברורה״ (דעם חפץ חיים׳ס ווערק) און איינקוקען דעם דין!״

אין דער צייט פון קריעג, ווען די ישיבה־תלמידים האָבען געליטען הונ־גער־נויט און קראַנקהייטען אין זייער גלות אין סמאָווסק, איז ר׳ נפתלי אויף קיין איין סעקונדע ניט אָפּגעטראָטען פון זיינע תלמידים. ער האָט געטיילט זיין גורל מיט׳ן גורל פון אַלע בחורי הישיבה און איז אָפטמאָל זאָגאַר געווען פון די ערשטע צוצונעמען די פּיילען, וועלכע זיינען געשליידערט געוואָרען אין דער ישיבה. אונטער די שרעקליכסטע באַדינגונגען איז ער געשטאַנען און געזאָגט זיינע ברילאַנטענע שעורים.. די כסדר׳דיגע יסורים האָבען אָבער געהאַט אַן ערשיטערענדע ווירקונג אויף זיין שוואַכען געזונד. ספּעציעל דער

אומגליק אין זיין פאַמיליע — ער האָט פאַרלוירען זיין ליבע פרוי, פעסע לאה, ה׳ ניסן תר״פ אין סנאַווסק, אין דער צייט פון דער עפּידעמיע, וואָס האָט דאָרט געבושעוועט.

ווען די ישיבה האָט זיך אין זומער פון יאָהר תרפ״א צוריקגעקעהרט פון גלות אויף איהר מקום מנוחה אין ראַדין, האָט פאַר זיך שוין אָבער ר׳ נפתלי די מנוחה ניט באַקומען. ער איז שוין געווען פיזיש אַזוי ערשעפּט, אַז ער האָט שוין מעהר צו זיך ניט געקאָנט קומען. ער האָט אין זיין פאַרצווייפעלטער לאַגע געזוכט צו מאַכען אַ שינוי מקום — אפשר אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנדער ישיבה. ער האָט זאָגאַר געמאַכט אַ פאַרזוך צו קאָנען אויפגעהן קיין ארץ ישראל אָבער אַלע זיינע באַמיהונגען האָבען זיך איהם ליידער ניט איינגעגעבען.

ווען ער איז אַלץ קראַנקער אונטערזוכט געוואָרען פון באַוואוסטען נערוועז ספּעציאַליסט, דר. פלאַטוי אין וואַרשאַ, האָט דער לעצטער באַמערקט, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לאַנג־יעהריגער פּראַקטיק קומט איהם אויס צו זעהן אַזאַ אויסגעאַרבייטען און אויסגעהאָרעוועטען מאַרך. ווען ער האָט געהערט, אַז דער דאָקטאָר פאַרוועהרט איהם ווייטער צו לערנען, האָט ר׳ נפתלי באַ־מערקט: „אויב ניט לערנען, טאָ צו וואָס מיר דער לעבען! ....״

די קראַנקהייט איז ליידער געווען אַן אונהיילבאַרע. טייכען טרערען האָבען די תלמידים און רביים אין דער ישיבה פאַרגאָסען אין זייערע תפלות און תהלים זאָגען. אָבער די שערי תפלה זיינען געווען פאַרמאַכט. אין די לעצטע טעג, ווען דער צושטאַנד פון חולה האָט זיך באַדייטענד פאַרערגערט, איז זיין זוהן, הרב ר׳ אברהם אַריינגעלאָפען צום חפץ חיים און געפינענדיג איהם אין אַן אומעטיגען צושטאַנד, האָט ער מיט אַ טרערען־געשטיקטע שטימע אויסגע־רופען: „רבי, וואָס שווייגט איהר? מיין טאַטע איז דאָך אַזוי געפעהרליך!!״ האָט דער חפץ חיים אין אַ שטילען טאָן, אַזוי ווי רעדענדיג צו זיך אַליין, באַמערקט: „ער מיינט, אַז מען קאָן רייסען מיט גוואַלד!״

ר׳ נפתלי׳ס פּטירה איז פאַר אַלע זיינע מקורבים געווען אַן אבדה שאינה חוזרת. דער תורה אידענטום, ספּעציעל זיינע תלמידים, האָבען פאַרלוירען אַ לעהרער און וועג־ווייזער. אַ ריזיג־פאַרצווייגטער בוים איז אונטערגעשני־טען געוואָרען אין דער שעהנסטער עפּאָכע פון זיין בליהונג!

אונשטערבליך וועט ר׳ נפתלי בלייבען פאַר די טויזענדער תלמידים, וועלכע ער האָט מעמיד געווען; פאַר די חידושי תורה, וועלכע ער האָט פאַר זיי געשאַפען און פאַר די שעהנע און נאָבעלע מדות, וועלכע ער האָט זיי דורך זיין מוסטערהאַפטען לעבען געלערענט.

זיינע נאָכפאָלגער

נאָך דער פטירה פון ר׳ נפתלי׳ן איז אויפגענומען געוואָרען אַלס ממלא מקומו זיין איידעם ר׳ ברוך יוסף פייוועלזאָהן. טראָץ זיין יוגענד איז ר׳ ברוך שוין דאַן געווען אַנערקענט אַלס גדול, באַריהמט צווישען לומדים מיט זיין עילוי׳שקייט און חריפות.

ליידער, האָט די ישיבה ניט זוכה געווען זיך צו וואַרעמען לאַנג אין זיין ליכטיגקייט. פיער יאָהר שפּעטער, י״ט לחדש מנחם אב אין יאָהר תרצ״ג, איז ר׳ ברוך נאָך אַ קורצער קראַנקהייט נפטר געוואָרען.

אָבוואָהל זיין השפעה איז ניט געווען קיין לאַנגע, האָט זי אָבער געלאָזען אַ טיפע ווירקונג אויף דער ישיבה, ווייל אויסער זיין גאונות אין תורה, איז ר׳ ברוך אויך געווען אַן אצילות׳דיגע פּערזענליכקייט. ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער בעל מדות, פאַרקערפּערענדיג מיט זיך חכמה־גוטסקייט און תורה־שטאָלץ. פון זיינע רביים האָט ר׳ ברוך גע׳ירש׳נט פון יעדען איינעם דאָס שעהנסטע. פון זיין באַריהמטען פאָטער ר׳ אלי׳ מאיר זצ״ל, קופּישקער רב, האָט ער געקראָגען די התלהבות און מסירת נפש פאַר תורה און קדשי האומה. פון זיין גרויסען רבי׳ן ר׳ איצעלע פּאָנעוועזער האָט ער גענומען זיין דרך פון הבנה און עמקות אין לערנען. אין סלאָבאָדקע אונטער׳ן איינפלוס פון דעם „אלטען" הגה״צ ר׳ נטע הירש פינקעל ז״ל, זיין הויכע מאָראַלישע פּרינציפּען און שטרעבונגען.

האָט טאַקע ר׳ ברוך אַלס ראש ישיבה געזוכט צו געבען זיינע תלמידים דאָס בעסטע און שעהנסטע אין איהם. ס׳איז אָבער משמעות ניט באַשערט געווען. אין מיטען פון זיין בליהענד יוגענד, אין מיטען פון זיין שאַפען און גלאָררייכער ווירקונג איז ער צוגענומען געוואָרען. יהי זכרו ברוך . . .

נאָך דער פטירה פון זיין שוואָגער האָט דער זוהן פון ר׳ נפתלי׳ן, הרב הגאון ר׳ אברהם חיים טראָפּ, אָנגעפאַנגען צו זאָגען שעורים אין דער ישיבה. די שעורים פון ר׳ אברהם׳ן, דערמאָנען די תלמידים זעהר פיעל אין די שעורים פון זיין גרויסען פאָטער, מיט זייער הבנה און טיפקייט.

בנוגע דעם געגענוועַרטיגען הויפּט ראש ישיבה הרב הגאון ר׳ מנחם מנדל זאקס, איידים פון חפץ חיים וועט דער לעזער געפונען אין אַ ווייטערדיגען קאפּיטאל.

סה.

פאַר די רוסישע אידען

אונגעהויער גרויס איז געווען דעם חפץ חיים׳ס צער און וועהטאָג וועלכע ער האָט געפיהלט פאַר זיינע גע׳רודפ׳טע ברידער אין רוסלאַנד. ספּעציעל די רעליגיעזע רדיפות האָבען איהם ממש קיין רוה ניט געגעבען. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט זיי צו העלפען מיט וואָס נאָר מעגליך, ווי עס איז צו זעהן אין איינעם פון זיינע אויפרופען אין חדש מנחם אב, תרפ״ט.

„זעהר ביטער און שרעקליך איז דער מצב פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד און אוקראַינע, ד׳ ירחם! קרוב צו צוויי־דריי מיליאָן אידען געפינען זיך אין גרויס נויט. אויסער דעם חורבן וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָבען ניט קיין עקאָנאָמישען באַשטאַנד און הונגערען פּשוט, שטעלען זיך אויף ממש די האָר, הערענדיג פון דעם גרויסען אומגליק, וועלכע אונזערע ברידער אין רוסלאַנד ליידען צוליב די גרויזאַמע רשעות פון די יעווסעקעס, וועלכע ווילען אויסראָטען די הייליגע תורה. זיי האָבען פאַרמאַכט די חדרים און ישיבות. די ראשי ישיבה און מלמדים, וועלכע באַשעפטיגען זיך אויף אַ פּריוואַטען אופן מיט לערנען, ווערען פאַרשיקט אין סיביר. די רבנים ווערען פאַרהאַלטען אַלס ערבים, די שוהלען און בתי מדרשים ווערען געשלאָסען און פאַרוואַנדעלט אין קלובען. די בייזוויליגע רשעים, פאַראורזאַכען דורך אַלערליי עלילות צו פאַרמאַכען די בתי תפלה און אוועקצורייסען דעם כשר׳ן ביסען פלייש פון זייערע מיילער. די יעניגע, וועמעס פּרנסה איז אָפּהענגיג אויף דער הערשענדער מאַכט, האָבען מורא צו אידישען זייערע קינדער. זיי זיינען אמת׳ע אנוסים. אַזוי ווי אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע זיינען זיי געצוואונגען צו זיין מסיתים און מדיחים, מחלל שבת צו זיין און צו עסען חמץ אין דער עפענטליכ־קייט. אַזאַ טרויעריגער צושטאַנד הייסט ממש גזירת שמד, וועלכעס פיהרט צו אַסימילאַציע און אונטערגאַנג, חלילה!

„אונזערע געפייניגטע און גע׳רודפ׳טע ברידער דאַרטען האָבען זאָגאַר מורא אויסצורעדען אַ וואָרט פון פּראָטעסט...

„עס איז דאַריבער אונזער פליכט עפענטליך צו פּראָטעסטירען, צו שרייען און וועקען די עפענטליכע מיינונג און געמיינזאַם מתפלל זיין, און אַזוי ווי אונזערע עלטערען פלעגען טהאָן אין אַ עת צרה, דאַרפען מיר אויך גוזר תענית זיין...

ס׳ווערט דאַריבער באַשטימט אַ תענית צבור פאַר׳ן ערשטען טאָג סליחות. אַלע זיינען אויפגעפאָדערט און פאַרפליכטעט דעם טאָג זיך צו פאַרזאַמלען

אין שוהל און אויסגיסען אונזערע הערצער פאַר אונזער באַרימהערציגען פאָ־טער. די רבנים זאָלען מעורר זיין דעם עולם צו תשובה, צו מעשים טובים, צו החזקת התורה והדת . . .״

ער האָט פאַר דיזען צוועק און פאַר די ימים נוראים זאָגאַר פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע תפלה און באַשטימט געוויסע קאַפּיטלאַך תהלים, וועלכע זיינען איבעראַל געזאָגט געוואָרען. די אידישע איבערזעצונג פון דער תפלה איז:

„עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר אַ אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערען, שטאַרקייט פון יעקב און הייליגקייט פון ישראל . . . דערבאַרים זיך אויף דיין פאָלק ישראל אין אלע לענ־דער, ובפרט אויף אונזערע ברידער, די אונטערדריקטע און גע־פייניגטע איינוואָהנער פון רוסלאַנד! זאָלסט זיי אָפּהיטען פון זייערע פיינד וועלכע ווילען זיי אָראָפּפיהרען פון זייער גלויבען און זאָלסט זיי רעטען פון שלעכטס און פון הונגער, פון געפאַנגענ־שאַפט און פון שאַנדע, פון אלערליי שרעק, פיין, צער און יסורים. מיר בעטען דיר, אַ מלך רחום וחנון! לייז אויס די קינדער פון יעקב פון צאָרן, און צושטער די פלענער פון אונזערע געגנער. זעה אונ־זערע ליידען און צרות, נעם זיך אָן אונזער קריוודע און מאַך אַלעמען באַקאַנט אז דו ביזט ישראל׳ס הייליגער און זייער העלפער . . .

בכלל האָט דער חפץ חיים די לעצטע יאָהרען געהאַט שטאַרק פארדרוס, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזען רוסלאַנד. ער פלעגט זיך מצער זיין, הלמאי ער האָט, זייענדיג אין רוסלאַנד, זיך ניט בפועל ממש מוסר נפש געווען פאַר אידישקייט. אזא אידעאַלער ביישפּיל פאַר׳ן כלל וואָלט דאָך אריינגעבלאָזען אַ רוח חיים אין די הערצער פון אָרטיגען כלל ישראל. „איך האָב באַדאַרפט בלייבען״, — האָט ער געזאָגט, — „אַ איד דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר אידישקייט. וואָס וואָלטען זיי געטהאָן: געשאָסען? געהאַנגען . . . אַלצדינג וואָלטען זיי געטהאָן בלויז צום קערפּער, און דער קערפּער האָט ניט קיין פאַרנעם!״ בזמן המשנה 1) האָבען עהנליכע פאַלען געפיהרט צום מסירת נפש פון די קדושי עליון. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז טראָץ דעם, אָדער בעסער געזאָגט אַ דאַנק דעם איז געשאַפען געוואָרען דער תלמוד. אַזוי איז אויך געשעהן

1) אַזוי ווערט טאַקע געבראַכט אין דער הקדמה פון גרויסען דיינקער און מקובל ר׳ אבי עד שר שלום אין זיין ספר „אמונת חכמים״ בשם המקובלים: אונזערע חכמים, די תנאים הקדושים, נאָכ׳ן חורבן הבית, האָבען איינגעזעהן, אַז די מדת הדין הייגנט איבער׳ן פאָלק ישראל און האָבען געוואוסט עפ״י סוד ה׳ ליראיו, אַז אויב ס׳וועלען זיך געפינען יחידים, וועלכע וועלען זייערע לעבענס איינשטעלען זיך מקריב צו זיין פאַר אַ ריח ניחוח, וועלען זיי ממתיק זיין די דינים (לויט דער מקובלים שפּראַך) און דינען אַלס מיטעל אויפצומונטערען דאָס פאָלק, געבענדיג זיי מוטה און כח, ווען ס׳איז אַן עת צרה ליעקב דורכצוטראָגען יסורים און צו ראַטעווען דאָס אידענטום . . .

בזמן הרי״ף, רש״י, רמב״ם ותוספות. זייערע און די ווערק פון זייערע נאָכ־פאָלגער זיינען געקומען נאָך די תקופות השמד אין די מדינות ספרד און אַפריקאַ, און די קרייץ־צוגען אין די מדינות צרפת ואשכנז, פאַר דער מסירת נפש, וועלכע אידען האָבען אַרויסגעוויזען בעת די גזירות ת״ח ות״ט, ווען דיווילדע קאָזאַקען האָבען אויסגע׳הרג׳עט צעהנדליגער טויזענדער אידען — ווען אין כמות האָבען מיר זעהר פיל פאַרלאָרען, האָט מען אונז פון הימעל אָפּגעצאָהלט מיט איכות כפל כפלים. דער דור, וועלכער איז נאָך דעם געקומען אויף דער וועלט, איז געווען אַ גוט באַצאָהלטער שכר: אַ ווילנער גאון, אַ רבי עקיבא איגר, אַ „חתם ספר״, אַ רבי יעקב ליסער, אַ „נודע ביהודא״, אַן „אורים ותומים״, אַ רב פון לאדי, און נאָך און נאָך אונצענדליגע ליכטיגע שטערען אויף אונזערע פאַרכמאַרעטע הימלען . . . די וועלט איז ממש געווען פול מיט גדולים וחכמים.

לויט ווי ר׳ אלחנן וואַסערמאַן גיט איבער, פלעגט דער חפץ חיים אויך זאָגען:

„אידען האָבען פאַרזעהן בשעת ס׳האָבען זיך אָנגעפאַנגען די גזירות פון די יעווסעקעס. מ׳האָט דעמאָלט גלייך באַדאַרפט אַרויסגעהן קעגען זיי אויף מלחמה מיט מסירת נפש. אמת, עס וואָלטען טאַקע אַסך אידען אומגעקומען, אָבער דער כח פון שטן וואָלט געוואָרען אָפּגעשוואַכט. עס האָט זיך אָבער ניט געפונען ווער עס זאָל זיך מוסר נפש זיין אין מלחמה, זיינען די יעווסעקעס געוואָרען שטאַרקער״.

יעדען פאַר פסח פלעגט דער חפץ חיים אויפפאָדערען אידען אין אַלע לענדער צו זאַמלען געלד אויף מצות פאַר די רוסישע אידען.

„די שווערע לאַגע, די ביטערע עקאָנאָמישע דעפּרעסיע, וועלכע הערשט איצט אין אַלע לענדער, פון וועלכע אידען זיינען אַזוי ווי אימער די ערשטע צו ליידען — פּטר׳ט אונז ניט פון אונזער הייליגער פליכט צו זיין אַחים לצרה און זיך זאָרגען פאַר אונזערע אומגליקליכע רוסישע ברידער, וועלכע זיינען דאָפּעלט נידערגעשלאָגען, גייסטיג און מאַטעריעל. ווי אַזוי קאָנען מיר פאַר־מאַכען אונזערע אויגען פון אונזערע ברידער, אונזער בלוט און פלייש, וועלכע ליידען אַזויפיל יסורים, זייער איינציגע האָפנונג איז געווענדעט צו דער הילף פון זייערע ברידער, זייערע קרובים און באַקאַנטע. דאַריבער איז דער חוב פון יעדען איינעם צו העלפען...״ (קול קורא לעזרה, יום ה׳, י״ג שבט, תרצ״ג).

אַלערליי וועגען און מיטלען האָט דער חפץ חיים געזוכט, כדי צו העלפען די אידען אין רוסלאַנד. ער האָט שוין איינמאָל געהאַט זאָגאַר באַשלאָסען זיך צו ווענדען צום וואַטיקאַן אין רוים און אויפפאָדערען דעם פאַפּסט, אַז ער זאָל העפטיגער פּראָטעסטירען קעגען די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען אין אַלגע־מיין. ער האָט שוין זאָגאַר געהאַט צוגעגרייט אַ בריוו קיין רוים פאַר דיזען

צוועק. פאַר׳ן אָפּשיקען האָט ער זיך מישב געווען און זיך צוריקגעהאַלטען פון אַזאַ שריט. עס וואָלט פיליכט פאַראורזאַכט מעהר שלעכטס ווי גוטס. די רשעים וואָלטען עס אויסגעטייטשט, ווי אַ קאָנספּיראַציע, צווישען די רע־ליגיעזע פיהרער פון אידענטום און להבדיל פון קריסטענטום.

דער אינהאַלט פון בריוו איז אָבער אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט, וועלכער לעזט זיך איבערגעזעצט פון זיין העברעאישען אָריגינאַל אזוי:

„ווי באַוואוסט זיינען אַלע באַשעפענישען געבראַכט געוואָרען אין עקזיסטענץ פאַר׳ן כבוד הבורא ית״ש, ווי עס שטעהט „כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו״ (ישעי׳ מ״ג, פסוק ז׳). עס איז דאַריבער די אויפגאַבע פון מענשען, ווען דער אויבערשטער האָט בעשאָנקען מיט ווייזהייט און פאַרשטאַנד צו באַגרייפען און צו אָנערקענען דעם באַשעפער, באַוואונדערענדיג זיין שאַפונג, אַזוי ווי ס׳ווערט באַטאָנט „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה״ (ישעי׳ מ׳, פסוק כ״ו), און צו וויסען זיין גוטסקייט און גרויסקייט. דורך אַזאַ הכרה ווערט דער נאָמען פון באַשעפער באַריהמט און געלויבט, „ממזרח שמש עד מבואו״ (תהלים קי״ג, פסוק ג׳). דער בורא ית״ש דאַרף דאָס אַלעס ניט פאַר זיין טובה וועגען, אַזוי ווי ס׳ווערט געזאָגט: „אם חטאת מה תפעל בו ורבו פשעיך מה תעשה לו; אם צדקת מה תתן לו או מה מידך יקח?״ (איוב ל״ה, פסוק ו׳, ז׳). אַלעס איז בלויז פאַר אונזער טובה וועגען, כדי מיר זאָלען געניסען אמת׳ע גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. „לטוב לנו כל הימים לחיתנו כהיום הזה״ (דברים ו׳ פסוק כ״ד).

„עס איז דאַריבער די פליכט פון יעדער מענשען, אַז ער זאָל אַנערקענען דעם באַשעפער און איהם וויסען לויט זיינע פעהיג־קייטען, ווייל דאָס איז דער תכלית פון דער בריאה, און דער חוב פון מענשען צו מאַכען לערנען די פאַרבלאָנדזשעטע פאַרשטאַנד צו פאַרשטעהן דעם בורא ית״ש און איהם עהרען.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז עס איז די פליכט פון מענשען מיט אַלע מעגליכקייטען צו זעהן, אַז דער כבוד הבורא זאָל ניט געשענ־דעט ווערען אין דער וועלט, ווייל ז׳ער וואָס וויל באמת פאַרשאַפען איינעם כבוד, קאָן דאָך ניט צוזעהן גלייכגילטיג זיין בזיון. יעדער איבערגעגעבענער דיענער וועט זיך זעלבסט אָפּפערען כדי צו פאַרהיטען זיין קעניג׳ס בזיון.

„מיר זיינען דאָך דינער צום בורא ית׳, ווען מיר דאַרפען דיענען און פאָלגען. דאַריבער, אויב מיר זעהען דעם בזיון פון

כבוד שמים אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע איז די איינציגע גרויס־מאַכט, וואָס האָט ווען עס איז געוואָגט זיך צו שטעלען קעגען דעם בורא דורך אַזויפיל דערצאָרענונגען — זיי ווילען פאַרגעסען מאַכען זיין נאָמען אין דער וועלט. — איז אונזער חוב צו פּראָטעסטירען מיט אַלע כחות קעגען אַזאַ פאַרברעכען, אויב ניט, וועלען מיר באַגעהן אַן אונפאַרגעבענע זינד.

„מיר אידען זיינען אַ קליינע און מאַכטלאָזע פאָלק אָהן אַ רעגירונגס־קראַפט. צו אונזער'ן אַ פּראָטעסט הערט מען זיך ווינציג צו. אָבער איהר, שטעהענדיג אַן דער שפּיץ פון אַ רעליגיאָן, וועלכע האָט פיעלע אָנהיינגער אין אַלע וועלט־טיילען, וועלען דאָך אייערע ווערטער האָבען אַ פיל גרעסערע ווירקונג.

„ביז איצט האָב איך זיך געוואונדערט אויף אייך און בכלל אויף דער מענשהייט, וועלכע קוקען זיך צו אַזוי גלייכגילטיג צום בזיון הכבוד פון באַשעפער און זיין תורה. זיי האָבען זיך דאָך באַדאַרפט אָפּלערנען פון די אַלטערטימליכע פלישתים, וועמען די קוסמים האָבען אויפגעפאָדערט צו געבען עהרע צום גאָט פון ישראל (שמואל א׳), כדי זיי זאָלען ניט באַשטראָפט ווערען אַזוי ווי פרעה און די מצריים. אָבער איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איהר זיינט גרייט אַרויסצוגעהן מיט אַן עפענטליכען פּראָטעסט קעגען די מחללי ד׳. איז מיין וואונש, אַז דער בורא יתברך שמו זאָל אייך העלפען מצליח צו זיין אין דער אַרבייט, וואָס איהר טהוט פאַר זיין הייליגען כבוד וועגען. הלואי העלפט מיר דער אויבערשטער, אַז איך זאָל האָבען אַ מעגליכקייט זיך מוסר נפש צו זיין, כדי צו עהרען און פאַרהייליגען זיין הייליגען נאָמען!

„איך וואָג זיך צו ווענדען מיט דיזער שריפט לרום מעלתו וועגען אַזאַ וויכטיגען ענין מיט אַזעלכע דבורים, ווייל דער אויבער־שטער האָט מיר מזכה געווען צו זיין דער זקן הדור ביי מיין פאָלק. איך האָב פאַרפאַסט דרייסיג חבורים פאַר׳ן כבוד הבורא יתברך און זיין תורה, וועלכע זיינען ב״ה פאַרשפרייט צווישען פאָלק ישראל. דעריבער האָב איך עס געפונען פאַר מיין פליכט איהם דאָס אויפ־מערקזאַם צו מאַכען וועגען דעם, ווייל אויב איך וועל שווייגען, קאָן עס מיר פאַררעכענט ווערען פאַר אַ זינד . . .״

דער חפץ חיים אין זיין צדקות און תמימות האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי ווי ער, ווערען אַנדערע אויך ניט דיקטירט אין זייער „לשם שמים״ אַרבייט דורך פּאָליטישע מאָטיוועו, אדער כבוד־המדומה׳דיגע ערוואַרטונגען.

בכלל איז שטענדיג געווען זיין מיינונג, אַז אין גלות צווישען גוטע גוים וואָלטען געווען בעסערע אידען. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אויב ער וואָלט געהאַט די מעגליכקייטען און כחות וואָלט ער אַגיטירט, אַז די שעהנסטע זאַך, וואָס גוים קאָנען טהאָן, איז צו זיין גוטע גוים. כידוע, האָבען אידען ניט געזוכט צו ווירקען אויף גוים צו ווערען אידען. די פליכט איז פונקט פאַרקערט. קומט אַ גוי זיך מגייר צו זיין, דאַרף מען איהם זוכען אָפּצורײדען דערפון. בעת די קריסטען פאַרשווענדען פיל געלד און מיה און האַלטען אויס מיסיאָנערען, כדי איבערצוריידען די אידען צו ווערען גוים, האָט דער חפץ חיים געוואונשען: הלואי וואָלט ער קאָנען באַאיינפלוסען די גוים צו זיין גוטע און עהרליכע גוים: אָפּהיטען און פּראַקטיצירען די מצוות, וועלכע זיינען זיי צוגעטיילט געוואָרען.

איינמאָל אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס, נאָך קבלת שבת, האָט ער מיט אַ בנעימות׳דיגע גוטמוטיגקייט, סימפּאַטיע און באַדויערען צווישען אַנדערעס זיך אויסגעדריקט:

„דער גוי מיט שבע מצוות איז לפי ערך אַזאַ יחסן, ווי מיר. זאָגען דאָך די חז״ל, אַז חסידי אומות העולם האָבען עולם הבא. אַך ווי גוט און פיין עס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטען אויף זיך מקבל געווען די זיבען מצוות. לכל הפחות, זאָל עס מקבל זיין אָט די אומה, וואָס אַרום אונז. די גאַנצע וועלט וואָלט זיי דאָך ליבען און זאָגען: ס׳אַ פיינע אומה דאָס איז . . .״

קוים האָט ער זיך דערמאָנט די רדיפות, וועלכע אידען ליידען צווישען די אומות, איז זיין טאָן געוואָרען דורכגענומען מיט צער און ביטערקייט. ער וואָרנט שטאָלץ און אַנטשלאָסען אַלע פעלקער: „זאָלען זיי אונז זאָגען אָפּען, אַנערקענען זיי אונז ניט פאַר אונזער אמונה, וועלען מיר זיך לאָזען הרג׳ענען און מיר וועלען אונזער תורה ניט אַוועקגעבען. הונדערטער יאָהרען האָבען מיר איהר געהאַלטען און איצטער זאָלען מיר איהר אַוועקלאָזען ? ! די גאַנצע וועלט וואָלט דאָך פון אונז געלאַכט און מיר וואָלטען דאָך פון זיך אַליין לאַכען ! . . .״

סו.

אויפ׳ן גאָרען-שטיבעל (סאַלקע)

ווי דעם לעזער איז שוין באקאנט פון א פריהערדיגען קאפיטעל פלעגט זיין דעם חפץ חיים׳ס דרך זיך אָפּצוזונדערען יעדען טאָג אויף עטליכע שטונדען פאר התבודדות, פאר אינערליכע התבוננות און חשבון הנפש. עס פלעגט זיך מאַנכע מאָל איינגעבען יחידים איהם נאָכצוגעהן, און פון א באַהעלטעניש זיך צוהערען צו זיינע רייד און בכיות וועלכע זיינען געווען נשמה־ריהרענד און האָבען ארויסגערופען טרערען און הרהורי תשובה ביי אלעמען.

אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר פון זיין לעבען איז דאָס גארען שטיבעל (סאלקע) איבער זיין וואוינונג, דאָרטען וואו ער האָט געהאַלטען זיין גרויסע ביבליאטעק, געוואָרען זיין התבודדות שטיבעל.

„אַ מענש מיט דעת דאַרף אַרבייטען יעדער טאָג עטליכע שטונדע אויף זיך”, פלעגט ער זאָגען. און ס׳איז געווען מרגלא בפומיא, דער מאמר: „טוב מרדות אחת בלבו של אדם יותר ממאה מלקיות” (ברכות ז׳), מיינענדיג, לויט זיין ערקלערונג, דער עונש אדער שטראָף וואָס קומט פון כחות מן החוץ קאָן אין דעם זיין פארבונדען געפיהל פון קנאה, שנאה אדער נצחון. אנדערש איז אָבער אויב דער מענש באשטראָפט זיך זעלבסט.

ער האָט אויך געפיהרט אַ בוך, וואו ער פלעגט יעדען טאָג פאַרשרייבען זיינע גייסטיגע חשבונות, ער זאָל זיך צו יעדער צייט קאָנען מתבונן זיין און זוכען אַ תשובה אויף יעדער דורכפאַל. ער פלעגט טענה׳ן: דער קלענסטער קרעמער פיהרט דאָך אַ בוכהאַלטעריע, פאַרצייכענענדיג יעדען טאָג געענוי זיינע חובות. דאַרף דאָך יעדער בר דעת אַזוי טהאָן אויך אין רוחניות׳דיגע ענינים און ניט וואַרטען אויף דעם דין וחשבון אויף יענער וועלט. אַזוי ווי עס שטעהט: „על כן יאמרו המושלים באו חשבון”, ד. ה., אַז מ׳דארף צו יעדער צייט זיין גרייט צו קאָנען אָפּגעבען א קלאָרען חשבון וועגען זיך.

אַז איינער איז שולדיג אַן אַלטען חוב, אויב ווען ער באַגעגענט דעם מלוה דריקט ער אויס צו איהם זיין באַדויערען, הלמאי ער האָט איהם נאָך ניט באַצאָהלט און פאַרשפּרעכט איהם ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו באַצאָהלען, פיהלט דאָך דאַמאָלט דער מלוה זיך באַרוהיגט, ווייל אויב דער לוה האָט תמיד דעם חוב אין געדאַנק, איז עס ניט קיין פאַרפאַלענע זאַך.

אַזוי פלעגט ער דערקלערען די ווערטער **וכתב על פנקסו** אין דעם מאמר: „פעם אחת קרא והטה וכתב על פנקסו, אני ישמעאל בן

אלישע קריתי והטיתי נר בשבת לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמנה״ (שבת י״ב, ע״ב), מיינענדיג, אַז ר׳ ישמעאל האָט כסדר געפיהרט אַ גייסטיגע בוכהאַלטעריע און האָט כל ימיו שטענדיג געהאַט די קלענסטע זינד פאַר זיינע אויגען.

מ׳האָט איינמאָל אונטערגעהערט ווי ער האָט אויסגערעכענט יעדע שטונדע און זאָגאַר מינוטען פון זיין טאָג אַרבייט, כדי צו זעהן, אויב ער האָט ניט פארשווענדעט די צייט לבטלה. מ׳האָט איהם איינמאָל זאָגאַר געהערט אויסרעכענען די צייט וואָס האָט איהם גענומען איינצופאַקען א פעקל ספרים צו שיקען צו זיינעם א משולח.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט מיט זיך האָט ער אויסגערע־כענט די בריוו און בקשות וואָס ער האָט דעם טאָג ערהאַלטען, וועלכע דער־צעהלען די ביטערע צרות און ליידען פון אידען.

די אימה ופחד וועלכע פלעגען ארומנעמען די צוהערער זיינען געווען געוואַלדיג. זיינע האַרצרייסענדע טענות און טרערען האָבען געקאָנט ריהרען א שטיין. האָבען זיך די בני בית דערשראָקען פאר זיין געזונד. „ער פילט זיך דאָך אזוי שוואַך און דאָ ברעכט ער איבער אינמיטען פון יעדע נאַכט זיין שלאָף און ער נעמט זיך אזוי פיל צום האַרצען די קלענסטע זאך און דאגה׳ט פיליכט וועגען דעם, אַז ער איז דורכגעפאַלען, ובפרט זיין שטאַרקער וויינען קאָן דאָך ווירקען אויף זיין געזונד צושטאַנד!״

איז באַשלאָסען געוואָרען צו זעהן ווירקען אויף איהם דורך א השפעה מן החוץ. איז ר׳ הירש געפאָהרען קיין ווילנע צו הגאון ר׳ חיים עוזר גראָ־דזשענסקי און איהם געבעטען אז ער זאָל שרייבען דעם חפץ חיים א בריוו און איהם אויפמערקזאַם מאַכען וועגען די וויכטיגקייט פון היטען דאָס געזונד.

האָט ר׳ חיים עוזר זיך א פרעג געטאָן: „און וואָס טהוט דער חפץ חיים נאָכדעם?״

„ער געהט צוריק שלאָפען״, איז געווען דער ענטפער.

„נו, אויב דער חפץ חיים קאָן זיין אזוי מסודר, זיך אויפהויבען איינס אזייגער ביינאַכט און וויינען צוויי שעה און נאָכהער ווידער געהן שלאָפען, נויטיגט ער זיך ניט אין מיינע עצות וועגען שמירת הבריאות״.

זיין אינגסטען אידעם הרב ר׳ מענדיל זאקס, וועלכער האָט געוואוינט מיט איהם צוזאמען, האָט ער אָפּגעגעבען די סאלקע אויף צו לערנען דאָרט. האָט ער אָבער פאר דער חתונה אויסגענומען א תנאי מיט איהם, אז צוויי שטונדע יעדען טאָג דאַרף ער לאָזען דעם צימער פאר איהם, אז ער זאָל קאָנען זיך באַנוצען מיט דעם אונגעשטערט. ער וויל זיין די צייט מיט זיך אַליין, כדי צו לערנען מוסר, האָט ער זיין אידים דערקלערט. אין זיין נייגעריגקייט, האָט ר׳ מענדיל ניט איינמאָל אונטערגעהערט זיך, ווי זיין שווער פלעגט זיך

אויס׳טענה׳ן מיט זיין אייגענער פערזאָן אין די שטונדען פון זיין „מוסר־לערנען״.

ער דערצעהלט, איינמאָל אין עשרת ימי תשובה האָט ער געהערט, ווי דער חפץ חיים האָט אין לעבעדיגע קאָלירען געשילדערט אַ בילד פון זיך, אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען טויט. מ׳ברייינגט איהם פאַר בית דין של מעלה און אַ כרוז געהט אַרויס, אַז מען זאָל ברענגען דעם רעקאָרד פון זיינע זכיות. קומען גאַנצע מחנות הייליגע מלאכים, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען פון זיין תורה, וואָס ער האָט געלערנט און פון די מצוות, וואָס ער האָט געטהאָן זיין גאַנץ לעבען און פון די גרויסע זכותים, וואָס ער האָט דורך זיינע ספרים, וועלכע זיינען פאַרשפרייט געוואָרען לזכות הרבים צווישען כלל ישראל.

ער איז ממש איבערראַשט געווען צו זעהן פאַר זיך אַזאַ גרויסע צאָל. אָבער גלייך נאָכדעם געהט אַרויס אַ באַפעהל צו ברייינגען אַלע זיינע עבירות און דורכפאַלונגען. און אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען, דערזעהענדיג אַזאַ גרויסע מחנה. דאָ פאַרקריפעלטע מלאכים באַשאַפען פון די מצוות, וועל־כע ער האָט ניט געטהאָן בשלימות, אָהן האַרץ, אָהן מחשבה, אָהן חשק און אָהן דבקות. און דאָ אַזוי שוואַרצע מחבלים, וועלכע רעפּרעזענטירען זיינע פעהליגקייטען. מ׳האָט געוועגען, געמאָסטען, ביז וואַנעט ס׳איז אַרויס דער פסק, אַז ער איז אַ ב י נ ו נ י, ד. ה. ניט קיין רשע און ניט קיין צדיק. נו, אויך ניט גאַנץ שלעכט. ו ר ב ח ס ד מ ט ה כ ל פ י ח ס ד, דאַרף כביכול מיט זיין חסד אַליין מכריע זיין לטובה. דערהערט ער ווי כביכול פרעגט: „איז איצט ישראל מאיר אַ לעבעדיגער, אָדער אַ געשטאָר־בענער?״ „אַ לעבעדיגער״, קומט דער ענטפער פון בית דין של מעלה. אויב אַזוי קאָן ער דאָך תשובה טהאָן אויף זיינע חטאים. און דאַן איז געקומען אַ צעטעל פון ח י ר ו פ י ם, רופענדיג: „ישראל מאיר, שלאָף ניט, טהו תשובה!״

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, האָט מען איהם איינמאָל, אין די סליחות טעג, געהערט טענה׳ן: „רבונו של עולם, וואָס וועט זיין דער תכלית? די תורה וואַלגערט זיך אין גריבער. דער עיקר קדושת התורה איז דאָך די תורה וואָס איז ביי יעדען אידען אין קאָפּ. ביי דעם איז דא ש״ס און פוסקים, ביי דעם משניות, ביי דעם מדרש, חומש... דער עיקר קדושה פון א ספר תורה באַשטעהט דאָך פון דער מחשבה, וואָס דער איד האָט איהר מקדש געווען מיט זיין מחשבה בעת׳ן שרייבען, אַנדערש וואָלט זי דאָך קיין קדושה ניט געהאַט. איז דאָך דער עיקר תורה דאָס, וואָס עס איז ביים אידען אין מוח. און אַז זיי וואַלגערען זיך אין די גראַבענס, וואַלגערט זיך דאָך די תורה אויף דער ערד אין בלאָטע. א ספר תורה אז זי וואַלגערט זיך אויף דער ערד דאַרף מען דאָך קריעה רייסען.... טאָ פאַרוואָס האָסטו ניט קיין רחמנות אויפ׳ן כלל ישראל?״, און האָט געוויינט.

דער חפץ חיים איז ווירקליך געווען אונפאַרגלייכליך אין זיינע באַמי־הונגען מלמד זכות צו זיין אויף אידען. ער האָט אין יעדען פאַל געזעהן ליכ־טיגע שטראַלען פון אונשולד און גוטסקייט. מערקווירדיג, ער האָט געפונען אַ זכות אויף אידען זאָגאַר אין דעם שווערסטען חטא, וואָס דאָס פאָלק איז אין דער מדבר באַגאַנגען — דער עגל, פאַר וועלכעס דער אויבערשטער האָט זיי געוואָרענט וביום פקדי ופקדתי, אַז צו יעדער צייט, ווען זיי וועלען זינדיגען, וועט ער, שטראָפענדיג זיי, דערמאָנען אויך דעם חטא פון עגל. אָט וואָס ער פלעגט טענה'ן:

„אין דער מדבר האָבען אונזערע עלטערען, ווערענדיג פאַרפיהרט דורך די ערב רב, ניט געקאָנט ביישטעהן צו וואַרטען עטליכע שעה אויף משה'ן. זיי האָבען געמאַכט דעם עגל, פאַרלייקענט גאָט, וועלכער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, געשפייזט אין דער מדבר און זיי געגעבען די תורה. אָבער מיר, רבונו של עולם, וואַרטען שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר. דאָך האָבען מיר דיך, חלילה, ניט פאַרלייקענט, ניט פאַרביטען דיר אויף אַנ־אַנדערען, ניט אָפגעזאָגט זיך, ח"ו, פון דיין תורה!"

פאָלגענד אַן אינהאַלטס־רייכע שילדערונג פון חפץ חיים'ס התבוננות און השתפכות הנפש, איבערגעגעבען פון אַ בן הישיבה:

אינמיטען נאַכט, ווען אַלע און אַלץ אַרום זיינען געשלאָפען, פלעגט דער חפץ חיים דורך די שמאָלע טרעפ זיך אויפהויבען און אַריין צו זיך אין דעם גאָרען־שטיבעל (סאָלקע). ער האָט זיך פאַרשלאָסען, קיינעם נישט גע־לאָזט מיטגעהן מיט זיך און האָט ניט אָנגעצונדען קיין ליכט.

פלעגען אַמאָל מקורבים 1) שטיל זיך אַרויפ'גנב'ענען און אַוועק־שטעלען זיך פאַר דער טיר. און פון יענער זייט טיר האָט זיך אין דער פינ־סטערער נאַכט געטראָגען דאָס „אויס'טענה'ן זיך מיט'ן אויבערשטען.

ער פלעגט ריידען אויפ'ן קול, שאַרף און קלאָר . . .

אין אָנפאַנג האָט ער אָפגעגעבען אַ דאַנק און לויב השם יתברך פאַר די חסדים, וואָס ער האָט מיט איהם געטהאָן. ער האָט אויסגערעכענט יעדע געשעהעניש אין זיין לעבען און אַלץ וואָס עס האָט מיט איהם פאַסירט און אויף יעדער זאַך האָט ער געקוקט, ווי אויף אַ גרויסער זכיה, ווי אויף אַ חסד, וועלכען ער האָט ניט פאַרדינט און פלעגט אָפגעבען אַ שבח פאַר די

---

1) ניט אַלע אונטערהערער זיינען געווען בראַוו און זיך געפיהלט שטאַרק גע־נוג אויסצוהאַלטען אַזאַ ערפאַהרונג. דעם באַריהמטען משגיח ר' ירוחם לוואָוויץ האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט אַרויפצו'גנב'ענען און זיך אַוועקשטעלען פאַר דער טיר. האָט ער דערהערט דעם חפץ חיים, כליפענדיג שרייען אויף זיך: „ישראל מאיר, ווי לאַנג נאָך וועסטו אַזוי בלייבען זינדיג, טהו תשובה!" זייענדיג אַ געוואַלדיגער בעל רגש, האָט ער ניט געקאָנט אויסהאַלטען. געריהרט ביז טרערען, האָט ער געמוזט זיך גלייך צוריק־ציהען.

אַלע חסדים. קוים איז ער פאַרטיג געוואָרען מיט זיך, מיט זיין אייגענעם לעבען, האָט ער אָנגעהויבען ריידען וועגען כלל ישראל. און דאָ האָט זיך גלייך געענדערט ניט בלויז דער סגנון פון זיין ריידען, נאָר אויך זיין שטימע. ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער דאַנקער, ער איז געוואָרען אַ מאָנער. ער האָט גענומען מאָנען ביי כביכול דעם חוב, וואָס ער איז שולדיג דעם פאָלק ישראל. און ער האָט גענומען אויך מאַכען אַ חשבון, אויסצורײדען זיך אויף קליינגעלד. און דאַמאָלט האָט אין חלל פון דער נאַכט אָפּגעקלונגען זיין שאַר־פע שטים: „וואָס האָסטו אונז געגעבען? אַ, דו האָסט אונז געגעבען אַ תורה, אַ גרויסע, אַ הייליגע, אַן אייביגע תורה! ס'איז דאָך אָבער געווען אַ פאַר־מאַכטע תורה, אַ פאַרשלאָסענער חומש!" דאָס איז איין זייט פון חשבון.

און איצט קומט די צווייטע זייט, דער חוב:

„און וואָס האָבען מיר פאַר דיר געטהאָן?"

„מיר האָבען דיין תורה געעפענט, דיין חומש אויפגעשלאָסען, מיר האָבען דיר געגעבען אונזערע נביאים, אונזערע חכמי התלמוד, אונזערע גאונים, אונזער תורה שבעל פה! און וואָס האָבען מיר געקראָגען דערפאַר? צרות, רדיפות, געיאָגט און געפלאָגט, פון איין לאַנד צום אַנדע־רען. . . ." און דאָ פלעגט ער אויסרעכענען לאַנגזאַם בפרטות, קאַפּיטעל נאָך קאַפּיטעל פון דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע.

„. . . און מיר האָבען אויף דעם אַלעם ניט געקוקט, דיין תורה אומע־טום מיט זיך מיטגענומען, ניט אונזער לעבען, נאָר דיין תורה געראַטעוועט פון שונא'ס האַנד. מיר טראָגען זי עד היום מיט זיך, מיר האַלטען זי פעסט, דיין תורה . . ."

אַזוי האָט אויסגעזעהן דער חשבון.

און דאָ האָט ער גענומען מאָנען דעם חוב:

„ווי לאַנג נאָך וועלען מיר וואַרטען? מיר זיינען דאָך צובראָכען, „כחרס הנשבר!" אַך, צו ווערסטו געפינען נאָך איין גאַנץ אידישע האַרץ?!"

און פלוצלינג האָט ער גענומען רופען צו הילף די צדיקים, וואָס זיי־נען אויפ'ן עולם האמת. צו זיי האָט ער געהאַט גרויסע טענות — און איהר וואו זייט? פאַרוואָס שווייגט איהר? איהר דאַרפט דאָך זיין אונזערע מאָנער! בשמות הקדושות, צו האָט איהר שוין אין אַלעם פאַרגעסען? . . . ."

אַזוי פלעגט זיך דער חפץ חיים נאַכט ביי נאַכט אויס'טענה'ן, און ווען עס איז געקומען דער טאָג, איז ער געווען איבערצייגט — ניין, דאָס וואָרט גיט ניט איבער אין דער מינדסטער מאָס יענע גרויסע און טיפע אמונה, אַז דער חוב וועט זיכער באַצאָלט ווערען, אַ יעדע שעה, יעדע רגע דאַרף זי קו־מען — די גרויסע גאולה . . .

סז.

אָהן טיטולען

כידוע האָט דער חפץ חיים קיינמאָל ניט געקאָנט סובל זיין די טיטולען, וועלכע מ׳פלעגט אויף איהם תמיד שרייבען. ער האָט פשוט געהאַט גרויס צער פון דעם. זייענדיג ווי אַ בן בית ביי איהם (צווישען די יאָהרען תרע״ב — תרע״ה), איז דעם שרייבער אָפטמאָל אויסגעקומען פאַרצולעזען פאַר איהם די טעגליכע קאָרעספּאָנדענציע. דער חפץ חיים האָט קיינמאָל ניט דערלאָזען דעם שרייבער אָנצופאַנגען לעזען אַ בריוו פון דער התחלה, נאָר שטענדיג געהייסען גלייך אָנהויבען לעזען דעם תוכן.

אין די הסכמות צו זיינע ספרים האָט ער פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזט, אַז די גדולים זאָלען אויף איהם שרייבען הרב הגאון. עס האָבען ניט געהאָלפען קיין אַרגומענטען, אַז אַזאַ טיטולירונג וואָלט פאַרשטאַרקט דעם פּרעסטיזש פון באַטרעפענדען ספר. עס איז דעריבער אַ פראַגע, הלמאי אין די הסכמות אויפ׳ן „ליקוטי הלכות״ האָט ער יאָ ערלויבט די גדולים איהם צו טיטולירען הרב הגאון?

דאָס ווערט אָבער קלאָר און פאַרשטענדליך, ווען מען ווייס געוויסע פאַקטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרויסגעבונג פון דעם „לקוטי הלכות״. דיזער ספר פאַנגט זיך איצט אָן מיט צוויי הקדמות: הקדמה ראשונה און הקדמה שניה. פון דעם מחבר׳ס ערקלערונג און פאַרענטפערונג איז צו זעהן, אַז די ערשיינונג פון „לקוטי הלכות״ האָט לכתחילה אַרויסגערופען געגענערשאַפט צווישען געוויסע גדולים. אַזוי ווי די גמרא אויף טהרות צוזאַמענגעשטעלט פון דעם באַוואוסטען אַדמו״ר פון ראדזין, ר׳ גרשון העניך ליינער, וועלכער האָט בשעתה אַרויסגערופען גרויסע התנגדות פון די גדולי הזמן, וועלכע האָבען אין דעם געזעהן אַ קינסטליכע נאָכמאַכונג פון אַ גמרא, וועלכע קאָן אַמאָל על פי טעות אָנגענומען ווערען אַלס אַן אָריגינעלע גמרא, ובפרט ווען די מסדרי התלמוד האָבען דעם סדר טהרות געלאָזען אָהן אַ גמרא.

ווי דער איידעם פון חפץ חיים הרממ״י זאַקס האָט דעם שרייבער איבערגעגעבען, האָט איהם זיין שווער דערצעהלט פון עהנליכע בקורת, וועלכע ער האָט געקראָגען אויפ׳ן „לקוטי הלכות״: 1) ווייל מען קאָן מיינען, אַז עס איז אַ סאָרט גמרא. 2) אַז מען וועט אָנשטאָט די גמרא אין מקור לערנען דעם „לקוטי הלכות״. 3) אַז דער מחבר האָט זיך פאַרמאָסטען נאָכצומאַכען דעם רב אלפס.

ווי אַ חכם הרואה את הנולד, האָט זיך דער מחבר מהאי טעמא פאַר פילע יאָהרען צוריקגעהאַלטען ארויסצוגעבען דעם „לקוטי הלכות״, אָבוואָהל דער כתב יד איז געווען צוגעגרייט צום דרוק און ער האָט דעם חבור זעהר שטאַרק געגאַרט אַרויסצוגעבען, פאַראויסזעהענדיג דעם אונגעהויערען גרויסען תועלת פאַר די לומדים און כדי צו פאַרשפּרייטען דעם למוד הקדשים, און גלייכצייטיג אויך אַלס גייסטיגען מאָנומענט צו זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זוהן, ר׳ אברהם, וועמעס חידושים עס ווערען דאָרט פילע מאָל דערמאָנט.

ער האָט זיך דעריבער באַוואָרענט מיט פיל הסכמות פון מעהרערע גדולים, זאָגאַר פון דעם גדול הדור אין גאַליציע הגאון ר׳ שלום מרדכי הכהן פון ברעזאַן, און האָט קעגען זיין ווילען מהאי טעמא אָנגענומען הסכמות, וועלכע האָבען איהם באַצייכענט אַלס הרב הגאון . . . אַלץ כדי צו העלפען דעם אָנזעהן פון ספר.

אָבער אינגאַנצען צו פאַרמיידען קריטיק איז איהם דאָך ניט געלונגען. וועהרענד מעהרערע גאוני הדור האָבען דעם חיבור באַגריסט אַלס אַן אָנזאָגער פון דער נאָהענטקייט פון דער גאולה, האָבען אַנדערע צוליב אונפאַרשטענדליכע טעמים מבקר געווען דעם מחבר. כדי צו באַפרידיגען געוויסע קריטיקער, האָט דער חפץ חיים פאַר אַ געוויסער צייט געדרוקט אין דעם זעלבען פאָרמאַט פון די „לקוטי הלכות״ אַ גמרא און איהר געבונדען צוזאַמען, כדי מ׳זאָל זעהן דעם אונטערשייד און וויסען צו לערנען פריהער די גמרא פון מקור און נאָכהער זיין „לקוטי הלכות״.

אין דער הקדמה שניה ענטפערט דער מחבר זיינע קריטיקער און מיט זיין כאַראַקטעריסטישער צדקות און עניוות זוכט ער צו פאַרענטפערען אַלע טענות.

אַנדערע האָבען אויך אויפגעוואָרפען דעם מחבר, אַז דער „לקוטי הלכות״ און זיין עהנליכקייט צו אַ פאַרקירצטער גמרא, קאָן זיין אַ געפאַהר צו געבען אַ יד לפושעים און דינען אַלס אויסרייד פאַר זיי צו מאַכען קיצורים פון דער תורה.

צו אַזאַ איינעם, אַ געוויסען למדן און עהרליכען איד, שרייבט דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס אין ווינטער פון יאָהר תרס״א:

„ווייס דען ניט כתר״ה, אַז די פוקרים וועלען טהאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט צו זיין, צי זיי וועלען האָבען אויף וועמען זיך שטיצען, צי ניט. דער באַקאַנטער פוקר . . . און זיין גלייכען האָבען דאָך אָנגעפאַנגען זייערע קיצורים מיט פילע יאָהרען פריהער. איך דיינק אדרבה, אין דער צייט, ווען עס מעהרען זיך די פוקרים, וועלכע פאַרמעסטען זיך אַרויסצורייסען און צו ערנידעריגען דעם כבוד פון דער תורה און זוכען איהר צו רעדוצירען צו אַ סאָרט

היסטאָריע, און ערלויבען זיך בעוה״ר אויסצולאָזען איינגאַנצען דעם סדר ו י ק ר א ניט צו לערנען איהם מיט די חדר־קינדער, זאָגענדיג, אַז עס איז לגמרי איבעריג צו לערנען די ענינים. (ווערה צו אונז, וואָס מיר האָבען דערלעבט, עס וועט ח״ו מיט דער צייט פאַרגעסען ווערען די הויפט־עלע־מענטען פון דער תורה!) אין אַזאַ מאָמענט דאַרפען מיר נאָך מעהר פאַר־שטאַרקען די לימודים פאַר׳ן כבוד התורה, וועלכער ווערט געשענדעט. דיזער ס ד ר (ק ד ש י ם) איז אימער געווען אַזוי ווי אַ מת מצוה. איז עס דע־ריבער אַ דאָפּעלטע מצוה צו שטאַרקען אין דעם לימוד (זעה ספר חסידים), ובפרט היינטיגע צייט.

„דיזער חיבור וועט בעזהי״ת זיכער ווירקען אַלס זירוז גדול צו לער־נען דעם סדר. אויסער אַט די אַלע מאָטיווען איז, לדעתי הקטנה, דער חיבור זעהר נוצליך און פון גרויס וויכטיגקייט, אַזוי ווי איך האָב עס ערקלערט אין מיין הקדמה. אויך בעפאָר איך האָב איהם אַרויסגעגעבען, האָב איך זיך ניט פאַרלאָזט אויף מיין אייגענער דעה, נאָר זיך מישב געווען מיט אַ סך גדולים, מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו זעהן, מיט די וועלכע זיינען אויף די הסכמות און מיט אַנדערע. און אַלע האָבען צוגעשטימט און מיר מזרז געווען עס צו טהאָן.

„דער אויבערשטער ווייס מיין האַרץ, אַז איך האָב עס ניט געטהאָן פאַר מיין כבוד וועגען, און ניט פאַר׳ן כבוד פון מיין משפחה, נאָר פאַר׳ן כבוד ה׳ און זיין תורה און כדי מזכה צו זיין, זיין הייליגע פאָלק צו קאָנען וויסען די תורה. אויב עס געפינען זיך אנשים גדולים און יראים, וועלכע שטימען ניט איינגאַנצען איין מיט מיר, אַזוי ווי כתר״ה שרייבט, טאָ וואָס קאָן איך טהאָן? כתר״ה ווייס דאָך, אַז אויף יעדער נייעס איז אונמעגליך, אַז אַלע זאָלען אין דער זעלבער איינשטימיג מסכים זיין. איך ווייס עס פערזענליך פון ערפאַהה־רונג. און אַזוי איז עס אויך געווען ביי רבותינו אין פריהערדיגע דורות. (וואָס איך האָב ניט פאַרדינט זאָגאַר צו זיין שטויב אונטער זייערע פיס). איך האָב עס ניט געהאַלטען זאָגאַר פאַר נויטיג צו דערמאָנען. אין פאַרלויף פון דער צייט האָף איך, אַז אַלע וועלען איינזעהן דעם גרויסען תועלת . . . איך שרייב עס איהם אַלץ צוליב ו ה י י ת ם נ ק י י ם . . . ״

דיזע האָפנונג איז פ אָ ל ש ט ע נ ד י ג מ ק ו י ם ג ע ו ו אָ ־ ר ע ן.

דער זעלביגער פערזאָן האָט איהם אויך קריטיקירט, הלמאי אין זיין ספר „נדחי ישראל״ עצה׳ט ער די אידען אין אַמעריקא אָנשטאָט זיך צו גאָ־לען די באָרד מיט אַ ראַזיר־מעסער, וואָס עס מאַכט עובר צו זיין אויף פינף „לאוין״, זיך צו באַנוצען מיט אַ מספרים (שער), סם (פאודער), אָדער מאַ־

שינקע. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס קאָן אָפּשוואַכען די טראַדיציע צווישען די אידען אין פוילען, וואו ס׳טראָגען בערד אַלט און יונג.

דעם חפץ חיים׳ס תשובה איז געווען, אַז דיזען ספר האָט ער בלויז געשאַפען פאַר די פאַרוואָגעלטע אידען אין אַמעריקא, אַפריקא און אויסטראַליע, וואו עס איז אַזאַ חשש נישטאָ. און אַז ער האָט זיך לכתחילה מונע געווען פון צו פאַרקויפען דעם ספר במדינתנו (פוילען, ליטא און רוסלאַנד). ביז ער האָט געקראָגען שטאַרקע הפצרות פון פילע, וועלכע האָבען דוקא געגאַרט צו האָבען דעם ספר. און פאַר זיי האָט ער עס מתקן געווען און צוגעגעבען אַ קונטרס „תפארת אדם״, וועלכער אַנטהאַלט אַן׳אָפּהאַנדלונג וועגען דער שעהנקייט, חיוב און תועלת פאַר אידען צו טראָגען אַ באָרד. און וואו ער שטרייכט אונטער דעם איסור על פי קבלה 1).

דער חפץ חיים האָט ניט איינמאָל צוריקגעשיקט געלט, ווייל דער שיקער איז ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג, נאָר אויף איהם געשריבען אַ צו־גרויסען טיטול און דער חפץ חיים האָט עס צופעליג באַמערקט. ער האָט פשוט באַטראַכט אַלס גזילה אַזאַ געלד אַנצונעמען פאַר זיינע ספרים, אָדער ישיבה.

זייענדיג אין ראָוונע אויף דער „אספת הרבנים״, סיון תרפ״ה, זעהענדיג ווי דער עולם שטופּט זיך אַזוי שטאַרק אַרום איהם, האָט ער לכתחילה געהאַט שטאַרק צער, ווען ער האָט געזעהן אין דעם געדראַנג און בעת מעשה געהערט אַזעלכע אויסרופען, ווי: „לאָזט מיר צו צום צדיק! לאָזט מיר צו צום הייליגען רבי׳ן!״

ער האָט זיך אָבער גלייך באַרוהיגט, און באַמערקט צו זיינע נאָהענטע: „אין דער גמרא איז אַ קלער צו אכילה על ידי הדחק שמה אכילה, צו ניט, אָבער אַז כבוד על ידי הדחק איז קיין כבוד ניט, איז גאָר קיין קלער ניט״.

---

1) אין קונטרס „תפארת אדם״ (סעיף א) ערקלערט דער מחבר: „אַבוואָהל מצד דין התורה איז נאָר אסור אָראָפּצונעמען די באָרד מיט אַ גאָל־מעסער, איז מען אבער במדינתנו מחמיר אַפילו מיט אַ שערעל, צוליב דעם כדי אַנדערע זאָלען זיך ניט מקיל זיין צו ראַזירען בתער, אָדער פילייכט צוליב׳ן חשש פון די מקובלים, וועלכע שרייבען, אַז דערמיט רייכט מען אויבען אויף די „צנורות הקדושה״. זעה גליון מהרש״א יו״ד סימן קפ״א: „ועפ״י קבלה עי׳ ת׳ באר עשק, סימן ע׳: בין הרי ארץ ישראל לדרי חוץ לארץ ובין מי שתורתו אומנתו ומעיד מכמה גדולי תלמידי האר״י שגלחו זקנם במספרים. זעה אויך אין ספר „זכור לאברהם״ ציטאַטען פון די ספרים „שמש צדקה״, „חיים שאל״, „שיורי ברכה״, אַז במספרים, אַז ער בשם איז מותר לכתחילה. און בנוגע דעם חשש על פי קבלה, אַ ציטאַטע פון החסיד עיר וקדוש מהר״י איגלאס בס׳ „שו״ת דברי יוסף״: „דבחלק הנסתרות לא נצטוו אלא היחידים השרידים העומדים בסוד ה׳״.

זעה אויך „שו״ת חתם סופר״ (או״ח סי׳ קנ״ט): „ומה שרמז לספרי המקובלים שכתבו — שלא להושיט יד בדיקני כלל — אין לי עסק בנסתרות. אבל מהם ומהמונם הותרה הרצועה לגמרי בכל ארץ איטלי׳ שכל הכמיה מגלחים זקן ונתלים באילן גדול ר׳ מנחם עזרי׳ בעל „עשרה מאמרות״ אבי המקובלים שהוא היה מגולח מבלי השאיר שער אחד. וכן העיד עליו היש״ר מקאנדי׳ ב„אילים שלו. און ער פיהרט אויס, אַז עס איז ניטאָ אפילו קיין שום נדנוד ופקפוק, אפילו קיין ריח איסור זאגאָר משום חוקי הגוים, ווייל — שכבר נהגו ישראל לגלח — עי״ש. — דער שרייבער.

אַ בריוו צום כלל ישראל, וועלכען דער חפץ חיים האָט פאַרעפענטליכט כ״ז סיון תרפ״ג („דער יוד״, וואַרשא), כאַראַקטעריזירט אַמריכטיגסטען זיין באַציאונג צו די טיטולען, וועלכע מען פלעגט שרייבען אויף איהם:

„אויך, מיינע טייערע, וועל איך בעטען פון כלל ישראל: אזוי ווי דער אויבערשטער האָט מיר געבענשט מיט זיין חסד, אַז איך האָב דערגרייכט די יאָהרען פון „גבורות״ און ווייס ניט . . . טהוט מיר זעהר וועה מיין האַרץ ווען איך דערהאַלט בריוו, אין וועלכע מען טיטולירט מיר אַלס גאון אמיתי וצדיק וחסיד במעשים. עס איז דאָך באַוואוסט פון ירושלמי, אַז אויב מען גיט איינעם פיל כבוד, מיינענדיג, אַז ער איז קלאָר אין צוויי מסכתות, וועהרענד ער אַליין ווייס, אַז ער איז קלאָר בלויז אין איינע, איז ער פאַרפליכטעט צו זאָגען, אַז ער ווייס נאָר איינע. פלאַמט דעריבער מיין פנים פון שאַנדע, ווען מ׳גיט מיר אָפּ כבוד, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ בקי אין גאַנץ ש״ס, וועהרענד איך אַליין ווייס דאָך, אַז איך בין ניט קלאָר אַפילו אין איין מסכת, ווי עס דאַרף צו זיין. מענשען ווייסען ניט, אָבער לעתיד לבא וועט דאָך אַלץ באַקאַנט ווערען פאַר אַלעמען. אוי, ס׳א בזיון ס׳וועט זיין פאַר מיר!

„נאָך מעהר, האָב איך פאַרדרוס, ווייל ס׳איז פאַראַן אין דעם אַ חשש גזל, ווייל לויט זייער טעות גיבען מיר מענשען מתנות, וועלכעס זיי וואָלטען עס זיכער ניט געטהאָן, אויב זיי וואָלטען וויסען דעם אמת וועגען מיין קליינעם וויסען אין תורה און וויניגקייט אין מעשים טובים.

„דאַריבער בעט איך פון אַלעמען, מ׳זאָל מיר ניט טיטולירען מיט אַזעלכע מורא׳דיגע שבחים, וועלכעס פאַרשאַפט מיר אַזויפיל צער . . . און וואָס אַנבאַלאַנגט די געלד — מאַך איך באַקאַנט צו די אַלע, וועלכע האָבען מיר אַרויסגעהאָלפען סיי דורך קויפען מיינע ספרים וועלכעס איז פּיליכט געווען ניט מיט זייער אייגענעם גוטען ווילען, און סיי די וועלכע האָבען מיר ווען עס איז געגעבען מתנות, אַז זיי האָבען אַ חלק אין מיינע ספרים וממילא אויסער די מצוה, וועלכע זיי האָבען פאַר דעם, וואָס זיי האָבען מיר אויסגע־האָלטען אין מיין לעבען, וועלען זיי אויך האָבען אַ זכות לעתיד לבא דורך דעם וואָס דער עולם וועט לערנען אין זייערע ספרים . . .״

סח.

כבוד און אויטאָריטעט פון רבנות

דעם חפץ חיים'ס מנהג פלעגט תמיד זיין, קומענדיג אין אַ שטאָדט, צו געהן באַזוכען דעם רב. ווען עס איז איהם איינמאָל צופעליג אויסגעקומען צו האַלטען שבת אין פראַנצעסבאַד, איז ער ניט אַרויס פון האָטעל דעם גאַנצען טאָג און זאָגאַר ניט געגאַנגען אין שוהל דאַוונען, ווייל ניט וועלענדיג באַזוכען דעם אָרטיגען רב און אין דער זעלבער צייט, כדי אויך ניט מזלזל צו זיין אין כבוד הרבנות, האָט ער בעסער באַשלאָסען אינגאַנצען זיך ניט צו לאָזען ערקענען אין שטאָדט.

דערצעהלט הרב נח ליוועראַנט (הגאב"ד שערעשאוו, פוילן) אַלס בן בית און מקורב צום חפץ חיים האָט ער געוואוסט, אַז דעם חפץ חיים'ס דרך פלעגט זיין דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג, צוליב דער נאָהענטקייט פון שבת ניט אָוועקצופאָהרען פון הויז. ס'איז געווען אַ פרייטאָג פריה אינמיטען זומער. אַלע אין בית מדרש האָבען זיך געוואונדערט, הלמאי דער חפץ חיים איז ניט געקומען דאַוונען. גלייך נאָכ'ן דאַוונען איז ער (ר' נח) געלאָפען אויסגעפינען די סבה. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רבי איז פאַרטאָג אַוועקגעפאָהרען אין אַ געוויסע שטאָדט, איז ער אַ פאַרוואונדערטער אַריין צו ר' הירש'ן אויסצוגעפינען די אורזאַכע. האָט איהם דער לעצטער פאַרטרויט:

פאַר די לעצטע עטליכע מאָנאַטען האָט דער חפץ חיים ערהאַלטען בקשות פון איינ'יגע יראים ושלמים פון אַ שכנות'דיגער שטאָדט . . . צו קומען ווירקען, מ'זאָל איבערבויען די מקוה, וועלכע איז דאָרט געווען זעהר חרוב, מעורר זיין דעם עולם וועגען טהרת המשפחה, וועלכע איז דאָרט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען, אַן ענין פאַר וועלכען דער חפץ חיים האָט זיך שטענדיג מזרז געווען צו טהאָן מיט מסירת נפש. דער חפץ חיים איז אָבער ניט געפאָהרען, טראָצדעם וואָס די אידען פון . . . האָבען עס כסדר געמאָנט און פאַרלאַנגט פון איהם. עס איז ביי אַלעמען געווען אַ פלא. די אורזאַכע איז געווען, היות ווי דער חפץ חיים האָט דאַמאָלט געהאַט אַ שטאַרקע בקורת און הקפדה אויפ'ן דאָרטיגען רב, אַלזאָ קומען אין שטאָדט און ניט באַזוכען דעם רב, וואָלט עס געמיינט אַ באַליידיגונג פאַר'ן כבוד הרבנות, און באַזוכען דעם רב האָט ער דאַן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט, ווייל עס וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז מסכים צו זיין שיטה, האָט ער זיך דאַריבער אָפגעהאַלטען פון פאָהרען.

פון די בעלי עגלות פון יענער שטאָדט, וועלכע האָבען דורכפאָהרענדיג ראַדין, צוריק מיט זייערע ליידיגע פעסער („באַרעלס") פון ביר, האָט זיך דער

חפץ חיים דערוואוסט, אַז זייער רב איז גראָד אַוועקגעפאָהרען אויף דאַטשע, איז ער דאריבער גלייך דאַן פאַרטאָג מיט זיי אַהין געפאָהרען.

אַזוי הויך איז ביים חפץ חיים געשטאַנען כבוד הרבנות אַז ביי איהם איז זאָגאַר רעכט געווען אויף אַ ווײלע צו פאַרקוקען אַזעלכע וויכטיגע ענינים ווי טהרת המשפחה.

רבנות איז דער גיבראַלטאַר־פעלז פון אידענטום. אָהן רבנים אַלס לעה־רער און וועג־ווייזער וואָלט דאָס אידישע פאָלק פאַרלוירען דעם וועג פון לעבען און עקזיסטענץ.

אַ דאַנק דעם טיפען פאָלקס־רעספּעקט פאַר דער אויטאָריטעט פון רבנות איז דאָס אידענטום עד היום פאַרבליבען אַ שעפּערישער און ווירקזאַמער כח אין דער וועלט פון גייסט און אידעאַליזם. רבנות שטיצט די קראַפט פון איהר אויטאָריטעט אויף דער תורה, אויף דער אוראַלטער אידישער טראַ־דיציע. דער קוואַל פון איהר יניקה איז געווען און איז דער באַרג סיני. „משה רבנו האָט מקבל געווען די תורה פון סיני, האָט איהר איבערגעגעבען צו יהושע׳ן, יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים, די נביאים צו די אנשי כנסת הגדולה, די אנשי כנסת הגדולה צו די תנאים, די תנאים צו די אמוראים, די אמוראים צו די רבנן סבוראי, די רבנן סבוראי צו די גאונים, די גאונים צו די ראשונים, די ראשונים צו אחרונים ביז׳ן אחרון שבאחרונים״, — אַן אונענדליכע קייט פון תורה פאַרשטעהערשאַפט.

זאָגט טאַקע דער תלמוד : „בעפאַר די זון פון עלי׳ן איז אונטערגעגאַנ־גען, האָט אָנגעפאַנגען צו שיינען די זון פון שמואל׳ן״. בעפאַר די שטימע פון די נביאים איז פאַרשטילט געוואָרען, זיינען ערשינען די תנאים און חכמים, די אויסטייטשער פון דער תורה, ווען די השגחה האָט באַשטימט צו זיין די פיהרער און אויטאָריטעטען פון אידענטום.

אין גלות האָבען די דאָזיגע רעפּרעזאַנטיווע קערפּערשאַפטען פון אידי־שען פאָלק זאָגאַר געגאָסען די אַנערקענונג און סאַנקציע פון די רעגירונגען און מעכטע אונטער וועלכע זיי האָבען געלעבט. די אויטאָנאָמישע אויטאָריטעט פון נשיא אין ארץ ישראל און פון דעם ריש גלותא אין בבל האָט אָנגעהאַלטען כמעט דורך דער גאַנצער צייט פון די חכמי המשנה והתלמוד און זאָגאַר נאָכדעם אין דער צייט פון די גאונים אַן ערך פון 500 יאָהר.

רבנות האָט אויסגעאיבט איהר אויטאָריטעט איבעראַל, וואו אידען האָבען זיך באַזעצט : אין בבל, אַפריקא, שפּאַניע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, וואו נור אידען האָבען געוואוינט אין קאָמפּאַקטע מאַסען און דער פּולס פון אידיש־קייט איז דאָרט געווען מעהר וועניגער נאָרמאַל זיינען געשאַפען געוואָרען תקנות, מנהגים און פאַראָרדנונגען דורך די גדולי הדור און גייסטיגע מנהיגים וועלכע פלעגען ווערען רעספּעקטפול אויסגעפיהרט און אָפּגעהיט ביי אַלעמען.

ס׳איז געװען צו דערמאָנען די תקנות פון רבינו גרשום מאור הגולה, דער פאַר־באָט פון פּאָליגאַמיע, דאָס דאַרפן דער פרוי׳ס צושטימונג צו אַ גט, א. ז. וו., װעלכע װערן עד היום אָפּגעהיט אַזױ װי זײ װאָלטן געגעבן געװאָרן מסיני.

װי עס איז צו זעהן פון די אַלטע ספרים, ספּעציעל אין די שאלות ותשובות פון די ראשונים װי „רשב״א״, ריב״ש״ און אַנדערע איז אין זײערע צייטן די רבני׳שע אויטאָריטעט געװען זעהר שטאַרק. ס׳האָט עקזיסטירט אין יעדער שטאָדט אַ קערפּערשאַפט אַכטונג צו געבען, אַז די תקנות און פאַר־אָרדנונגען, װעלכע זײנען געשאַפן געװאָרן לױט די פאָדערונגען פון דור און צייט, זאָלן ניט פאַרלעצט װערן און אַז די מצוות פון דער תורה זאָלן געהעריג אָפּגעהיט װערן.

ס׳האָט גענומען פילע דורות ביז װאַנעט פּױלען און ליטא זײנען געװאָרן צענטערן פון תורה און אידישע געלעהרזאַמקייט.

װען די אידען זײנען אַרויסגעטריבען געװאָרען פון שפּאַניע, און אידיש־קייט האָט אויפגעבליהט אין פּױלן, איז דאַן ענטשטאַנען דער „ועד ארבע הארצות״ צוזאַמענגעשטעלט פון די גדולי הרבנים און פרנסים. דיזע פאַר־שטעהערשאַפט האָט געהאַט די אַנערקענונג פון דער רעגירונג, באַזיצענדיג פאָלשטענדיגע אויטאָנאָמישע רעכט אויפ׳ן געביט פון רעליגיעזען לעבען.

אין יאָהר 1764, װען לױט אַ דעקרעט פון פּױלישען סיים אין װאַרשא, איז בטל געװאָרען דער „ועד ארבע הארצות״, פלעגען די יאַרידען דינען אַלס מיטעל פּונקטען פאַר אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. ס׳איז באַקאַנט, אַז די לעצטע פון אַזאַ אספה איז פאַרגעקומען אין דער צייט פון ר׳ חיים װאָלאָזשינער אויפ׳ן יריד אין זעלװע.

אין צאַריסטישען רוסלאַנד האָט כידוע דער „קהל״ געהאַט די יוריס־דיקציע איבער׳ן רעליגיעזען אידישען לעבען און רבנות האָט אַזױ װי אימער אויסגעאיבט איהר אויטאָריטעט און איינפלוס פאַר׳ן װאוילזיין פון פאָלק. צו־ליב די בײזװיליגע אינטריגעס פון די אַזױ גערופענע „קאַזיאָנע משכילים״ האָט צאַר ניקאָליי דער ערשטער אָפּגעשאַפט די ממשלה פון דעם קהל.

אָבער אָפיציעל, צו אונאָפיציעל, רבנים זײנען תמיד אָנערקענט געװען אַלס די אמת׳ע רעפּרעזענטאַנטען פון אידענטום, אַלס די טרעגער פון תורה און אויסטייטשער פון איהרע פּרינציפּען און אידעאַלען. זײ זײנען געװען דער שטאָלץ און יחוס פון זײערע געמײנדען· דאָס פאָלק האָט די פּערזענליכקייט פון רב באַטראַכט אַלס פאַרקערפּערונג פון דאָס שעהנסטע און נאָבעלסטע אין אידישען לעבען. דאָס פאָלק האָט געזאָרגט, אַז די רבנים זאָלען לעבען בכבוד און זײן באַזאָרגט מיט חיונה, עס זאָל ניט זײן, װי דער חפץ חיים דריקט זיך אויס אין זײנעם אַ קול קורא, ״חייו תלוים לו מנגד״, כדי זײ זאָלען קאָנען

אונגעשטערט זיך ווידמענען צו זייער הייליגער אַרבייט און ווערן רעספּעקטירט ביים פאָלק.

אָבוואָהל דער חפץ חיים האָט פּערזענליך קיינמאָל קיין רב ניט געוואָלט זיין, איז ער אָבער כל ימיו געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער פאַרטיידיגער פון רבנישען אויטאָריטעט. ער האָט בלב ונפש געזוכט וועגען און מיטלען אויפצוהאַלטען דעם טראַדיציאָנעלען סטאַנדאַרד פון רבנות, אַז טיפע און פיל פאַרצווייגטע לומדות דורכגעוועבט מיט די שעהנסטע אידעאַלען און ערהאַבענסטע מדות פון יראת השם און אהבת הבריות זאָלען זיין די הויפּט אטריבוטען פון אַ רב. ער פלעגט באַטאָנען אַלס עד ראי׳ אַז די ערשטע שריט וועלכע האָבען געפיהרט צום גייסטיגען חורבן פון די בליהענדע אידישע קהלות אין דייטשלאַנד זיינען געווען די פאָדערונגען אין נאָמען פון כלומר׳שטען מאָדערניזם אַז רבנים מוזען — אויסער לומדות און צדקות — אויך באַזיצען אַ באַדייטענדע מאָס וועלטליכע בילדונג. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מ׳האָט ביסלעכווייז פאַרקוקט דעם רב׳ס לומדות און שפּעטער גאָר אויפגעהערט צו זוכען אַ רב אַ למדן און ירא שמים. עם־הארצות מיט אַ אויבערפלעכליכען גלאַנץ פון כלומר׳שטע אידישקייט האָט ליידער דאָרט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ערנסטע און טיפע תורה־געלעהרזאמקייט און אמת׳ע אידישע מדות און מאָראַל.

ריידענדיג וועגען ישיבות און לימוד התורה פלעגט ר׳ ישראל מאיר שטענדיג באַדויערען, אַז די רבנות איז אין די לעצטע דורות באַרויבט געוואָרען פון איינע פון איהרע וויכטיגסטע פונקציעס, וועלכע האָט איהר צוגעגעבען אַ סך ווירדע און פיל געשטאַרקט איהר אויטאָריטעט.

אין פריהערדיגע דורות, פלעגט ער זאָגען, פלעגט דער רב מעהרסטענטיילס אויך זיין דער ראש הישיבה פון זיין שטאָדט אָדער שטעדטעל; ווי עס איז צו זעהן פון די אונטערשריפטען אויף די בריוו, פּסקים, תשובות און הסכמות פון די גרעסטע רבנים פון די פאַרגאַנגענע דורות. זיי פלעגען זיך התמ׳ענען אב״ד ור״מ, ד. ה. רב און ראש ישיבה. ווי ער ציטירט פון אַלטע פּנקסים אין איינעם פון זיינע ספרים, האָט דאַמאָלס עקזיסטירט אַזאַ תקנה, אַז יעדער רב האָט באַדאַרפט אָנפיהרען מיט אַ ישיבה, וועלכע זיין קהלה פלעגט אויסהאַלטען. געגאַרט האָט דער חפץ חיים פון זיין פריהעסטער יוגענד אָן צו זעהן אַזאַ סאָרט שעהנעם צושטאַנד צוריק אין דעם אידישען געמיינדעלעבען (זעה זיין ספר „חומת הדת״, דעם ערשטען פּרק).

דער חפץ חיים האָט זיך ניט באַנוגענט מיט שאַפען און אויפהאַלטען תורה־צענטערען פאַר בחורים און יונגעלייט. ער האָט געזוכט צו באַאיינפלוסען די מצוינים׳דיגע יונגעלייט צווישען זיינע מקורבים און באַקאַנטע — אַז זיי זאָלען אויף זיך נעמען דעם עול הרבנות. „אויב ניט איהר, טאָ ווער?״ האָט

ער אַמאָל גע׳טענה׳ט צום גאון ר׳ איסר זלמן מעלצער (געוו. רב ור״מ אין סלוצק, היינט ראש ישיבה אין ירושלים) וועלכער איז געווען פון די באריהמטע עלויים אין זיין ישיבה. און כאָטש ער אַליין האָט לכתחילה געהאַט ביי זיך באַשלאָסען ניט צו ווערען קיין רב, פלעגט ער דאָך איבערדערצעהלען דעם ענטפער וואָס דער גאון וצדיק הדור ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געגעבען צום באַריהמטען גדול ר׳ מאיר מיכל ראַבינאָוויץ (ר׳ מאיר מיכל שאטער), וועלכער האָט זיך פאַר איהם מתנצל געווען אַז ער האָט פשוט מורא צו ווערען אַ רב; אַז ער שרעקט זיך פאַר׳ן אחריות פון רבנות: „ווער דען ווילט איהר זאָל ווערען אַ רב, דער יעניגער וואָס האָט קיין מורא ניט?״

דער חפץ חיים פלעגט באַזונדערס באַדויערען דעם פאַקט, וואָס אין די קליינע שטעדטלאך אין ליטא האָט ער געפונען רבנים גרויסע גאונים, ווערהענד אין פילע גרויסע שטעדט אין אַמאָליגען רוסלאַנד איז אַזאַ ערשיינונג געווען אַ זעלטענהייט. אַ דאַנק זיין מיטהילף האָבען פילע גרויסע שטעדט אויפגענומען גרויסע רבנים. „אויב אין כמות איז דאָרט קיין סך תורה ניטאָ זאָל כאָטש זיין אין איכות״, פלעגט ער טענה׳ן.

דערצעהלט הרב ב. מארקוס אַז אין חדש אדר פון יאָהר תרנ״ד האָט ער לערנענדיג אין איישישאָק צוזאַמען מיט נאָך אַ בחור, עולה ברגל געווען קיין ראַדין, כדי זיך צו באַקאָנען מיט׳ן חפץ חיים. דער צדיק האָט זיי, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויפגענומען מיט חביבות. ער האָט באַדויערט וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען צו מאַכען זייער באַזוך צו פוס אין אַזאַ נאַסען וועטער, און האָט זיי פאַרזאָגט צוריק למה״ש ניט צו געהן צו־פוס נאָר צו פאָהרען. נאָכהער האָט ער זיי געפרעגט פון וואַנעט זיי זיינען, האָט איהם דער אַנדערער בחור געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון ווילנער גובערניע, ווערהענד הרב מאַרקוס האָט איהם געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון כערסאָנער גובערניע.

„אויב אזוי״, האָט דער חפץ חיים צו איהם באַמערקט, „זיינט איהר דאָך מחויב צו לערנען מיט פיעל מעהר התמדה, ווי אייער חבר, ווייל ער קומט פון ווילנע, וואו ס׳זיינען פאַראַן אַ סך לומדים. איהר אָבער שטאַמט פון כערסאָנער גובערניע, וואו די צאָל פון לומדי תורה איז זעהר קליין, איז עס דאָריבער אייער פליכט ממלא צו זיין דעם חסרון!״

אין אַ בריוו וואָס דער חפץ חיים האָט פאַרעפענטליכט כ״ה סיון, תרפ״ה, כדי צו פארהיטען דעם כבוד הרבנות, ביים אויפנעמען א רב, באַטאָנט ער צווישען אַנדערעס: „רבנות, וועלכע איז דער יסוד פון הוראה ביי אידען, איז אין אַלע דורות פאַרעהרט און פאַרהייליגט געווען. די רבנים זיינען די לעהרער און וועג־ווייזער פון פאָלק. אַלע פראָבלעמען פון דער געמיינדע זיינען זייערע אינטערעסען. זייער אויפגאַבע איז צו אַרבייטען לטובת הצבור, מתקן צו זיין תקנות, צו פאַרצוימען און פאַרהיטען מ׳זאָל ניט קומען ברעכען

די צווייגען פון עץ החיים — די תורה. אָבער דער גרויסער עיקר פון אמת׳ע רבנות איז דאָס וויסען פון דער תורה מיט איהרע אלע מקצעות פון דער הלכה, און דאָס באַזיצען פון יראת ה׳, וועלכעס איז דער אָנפאַנג פון חכמה...״

מערקווירדיג, די אויטאָריטעט פון רבנות האָט כמעט תמיד געטראָגען אַן אינדיווידועלען כאַראַקטער איידער אַ קאָלעקטיווען. זאָגאַר אין די צייטען ווען די רעליגיעזע אויטאָריטעט איז געווען קאָנצענטרירט אין אַן אָפּיציעלער קערפּערשאַפט, ווי דער „ועד ארבע הארצות״ וכדומה, איז אונאָפיציעל אָנערקענט געווען די אָדער יענע באַריהמטע פּערזאָן אַלס פּאַקטישע אויטאָריטעט, צו וועמען דער כלל ישראל האָט זיך צוגעהערט. דער אונטערשיעד איז וועהרענד אַמאָל, דער נשיא אין ארץ ישראל, דער גאון אָדער ריש גלותא אין בבל זיינען געווען ערוועהלטע פיהרער, אויסגעקליבען אָדער באַשטימט פאַר זייער אַמט, האָבען אין די שפּעטערדיגע דורות יחידי סגולה אין דער רבני׳שער וועלט זוכה געווען צוליב זייער גרויסקייט צו ווערען די אונגעקרוינטע אויטאָריטעטען פון אידענטום.

פילע אין אונזער דור געדיינקען נאָך די אונבאַשטרייטבאַרע פיהרערשאַפט פון ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל. פאַר זיינע ענטשיידונגען און פסקים האָבען זיך אַלע געבויגען. אַזעלכע גאוני הדור ווי ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק און ר׳ מאיר שמחה הכהן פון דווינסק פלעגען זאָגען בנוגע ר׳ יצחק אלחנן׳ס פסקים: „כבר הורה זקן״, אָדער „הלכה כמותו בכל מקום״.

עס איז באַוואוסט, אַז ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק האָט זיך איינמאַל געווענדעט צו ר׳ יצחק אלחנ׳ן וועגען אַ געוויסע קאָמפּליצירטע „שאלת עגונה״ און ער האָט איהם דאַן געבעטען ענטפערען זיין תשובה טעלעגראַפיש, בלויז מיט איין וואָרט, „מותר״ אָדער „אסור״, אָהן אָנצוגעבען אין זיין הוראה די טעמים אָדער ראיות והוכחות. צו זיינע מקורבים האָט ר׳ חיים דאַן באַמערקט, אַז האָבענדיג פאַר זיך די אַלע מקורים און אַרגומענטען פון ר׳ יצחק אלחנן׳ס תשובה, וואָלט ער פיליכט געקאָנט זוכען אָפּצוּוועהנדען דורך אַנדערע ראיות און לומדות׳ן, דאַגעגען אָהן, וועט ביי איהם אין מח קיין צווייפעל ניט בלייבען . . .

ווען ר׳ יצחק אלחנן, אָדער אַ ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער פלעגען פאָהרען קיין פּעטערבורג זיך משתדל צו זיין פאַר זייערע ברידער, אָבוואָהל אָפיציעל זיינען זיי פון כלל ישראל ניט ערוועהלט געוואָרען, האָבען אַלע געפיהלט, אַז זיי זיינען די אמת׳ע און ריכטיגע רעפּרעזענטאַנטען פון פאָלק.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך דער פטירה פון רבינו יצחק אלחנן ז״ל, ווען די לומד״ישע וועלט האָט זיך דערפיהלט פאַר׳יתומ׳ט צוליב׳ן גרויסען העדר פון גאון הדור, האָט זיך דאַמאָלט געשאַפען אַ באַוועגונג, אָנגעפיהרט פון הרב הצדיק ר׳ אליעזר שולאָוויץ (מיסד ומנהל פון לאָמזער ישיבה), צו

אָרגאַניזירען אַ מנין פון די גדולים אין יענער צייט, צו ערפיהלען די פונקציעס פון קאָוונער רב ז״ל, וועלכער איז געווען דער אונבאַשטרייטבאַרער פוסק פון דעם דור. אַ ספעציעלער פאָנד איז שוין געווען כמעט ווי פאַרזיכערט צו באַזאָרגען דיעזען מוסד פון גדולי הדור מיט פרנסה בכבוד, כדי צו באַפרייען זיי פון עול הרבנות, און זאָלען קענען מקדיש זיין זייערע גאַנצע כחות לטובת הכלל, אַלס די אויטאָראַזירטע קערפערשאַפט פון מורי הוראה פאַר׳ן כלל ישראל, צו ענטפערען אויף פאַרשיידענע שאלות, איינגעטיילט יעדערער אין אַ באַזונדערער מקצוע, צו וועלכען ער זאָל זיך אינגאַנצען איבערגעבען. 2)

אויך איז אינטערעסאַנט, אַז ווען די רוסישע רעגירונג האָט אויף איהרע אידען אַרויפגעצאוונגען דאָס אויפהאַלטונג פון דאָפּעלטע רבנות, קאַזיאָנע און רעליגיעזע, האָט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט אַנערקענט דעם רב מטעם הממשלה אַלס פיהרער. דעם קאַזיאָנעם רב האָבען זיי בלויז באַטראַכט אַלס רעגירונגס־בעאַמטען, אָדער טשינאָווניק. עס איז זאָגאַר געווען די שיטה פון פילע גדולי הדור ניט צו דערלאָזען ערוועהלען צו אַזאַ אַמט איינעם וועלכער פּרעטענדירט אויף לומדות און פרומקייט, כדי דער קאָנטראַסט צווישען איהם און דעם אמת׳ן רב זאָל זיין גרויס און דאָס פאָלק זאָל אַמאָל ניט מערבב זיין די תחומין. ווען מ׳האָט דערצעהלט דעם גאון הדור ר׳ חיים בריסקער מכח דעם זיעג פון אַ געוויסען גדול וועלכער האָט ניט דערלאָזען אַז אין זיין שטאָדט זאָל ערוועהלט ווערען אַ פריי־געזאָנענער ראַבינער, נאָר אַ למדן און געוועזענער ישיבה בחור — האָט ער באַמערקט: „איך האָב מורא, אַז דאָס קאָן זיך אויסלאָזען צו זיין ניט קיין נצחון פאַר פרומע אידען, נאָר חלילה להפך״. זיינע ווערטער האָבען זיך אויסגעלאָזט צו זיין ווירקליך דברי נבואה . . .

אַז די השגחה העלפט אונז, אויב מיר זיינען באמת פאַר׳ן כבוד שמים, פלעגט דער חפץ חיים אילוסטרירען מיט דעם פאָלגענדען עפּיזאָד:

ווען דער באַוואוסטער גאון ר׳ אברהם שמואל איישישקער, מחבר פון

---

2) אגב איז כדאי איבערצוגעבען, — די שכירות האָט געזאָלט זיין 20 רובל אַ וואָך. צווישען די גדולים האָט געזאָלט זיין אויך ר׳ מרדכי׳לע סלאָנימער (ווייצעל), ווען דיזער גאון און צדיק האָט דערהערט פון אַזאַ „מורא׳דיגען״ געהאַלט האָט ער פּראָטעסטירט: „סטייטש, ניט זייענדיג קיין רב — האָט ער געזאָגט — איז דען ניט גענוג 6 רובל אַ וואָך. צוליב טעכנישע אומשטאַנדען איז, ליידער, דיזער גראַנדיעזער פּלאַן ניט צושטאַנד געקומען.

עס איז אגב אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז דער חפץ חיים פלעגט זאָגען וועגען מרדכי׳לען:

„ער איז אַ פייערדיגער איד, ער שטעלט זיך אין סכנה כמה מאָל, כדי איינצוהאַלטען דעם דת״.

אויך פלעגט דער חפץ חיים דערצעהלען, אַז ר׳ מרדכי׳לע האָט זיך אַמאָל מתנצל געווען פאַר איהם, הלמאי ער גיט זיך אָפּ מיט געבען סגולות און ברכות צו פרויען מיט די ווערטער: „פאַנאַנדערריידענדיג מיט די נשים, דערוויס איך זיך פון כמה עבירות וקלקולים, בין איך זיי מחזיר בתשובה״.

„עמודי אש (תקס״ט־תרכ״ט) איז געוועזן רב אין ראסיין, קאָוונער גוב., האָט פאַסירט, אַז איינמאָל שבת אין דער פריה האָט דער אָרטיגער קאַזיאָנער ראַבינער, וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט צו שפּילען די ראָלע פון אַ געמיינדע רב זיך מקדים געווען, געקומען פריהער אין שוהל און זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן רב׳ס אָרט אויף מזרח לעבען ארון קודש. דער עולם האָט לויט׳ן כלל פון „הוי זהירין ברשות״, מורא האָבענדיג פאַר איהם, זיך קוים איינגעהאַלטען אין זייער ברויזענדער אויפרעגונג. ווען דער רב, ר׳ אברהם שמואל האָט, אַריינקומענדיג אין שוהל דאָס באַמערקט, איז ער גאָרניט רעדענדיג גלייך אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער בימה און זיך דאָרט געזעצט דאַוונען. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען אונטער אַ וואָסער שטימונג דער עולם האָט דעם שבת געדאַוונט . . . נאָך קריאת התורה האָט דער חזן אַריינגעשטעלט די תורה, פאַרגעסענדיג צו זאָגען די תפלה „הנותן תשועה״ פאַר דעם צאַר און זיין פאַמיליע. דער ראַבינער, משמעות זייענדיג צוטומעלט מיט זיין נצחון, האָט עס ניט באַמערקט. פלוצלונג איז צו איהם צוגעלאָפען אַן אַלטער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט״ מיט אַ געוואַלד, הלמאי ער האָט דערלאָזען מ׳זאָל ניט זאָגען די תפלה פאַר׳ן צאַר. און איידער דער ראַבינער האָט געהאַט צייט זיך צו פאַרענטפערען, האָט ער איהם מכבד געווען מיט פעטש. ס׳איז געוואָרען אַ געוואַלדיגער טומעל. די אַרויסהעלפער פון ראַבינער האָבען געבראַכט פאָליציי, וועלכע האָבען אַרעסטירט דעם „ניקאָלאַיעווסקען סאָלדאַט״ פאַר שטערען די עפענטליכע אָרדנונג און אָנפאַל אויף אַ רעגירונגס־בעאַמטען. דער אַרעסטירטער איז אָבער געען אַ תקיף און האָט אויפ׳ן קול זיך צושריען, אַז עס מעג איהם קאָסטען אַלץ, וועט ער ניט דערלאָזען מ׳זאָל גרינגשעצען דעם כבוד פון רוסישען קייזער וועמען ער האָט טריי געדינט 25 יאָהר . . .

דערהערענדיג אַזעלכע טענות איז דער פריסטאַוו גאָר צוטומעלט געוואָרען. ער האָט וועגען דעם אינפאָרמירט דעם איספּראַווניק. דער לעצטער האָט גלייך אָפּגעשיקט אַ רעפּאָרט צום גובערנאַטאָר וועגען דעם אינצידענט. דער גובערנאַטאָר האָט צו זיך אַרויסגערופען פאַר אַן אויספאָרשונג אויך דעם ראַבינער און דעם „ניקאָלאַיעווסקען סאָלדאַט״. אויסהערענדיג די געגען־טענות פון לעצטען, האָט ער געפרעגט דעם ראַבינער הלמאי ער האָט דערלאָזען צו אַזאַ פאַרברעכען, האָט זיך דער ראַבינער פאַרטיידיגט, אַז ער האָט פשוט ניט געהערט, ווייל ער איז געזעסען ווייט אַוועק פון דער בימה. לויבענדיג דעם סאָלדאַט פאַר זיין פאַטריאָטיזם און ליבע צום „צאַר באַטיושקאַ״, האָט דער גובערנאַטאָר פאַראָרדענט דעם ראַבינער, אַז מהיום והלאה, כדי צו פאַרהיטען פון אַן עהנליכען טעות, זאָל זיין אָרט זיין צו זיצען תמיד נאָהענט פון חזן, לעבען דער בימה.

„דאָס״, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, „דאַרף זיי אַ למוד פאַר אונז,

זיך תמיד איינצושטעלען פאַר'ן כבוד הרבנים וועלכעס איז דער יסוד פון תורה און אידישקייט . . .

עס איז אגב כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסען צער פון חפץ חיים איבער דעם כאַאָטישען צושטאַנד פון אידיש רעליגיעזען לעבען מעבר לים, אין אַמעריקאַ א. א. ער פלעגט מאָנען פון די גרויסע רבנים הלמאי זיי פאַהרען ניט קיין אַמעריקא מיט'ן איינציגען צוועק כדי צו פאַרשטאַרקען אידישקייט.

„ווען איך וואָלט געווען יונגער, וואָלט איך שוין פינף מאָל געווען אין אַמעריקא !", פלעגט ער טענה'ן.

3

סט.

צום פוילישען מלוכה־פרעזידענט

כ״ד אלול פון יאָהר תרפ״ט האָט דער פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק, איגנאַץ מאָשציצקי, באזוכט ראַדין. די באַפעלקערונג פון גאַנצען שטעטל און אומגעגענד האָבען צוגעגרייט לכבוד איהם א פייערליכען קבלת פנים. זעלבסט־פאַרשטענדליך, אז דעם אויבען אָן האָט פארנומען דער חפץ חיים. ער איז געוועזען די הויפט אַטראַקציע פאַר׳ן גאַסט. 29

דער חפץ חיים האָט פאָרגעלעזען זיין באגריסונג צום פרעזידענט, אָנפאַנגענדיג אין פויליש מיט די ווערטער: „וויטאַם אי בלאָגאָסלאַוויאַם פאַנאַ פרעזידענטאַ!״ און נאַכהער פאָרגעזעצט א ברוך הבא אין העברעאיש אויסדריקענדיג זיין דאַנקבאַרקייט אויף דער פריווילעגיע צו זיינע עלטערע יאָהרען מקבל פנים צו זיין דעם קאָפּ פון דער פוילישער מלוכה...

ער האָט פארענדיגט מיט א ברכה צו איהם אויף אריכת ימים און געוואונשען איהם און דער רעגירונג צו טהאָן גוטעס פאַר׳ן לאַנד.

ער האָט אויך אויסגעדריקט א דאנק צו דער רעגירונג אין נאָמען פון כלל ישראל פאר דער הילף וואָס דער פוילישער קאָנסול איז ארץ ישראל האָט דאן געהאַט געלייסטעט דעם ישוב בעת די שרעקליכע אומרוהען אין יענער צייט.

דער חפץ חיים האָט דעם פרעזידענט אויך איבערגעגעבען א מעמאָראַנדום. צוליב דער וויכטיגקייט פון דאָקומענט גיבען מיר איבער, מעהר וויניגער, דעם אינהאַלט איבערגעזעצט אין אידיש:

„זייענדיג דער זקן הרבנים פון דור פיהל איך, אַז עס איז הויפטזעכליך מיין פליכט צו שטעהן אויף דער וואַך פאַר׳ן אידישען דת און דאַריבער בין איך ממלא מיין ספעציעלען חוב אין דעם מאָמענט זיך צו ווענדען צום קאָפּ פון דער מלוכה וועגען לעבענס־וויכטיגע ענינים פאַר׳ן אידענטום.

„היות די מלוכה האָט פארעפענטליכט אז זי גרייט זיך ארויסצוגעבען געוויסע געזעצען און פאראָרדנונגען בנוגע דעם אידישען קהלה לעבען, באַנוץ איך זיך מיט דער געלעגענהייט, צו מאַכען דעם פרעזידענט אויפמערקזאַם דעם שטאַנדפונקט פון רעליגיעזען אידענטום. לויט אונזער מיינונג, איז אין די פלענער פאַראַן א גרויסע סכנה פאַר׳ן קיום היהדות. און די דאָזיגע געפאַהרען קומען אַמ׳בולט׳סטען צום אויסדרוק אין די פאָלגענדע הצעות: א) אז לעהרער פון למודי הקודש אין די אידישע רעליגיעזע שוהלעס און

חדרים זאָלען דארפען באזיצען א בילדונגס־צענז פון אלגעמיינע לימודים. ב) אין דעם קהלות־געזעץ פארגעזעהענע שאפונג פון א רעליגיעזען ראַט. ג) און אין די באשטימונגען אין קהלות געזעץ בנוגע קוואליפיקאציעס פון באַשטעטיגונג פון רבנים.

„צוערשט אין וויכטיגקייט איז די פראגע וועגען א רעליגיעזען אויבער־ראַט וועלכען די רעגירונג פלאַנט צו שאַפען אַלס העכסטע אינסטאַנץ צו ענט־שיידען און רעגולירען אַלע פּראָבלעמען אין רעליגיעזען לעבען פון די קהלות. צו דיזער קערפּערשאַפט דאַרף איבערגעגעבען ווערען די אויטאָריטעט אויפ־צונעמען רבנים, און די גרינדונג פון פאַרשידענע נייע אינסטוטיציעס פון אַן אלגעמיינעם כאַראַקטער פאר׳ן גאַנצען צבור אין לאנד.

„דיזער פלאַן פאראורזאַכט שטאַרקע זאָרג און באגרינדעטע חששות אין רעליגיעזען אידענטום, וועלכער זעהט פאָראויס די גרויסע סכנה פאר זיין עקזיסטענץ. די געגען־רעליגיעזע שטראָמען האָבען ליידער אָנגעפאַנגען אויך אריינצודרינגען אין דער אידישער וועלט, וועלכע זוכען מיט אלע מיטלען צו פארכאַפּען די מאַכט אין די רעליגיעזע קהלות צו רואינירען די דורות־אַלטע יסודות פון רעליגיעזען לעבען און צו פאַרוועלטליכען די קהלות און זיי מאַ־כען רעליגיאָנסלאָז. אונטער אַזעלכע אומשטענדען ווי אזוי קאָן מען אָנפאַר־טרויען אין די הענט פון די אויסדערוועהלטע דעפּוטאַטען צום קהלה־ראַט אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכקייט, אַז פרייע עלעמענטען זאָלען האָבען די אומבאַ־גרעניצטע דעה איינצואָרדענען דעם רעליגיעזען לעבען אין אונזער לאַנד? אַלס אילוסטראַציע איז גענוג צו דערמאָנען די רעזולטאַטען פון די וואַהלען צו די קהלות אין מזרח קרעסען פון לעצטען יאָהר. עס האָבען זיך אריינגע־בראָכען לינקע עלעמענטען, פאָרשטעהער פון „בונד״, „פועלי ציון״ וכדומה, וועלכע זוכען מיט אַלע מיטלען מלחמה צו האַלטען קעגען דת און צושטערען דעם רעליגיעזען כאַראַקטער פון דער קהלה — זיי ווערען אונזערע רעליגיעזע פאַרזאָרגער! זאָגאַר צווישען די רעכטע עלעמענטען דיינקען די ערוועהלטע אז זייער אויפגאַבע איז דער עיקר צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון זייער פאַרטיי אָדער וועהלער. זיי זיינען דאַריבער ניט פאראינטערעסירט און האָבען ניט קיין שייכות צו רעליגיעזע פראַגען און באַדערפעניששען.

„זעלבסטפאַרשטענדליך, אז אַזאַ צושטאַנד פאראורזאַכט אומבאַקוועמע שטרייטען אין די נייע קהלות וועלכע פאַרשאַפען דאָס רעליגיעזע אידענטום פיל צער און וועהטאָג. ווען יעדע קהלה איז אָפּהענגיג קאָנען דאָך עכ״פ די יעניגע קהלות, וועלכע האָבען אַ מאַיאָריטעט פון רעליגיעזע פאָרשטעהער איינאָרדנען זייערע ענינים לויט זייר ווילען און געשמאַק. דאָס וועט דאָך אָבער זיין אונמעגליך, אויב דער אויבערראַט וועט עקזיסטירען און ס׳וועלען דאָרט האָבען אַריינגעדרונגען פרייע עלעמענטען מיט זייער צעשטערונגס־

גייסט. וועלען זיי לויט׳ן געזעץ קאָנען אַרויפצווינגען זייער ווילען אויף אַלע געמיינדעס אין פוילען.

„איך צווייפעל ניט, אז די רעגירונג איז אין דעם דיקטירט געוואָרען דורך די בעסטע געפיהלען כדי איינצואָרדענען דעם אידישען געמיינדע־לעבען אויף געזונטע יסודות און ווי עס ווייזט אויס האָט זי מיט איהר פּלאַן צו שאַפען א אויבער־ראַט גענומען אַלסביישפיל דעם היסטאָרישען „ועד ארבע ארצות״, וועלכער האָט געהערשט אין פוילען מיט הונדערטע יאָהרען צוריק. אָבער צו אונזער באדויערען מוזען מיר אויפווייזען און אונטערשטריי־כען דעם פאַקט, אַז צייטען האָבען זיך, ליידער, געביטען. עס איז דאַריבער ניט ראַטזאַם צו רעסטאָרירען אַן אינסטיטוציע פון דער אַלטער פאַרגאַנגענ־הייט . . .

„איבערגעהענדיג צו דער צווייטער פראַגע, צום ארטיקעל בנוגע די קוואַליפיקאַציעס פאַר לעהרער פון לימודי הקודש אין די חדרים און רעלי־גיעזע שוהלעס... דאָס רעליגיעזע אידענטום האָט אין רעליגיעזען חינוך תמיד געהאַט צווי מטרות וועלכע זיינען פונדאַמענטאַל און לאָזען ניט צו קיינע פשרות. 1) צו געבען די תלמידים א גרינדליכע ידיעה פון תורת ישראל און די יסודות הדת, דורכ׳ן לימוד פון חמשה חומשי תורה, די הייליגע שריפטען, און התחלת גמרא. דאָס מוז אַלץ געלערענט ווערען פון מקור, כדי דורכדעם איינצוואָרצלען אין זיי די ריינע אמונה בה׳ ובתורתו. 2) אויך דער יונגער דור מוז ניט נאָר באַזיצען ידיעת התורה נאָר אויך בפועל מקיים זיין די חוקי ה׳ און אָפּהיטען די מצוות וועלכע ער האָט אונז געבאָטען.

„כדי אָט די צווי מטרות צו דערגרייכען האָט דאָס אידענטום שטענדיג באַשטאַנען אז די לעהרער פון לומדי קודש אין די רעליגיעזע שוהלעס זאָלען פעהיג זיין ניט נאָר איבערצוגעבען דעם קינד געוויסע ידיעות, נאָר אויך אין דער הויפּט צו קאָנען פּערזענליך אויסאיבען א השפעה מיט זיין אייגענעם גייסט ב ר ו ח ה א מ ו נ ה . זעלבסטפאַרשטענדליך אז אזא זאַך איז נאָר מעגליך אויב דער לעהרער איז פערזענליך א מאמין תמים בד׳ ובתורתו און איז אליין א שומר תורה ומצוה בפועל ובמעשה. אָבער וויבאַלד דער לעהרער איז פערזענליך ניט קיין מאמין בד׳ און איז ניט מקיים מצוות, דאַ־מאָלט וועט ער ניט נאָר ניט דערגרייכען דעם ציעל, נאָר וועט גורם זיין צו פאַר׳סמ׳ען די ריינע נשמה פון קינד, און אזא שעדליכע השפעה וועט זיך לאָזען פיהלען אין תלמיד זיין גאַנץ לעבען. איידער צו לערנען לימודי קודש אויף אזא אופן איז שוין בעסער גאָרניט...

„ווי די טאָג־טעגליכע ערפאַהרונגען האָבען אונז באוויזען זיינען די סאָרט לעהרער וועלכע ענדיגען געוויסע סעמינאַריומס, אויסגעוועפּט פון יעדען רוח האמונה און מ׳קאָן אין זיי קיין צוטרוי ניט האָבען. צו זיין פאַסיגע

לעהרער פון לימודי הקודש און רעליגיעזע ערציהער זיינען נאָר די יעניגע פעהיג, וועלכע האָבען אליין געקראָגען א געזונטען און פונדאַמענטאַלען חינוך אין די גרויסע ישיבות, די איינציגע ערטער וואו עס ווערט פּרעזערווירט די פּרינציפּען פון אונזער אמונה אין איהר אָריגינעלער ריינקייט. נאָר דורך אזעלכע לעהרער קאָנען מיר ערוואַרטען אַז אונזערע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אויף דעם שויס פון דער תורה און בלייבען נאמנים לד׳.

„דאריבער פארלאנגען מיר און בעטען פון דער ווירדיגער רעגירונג ניט אריינצובריינגען קיינע ענדערונגען בנוגע די קוואַליפיקאַציעס פון רעלי־גיעזען לעהרער און ניט צו באַשווערען די ענטוויקלונג פון רעליגיעזען חינוך דורך פאָדערונגען פון א צענז אויף אַלגעמיינע השכלה פון די מורי לימודי הקודש אין די רעליגיעזע שוהלעס. אַזאַ פאָדערונג שטעלט אין געפאַר די עיקרים פון חינוך דתי, דער גאַנצער יסוד פון אידענטום. אזא זאך איז דאָך אויך ניט אין די אינטערעסען פון דער רעגירונג צו דערלאָזען ערציהען א דור אָהן אמונה, צו וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל ניט באַלאַנגען.

„איך נעם זיך דעם מוט אויפמערקזאם צו מאכען די ראשי הממשלה, אז וואָס אַנבאַלאַנגט דעם רעליגיעזען אידישען חינוך איז אונמעגליך עס צו באַגרייפען פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. עס מוז אויפגעפאַסט ווערען מיט׳ן אייגענאַרטיג אידיש־רעליגיעזען בליק. (רק מנקודת מבט הדת הישראלית). זיינע אייגענארטיגע אומשטענדען, אזוי ווי עס איז דער גאַנצער לעבען פון אידישען פאָלק אין די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר, זינט עס איז פארטריבען געוואָרען פון זייך לאַנד.

„איך, ווענען דער אויבערשטער האָט מזכה געווען צו שטעהן זיבעציג יאָהר אויף דער וואַך פון רעליגיעזען אידישען פאָלקס לעבען, בעאָבאַכטענדיג זיין וואוקס און ענטוויקלונג, בין רייך אין ערפאַהרונגען צו פיהלען און צו וויסען, אַז יעדע ענדערונג אין דעם פאַל איז עלול צו פאַראורזאַכען שרעק־ליכע פאָלגען פאַר׳ן קיום פון רעליגיעזען לעבען.

„מיר האָפען און נעמען עס אָן פאַר זיכער, אז די רעגירונג, נעמענדיג דאָס אידיש־רעליגיעזע לעבען אונטער איהר קאָנטראָל, וועט זיך רעכנען מיט די פאָדערונגען פון די אידישע רעליגיעזע פיהרער בנוגע צום לימוד פון דת ותורת ישראל, און איבערלאָזען אַזעלכע אינערליכע ענינים צו די פאַסיגע פיהרער וועלכע שטעהען אין דער שפּיץ פון דת ישראל אָהן באגרעניצונגען...

„איצט, איבערגעהענדיג צום אַרטיקעל וועגען רבנים, וויל איך בלויז אויפמערקזאַם מאַכען און בעטען די רעגירונג זי זאָל ניט פארעפענטליכען קיינע נייע רעגולאַציעס אָהן פריהער זיך מישב צו זיין און אויסהערען די מיינונג פון דער רבני׳שער קערפּערשאַפט (אגודת הרבנים), וועלכע פאַרטרעט דעם כלל הרבנים אין אונזער לאַנד.

„אויך נעמענדיג אין אָנבעטראַכט די גרויסע חשיבות און נויטיגקייט פון דער פאַראָרדענונג, וועלכע פאָדערט פון יעדען רב צו וויסען די לאַנדעס שפּראַך אין וואָרט און שריפט, בעט איך צו האָבען די איינזעהעניש און ער־לויבען אַנדערע אַ געוויסע צייט זיי זאָלען זיך אויסלערנען די נויטיגע ידיעות און אַז דאָס זאָל ניט שטערען זייער צייטווייליגע באַשטעטיגונג צום אמט . . .״

די בויער און ראשי ישיבת „חפץ חיים" אין ראדין

הרב ר' הירש לעווינסאן, זצ"ל

הרב ר' משה לאנדינסקי, זצ"ל

הרב ר' נפתלי צבי טראפ, זצ"ל

די ישיבת „חפץ חיים" אין ראדין

ב"ה יום י"ג לחודש תשרי תרפ"ז

מתיבתא רבתא
"חפץ חיים"
ראדון, פלך ווילנא.

סיון טוב ומזל טוב להעדה הק' תפארת תורה ולרבם הרב
הגאון ירא אלקים איש חסד וטוב כש"ת מוהר"ר משה מאיר שר שליט"א

להתמנות ידידנו היקר לרב ומורה דרך התורה והמצוה לקהלת
תפארת תורה נשתתפנו אתכם ויקיריו ונכבדי-עדתו הרם ומעלתו
השגבות כולנו יחד בברכה אחת לכ"ג ולדתם יתן ד' כי בחירתם
הטובה לשמת לכם לאיש שהוא גדול בתורה וירא אלקים שתהי' בהצלחה.
על רבכם הגדול ישרה ד' עליו רוח ממרום ויחנו תמיד בדעת ד' להורות לכם
את הדרך הישרה שיבור לו האדם ובזה יחזק ד' את לבבכם לגשת
אחר דגל רבכם דגל התורה והמצוה האמת והשלום אתכם, ובזה
תהי' תפארת תורה לתפארת ישראל ולמופת לקהלות ישראל
תתברכו בגו"ח ובעת חיים וברכה כברכת המברכים
משה לאנדינסקי נפתלי צבי טראפ ה"ו
[illegible]

מנהלי ישיבת "חפץ חיים" ראדון פלך ווילנא

א וואונטש ברייוו פון די ראשי ישיבות פון חפץ חיים צו דעם
מחבר ווען ער האט באקומען א נייע רבנות אמט

ע.

צום פוילישן פרעמיער מיניסטער

כמעט אַ יאָהר צייט האָט דער חפץ חיים געוואַרט אויף גינסטיגע תוצאות, אָבער אומזיסט. עס איז ניט געקומען קיין ענטפער אויף זיין מע־מאָראַנדום. דערוויל האָט איהם דערגרייכט קלאַנגען, אַז די רעגירונג איז באַשלאָסען דורכצופיהרען אין פּראַקטיק די אויבען־דערמאָנטע פאַראָרדנונ־גען. דער חפץ חיים, וועלכער האָט פאָרויסגעזעהן די דראָהענדע געפאַהר פון אַזעלכע גזירות, האָט ממש ניט געקאָנט רוהען. ער האָט געוועקט און גע־רופען אַלאַרם.

אין זיינעם אַ בריוו, געשיקט צו אייניגע גדולי הרבנים אין מרחשון תר״צ, שרייבט ער צווישען אַנדערעס:

„איך וויל אייך מעורר און מזרז זיין צו קאָנצענטרירען אַלע כחות, כדי צו באַשיצען דעם כבוד התורה און רבנות, עס זאָל ניט פאַרשוועכט ווע־רען, דורך דעם נייעם רעגולאַמין, וואָס די מלוכה האַלט ביים אַרויפצווינגען אויף אונז. אַלע מעגליכע מיטלען און תחבולות מוזען אָנגעווענדעט ווערען, אַז עס זאָל ניט אַרויס לפועל. די סכנה איז גרויס. מיר קאָנען פאַר קיין פאַל ניט מסכים זיין דערצו. מיט אונזער לייב און לעבען דאַרפען מיר מלחמה האַלטען קעגען דעם! עס מיינט אַן אונטערגראָבען אונטער אונזער הייליגען דת און פיהרט צו רעפאָרם ח״ו.״

לכתחילה האָט ער געפּלאַנט צורופען אַן אספה פון די פיהרענדע רבנים אין ווילנע. ער האָט שוין זאָגאַר געהאַט אַרויסגעשיקט בריוו צו יחידים וועגען דעם.

אין אַ בריוו צו הגאון ר׳ יחזקאל ליבשיץ, קאַלישער רב, כ״א טבת תר״ץ שרייבט ער:

„איך בין נישט אימשטאַנד אייך איבערצוגעבען בכתב מיין האַרצ־וועהטאָג צוליב די שרעקליכע צרות און גזירות, וועלכע האַלטען ביים אַרויס־געהן, דראָהענדיג צו פאַרברענען אונזער הייליגען דת שריפת הנפש עד לכליון ח״ו. טאָ וואָס שווייגען מיר. מ׳וועט דאָך מאָנען פון אונז פאַר דעם, ווייל די שולד פון דור ליגט דאָך אויף די פיהרער, זאָגען די חז״ל. אויף אַזעלכע ענינים זיינען מיר דאָך מחויב זיך מוסר נפש צו זיין . . . (ומי יתן שאזכה לזה בחיי)״.

אָבער פיהלענדיג זיך צובראָכען און זעהר שוואַך וואָלט פאַר איהם

צו פאָהרען דאַן קיין ווילנע געווען סכנת נפשות, האָט ער דאַריבער באַשלאָסען צו רופען די אספה אין ראַדין.

ביי דער אַספה האָט דער ראַדינער ראש הישיבה הגאון ר׳ משה לאַנדינ־סקי זצ״ל מציע געווען זיין מיינונג, אַז דער חפץ חיים אַליין מוז פאָהרען קיין וואַרשא, כדי זיך משתדל צו זיין קעגען די גזירות, אַנדערש וועט מען גאָרנית פועל זיין. אויף דעם האָט דער חפץ חיים אַ ציטער געטאָהן און געזאָגט: „איך בין טאַקע גרייט צו געהן אויף מסירת נפש, אָבער ווי אַזוי פאַרלאַנגט איהר, אַז איך, אַן אַלטער מאַן (ער איז שוין דאַן געווען עטליכע און נײַנציג יאָהר אַלט) זאָל זיך אונטערנעמען צו מאַכען אַזאַ שווערע נסיעה?״ אויך זיינע בני בית האָבען מקפיד געווען אויף ר׳ משה׳ן פאַר זיין פאָרשלאַג. נאָך אַ ישוב הדעת מיט הגאון ר׳ חיים עוזר שליט״א איז מוסכם געוואָרען צו שיקען קיין וואַרשא אַ דעלעגאַציע פון צוויי אָנטיילנעמער אין דער אספה: נעמליך, די גאונים ר׳ ברוך דוב לייבאָוויץ שליט״א, דער ר״מ פון כנסת בית יצחק אין קאַמעניץ, און ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, דער ר״מ ישיבת אהל תורה אין באַראַנאָוויץ. דיזע שלוחים האָבען זיך באַדאַרפט אין וואַרשא באַראַטען מיט די אָרטיגע רעליגיעזע פאָרשטעהער און אויסאַרבייטען פלענער ווי אַזוי צו פועל׳ן ביי דער ממשלה מבטל צו מאַכען איהרע געפּלאַנטע גזירות.

ליידער, האָבען די שלוחים גאָרנית פועל געווען. דער חפץ חיים איז געוואָרען זעהר אומרוהיג. עס האָט איהם פאַרדראָסען, פאַרוואָס ער האָט גלייך ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון ר׳ משה׳ן, אַז ער זאָל אַליין פאָהרען. ער האָט זיך געבעטען ביי זיינע נאָהענטע תלמידים, זיי זאָלען רחמנות האָבען און איהם ברענגען קיין וואַרשא. די בני בית האָבען אָבער פּראָטעסטירט, אַז צוליב זיין שלעכטען געזונד־צושטאַנד איז געפעהרליך פאַר איהם צו פאַרלאָזען זיין היים און מאַכען אַזאַ לאַנגע רייזע. עס איז דאַן געווען אין חדש טבת, אין רעכטען מיט׳ן ווינטער, און צוליב׳ן שלעכטען וועטער איז זיי געלונגען אָפּצוציהען און אָפּצולייגען די רייזע פון איין טאָג אויפ׳ן אַנדע־רען. אין אַ געוויסען טאָג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון זיינעם אַ ספּע־ציעלען שליח — וואָס ער האָט נאָכהער נאָכאַמאָל געשיקט — דאָס עס איז גאָר ניט מעגליך עפּעס אויפצוטהאָן, סיידען דער חפץ חיים אַליין זאָל קומען. די בני בית האָבען באַשלאָסען די ידיעה פון איהם צו בעהאַלטען, ווייל ער האָט דעמאָלט זיך געפיהלט זעהר שוואַך.

אָבער פּלוצלינג האָט דער חפץ חיים צוזאַמענגערופען זיינע בני בית, זיינע נאָהענטע תלמידים און פריינד און געזאָגט צו זיי: „איך בעט אייך, האָט אויף מיר רחמנות און ברייגט מיר קיין וואַרשא, ווייל איך קאָן ניט זיצען דאָ רוהיג, בעת איך הער פון אַזעלכע גזירות. איך קאָן זיך ניט פאַרלאָזען אויף שלוחים. דאָס איז פאַר מיר אַ מלחמת־מצוה און מען דאַרף אַליין געהן

אין פראַנט און ניט יוצאַ זיין מיט׳ן שיקען אַנדערע. ווי קאָן איך דאָ זיצען במנוחה, ווען דער קיום פון אונזער תורה איז אין געפאַהר״. קיינער האָט שוין מעהר ניט געוואַגט איהם אָפּצוהאַלטען פון זיינע פּלענער און מען האָט זיך אָנגעפאַנגען צוצוגרייטען צו דער רייזע.

די ענערגיע פון חפץ חיים איז ממש געווען צו באַוואונדערן. זיינע הכנות צו דער נסיעה זיינען געווען איבער זיינע כחות. געזעגענענדיג זיך מיט זיינע בני־בית, האָט ער זיי געזאָגט דאָס עס איז מעגליך, אַז צוליב זיין שטאַרקען ווידערשטאַנד קעגען דער רעגירונג, וועט מען איהם אַרעסטירען און אַריינזעצען אין תפיסה. ער איז אָבער אויף אַלץ גרייט.

פאַהרענדיג אַ גאַנצע נאַכט אויפ׳ן באַהן, האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין אַרומרעדען פאַרשידענע פּלענער, און בין הדברים האָט ער מתפלל געווען, אַז השי״ת זאָל מצליח זיין זיין נסיעה. כ״ה טבת אין דער פריה איז ער אָנגעקומען אין וואַרשא און האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין מידקייט, נאָר האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט.

דאָרט איז באַשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ קאָנפערענץ פון אַלע וויכטיגע רביים (אדמו״רים) און רבנים חשובים פון גאַנץ פוילען. עס זיינען גלייך געקומען צווישען אַנדערע די רביים פון גער, אַלעקסאַנדער, בעלז 1) און די רבנים פון קאַליש, קראָקא און לובלין; די ראשי הישיבה פון גראָדנא, קלעצק, קאמעניץ, מיר, באַראַנאָוויץ, לאמזע און ראַדין.

די איינלאַדונגען זיינען געווען אין אַן אַלאַרמירענדען טאָן. מאַנכע זיינען אַרויסגערופען געוואָרען טעלעפאָניש, אַנדערע טעלעגראַפיש. אויך איז לחזק הדבר אַרויסגעשיקט געוואָרען אַן עקספּרעס בריוו מיט פאָלגענדען נוסח:

„כבוד הרב הגאון . . .

„ אין ביכלתי למסר בכתב כאב לבי על הצרות והגזירות הנוראות העומדות לצאת נגד דת תורה״ק. ולמה אנו מחשים? הלא בודאי נהי׳ נתבעים ע״ז. ע״כ מחויבים אנו בכל תוקף ועוז לעשות מה שבידינו. ראשית דבר להתאסף יחד ראשי ומנהיגי ישראל לטכס עצה אשר מוכרחים אנו למצא בזה.

„ואם כי קשה עלי הנסיעה לעת זקנתי, ממש במסירת נפש, בכל זה לא הבטתי ע״ז ובאתי בע״ה הנה וואַרשא. והענינים העומדים על הפרק

---

1) ווען דער בעלזער רבי האָט ערהאַלטען אַ טעלעגראַפישע איינלאַדונג פון חפץ חיים צו קומען צו דער אספה, האָט ער אַלס זיין פאַרטרעטער געשיקט דעם טאַרנאָפּאָלער רב. דער לעצטער איז באַאויפטראַגט געוואָרען זיך צו דערוויסען פון חפץ חיים צו עס איז דורכאויס נויטיג, אַז דער רבי אַליין זאָל קומען. אויף דעם האָט דער חפץ חיים געענט־פערט: „איך זאָג נישט, אַז דער בעלזער רבי מוז קומען. איך זאָג נאָר, אַז דער איד, וואָס איז גרייט זיך מוסר נפש פאַר כבוד־שמים דאַרף קומען! . . .
פאַרשטעהט זיך, אַז דער רבי איז גלייך געקומען צו דער אספה.

עומדים ממש בכל יום לצאת לפועל ח"ו בלי איחור. וגין זה הודענו לכתר"ה ע"י טעלעגראַמע היום ובקשנו לבא בהקדם האפשרי לטכס עצה בזה עם עוד גדולי ישראל. ואם כתר"ה עדיין לא נסע מביתו יואיל נא לבא, לא יאוחר מיום א' הבא איה"ש, כי מחויבים אנו לעשות בזה במסירת נפשנו בכל מה שביכלתנו בלי שום אמתלא, למען כבוד שמו יתברך ותורתו.

„דברי הכו"ח לכבוד התורה ולומדיה, המיצר בצרות עם ישראל ומצפה לישועת ה' במהרה.

ישראל מאיר הכהן".

דערצעהלט הרב ר' מאיר ברלין, וועלכער אין דאַן גראַד געווען אין דער פוילישער הויפּט־שטאָדט, אלס אַן עד־ראיה:

„דער קומען פון חפץ חיים אין וואַרשא האָט אויפגערודערט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג. אַלע האָבען גערעדט וועגען איהם, וועגען זיין אַרט לעבען און וועגען זיין אומבאַגרעניצטע ענערגיע אין זיין הויכען עלטער. די גאַנצע גאַס פון דעם האָטעל, וואו ער האָט געוואוינט, איז געוואָרען באַלאַגערט פון מענשען. הונדערטער אידען, אַמעהרסטענס יוגענד, אָבער אויך מיטעל־יעהריגע און אַלטע האָבען דאַרטען ניט געפעהלט. זיי זיינען געשטאַנען שוין לאַנג אויף דער גאַס, אָבי דערוואַרטען זיך צו געבען אַ קוק אויף דעם גרויסען אַלטען, ווען מען וועט איהם אַרויסטראָגען אויפ'ן גאַס. אַזוי ווי אין גאַס, אַזוי אויך אין די צימערען פון האָטעל. אַרום זיין חדר, וואו ער איז געווען זיינען איבערפילט געווען מיט מענשען. כמעט אַלע ראשי ישיבה פון פוילען. זעהר פיל רבנים און אַ גרויסע צאָהל עסקנים האָבען געוואַרט צו הערען עטוואָס, אָדער צו בעטען עטוואָס פון דעם חפץ חיים. ער אַליין האָט נאָך פיל קלענער אויסגעזעהן, ווי מיט יאָהרען צוריק, מען האָט מעהר געפילט, אַז זיין נשמה טראָגט זיך אַרום, ווי עס איז געווען צו זעהן גוף. אויך זיין שמיעה איז שוין געווען ווייט ניט צופרידענשטעלענד. דאָס מערק־ווירדיגסטע איז אָבער געווען, ווען מ'האָט מיט איהם גערעדט, האָט מען גע־מוזט באַוואונדערען זיין געזונדקייט אין גייסט, און זיין שטאַרקייט אין מיינונג, און איבער אַלעס, דעם זכרון, וואָס ער האָט באַזעסען.

זעהענדיג דעם אונגעהויער גרויסען כבוד און אַנערקענונג, וועלכע דער חפץ חיים האָט געהאַט, און באַוואונדערענדיג זיינע גרויסע פעהיגקייטען, ניט נאָר אין צדקות און אין תורה, נאָר אויך אין אָריענטירען זיך אין אַ וועלט־ליכען פּראָבלעם — וועלכע, נאַטירליך האָט צו טהאָן מיט אידישקייט — האָט מען געמוזט קומען צום באַשלוס, אַז מען האָט צו טהאָן מיט אַן אויסערגע־וועהנליכען מענשען, וועלכער האָט דעם זכות צו טראָגען ניט נאָר דעם „כתר כהונה" און דעם „כתר תורה", נאָר אויך אַ מין שטאַרקע מאַגנעטישע קראַפט,

שטאַרקער מאָראַלער כח, וועלכער גרעניצט זיך מיט „כתר מלכות״ פיהרערשאַפט און אויטאָריטעט. 2)

עס איז ממש ניט צו פאַרשטעהן פון וואַנען דער אַלטינקער האָט געשעפּט אַזויפיל כח און ענערגיע. מען דערצעהלט, אַז ער איז אין יענע טעג געווען טעהטיג פון 18 ביז 20 שטונדען אין מעת לעת. ער האָט זיך באַטייליגט אין אַלע הכנות צו דער פאַרשטעהענדער קאָנפערענץ. דורך איהם זיינען דורכגעגאַנגען אַלע פּלענער. ער האָט טעגליך פאַרבראַכט אין שמועסען מיט צעהנדליגער דעלעגאַציעס און הונדערטער פּערזאָנען. מיט יעדער גרופּע פאַרזאַמעלטע האָט ער געפיהרט אַנדערע געשפּרעכען און יעדען האָט ער צוגעטראָפען צום ציעל. לויט זיין וואונש און אונטער זיין השפּעה, איז דאַן צושטאַנד געקומען אַ שלום צווישען די רביים פון גער און אַלעקסאַנדער, פאַרענדיגענדיג אַ לאַנג־יעהריגען שטרייט צווישעןביידע חסיד׳ישע דינאַסטיעס אין פּוילען 3).

---

2) דערצעהלט דער גאון ר׳ אהרן קאַטלער, ראש ישיבה פון קלעצק, וועלכער איז דאַן געווען מיט׳ן חפץ חיים אין וואַרשא: פאַר זיין אָפּפאָהר איז ער ארויפגעגאַנגען זיך צו געזעגענען מיט׳ן חפץ חיים. האָט דער חפץ חיים, האַלטענדיג זיין האַנט, באַריהרט די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען במשך פון דער אספה. אין מיטען שמועס האָט דער חפץ חיים באַמערקט: „מ׳דאַרף אויך וויסען, אַז ווען מען פאַנגט אָן אַ מסכת צו לערנען, דאַרף מען איהר ענדיגען״, און האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין שמועס. אַ דערציטערטער איז ר׳ אהרן געוואָרען, ווייל גראָד האָט פּאַסירט, אַז אויסער די אָפּיציעלע מסכת, וועלכע ער לערנט צוזאַמען מיט דער ישיבה, האָט ער פילע מאָל אָנגעפאַנגען איינציגע מסכתות און זיי ניט פאַרענדיגט. ער אַליין האָט מכה דעם מיט קיינעם קיינמאָל ניט גערעדט און קיינער האָט, דוכט זיך, איהם פון דעם ניט געקאָנט וויסען, — אָבער „סוד ד׳ ליראיו״.

ווען ר׳ אהרן האָט ער דערצעהלט פאַר הגאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, האָט איהם דער לעצטער איבערגעגעבען, אַז מיט איהם האָט אויך אַן עהנליכע זאַך פּאַסירט, ער האָט איין מאָל אונערוואַרטעט צו איהם באַמערקט: „מיר האַלטען זיך פאַר לומדים, ווי אַזוי קאָן מען, אויב אפילו מען פאַרפעהלט אפילו בלויז איין מסכת, נזיר צו אַן אַנדערע?״ גראָד האָט ביז יענער צייט ר׳ אלחנן געהאַט פאַרנאַכלעסיגט פון גאַנץ ש״ס די מסכת נזיר. און די אַנדערע, וועלכע דער חפץ חיים האָט דאַן דערמאָנט, ניט האָבענדיג זיי דורכגעלערנט ווי געהעריג.

3) אז דעם חפץ חיים׳ס צופרידענהייט פון דעם שלום איז געווען גרויס, איז צו זעהן פון פאָלגענדען בריוו, געשריבען צום אלכסנדר רבי׳ן, הושענא רבה, תרצ״א.

כבוד ידידי ההרה״צ וכו׳ וכו׳ הקש״ת מוהרי״מ דאנציגער שליט״א, האדמו״ר דאלכסנדר.

אחד״ש כקש״ת בהדרת הכבוד!

מה גדלה שמחתי לשמוע כי ב״ה כנוס הצדיקים מהורף העבר גדל ועשה פרי ונעשה חיבור חזק בין הצדיקים שלום בין היראים אשר זה כל המבוקש מאתנו כמאמר הנביא — א ז נ ד ב ר ו י ר א י ה׳ א י ש א ל ר ע ה ו. בעת זאת אשר רבו מפירי תורה ויראה ולא יבצר מהם כל אשר יזכרו לעשות אם לא נעמוד נגדם בכח גדול לעמוד על זה נפשם. בשמעי כי גם עתה הולכים יחד כל היראים כאיש אחד שלובי יד בעניני הבחירות אשר בזה תגדל כבוד התורה ושם שמים מתקדש ומחלקם יהי חלק המשתדלים ומסייעים בזה להיות שלום בפמליא של מטה, אשר בזה שלום בפמליא של מעלה לשמו של הקב״ה שהוא שלום.

כללו של דבר, אין ענין רע בעולם כמו המחלוקת ואין דבר יותר טוב בעולם מהשלום.

ידידו מכבדו ומברכו בחג שמח:

ישראל מאיר הכהן.

זיין טענה צו חסידים און זייערע רביים איז געווען:

וואס איז שייך אַ שטרייט צוליב אַ גייסטיגער ירושה? דעם אויבער־שטענס מְלוכה איז דאָך אַזוי גרויס און ברייט, אַז עס געפינט זיך פּלאַץ פאַר אַלעמען! — עהנליכעס האָט ער איינגע׳טענה׳ט מיט דעם בעלזער רבי׳ן, וועלכעס די יודעי חן האָבען אויסגעטייטשט אַלס אַ וואונק אויף דער מחלוקה צווישען בעלז און מונקאטש.

מאָנטאַג, ר״ח שבט תר״ץ, האָט דער חפץ חיים געעפענט די אספה. ער האָט געפאָדערט פאַראייניגונג און מסירת נפש פון אַלע פאַרזאַמעלטע. ער האָט פאַרגעלייגט, אַז די קאָנפערענץ זאָל אויסקלייבען אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל זיך ווענדען צו דער רעגירונג און פאָדערען פון איהר, מיט די שטאַרקסטע ווערטער, אַז אין ריין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען זאָל זי ניט אריפצווינגען איהרע מיינונגען און גזירות. זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט גערעדט מיט ברענענדיגער התלהבות, האָבען דורכגענומען און דערוואָרימט יעדער הארץ.

אין זיינע רייד האָט ער צווישען אַנדערעס דאָן באַטאָנט: „איצט זעה איך, אַז איהר זייט אַלע מסכים מיט מיינע רייד, אָבער שפּעטער, אַרויסגעהענדיג פון דאַנען, ווען מען וועט דאַרפען אַלעס פאַרווירקליכען למעשה, האָב איך מורא, טאָמער וועט איהר ח״ו זיך פאַר עפּעס דערשרעקען און זוכען זיך אַרויסצורוקען און איבערלאָזען מיר אַליין; לכן וועל איך אייך דערמאָנען וואָס רש״י זאָגט אין פרשת שמות — אַז לכתחילה האָבען די זקני ישראל מסכים געווען צו באַגלייטען משה׳ן צו פרעה׳ן, אָבער ווען זיי האָבען זיך דערנעהענטערט צום חצר המלך, האָבען זיי מורא געהאַט איהם ווייטער נאָכ־צופאָלגען, און זיי האָבען זיך דאַריבער אַרויסגערוקט איינציגנווייז, ביז משה איז געבליבען אַליין מיט אהרן צו געהן צו פרעה׳ן. די זקני ישראל זיינען דאַ־ריבער באַשטראָפט געוואָרען. „ונגש משה לבדו והם לא יגשו, — החזירם לאחוריהם״ — משה׳ן אַליין האָט השי״ת צוגעטהיילט דעם תענוג און כבוד ער זאָל צוגעהן נאָהענט צום באַרג סיני, אָבער זיי זיינען פאַרבליבען פון דער ווייטען״.

דער חפץ חיים האָט דאַריבער זיי געוואָרענט, אויב איינער וועט ח״ו אַוועקגעהן און איהם לאָזען אַליין, זאָל ער וויסען, אַז אויך ל ע ו ל ם ה ב א וועט מען איהם דערווייטערען פון זיין פּאַסיגען אָרט.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע זיינען געווען איינפאַרשטאַנען, אַז אָהן חפץ חיים איז ניטאָ קיין האָפנונג עפּעס פּועל צו זיין.

אינטערעסאַנט איז, אַז בעת דער חפץ חיים האָט אונטערגעהאַנדעלט ווע־גען דער צוזאַמענשטעלונג פון דער דעלעגאַציע, איז אויך געווען אַ פאַרשלאַג פון דעם גאון וצדיק ר׳ נפתלי זילבערבערג ז״ל, וועלכער האָט פון זיין קראַנ־קען־בעט צוגעשיקט, אַז דוקא דער חפץ חיים אַליין אָהן קיינע באַגלייטער

הרב ר' יצחק מנחם דאנציגער,
אלעקסאנדער רבי

הרב ר' אברהם מרדכי אלתר,
גערער רבי

הרב ר' אהרן רוקח בעלזער רבי

הרב ר' יחיאל מרדכי גארדאן,
ראש ישיבה לאמזשע

הרב ר' ברוך דוב לייבאוויץ | הרב ר' שמעון שקאפ
ראש ישיבה קאמיניץ | ראש ישיבה גראדנע
ווי זיי זיצען פארטיפטע רעדענדיג אין לערנען

הרב ר' אברהם טראפ, ראש ישיבה ראדין

אין דער אויבערשטער רייהע: די אדמורי"ם וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דער דעלעגאציע צום פרעמיער מיניסטער

בעזה"י יום ב' לס' [illegible] תרצ"ה ראדין

הנושא המחבר הרב הגה"ח [illegible] נפשו חשקה בתורה

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ישיבת ראדין הק'

הוא קרוי יקר ונעלה עולה במעלות התורה והיראה

ואחר הוא נושא נפשו גם ליום [illegible] ולכן החובה והמצוה

לקרבו [illegible] את התקרבות [illegible] לו לכפה להמשיך [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] לו [illegible] [illegible] כי [illegible]

[illegible] [illegible] הוא [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אשר

[illegible] והחזק [illegible] [illegible] התורה [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] התורה [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ראדין

מנהלי ישיבת
„חפץ חיים"
ראדין, פלך ווילנא.

א המלצה בריף פאר דעם מחבר פון דער ישיבת חפץ חיים

זאָל געהן צום מיניסטער. און אַז ער מיט זיינע פשוט׳ע ווערטער אין אידיש וועט גיכער פועל׳ן אַליין מעהר, ווי צוזאַמען מיט אַנדערע. זיין אַרגומענט איז געווען, אַז בלויז דער חפץ חיים איז פאַראינטערעסירט הונדערט פראָ־צענט לטובת הענין, אָהן קיינע פניות און אָהן קיינע פּאָליטישע חשבונות. ער האָט גלייכצייטיג געבעטען איבערגעבען דעם חפץ חיים אַלס אילוסטראַ־ציע דעם פאָלגענדען עפּיזאָד :

עס איז געווען אין אַ עת צרה, ווען לויט אַ קייזערליכען דעקרעט פון ניקאָליי דעם ערשטען (נאָוועמבער 29־טען, 1837) איז פאַראָרדענט געוואָרען אין פוילן עפענטליך צו פאַרברענען אידישע ספרים. דער וואַרשאָווער רב הגאון ר׳ שלמה זלמן ז״ל, דער „בעל המדת שלמה״, צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע פון די פני בעלי בתים האָט זיך דאַמאָלט אין אַ שבת געווענדעט צום „נאַ־מיעסטניק״ (רוסישע רעגירונג׳ס הויפּט־פאַרטרעטער) אום אָפּצושרייען די גזירה. וואַרטענדיג אויפגענומען צו ווערען פון „נאַמיעסטניק״ האָט איינער פון דער דעלעגאַציע באַמערקט, אַז דעם רב׳ס מאַנטעל איז איינגעריכט גע־ווען אין קאַלך. ווען ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך עס אָפּצורייניגען, האָט איהם דער „חמדת שלמה״ ניט געלאָזט, מיט דער באַמערקונג : „אום שבת איז עס דאָך ניט ערלויבט !״ האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ ויכוח : „עס איז ניט מן הנמוס זיך אַזוי פאַרצושטעלען פאַר דער שררה !״ און „אַזאַ קליינינקייט קאָן פאַראורזאַכען, אַז דער שר זאָל בייז ווערען !״ ווי די בעלי בתים האָבען זיך אַזוי געהיצט מכח די כלומר׳שטע אונטאַקטישקייט פון זייער רב, האָט דער „נאַמיעסטניק״ געעפנט די טיר און צו דער איבערראַשונג פון די בעלי בתים האָט ער צו זיך בלויז אַריינגערופען דעם רב אַליין.

ר׳ שלמה זלמן האָט דאַן מיט טרערען און צובראָכען האַרץ פאָרגעלייגט זיין בקשה אין אידיש און דער שר, קאָנענדיג דייטש, האָט דעם רב׳ס ווערטער גוט פאַרשטאַנען און גלייך אויפ׳ן אָרט פאַרשפּראָכען דעם רב, די גזירה ניט אָנצואווענדען אין פוילן. א

אָבוואָהל דער חפץ חיים האָט דעם משל זעהר גוט פאַרשטאַנען, האָט ער אָבער פון זיך פערזענליך ניט אַזוי פיל געהאַלטען, וויפיל אַנדערע פון איהם. ער איז דאַריבער דורכאויס באַשטאַנען, אַז אַנדערע זאָלען טיילען מיט איהם די פאַראַנטוואָרטליכקייט.

אויף אַלעמענס פאַרלאַנג האָט דער סבא קדישא גענומען אויף זיך די שליחות צוזאַמען מיט די רביים ר׳ אברהם מרדכי אלתר פון גער, ר׳ אהרן רוקח פון בעלז, ר׳ יצחק מנחם דאַנציגער פון אַלעקסאַנדער, סיים דעפּוטאַט מענדעלסאָן און הערר שרייבער. זיי האָבען אין דעם טאָג באַזוכט דריי מיניסטאָרען. מיר וועלען זיך דערהויפּט אָפּשטעלען אויף זייער באַזוך ביים דאַמאָלטיגען פּרעמיער מיניסטער באַרטעל.

דעם חפץ חיים האָט מען אַריינגעטראָגן אויף אַ שטוהל, ווייל ער האָט דאַן פשוט ניט געקאָנט אַרומגעהן אויף זיינע פיס צוליב אַלטקייט און שוואַכ־קייט. ער איז געווען דער ראש המדברים בכל מקום, ווייל אַזוי האָבן די רביים געזאָגט פאַר די מיניסטאָרען, אַז ער איז זייער פיהרער און דער רעליגיעזער פיהרער פון דאָס אידישע פאָלק.

דער חפץ חיים האָט צום פרעמיער באַרטעל גערעדט אין אידיש און האָט צווישען אַנדערעס געזאָגט:

דער מדרש דערצעהלט, אַז כורש האָט געבויט דעם בית המקדש דערפאַר וואָס ער האָט פריהער באַוויינט דעם חורבן פון בית המקדש. מיט 64 יאָהר צוריק בין איך געווען אַן עדות, ווי מען האָט אין מיין שטעדטעל דורכגעפיהרט פאָליאַקען געשמידט אין קייטען. צאַרישע קאָזאַקען און זשאַנדאַרען האָבען זיי געשמיסען און געטריבען קיין סיביר. די דאָזיגע טראַגישע בילד האָט מיר צובראָכען, איך בין אַריין אין אַ באַזונדער חדר און מיט טרערען אין די אויגען געפרעגט: „רבונו של עולם, די מענשען, אָט די דאָזיגע פאָליאַקען זיינען דאָך גערעכט. זיי ווילען לעבען פריי זייער אייגענעם לעבען. פאַרוואָס זשע קומט זיי צו פייניגען? איך האָב זיך דאַמאָלט מצער געווען אויפ׳ן חורבן פון פוילישען „מיאַטעזש" (אויפשטאַנד). דערפאַר האָב איך זוכה געווען צו זעהן ווי פוילן איז אויפגעריכט געוואָרען. ווילט איהר, אַז איך זאָל זיך נאָכאַ־מאָל דאַרפען מצער צוליב פוילן . . .? והאלקים יבקש את הנרדף — דער אויבערשטער נעהמט זיך אָן פאַר די עולה פונ׳ם גע׳רודפ׳טען, דאַרפט איהר דאָך ניט וועלען זיין איצט קיין רודפים אויפ׳ן פאָלק ישראל. פאַרגעסט ניט, הערר פרעמיער, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט אויך אויפגעריכט ווערען און דער רבונו של עולם וועט זיי באַפרייען פון זייערע באַדריקער. דאַרפען דאָך די פאָליאַקען, וועלכע זיינען באַפרייט גע־וואָרען פון זייערע פייניגער וויסען אונז גוט צו באַהאַנדלען. איהר דאַרפט אונז ניט שטערען צו לעבען אונזער אייגענאַרטיגען לעבען . . ."

דעפּוטאַט (קאָנגרעסמאַן) מענדעלסאָן האָט דאַן געוואָלט די ווערטער פון חפץ חיים איבערזעצען אויף פויליש, דאַרויף האָט פרעמיער באַרטעל באַ־מערקט:

„ס׳איז ניט נויטיג, דער רבי רעדט פון טיפען האַרצען, און האַרץ־שפּראַך האָט אַ טבע, אַז מען פאַרשטעהט עס אויף אַלע לשונות, אַפילו אָהן ווערטער".

דער מיניסטער איז ווירקליך געריהרט געוואָרען פון חפץ חיים׳ס האַרציגע ווערטער. ער האָט פאַרשפּראָכען צו ערפיהלען די בקשה פון דער דעלעגאַציע וויפיל ער וועט נאָר קאָנען.

וואָס ס׳איז ניט געלונגען די אָרטאָדאָקסישע פּאָליטיקער אויסצו׳פּועל׳ן,

האָט אויסגעפיהרט ביי דער רעגירונג דער אַלטיטשקער חפץ חיים מיט זיינע קלוגע פשוט'ע און תמימות'דיגע ווערטער.

קומענדיג אַהיים, האָט ער מיט אַ שמייכעל באַמערקט:

„איצט ברידערלאַך, זעה איך, אַז מען דאַרף גאָרניט קיין קענעריי, כי הוא זה (אָנוויזענדיג אויף זיין שפּיץ פינגער).

„אָט זעהט איהר, ב"ה זיך דורכגערעדט מיט עטליכע שרים און ניט גערעדט אַ וואָרט פּויליש".

די פרייע עלעמענטען האָבען איינגעלייגט וועלטען אָפּצושוואַכען דעם טיפען איינדרוק, וואָס דער חפץ חיים האָט געמאַכט אויף די קעפּ פון דער רעגירונג. זיי האָבען געזוכט צושטערען די הבטחות פון די מיניסטאָרען זאָלען אַרויסגעהן מכח אל הפועל. דער חפץ חיים איז אָבער כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך און ניט גערוהט ביז וואַנען ער האָט אין זיין אַספּיראַציע דער־גרייכט זיין ציעל.

צו פאַרענדיגען די אַרבייט האָט ער געשיקט קיין וואַרשע הרב ר' מאיר קאַרעליץ, צוזאַמען מיט'ן איידעם הרב ר' הלל גינזבורג און נאָכהער געבעטען הרב זלמן סאָראָטשקין פון לוצק, ער זאָל אויך צוליעב דעם פאָה־רען קיין וואַרשאַ. אין אַ בריוו צום לוצקער רב דאַטירט י' אדר תר"ץ, שרייבט ער צווישען אַנדערעס:

„כ'ווענדע זיך מיט אַ בקשה צו כתר"ה. אַזוי ווי אונזער עבין וועגען וועל־כען מיר האָבען ב"ה אָנגעפאַנגען צו טהאָן, האָבען מיר פאָרלויפיג מצליח געווען. מיר זיינען אויפגענומען געוואָרען פון די מיניסטאָרען, וועלכע האָ־בען אונז מבטיח געווען צו טהאָן טובות. ליידער, איז עס נאָך אַלץ ניט אַרויס לפועל און די פרייע עלעמענטען שטעלען זיך איין צוצושטערען אונזערע מעשים. די זאַך פאָדערט דאַריבער נאָך השתדלות און צו שטעהן אויף דער וואַך.

„. . . לויט די עסקנים אין וואַרשא האָבען מיר מיטגעטיילט, איז דורכ־אויס נוטיג און וויכטיג, אַז כתר"ה זאָל קומען קיין וואַרשא צו זיין איינער פון דער דעלעגאַציע, וועלכע זיי וועלען דאָרט צוזאַמענשטעלען כדי זיך נאָ־כאַמאָל צו זעהן מיט'ן אינערן מיניסטער.

„דאַריבער בעט איך איהם, אַז ער זאָל זיין מוכן ומזומן צו דער נסיעה און ווען מען וועט איהם מודיע זיין, זאָל ער תיכף פאָהרען קיין וואַרשאַ.

„כתר"ה ווייס דאָך, אַז עס האָט מיר ניט צוריקגעהאַלטען קיין מיה און מאַטערניש. איך האָב ממש ריזיקירט מיט מיין לעבען. מיר דאַרפען דאָך תמיד זיין גרייט מיט אונזערע לעבענס צו פאַרטיידיגען די תורה הקדושה..."

גרויס איז געווען זיין ענטוישונג און טיפער צער צוליעב דעם וואָס די

אַלע הבטחות צו איהם מצד די מיניסטאָרען האָבען אויף לאַנג ניט געהאָלפען. אין ווינטער פון יאָהר תרצ״א שרייבט דער חפץ חיים צו אַ געוויסער פערזאָן:

„איך האָב געמיינט, אַז עס האָט געווירקט אונזער שתדלנות בנוגע דעם געזעץ וועגען קהלות און רבנים, פאַר וועלכעס מיר האָבען זיך לעצטען ווינטער משתדל געווען ממש במס״נ. לפי שעה האָט זיך געדוכט, אַז מיר האָבען מצליח געווען, ווייל די מיניסטאָרען האָבען דאַן מבטיח געווען אונזער בקשה צו ערפיהלען און האָבען זיך ביז דער לעצטער צייט געהאַלטען ביי זייער פאַרשפּרעכען. אָבער לײדער האָט זיך איצט אַלץ אויסגעלאָזען אַנדערש. עס האָט מיר אַ ציטער אַרומגענומען, ווען איך האָב געלעזען די אַרטיקלען פון געזעץ, וועלכען די רעגירונג האָט לעצטענס פאַרעפענטליכט. זיי לויטען דייטליך: „אַז יעדער רב דאַרף באַזיצען סמיכה פון אַ ק אָ ל ע ג י ו ם ר ב נ י ם, וועלכע דער מיניסטער וועט באַשטימען״.

„וואו איז זייער צוזאָג און פאַרשפּרעכען? אַזאַ גזירה איז דאָך פאַררעכענט ביי אונז ווי גזירת שמד. די אַנדערע הנחות, וועלכע מיר האָבען אויסגע׳פועל׳ט האָבען אַ קליינע ווערדע לגבי דעם הויפּט־פּונקט. וואָס זיינען מיר און וואָס איז אונזער לעבען ווערטה, אויב די תורה ווערט פון אונז אַרויסגעריסען! אַזאַ גזירה גראָבט דאָך אונטער די יסודות התורה און צושטערט איהרע שרשים.

„ניין, מיר וועלען ניט רוהען, מיר וועלען ניט שווייגען וועגען דעם, ביז וואַנען די מיניסטאָרען וועלען איינזעהן זייער טעות . . . .״

און דער חפץ חיים האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום מיניסטער פון עפענטליכער השכלה און גלויבענס ד״ר סט׳ טשאַרווינסקי:

. . . „לעצטען יאָהר האָב איך צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע, באַשטעהענד פון רבנים און אדמו״רים געהאַט די עהרע און גליק איבערצוגעבען זייין עקסעלענץ אונזער מיינונג און דעם דעת פון רעליגיעזען קהל בנוגע דעם סדר פון אויסוואַהל פון רבנים און דיינים אין פוילען. דערהויפּט האָבען מיר דאַן באַטאָנט צוויי עיקרים: א) אַז די ס מ י כ ת ה ר ב נ י ם זאָל בלייבען אַזוי ווי אימער: נעמליך, אַ רב דאַרף באַזיצען סמיכה פון אַ רב אַ גדול בתורה ויראה ניט מעהר. ב) אַז דער צענז פאַר רבנים זאָל אויך פאַרבלייבען אָהן שינוים. דער הער מיניסטער האָט אונז דאַן פאַרשפּראָכען צו נעמען אונזער בקשה אין אַנבאַטראַכט . . . אָבער צו אונזער וועהטאָג זיינען איצט פאַרעפענטליכט געוואָרען די תקנות, לויט וועלכע אַזאַ פונדאַמענטאַלע לעבענס־פראַגע ע נ י נ י ם ה ע ו מ ד י ם ב ר ו מ ו ש ל ע ו ל ם ווערט איבערגעגעבען אין די הענד פון יחידים. מיר קאָנען ניט זיין בטוח, אַז דורך אַזאַ קאָמיטעט וועלען ניט באַשטימט ווערען

צום רבנות־אַמט אַזעלכע, וועלכע זיינען ניט ראוי צו זיין רבנים. דאָס וועט פאַראורזאַכען, אַז רבנות אויטאָריטעט, דער יסוד פאַר'ן קיום הדת, וועט גע־שטירצט און פאַרניכטעט ווערען . . .

„גלייכצייטיג וויל איך אויך ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון הער מיניסטער וועגען אונזער שטאַרקער בקשה בנוגע דעם אויבער־ראַט. ד״יער פּלאַן טאָר פאַר קיין פאַל ניט פאַרווירקליכט ווערען . . .

„איך פאַרהאָף, אַז זיין עקסעלענץ וועט באַטראַכטען מיט האַרץ די בקשה פון זקן הדור, וועמענס האַרץ וועהטאָגט אויף דער ירידה פון דער ת ו ר ה ה ק ד ו ש ה און שטרעבט מיט אַלע כחות ל ה ק י ם ו ל ח ז ק ד ת ק ד ש נ ו.

„באַלאַנגענדיג צו דער משפחה פון כהנים, וועלכע בענשען דאָס פאָלק יעדען יום טוב, הויב איך אויף מיינע הענד און בענש דעם הער מיניסטער מיט אריכת ימים און ווינש אהם, ער זאָל זיין ערפאָלגרייך אין זיין אַמט פאַר'ן וואוילזיין און הצלחה פון דער פוילישער מדינה, וועלכע איז אונז אַלעמען טייער".

די רעגירונג האָט טראָץ אַלע הבטחות אַרויסגעגעבען אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע רבנים פון די מזרח־קרעסען און וואָהלינער געגענד דאַרפען צו־שטעלען אַ צעגנז, אַז זיי באַזיצען געוויסע אַלגעמיינע קענטשאַפט אין פּויליש.

דונערט דער חפץ חיים אין זיינעם אַ בריוו בעטענדיג דעם סיים־דעפּוטאַט ר' אשר מענדעלסאָן זיך משתדל זיין אָפּצושרייען די גזירה:

„תמיד זיינען גזירות חל מכאן ולהבא פון דעם טאָג ווען זיי ווערען פאַרעפענטליכט, און זיינען ניט חל למפרע (רעטראָאַקטיוו), און דאָ פאָדערט מען פון אַלטע רבנים וועלכע זיצען שוין צעהנדליגע יאָהרען אויף זייער כסא הרבנות אַז זיי מוזען אויף זייערע עלטערע יאָהרען דורכגעהן אַן עקזאַמיני־רונג. ס'איז דאָך אַ פאַרברעכען!

„ווען איך וואָלט איצט געהאַט אַ מעגליכקייט זיך ווידער צו זעהן מיט די מיניסטאָרען וואָלט איך זיי מוכיח געווען פאַר וואָס זיי האַלטען ניט קיין וואָרט אין ענינים וועלכע האָבען לגמרי ניט צו טאָן מיט די מלוכה אָנגעלע־גענהייטען, וועהרענד אונז זיינען זיי נוגע אין לעבען.

„אפשר איז גאָר די פאַראָרדנונג אַ רעזולטאַט פון אַ שגגה? . . . "

דעם חפץ חיים איז זיך שווער געווען פאַרצושטעלען אַזאַ געמיינער שקר און פאַרדאָרבענע היפּאָקריטסטווא זאָלען זיך קאָנען פאַרשטעלען אונטער אַ מאַנטעל פון אַ ממונה אויף פאָלקס־ערציהונג און רעליגיאָן...

ניט באַשערט איז געווען דעם חפץ חיים צו זיצען במנוחה אין פּוילען וואו די שונאי ישראל זיצען קיינמאָל ניט מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר זוכען מיט כל'ערליי תחבולות אונטערצודריקען דעם איד.

אין זומער פון זעלבען יאָהר האָט די רעגירונג געפּלאַנט איבער צו געבען די שחיטה אין יעדער אָרט צום קאָנטראָל פון דער קהלה. דער חפץ חיים האָט דאריבער געזעהן אין דעם א געפאַהר, ווייל ווי די געשטאַלטונג פון דער קהלה טראָגט מעהר ניט א ריינעם רעליגיעזען כאַראַקטער, נאָר איז באדייטענד פאַרטראָטען פון פרייע ל ה כ ע י ס עלעמענטען.

„די שחיטה איז דאָך אימער געווען א מקור אויפצוהאַלטען א רב און איהם געבען פרנסה. צו מאכען די פוקרים פאר בעלי בתים איבער שחיטה, וועט דאָך עס שטעלען אין סכנה דעם גאַנצען מצב פון הרבנות...״

דער חפץ חיים האָט דאריבער אויפגעפאָדערט די אידישע פארטרע־טער אין פוילען, סיים־דעפּוטאַט ר׳ אלי׳ קירשברוין, דעפּוטאַט ר׳ אשר מענ־דעלסאָהן און דעם ריישער רב, א. א., אז זיי זאָלען אינטערווענירען ביי דער מאַכט. ליידער איז די שחיטה אלס יסוד פון יהדות רואינירט געוואָרען צוליב די אַנטי־שחיטה גזירות, וועלכע דער פוילישער סיים האָט אָנגענומען.

עא.

די אספת הרבנים אין ווילנע

אויף דער איניציאַטיווע פון חפץ חיים איז גערופען געוואָרען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע רבנים און ראשי ישיבה אין די קרעסען (ווילנער, גראָדנער און סובאלקער ראיאן) אין ווילנע ג׳ סיון תר״ץ כדי צו געפינען עצות און מיטלען צו פאַרשטאַרקען מאַטעריאל די ליידענדע תורה אַנשטאַלטען, פאַרגרעסערען די אַרבייט פאַר שמירת שבת, זוכען אַן עצה קעגען די זונטאָג־רוהע גזירה פון דער רעגירונג, פראָטעסטירען קעגען דעם געפּלאַנטען קאַלענדאַר רעפאָרם, און בכלל האָבען אַ שטאַרקען פאַראייניגטען ראַבינאַט.

דער גאַנצער עולם האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויפ׳ן זקן שבחבורה. ווען דער חפץ חיים איז אריין אין זאַל האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט. דער אַלטער דרוזקעניקער רב ר׳ שלמה גארדאן איז דאַן צוגעגאַנגען צו איהם און האָט אויפ׳ן קול געמאַכט די ברכות „שהחיינו" און „שחלק מחכמתו". אַלע זיינען פייערליך געבליבען שטעהן דורכגענומען מיט אַ זעלטענער יראת הכבוד.

דער גאון ר׳ חיים עוזר האָט דאַן געעפענט די אספה. ער האָט באַטאָנט אַז די פארזאַמלונג איז גערופען געוואָרען אויפ׳ן פאַרלאַנג פון חפץ חיים. „דיזער מאָמענט וואָלט דאריבער באַדאַרפט זיין אַ געלעגענהייט פון שמחה. צו אונזער גרויסען וועהטאג, געפינען מיר זיך איצט אין אַזאַ שווערען מצב אַז עס נעמט גאָר קיין פרייד ניט. אין רוסלאַנד ברענט מען ספרי תורה און מען פאַרשיקט קיין סיביר פאַר לערנען תורה. פון בעסטען און שעהנסטען ווינקעל וואָס מיר פאַרמאָגען — אונזער היימלאַנד ארץ ישראל — הערט מען כסדר בשורות רעות.

„אונזער אויפגאַבע דאַרף דאריבער זיין צו געפינען מיטלען ווי אזוי צו פאַרבעסערען דעם עקזיסטענץ פון די מוסדות התורה, דער רוח החיים, דער קוואַל פון אונזער מוטה און שטאַרקייט".

פאַרשטעלענדיג דעם חפץ חיים האָט דער רעדנער באַמערקט:

„די משנה אין יומא זאָגט: „כהן גדול בקש להתנמנם פרחי כהונה מכין לפניו באצבע צרידה"; ווען דער כהן גדול האָט געוואָלט די נאַכט פון יום כפור איינדרעמלען, פלעגען די יונגע כהנים וועקען איהם דורך זייערע קלאַנגען פון קלאַפען מיט די פינגער. עס איז צו באַוואונדערען אַנשטאַט מיר די יונגע זאָלען וועקען דעם אַלטען כהן גדול פון אונזער צייט און ניט דער־לאָזען, אַז ער זאָל איינדרימלען, איז פונקט פאַרקערט — ער גאָר האָלט כסדר אין וועקען די פרחי כהונה, ער לאָזט אונז ניט איינשלאָפען . . ."

דער חפץ חיים פאַנגט דאַן אָן טיילוויז אַזוי :

„בשעת שאול האָט אויפגעבראַכט שמואל'ן פון קבר, האָט איהם שמואל געפרעגט, למה הרגזתני ? — צו וואָס שטערסטו מיין רוה? האָט איהם שאול געענטפערט, אַז עס איז אַ שלעכטע צייט פאַר אידען, עס איז אַן עת מלחמה און ער האָט שוין אַנגעווענדעט אַלע מיטלען און יעצט איז ער געצוואונגען געווען אַנצואווענדען אַט דעם לעצטען מיטעל . . .

„אַזוי ווי דאַן איז געווען אַ צייט פון מלחמה, אַזוי איז עס אויך איצט — מלחמה לה' בעמלק מדור דור — אויף צו פיהרען אַ מלחמה דאַרף מען צו־ערשט אַנגרייטען שפייז פאַר דער אַרמעע — די בני הישיבה . . ."

וועגען רוסלאַנד האָט דער חפץ חיים גערעדט מיט הייסע טרערען : „אויפ'ן פסוק נשים רחמניות בשלו ילדיהן, זאָגט דער מדרש, אַז בעת'ן חורבן האָט יעדע אידישע מוטער אָפּגעריסען דעם ביסען פון זיך און פון די קינדער און עס אָפּגעגעבען פאַר די גאַר אָרימע און הונגעריגע, און דורך דעם איז זיי געלונגען צוריקצוהאַלטען די מדת הדין פאַר אַ לאַנגער צייט".

צוליב דעם וואָס דער חפץ חיים האָט זיינע רייד גערעדט זעהר שטיל, וועלכע בלויז די גאַר נאָהענטע האָבען געהערט, האָט הגאון ר' ברוך בער לייבאָוויץ איבערגעזאָגט הויך דעם חפץ חיים'ס ווערטער, וועלכע האָבען טיף געריהרט אַלעמענס הערצער מיט זייער ערנסטקייט און עקסטאַז.

די פאָלשטענדיגע אויסגעהאַלטענקייט, האַרמאָניע און דויערהאַפטיגער באַלאַנס פון זיינע אַלע כחות הנפש זיינען געווען בולט'ע כאַראַקטער־שטרי־כען אין דעם חפץ חיים'ס וואונדערבאַרער הנהגה. ביים חפץ חיים האָט די מדרגה פון יעדער מצוה געהאַט איהר וואָג און מאָס, יעדע מצוה האָט זיך געהאַט איהר מעלה. אָבער דער עיקר העיקרים, דער הויפּט־יסוד פון אַלע מצוות איז געווען ביי איהם למוד התורה.

ביי דער אספה אין ווילנע איז דורך הגאון ר' חיים עוזר פאָרגעבראַכט געוואָרען אַ שריפטליכע בקשה פון ארץ ישראל פון די פיהרער'ס פון „קופת־הרמב"ן", היות די פושקעס איינגעפיהרט דורך „ועד הישיבות" פאַראורזאַכען שאָדען צו די פושקעס פון „קופת הרמב"ן", אויף וועלכע זיי האָבען פון לאַנגע יאָהרען אַ חזקה, דאַריבער פאָדערען זיי אַ חלק פון די ישיבה־געלדער פאַר'ן כולל. דער חפץ חיים האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגען דעם. דער סלאָנימער רבי האָט שטיצענדיג די בקשה באַמערקט, אַז דער כולל שטיצט דאָך אָרימע קראַנקע, אַלטע לייט אין הייליגען לאַנד. האָט דער חפץ חיים איהם געענט־פערט : „איהר זייט אַ פרומער, זוכט איהר מצוות, איך זוך ניט קיין מצוות, נאָר אויפצוהאַלטען די תורה . . . !"

מערקווירדיג, ווילנע פלעגט דער חפץ חיים באַזוכען מעהר אָפט איידער אַנדערע שכנות'דיגע שטעדט. ווילנע האָט ער באַטראַכט אַלס זיין צווייטע

היימאַט נאָך ראַדין. וואוהין ער פלעגט קומען צוליב זיינע פערזענליכע עסקים, צוליב זיין ישיבה און באַזונדער אויף די פאַרשידענע אספות פון רבנים און עסקנים. דאָך ווען נאָר ער פלעגט באַזוכען ווילנע פלעגען די אָרטיגע אידען איהם תמיד מקבל פנים זיין אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ זעלטענער גאַסט, זיי פלעגען איהם באַגריסען מיט אויסערגעוועהנליכער חביבות און יראת הכבוד. ס'פלעגען זיך אויף זיין אכסניה פאַרזאַמלען מחנות מענשען צו כאַפּען אַ קוק אויפ'ן צדיק, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם פריהער גאָרניט האָבען געקאָנט.

באַזונדערס אין די לעצטע יאָהרען פלעגט דעם חפץ חיים זעהר אָפט אויסקומען צו באַזוכען ווילנע צוליב די אָפטע אספות פון רבנים און ראשי ישיבה, וועלכע פלעגען דאָרט פאָרקומען.

זייענדיג אין ווילנע פלעגט ער אָפטמאָל פאַהרען דאַוונען אין „גאונ'ס קלויז". דאָס פלעגט אָפּרישען פאַר איהם דעם פראַכט און גלאַנץ פון דער אַמאָליגער ווילנע, וועלכע האָט אין דער אידישער היסטאָריע פון די לעצטע דורות אַלס שטאָדט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פראָמינענץ אַ דאַנק איהר גרויסען זוהן, — דער גאון וחסיד ר' אליהו.

אונגעהויער גרויס פלעגט זיין דעם חפץ חיים'ס טיפע ליבע און פאַר־עהרונג פאַר דער „ירושלים דליטא", דאָרטען וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע יוגענד־יאָהרען, וואו זיין יונגער מח האָט פאַרגעזעצט שפינען די פראַכטפולע פעדים פון איהרע גלאָררייכע טראַדיציעס מיט איהרע אייגענאַרטיגע גדולים און גייסטיגע ריזען. ער פלעגט דאַריבער שטענדיג מוטהיג מאָנען און פאָ־דערען פון ווילנע צו בלייבען טריי צו איהר ערוואָרבענעם נאָמען און מיט זייער אָפּפערונג פאַר דער תורה און יהדות דינען אַלס מוסטער צום גאַנצען פאָלק.

זיין קומען קיין ווילנע איז דאַריבער תמיד געווען אַ סאָרט בחינה פון „תורה מחזרת על אכסניה שלה" (ב"מ פ"ה ע"א). ער האָט טאַקע אַמאָל אין זיינעם אַ שמועס ביי אַזאַ געלעגענהייט באַטאָנט:

די תורה קומט שטענדיג אין איהר אַלטער אכסניה זאָגען אונזערע אַלטע חכמים. און דאַריבער, אויב דער פאָטער, זוהן און אייניקעל לערנען, וועט שוין די תורה נישט אויפהערען שפעטער פון זייערע קינדער, אַזוי ווי עס שטעהט: ואני זאת בריתי . . . ל א י מ ו ש ו מ פ י ך ו מ פ י ז ר ע ך ו מ פ י ז ר ע ז ר ע ך א מ ר ה' מ ע ת ה ו ע ד ע ו ל ם (ישעיה נ"ט).

און ער האָט דאַביי דערצעהלט, אַז איינער האָט אַמאָל געפרעגט ר' זלמעלע ווילנער: „אויב אַזוי וואָלטען דאָך אַלע אידען באַדאַרפט קענען לערנען, ווייל אברהם, יצחק ויעקב, דריי דורות, האָבען דאָך גע־

לערענט די תורה ?" און דער חפץ חיים האָט דעם צדיק'ס ענטפער באַ'טעמ'ט מיט זיינער אַ פערזענליכער ערפאַהרונג:

אין דער צייט, ווען ער פלעגט אַרומפאַהרען מיט זיינע ספרים, איז ער איינמאָל געקומען אינמיטען דער נאַכט אין אַ געוויסען אָרט און געפונען פאַרשלאָסען די טירען פון דער אכסניה, וואו ער פלעגט זיך שטענדיג אָפּ־שטעלען. עס האָבען נישט געהאָלפען קיינע ביטעס און באַווייזען, אַז זיינע עלטערען און זיידעס האָבען דאָרט תמיד געפונען פלאַץ זיך אָפּצורוהען. זיי האָבען ניט געעפענט. „וואָס האָב איך געטהאָן ? איך האָב אויפגעזוכט אַנ'אַנ־דער אָרט".

און דער חפץ חיים האָט דעם משל באַנוצט אויפצוקלערען דעם היסטאָרישען גאנג און אַנטוויקלונג פון אידישען לעבען.

די תורה קומט שטענדיג אין איהר אַל־טער אכסניה, ווי האָט עס אָבער אַנדערש געקענט זיין, אַז זי האָט אין די מערב־לענדער מעהר קיין פלאַץ ניט ? זי איז געקומען פאַר הונדערט יאָהר צוריק און געקלאַפּט אין די טירען זיך בעטענדיג: צי דען האָב איך דאָ אַלעמאָל ניט געהאַט מיין אָרט ? האָבען דאָ ניט געלעבט און גע־ווירקט רש"י, די בעלי התוספות, מהר"ם און רא"ש ? — אָבער דייטש־לאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען האָבען פאַר איהר קיין פלאַץ ניט געגעבען. זיי האָבען פאַר דער תורה די טירען ניט געעפענט. האָט דאַן די תורה געטאָן, וואָס יעדער וואָלט אין אַזאַ פאַל געטהאָן. זי האָט אויפגעשטעלט איהר געצעלט אַנדערשוואו — אין ליטא, פוילען, אונגאַרען. מחזרת הייסט ניט אומקערען, נאָר אויפזוכען, ווען מען לאָזט ניט אַריין.

ער האָט דאָריבער געוועקט און גערופען ווילנע אָנצוהאַלטען איהר טראַדיציאָנעלע ווירדע און יחוס. די דורות־אַלטע אכסניה של תורה זאָל האַלטען ברייט אָפען די טירען פאַר דער תורה און איהרע פאָסטולאַטען.

אין זומער פון יאָהר תרפ"ג איז דער חפץ חיים אומגעריכט געקומען קיין ווילנע, כדי צו באַוועגען די אידען צו אָרגאַניזירען מאכל־כשר־קיכען פאַר אידישע סאָלדאַטען. דער גאון ר' חיים עוזר האָט איהם געזוכט איבערצו־צייגען, אַז עס איז דאַן די צייט ניט פּאַסיג געווען פאַר אַזאַ „קאַמפּיין", אַז די זעלנער זיינען דאַמאָלט געהאַט געווען פאַררייזט און בכלל די אידישע באַ־פעלקערונג האָט זיך נאָך ניט געהאַט באַרוהיגט פון די פאַרשידענע צרות מן החוץ, וועלכע זיי זיינען אויסגעשטאַנען.

האָט דער חפץ חיים אויף דעם אַלץ געענטפערט:

„וואָס קאָן איך טהאָן ? די וועלט האָט זיך איינגערעדט, אַז איך בין אַן ערליכער איד. איך וועל קומען דאָרטען וועט מען דאָך מיר פרעגען,

פאַרוואָס האָסטו ניט פאַרהיט אידען פון מאכלות אסורות? וועל איך דאָך מוזען ענטפערען, אַז איך האָב זיך ניט געפוילט. איך האָב זיך געשלעפּט אין וועג אַריין, ניט קוקענדיג אויף מיין שוואַכען געזונד, און איך האָב געוואָלט טהאָן, נאָר דער גדול פון שטאָדט האָט עס ניט אָנגענומען. טאָ וואָס קאָן איך טהאָן אַליין?״

דאָס הערענדיג, האָט זיך הגאון ר׳ חיים עוזר שוין מעהר ניט גע־קווינקעלט, נאָר גלייך פאַראָרדענט באַקאַנט צו מאַכען, אַז דער עולם זאָל זיך פאַרזאַמלען אין שוהל, וואו דער חפץ חיים וועט זיי אַדרעסירען. עס איז געגרינדעט געוואָרען דאַן דער מאכל כשר, וועלכער עקזיסטירט עד היום.

זיין פרוי די רביצין (זיווג שני, טאָכטער פון הגה״צ ר׳ הלל ז״ל, לאַפּער רב) האָט איינמאָל גע׳טענה׳ט צו איהם, הלמאי ער ערלויבט איהר ניט אין הויז צו קויפען קיינע מאָדערנע באַקוועמליכקייטען, באַטראַכטענדיג אַלץ פאַר מותרות (לוקסוס), וועהרענד הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, וועמען ער פאַרעהרט אַזוי פיל, ערלויבט זיך עס יאָ ביי איהם אין הויז, האָט ער איהר גוט־מוטהיג געענטפערט:

״דו ביזט אַ אידענע, פאַרשטעהסטו ניט, ער איז דאָך אַ נשיא ביי אידען, (ביי איהם איז דאָך דאָ אַ מצוה פון גדלהו משל אחיו), אָבער איך בין דאָך אַ פשוט׳ער בעל הבית!״

* *
*

די הויפּט חשיבות פון אונזער אַלטער און הייליגער ירושלים איז געוועזן דער הר המוריה הר שיצא ממנו הוראה לישראל. ביים בית המקדש אין לשכת הגזית איז געזעסען דער בית דין הגדול. פון דאָרט פלעגען די נביאים פּראָקלאַמירען זייער נבואה, רופען און וועקען דעם כלל ישראל (תענית ט״ז ע״א, זעה רש״י).

עהנליך (אין מיניאַטור) איז די היסטאָרישע וויכטיגקייט, וועלכע ווילנע פאַרנעמט ביים רעליגיעזען אידענטום. אויך אין אונזער דור איז ווילנע ווידער די גייסטיגע רעזידענץ פון טראַדיציאָנעלען אידישען לעבען. אַ דאַנק די חכמת התורה און אויטאָריטעט קאָנצענטרירט אין דער פערזאָן פון אב בית דין הגדול, שממנו יוצאה הוראה לישראל — ר׳ חיים עוזר . . .

עב.

פאַר׳ן כבוד פון גאון הדור

די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען פלעגט מען הערען דעם חפץ חיים באַדויערען מיט אַ טיפען זיפץ: „וועה, וועה, ביי וועמען מיר זיינען היינט געבליבען, וועמען האָבען מיר, בלויז איין ר׳ חיים עוזר׳ן.״

הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ווילנער רב, ווערט היינט באַטראַכט אַלס ראש כל בני הגולה, אַלס העכסטער תורה־אויטאָריטעט אין רעליגיעזען אידענטום. זיין וואָרט איז הייליג און זיינע דעציזיעס — זענען געזעץ.

געבאָרען געוואָרען איז ר׳ חיים עוזר אין יאָהר תרכ״ג, צו זיינע עלטערען הרב ר׳ דוד שלמה (אַ תלמיד מובהק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער), וועלכער איז געוועזען רב מעהר ווי פופציג יאָהר אין דער שטאָדט איוויע, ווילנער גוב. און זיין מוטער הרבנית רבקה עלקא, אַ טאָכטער פון גרויסע לומדים און צדיקים 1).

פון קינדוויוז אָן האָט מען שוין דערקאָנט אין איהם דעם צוקונפטיגען גרויסען גאון. אַלס אינגעל פון אַכט יאָהר האָט ער שוין באַוואונדערט די לומדים מיט זיינע שאַרפע חידושי תורה, וועלכע פלעגען שטראָמען און שפּרודלען פון איהם ווי פון אַ מ ע י ן ה מ ת ג ב ר. צו ניין יאָהר האָט ער אויפ׳ן בימה אין בית מדרש אין טראב געזאָגט אַ פלפול פאַר די אָרטיגע לומדים. אַ דאַנק זיינע עלוי׳שע כשרונות, פלינקער השגה און אויסערגעוועהנליכען כח הזכרון, איז ער שנעל באַריהמט געוואָרען אין גאַנצען געגענד.

אין איישישאָק איז ער אָנגעקומען לערנען אַלס עלף יאָהריגער בחור׳ל. דעם חפץ חיים׳ס זוהן הרב ר׳ ליב פלעגט דערצעהלען, אַז מען האָט דאַמאָלט דאָרט געזאָגט: „עס איז אָנגעקומען אַ קליין אינגעלע, וועלכער קאָן לערנען, ווי אַ גדול״.

ער האָט אויך געלערענט אַ קורצע צייט אין וואָלאָזשינער ישיבה, ביים גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק.

מען דערצעהלט, אַז בר מצוה איז ער געוואָרען אין דער צייט, ווען ער האָט געלערענט אין איישישאָק, צווישען די דאָרטיגע באַריהמטע פרושים.

---

1) זיינע בריוו צייכענען זיך כמעט אימר אויס מיט זעלטענע שאַרפקייט און טיפזיניגע מליצה.

צו זיינעם אַן עלטערן ברודער ר׳ צבי הירש גראדזענסקי ז״ל ר״מ פון דער ישיבה אין דער „ראמאיילעס״ קלויז אין ווילנא האָט אמאָל ר׳ חיים עוזר אין אַ בריוו אדרעסירט אלס ר ב א ח א ב ר י ה ד ר ב ע ו י א (איינער פון די חכמי התלמוד) אין דעם פאל מיינענדיג: „מיין עלטערער ברודער זוהן פון איוויער רב״.



הרב ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי

תלמידים פון חפץ חיים

בו׳ער און פיהרער פון ישיבות

הרב ר' איסר זלמן מעלצער,
געו׳ רב און ראש ישיבה — סלוצק, איצט
פון ישיבת „עץ חיים" אין ירושלים

הרב ר' אלחנן בונם וואסערמאן,
ראש ישיבת „אהל תורה" באראנאוויץ



הרב ר' יוסף כהנמאן,
רב און ראש ישיבה — פאנעוויעז

הרב ר' פסח פרושקין,
רב און ראש ישיבה קאברין

הרב ר' דוד טבל דייטשאווסקי,
געו׳. רב און ראש ישיבה מעלטש, איצט
אין פיאטניצע



הרב ר' אליעזר יודיל פינקעל,
ראש ישיבה — מיר

ווען מען האָט איהם צו דער געלעגענהייט געבעטען זאָגען אַ פּלפּול, האָט ער געענטפערט, אַז היות ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטען פאַר דעם, לכן, אויב זיי ווילען, קאָן ער פאַר זיי איבערזאָגען דעם „קצות החושן", אדער „נתיבות המשפט" אויף אויסוויינינג.

זייענדיג אַ יונגער בחור, איז ער געוואָרען אַנ'איידעם פון הגאון ר' אלי' לייזער (איידעם פון ר' ישראל סאַלאַנטער), איינער פון די גדולי מורי הוראה אין ווילנע. ער איז שוין דאַן באַריהמט געווען אַלס גדול בישראל.

נאָך דער פּטירה פון זיין שווער, איז ער מיט גרויס כבוד און אָנערקע־נונג אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס ממלא מקומו.

ווען ר' חיים עוזר האָט געהערט, אַז מאַנכע האָבען אויסגעזעצט, אַז ער איז צו־יונג פאַר אַזאַ וויכטיגען אַמט, האָט באַמערקט: „ניט קשה, יונגקייט איז אַ „מום עובר", ניט קיין „מום קבוע".

זיין לעבען זייט דאַן איז אַ לאַנגע קייט פון מסירת נפש'דיגער אַרבייט, פון פּראַקטפולע און וואונדערבאַרע דערגרייכונגען פאַר'ן כלל ישראל. זיין מאַגנעטישע פּערזענליכקייט האָבען איהם געמאַכט פאַר'ן אונגעקרוינטען און אָנערקענטסטען הויפּט פון ווילנער ראַבינאַט, ווערענס מיטגלידער זיינען גע־ווען צווישען די גרעסטע לומדים און גאוני הדור.

ווי באַוואוסט, נאָכדעם ווי דער גאון ר' שמואל, האב"ד האחרון, איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין אַמט אַלס רב (תקל"ח־תקנ"א), איז דאַן אָנ־גענומען געוואָרען די טראַדיציע, אַז דער אַמט פון ווילנער רב זאָל אָפּגע־שאַפט ווערען, און זייט דאַן ווערט די קהלה געפיהרט פון אַ קאָלעגיום פון מורי הוראה.

נאָך דער מלחמה, אין איינקלאַנג מיט די פאַראָרדנונגען פון דער ניי־געשאַפענער פּוילישער ממשלה, איז די ווילנער אידישע קהלה אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצוועהלען אַ הויפּט־רב. האָבען אַלע דאַן פאַרשטאַנען, אַז דער לאָגישסטער קאַנדידאַט אויף אַזאַ אַמט דאַרף ניט זיין קיין אַנדערער, ווי דער גאון ר' חיים עוזר.

אָבוואָהל ר' חיים עוזר פערזענליך האָט זיך לכתחילה ענטזאַגט צו זיין דער קאַנדידאַט און ברעכען די טראַדיציע, האָבען אָבער אַלע מורי הוראה, די לומדים און פרומע אידען דורכאויס פון איהם פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איינ־שטימען אָנצונעמען דעם אַמט.

אָבער מעשה שטן, האָבען געוויסע עלעמענטען דוקא געוואָלט הרב ר' יצחק רובינשטיין, וועלכער איז אַ דאַנק דער השפּעה פון הגאון ר' חיים עוזר אין די יאָהרען פאַר דער מלחמה אויפגענומען געוואָרען אַלס קאַזיאָנער רב אין ווילנע. זייענדיג אַ למדן און מוסמך, איז ער אויך פאַררעכענט געוואָרען אַלס איינער פון די אָרטיגע מורי הוראה. אין דער צייט פון דער דייטשער

אָקופּאַציע האָט הרב רובינשטיין מיט גרויס איבערגעגעבענהייט פאַרטראָטען די שטאָדט און געאַרבייט לטובת דער אידישער באַפעלקערונג. אָנערקענענדיג זיינע גרויסע פאַרדינסטען, איז ער אונטער דער פוילישער הערשאַפט ערוועהלט געוואָרען פון דער אידישער באַפעלקערונג אַלס זייער פאָרשטעהער (דעפּוטאַט) צום סיים אין וואַרשא און איצט צום סענאַט.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די פרומע עלעמענטען האָבען אין דעם פאַרזוך צו ערוועהלען אַלס הויפּט־רב הרב רובינשטיין, אַנשטאָט דעם אָנערקענטען גאון הדור ר׳ חיים עוזר, געזעהן אַ חילול פון כבוד התורה און אַ פאַרשוועכונג פון כבוד הרבנות. ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דאָס געבען פאַרצוג צו וועלטיכער קענטשאַפט איבער ערשט־קלאַסיגער גדלות בתורה איז אין די מערב לענדער געווען דער ערשטער שריט צו רעפאָרם. און פאַר דעם האָבען זיך די גדולים געשראָקען. ס׳איז אויסגעבראָכען אַ ביטערע מחלוקת.

דער חפץ חיים, ביי וועמען דער כבוד הרבנות איז געווען אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון אידענטום, איז אויפגעציטערט געוואָרען, דערהערענדיג, אַז אין זיין ווילנע, די ירושלים דליטא, האַלט ביי אַזאַ חילול השם. אַ קלייניגקייט, רואינירען דעם יסוד פון אידישער טראַדיציע! פאַרשוועכען דעם כבוד פון דער שעהנסטער און נאָבעלסטער פערזענליכקייט, וואָס דער עולם הרבנות פאַרמאָגט — הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי. דאַטירט כסלו תרפ״ט, אונטער׳ן קעפּעל „עלבונה של תורה״, האָט דער חפץ חיים פאַרעפענטליכט אַ שאַרפען פּראָטעסט, וועלכער לעזט זיך אין זיין איבערזעצונג אַזוי:

„ווילנע איז הונדערטע יאָהרען געווען די הויפּט־שטאָדט אין ליטא באַקאַנט מיט איהרע גדולי תורה און מנהיגי ישראל. זינט דער צייט פון הגאון ר׳ שמואל האב״ד האחרון, זצ״ל, האָט דאָרט אויפגעהערט צו עקזיסטירען דער אַמט פון הויפּט־רב אין דער פערזאָן פון אַ יחיד, נאָר די קהלה האָט זיך געפיהרט דורך אַ קערפּערשאַפט, אַ ועד פון רבנים גאונים, גדולים, גדולי המו״צ. ווילנע איז זייט דאַן געווען דער גרויסער אידישער צענטער פון תורה, אַ דאַנק איהרע גרויסע גאונים די מאורי ישראל, די פיהרער פון פאָלק אין אַלע ענינים. פון דאָרט פלעגט זיך פאַרשפּרייטען הוראה צום כלל ישראל.

„אַ פאַרציטערטער בין איך געוואָרען, דערהערענדיג פון דער טרויעריגער פּאַסירונג, אַז דער רבני׳שער אויטאָריטעט ווערט שענדליך געטראָטען מיט די פיס. מעשה שטן האָט געבראַכט דורך אַ רוב שטימען אַ החלטה אָפּצושאַפען די השפעה פון די גאוני מורי ישראל איבער דער רעליגיעזער קהלה, און צו באַשטימען אַלס הויפּט אַזאַ פערזאָן, וועלכע איז ניט פּאַסיג דערצו . . .

„וועה צו אונז, צו וואָס מיר האָבען דערלעבט! די תורה ווערט צע־

ריסען אויף שטיקער דורך אונזערע שונאים אינערליך און אויסערליך . . .

„און איצט איז געשעהן דאָס ערגסטע. בייזוויליג גראָבט מען אונטער די יסודות פון אונזער הייליגען דת, מיט דער באַהאַלטענער אַבזיכט צו פאַר־שוועכען אַלץ, וואָס איז הייליג און צושטערען ח"ו רבנות, דער י ס ו ד ה ה ו ר א ה ב י ש ר א ל !

„ווער נאָך אַזוי ווי מיר ווייסען די פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד. אונזע־רע אויגען האָבען צוגעזעהן, וואָס איז דאָרט געשעהן אין פאַרלויף פון דער תקופה. עס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער גדעדכעניש פון ישראל איז דאָרט אין פילע ערטער פאַרשוואונדען !

„דער איצטיגער פּתרון צו דער שאלת הרבנות אין ווילנע איז אַ התחלה פון רעפאָרם ! . . ."

„עס איז דאַריבער אַ הייליג פליכט אויף אייך א ח י ם ו ר ע י ם ה ח ר ד י ם ל ד ב ר ד' ו ת ו ר ת ו ה ד ו א ג י ם ב ע ד ק י ו ם ע מ נ ו י ש ר א ל צו פּראָטעסטירען און ניט דערלאָזען צו אַזאַ הפקרות און אומרעכט ל ס ל ק ב י ד י נ א ר ב ת א פ ו ן ג א ו נ י י ש ר א ל. עס איז קעגען צדק ומשפט, קעגען דער תורה. זעהט, וואָס דער ספרי זאָגט:

„לא תכירו פנים במשפט — זה הממונה להושיב דיינים. ולא יאמר איש פלוני גבור או נאה או חכם בשאר חכמות או בשאר מעלות שאינם מעניני תורה ויר"ש. אושיבנו דיין . . ." דעם רמב"ם אין סה"מ רעכענט עס צווישען די ל א ו י ן.

„די אַלע, וועלכע האָבען אַ האַנד אין דיזען פאַרברעכען און זיינען מסייע לפסוע על ראשי עם קדוש זיינען עתיד ליתן את הדין בזה ובבא, כמאמרם ז"ל (סנהדרין ז' ע"ב):

„וד' ירפא שבר עמנו ויחזק בדקי תורתנו העלובה. און זאָל מאַכען רוהען שלום צווישען אונז למען כבוד שמו יתברך.

„איך בעט און האָף, אַז די ישרים בלבותם אין דער קהלה וועלען זיך באַדענקען מתקן צו זיין דיזען איבעל (העול הזה)".

ווען אין צייטונג „מאָמענט" אין וואַרשא האָט אַ שרייבער קריטיקירט דעם חפץ חיים פאַר זיין שטרייגען פּראָטעסט בנוגע די רבנות, האָט דער חפץ חיים פאַרעפענטליכט אַ בריוו אַלס ענטפער:

„. . . מ'באַשולדיגט, היות אין דעם בריוו ווערט ארויסגעצייגט אַנ'אונ־פּאַרזיכטיגקייט בנוגע דעם איסור: ל ש ו ן ה ר ע, מ ח ל ו ק ת, און ה ל ב נ ת פ נ י ם וועגען די פּרינציפּען, מיט וועלכע איך בין באַשעפּ־טיגט בע"ה אַלע מיינע יאָהרען, דאַריבער דרינגט מען, אַז דער מאמר איז

געשריבען געוואָרען פון אַנדערע אָהן מיין וויסען, בין איך דעריבער מודיע „בשער בת רבים", היות אין דעם פאַל, זעהט זיך אַ דראָהונג, אָדער געפאַהר פאַר חורבן הדת, איז אַלץ דאַריבער געטהאָן געוואָרען כהלכה . . .

„עס איז אדרבה אַ מצוה רבה און אַ גרויסער חוב צו טהאָן אַלץ, וואָס מעגליך מתקן צו זיין די זאַך, לגדור גדר ולעמוד בפרץ ואין בזה שום חשש איסור".

דער חפץ חיים איז געווען אומקאָמפּראָמיסליך אין זיין מיינונג. ווי עס איז צו זעהן פון זיינעם אַ בריוו צו הגאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי פון א' נשא, תרפ"ט, וואו ער שרייבט צווישען אַנדערעס:

„איך באַדויער, וואָס צוליב אַ פאַרקיהלונג האָב איך היינט ניט געקאָנט פאָהרען קיין ווילנע . . . איך האָב גרויס צער פון דעם, וואָס מאַנכע ווילען זיך צופרידענשטעלען מיט מאַכען אַ פ ש ר ה וועגען די רבנות אין ווילנע. איך ווייס זעהר גוט זייערע מאָטיווען און פאַרשטעה די טעמים פון אַלע צדדים. אָבער מיין מיינונג איז דורכאויס, אַז עס דאַרף אַזאַ קאָמפּראָמיס ניט געמאַכט ווערען אויף קיין פאַל. מיר דאַרפען ניט זיין פון די ערשטע צוצוטיילען די רבנות אין צווי רשויות! מען וועט דאָך אויף אונז זיך פאַרקוקען אַזוי נאָכצוטהאָן. מ'וועט זאָגען, אַז די גדולי ישראל האָבען אויף דעם מסכים געווען. אונזערע פּראָטעסטען וועלען דאָן בטל ווערען למפרע, וויל זיי וועלען זאָגען הלא התירו פרושים את הדבר: און מיר וועלען מוזען דערצו מסכים זיין. אַנדערש איז אָבער, ווען מיר וועלען דורכאויס באַשטעהן אויף אונזער מיינונג און ניט דערלאָזען צו ערנידעריגען דעם כבוד התורה והרבנות דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט און אויך די שרי המלוכה איינזעהן, אַז צו טהאָן אַנדערש איז נגד התורה והדת, און אַז אַלץ וואָס נאָר מעגליך האָבען מיר געטאָהן.

„. . . ווען איך בין צוערשט אַרויסגעגאַנגען עפענטליך מיט אַ פּראָטעסט, האָב איך פאַראויס געוואוסט, אַז מ'וועט קעגען מיר ריידען און זוכען אויף מיר עלילות פון אַלע זייטען. כ'האָב אָבער באַשטימט ביי זיך, וואָס ס'זאָל ניט זיין, ניט צו דערלאָזען, אַז די תורה זאָל ח"ו מבוזה ווערען. איך האָב זיך זעלבסט מוסר געווען, גרייט אויף אַלץ, ח"ו, און איך וועל ניט פאַרשווייגען, נאָר זיך אָננעמען פאַר'ן כבוד ה' און זיין תורה.

„די אַלע, וועלכע האָבען זיך ווען עס איז מוסר נפש געווען פאַר קידוש השם, איז זייער כבוד ניט געוואָרען נתבזה, און זייער ווערטה איז ניט געמינערט געוואָרען. אדרבה זאָל די וועלט וויסען, אַז דער כבוד ה' און זיין תורה איז ביי אונזער וויכטיגער, ווי אַלץ, זאָגאַר פון אונזער גאַנצען לעבען. ניט אומזיסט האָט מען קובע געווען די מצוה פון יחוד השם בכל נפשך צוויי מאָל יעדען טאָג".

אין יאָהר תרצ״ב, האָט אַ שרייבער אין אַ געוויסע װאַרשעװער אידישע צייטונג, אויף אַן אונפאַרשעמטען אופן באַליידיגט ר׳ חיים עוזר׳ן.

ווען דער חפץ חיים האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער פּאַרעפּענטליכט אַ פּראָטעסט געגען די פאַראַנטוואָרטליכע פיהרער פון דער צייטונג, און אויפגעפאָדערט אַז זיי זאָלען מתקן זיין די נבלה, ואם לאו, האָט ער געוואָרענט, וועט ער די צייטונג אין חרם אריינלעגען. צוליב די וויכטיגקייט פון ענין, גיבען מיר דאָ איבער אַ אידישע איבערזעצונג פון בריוו צו דער באַטרעפענדער צייטונג לויט ווי עס איז איבערגעגעבען געוואָרען אין דער פרעסע:

„אויפגעציטערט זיינען מיר אַלע געוואָרען דערהערענדיג אַז אין אייער צייטונג איז פאַרעפּענטליכט געוואָרען אַן אַרטיקעל פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטען שרייבער, אַ בייזוויליגער און נידערטרעכטיגער מענש, וועלכער טראַכט אויס פאַלשע און פאַרפירערשע בלבולים, זיין גאַנצע כונה איז צו מבזה זיין די געטליכע תורה און איהרע לערנער, צו צושטערען חס ושלום אַלעס וואָס איז אונז הייליג און טייער. אַט אַזעלכע אונווירדיגע מאמרים זיינען שוין פיעל מאָל געדרוקט געוואָרען אין אייער צייטונג, אָבער דער לעצטער מאמר (תרצ״ב נומ. 100) שטייגט איבער אַלע פריהערדיגע מיט זיינע כזבים און שקרים קעגען ראש וראשון גאון ושר בישראל, רבן של כל בני הגולה, נר ישראל ותפארתו, מרן ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי שליט״א, דער הויפּט פון די רבנים פון ווילנא, וועלכער איז באַריהמט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס מנהיג ורועה נאמן פון גאַנצען פאָלק ישראל . . .

„די האָר שטעלט זיך ממש קאַפּויער פון שרעק דערהערענדיג וועגען אַזאַ נבלה, און אַזאַ רשע ארור געפינט אַ פּלאַץ אין אייער צייטונג צו פאַרשפּרייטען זיינע רשעות׳דיגע און גיפטיגע רייד.

„היות ווי עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס אייער צייטונג האָט געדרוקט אַזעלכע אַרטיקלען איז קאַנטיג אַז איהר גופא האָט אויך אַ האַנט אין דעם. און איהר, פּונקט ווי ער, זוכט צו פאַר׳סמ׳ען און פאַרפיהרען אידישע נפשות כדי צו דערווייטערען פון דער תורה און איהרע פיהרער. עס ליגט דאַריבער אַ חוב אויף יעדען אידען לויט׳ן דין מנדה ומחרים צו זיין דעם שרייבער און אַלע פאַראַנטוואָרטליכע פאַר דער צייטונג כדי עס זאָל ניט קומען בקהל ישראל כמבואר בספרי הפוסקים.

„אַזוי ווי איך בין בע״ה אַ זקן בישראל, פיהל איך זיך פאַרפליכטעט צו זיין פון די ערשטע צו פּראָטעסטירען. מיר זיינען מחויב זיך אַנטקעגען צו שטעלען מיט מסירת נפש כדי מקיים צו זיין וואָס די תורה פאַרזאָגט אונז. איך וואָרען אייך דאַריבער, אויב עס וועט ניט ערהאַלטען ווערען פון אייך קיין צופרידענשטעלענדער ענטפער, אַז איהר האָט מתקן געווען דעם פאַר־

ברעכען, וועט אונזער אזהרה דורכגעפיהרט ווערען מיט איהר גאַנצער שטרענגקייט.

„דיזע ווערטער ווערען געשריבען מיט טרעהרען און האַרץ־וועהטאָג״.

יום ד׳, ה׳ לחודש אייר, תרצ״ב, ראַדין. (—) ישראל מאיר הכהן

ביי אַ זיצונג פון „ועד הישיבות״ אין ווילנע, איז איינמאָל אַרויפגע־בראַכט געוואָרען די פראַגע פון שיקען אַ דעלעגאַציע קיין אַמעריקאַ. עס איז דערמאָנט געוואָרען, אַז דער פאַסיגסטער אוןווירקזאַמסטער פיהרער פון אַזאַ דעלעגאַציע וואָלט געווען הגאון ר׳ חיים עוזר. דער לעצטער, דאָס דער־הערענדיג, האָט בעת מעשה תיכף ומיד ערקלערט, אַז ער איז קראַנק, אַן עוסק ברפואות. האָט איינער פון די ראשי הישיבה באַמערקט, אַזוי ווי ס׳איז נוגע דעם קיום התורה, זאָל זיך פילייכט ר׳ חיים עוזר מיישב זיין מיט דאָק־טוירים צו איהם איז ערלויבט צו מאַכען אַ רייזע. אויף דעם זאָל הגאון ר׳ חיים עוזר האָבען געענטפערט, אַז בנוגע פיקוח נפש פאַרלאָזט מען זיך דאָך על פי דין אויפ׳ן חולה, ווען ער ווענדעט אָפּ דעם דאָקטאָר. ווען דער חפץ חיים האָט דערהערט די דיסקוסיע האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ טאָן פון כבוד ואהבה באַמערקט: „ס׳איז טאַקע אַ דבר העומד ברומו של עולם, ס׳איז נוגע דעם כלל ישראל, אָבער אַז ר׳ חיים עוזר זאָגט ער קאָן ניט . . . איהר, ר׳ חיים עוזר, זיינט דאָך דער כלל ישראל! . . .״

ס׳איז ווירקליך צו באַוואונדערען די איבערנאַטירליכע כחות פון דיזען גאון. אַ האַרציגער טאַטע צו אונצעהליגע יתומים, אַ העלפער און פאַר־זאָרגער פאַר אלמנות, אַ שטיצער און טרייסטער פאַר עלענדע אָרימע און קראַנקע איז דער באַריהמטער ראש וראשון פון די רבנים אין ווילנע. און מערקווירדיג, צו דער זעלבער צייט איז ער דער געוואַלדיג גרויסער עסקן, דער פּראָמינענטסטער גייסטיגער פיהרער פון גאַנצען כלל ישראל. ער איז דער רבן של כל בני הגולה, דער פוסק, צו וועמען די גרעסטע און עלטסטע רבנים פון דער גאַנצער וועלט — יחידים און קערפערשאַפטען — ווענדען זיך מיט זייערע שאלות און פּראָבלעמען. פאַר אַלעמען געפינט ר׳ חיים עוזר צייט, אַ וואָרט פון טרייסט און שטאַרקייט, אַ קלוגע עצה, אַ קלאָרע תשובה און אָפּטמאָל ווירקזאַמע הילף אין טהאַט. אויך טראָץ זיין זעהר שוואַכען גע־זונד, האָט ער די לעצטע יאָהרען אַרויסגעגעבען דריי טיילען פון זיין טיפ־זיניג־גאונישען חיבור „שאלות ותשובות אחיעזר״.

אָבער פאַר די יעניגע פון זיינע מקורבים, וועלכע קאָנען איהם מעהר ווייניג אינטים, איז דאָס לעצטע בכלל קיין וואונדער ניט, ווייל אונפאַרגלייכ־ליך איז זיין כח זיך אַריינצוטהאָן און פאַרטיפען און לערנען ממש ביז הת־

פשטות הגשמיות. אזוי דערצעהלט מען, אז ווען ער האָט איינמאָל באַדאַרפט דורכמאַכען אַ געוויסע אָפּעראַציע, אָהן עטהער, און אָהן לאָקאַלע אַנעסטעטיק, האָט ער דאַן געבעטען, מ׳זאָל איהם געבען אַ ספר מעיין צו זיין. ער האָט זיך דאַמאָלט אַ רוהיגער איבערגעגעבען צו די דאָקטוירים אַרויסצושניידען פון זיין לייב אַן אונגעוואונשטען געוויקס. ער האָט בעת מעשה ניט אַרויס־געוויזען קיין שום צייכען פון נערוועזיטעט, געפיהל פון וועהטאָג, אָדער אויפ־רעגונג.

אויב לויט דער חסיד׳ישער פילאָזאָפיע, איז דער צדיק הדור דאָס האַרץ פון דער וועלט, איז זיכער דער גאון הדור דער מח און די נשמה, דער הויפט־נערוו און רוח חיים פון זיין פאָלק.

עג.

מ׳קומט צו איהם

ביי די אָפטע אספות פון רבנים, ראשי ישיבה און כלל טהוער, פלעגט דער חפץ חיים מיט זיינע לעצטע כחות זיך אָנשטריינגען פערזענליך אָנוועזענד צו זיין. די לעצטע יאָהרען ווען ער איז פיזיש געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער פלעגט ער מאַנכעס מאָל איינלאַדען אָדער אויפפאָדערען געוויסע פיהרער צו קומען צו איהם קיין ראדין כדי זיך מיט זיי מיישב זיין וועגען וויכטיגע ענינים.

פילע גדולים פלעגען אויסנוצען יעדע מעגליכע געלעגענהייט כדי איהם צו באזוכען.

עס איז געווען אין מיטען זומער ווען דער חפץ חיים איז געווען אויף אַ דאטשע אין זשירמון ניט ווייט פון ראדין. ער האָט געפּלאַנט צו אָרגאַניזירען אַ הילפס־טהעטיגקייט פאַר די נויטליידענדע אידען אין רוסלאַנד. האָט ער פאַר דעם צוועק איינגעלאַדען דעם גאון הדור ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי פון ווילנע.

אויפ׳ן קומען פון חשוב׳ן גאַסט, וועמען ער האָט אַלעמאָל באַטראַכט אַלס זיינעם אַן אייגענעם און אמת׳ן גוטען פריינד, האָט ער געוואָרט מיט גרויס אומגעדולד און האָט זיך לכבודו איהם מקבל פנים צו זיין, אָנגעטהאָן אין בגדי שבת.

ווען ר׳ חיים עוזר איז אריין צו איהם אין הויז, האָט דער חפץ חיים זיך מיט איהם צוקושט און זיך אויסגעוועהנליך געפרעהט.

איינער פון די אָנוועזענדע תלמידים האָט דאַן באַמערקט: „רבי, איצט וועלען מיר שוין קאָנען דאַווענען מנחה בצבור, ווייל מיר האָבען שוין אַ צעהנטען צום מנין״, מיינענדיג דעם גאַסט.

דאָס דערהערענדיג, האָט זיך דער חפץ חיים אָנגערופען: „עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט אַז מען זאָל אַ גאַסט פרעגען צו ער וויל דאַווענען, מ׳דאַרף איהם בלויז פרעגען צו ער וויל עסען, טרינקעז אָדער גאָר זיך אָפּרוהען״. און אזוי רעדענדיג האָט ער זיך געווענדעט צום גאַסט: „ר׳ חיים עוזר, איהר וועט אָפשר עפּעס צובייסען אָדער טרינקען?״

„ניין, אַ דאַנק״!, האָט איהם דער גאון געענטפערט. „אויב אזוי״, האָט דער חפץ חיים צו איהם געזאָגט, „בעט איך אייך איהר זאָלט זיך געהן אַביסעל אָפּרוהען. איהר זיינט דאָך געוויס פאַרמאַטערט פון וועג און זיינט דאָך פטור פון תפלה בצבור״! און דער חפץ חיים פערזענליך, אויף וויפיל זיינע פיזישע

כחות האַבען איהם ערלויבט, האָט געזוכט משמש צו זיין דעם גרויסען אורח ווען ער האָט ליב געהאַט ממש אהבת־נפש 1).

דעם חפץ חיים׳ס זעלטענע זריזות אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז געווען אויסערגעוועהנליך. ער האָט דאַמאָלט געפיהלט ווי איינער וועלכען מ׳האָט צופעליג ערלויבט צו פאַרבלייבען אויף נאָך אַ קליינע ווילע אין אוצר המלך פון וואנעט מ׳קאָן יעדער רגע צוריקרופען. „טאָ ווי קאָן מען שלאָפען און אין זינען האָבען עסען״? ער האָט ממש ניט גערוהט אין זיינע פיבער־האַפטיגע טהעטיגקייטען לטובת היהדות.

די לעצטע צעהן יאָהר צווישען תרפ״ג־תרצ״ג האָבען געזעהן זיין ,,זוכט־באַרסטע אַרבייט אויפ׳ן געביט פון תורה און אידישקייט. ער האָט כסדר גערופען און געוועקט זיינע ברידער איבעראַל צו שאַפען און אָנהאַלטען די טראַדיציאָנעלע אידישע אינסטיטוציעס פון תורה וחסד. אין זיינעם אַן אויפ־רוף אין דער פרעסע פרייטאג פ׳ תרומה שנת תרפ״ג פאָדערט ער אַז אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל זאָל געגריינדעט ווערען אַ ישיבה קטנה און מחזק צו זיין דעם לימוד התורה.— „למה הדבר דומה״—צו אַ פאָטער וועלכער האָט געהאַט צעהן קינדער מיט וועמען ער האָט זיך זעהר זעלטען געפרעהט און געפיהלט שטאָלץ. האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה, זיינען זיבען צוגענומען געוואָרען צו מיליטער און זיינען אומגעקומען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. דער פאָטער האָט זעהר פיל געטרויערט אויף זיי. די איבערגעבליבענע דריי קינדער האָבען זיך געבעטען ביים פאָטער, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיי און זיך ניט נעמען אַזויפיל צום האַרצען דעם גרויסען פאַרלוסט, נאָר זוכען טרייסט אין זיי, צוזאָגענדיג איהם, אַז זיי וועלען זיין גוט און פרום. שפּעטער האָט פּאַסירט, אַז די דריי פאַרבליבענע זיהן זיינען געפעהרליך קראַנק געוואָרען. דאַמאָלט האָט דער פאָטער ביטער געוויינט — וועה, וועה צו מיר. ביז איצט האָב איך זיך געטרייסט מיט די דריי קינדער, אָבער איצט, אַז איך האָב געהערט פון די דאָקטוירים, אַז זיי זיינען אַזוי מסוכנ׳דיג קראַנק, טאָ וואו זיינען מיינע תנחומים!

---

1) איינשטעהענדיג אַמאָל ביי אַ אידען אַ קרעמער האָט דער לעצטער זיך ענטזאָגט צו נעמען פון חפץ חיים באַצאָהלט פאַר אַ קלייניגקייט וועלכעס ער האָט גענומען אין זיין קרעמעל. דער צדיק איז אבער דורכאוים צוגעשטאַנען אַז ער מוז נעמען ביי איהם געלד. „אַ איד״, האָט ער געזאגט, „איז בלויז מחויב מקיים צו זיין הכנסת אורחים מיט׳ן עסען, טרינקען און שלאָפען, אבער ניט מיט זיין געשעפט״.

אַן אורח וועלכער איז ביי איהם איינגעשטאַנען האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגען ווי דער חפץ חיים באַמיהט זיך אזוי פיל פאַר איהם, ער אליין זוכט איהם אויסצובעטען און איהם צו באַדינען. האָט ער זיך געבעטען ביים רבי׳ן אַז ער זאָל איהם לאָזען העלפען, אָבער דער חפץ היים האָט עס איהם ניט ערלויבט, זאָגענדיג: „פאַרוואס ווען איהר האָט מיר געזעהן אין דער פריה לייגען תפילין האָט איהר מיר ניט געזוכט צו העלפען? הכנסת אורחים איז דאָך מיין מצוה וועלכע איך דאַרף טאָהן, און ניט דער אורח״.

„כך אַזוי, דער רבונו של עולם פלעגט זיך פרעהען אַמאָל מיט אַלע זיינע קינדער, געהאַט פון זיי נחת; זיי זיינען דאָך געזעסען על התורה ועבודה, אָפּגעהיט דעם שבת, אַכטונג געגעבען אויף די ריינקייט פון אידישען פאַמיליע לעבען און מקיים געוועזן אַלע אַנדערע מצוות. אָבער איצט, ווען צו אונזער גרויסען וועהטאָג און שאַנדע, ס„זיינען חרוב געוואָרען גאַנצע אידישע געגענדען, ווען דער קול יעקב הערט זיך מעהר ניט אין די בתי מדרשים, ווען קינדער ווערען ערצויגען ללא תורה וללא דרך ארץ, ווען פאַרשוואונדען זיינען געוואָרען די אַמאָליגע חברות ש״ס, משניות, עין יעקב, א. א. וו., און אין פילע ערטער זיינען געבראָכען די טראַדיציעס פון גיטין וקדושין, פון שבת, מילה, תפילין און אַנדערע, בלייבט דאָך די איינציגע שמחה, וואָס מיר קאָנען פאַרשאַפען אונזער פאָטער אין הימעל נאָר דורך אָפּראַטעווען דעם שארית הפליטה. די ישיבות און תלמוד תורות, ווי קליין זיי זאָלען ניט זיין, זיינען דאָך די איינציגע טרייסט און האָפנונג . . .״

ווען ער האָט דערהערט, אַז מאַנכע עלעמענטען געהען אַזוי ווייט אין זייער ענטוזיאַזם פאַר דעם העברעאישען אוניווערסיטעט אויפ׳ן הר הצופים אין ירושלים, אַז זיי רופען עס „דער דריטער בית המקדש״, אָדער „אכסניה של תורה״, איז דער חפץ חיים אַרויס מיט אַ פייערדיגען פראָטעסט, וועלכען ער האָט פאַרענדיגט מיט די ווערטער:

„איך ווייס, אַז עס וועלען זיך געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלען אָפּשפּאָטען פון מיר און פון מיין פראָטעסט, און אַז קיין כבוד וועל איך פון זיי ניט קריגען דערפאַר, אָבער מיר אַרט עס ניט; יעדער איד וועלכער גלויבט און היט די תורה, איז מחויב צו פּראָטעסטירען קעגען אַזאַ בזיון הקודש. וואויל איז איהם, וועלכער פאַרקוקט אויף זיין כבוד צוליבן כבוד פון אויבערשטען.״

ווען דער באַריהמטער פיעטריקאָווער רב ר׳ יהודא מאיר שפירא זצ״ל (געוועזן אויך אַ דעפּוטאַט אין פוילישען סיים), האָט זיך אין יאָהר תרפ״ד צו איהם געווענדעט מיט אייניגע הערות אויף ענינים אין זיין „לקוטי הלכות״, האָט דער חפץ חיים איהם געענטפערט דורך זיין אידידם הגאון ר׳ מענדיל זאַקס אויף זיינע הערות און קשיות. און שרייבט פערזענליך צו איהם אין אַ בריוו, וועלכען הרב שפירא האָט באַטראַכט אַלס ווערטהפול פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט לשעה ולדורות, און האָט איהם פאַרעפענטליכט אין זיין ספר שו״ת „אור המאיר״ (פיעטריקוב תרפ״ו):

„איך האָב זיך זעהר געפרעהט, אַז אַזעלכע גרויסע פערזאָנען, ווי ער, זיינען מעיין אין מיינע ספרים, וועלכעס וועט זיין אַ זכות פאַר מיר. איך וואָלט זעהר געוואָלט פערזענליך ענטפערען צו הדר״ג אויף זיינע ווערטהפולע הערות, אָבער צוליב די שוואַכקייט פון מיינע אויגען, קומט מיר אָן דאָס שרייבען זעהר שווער. איך ווינש איהם, אַז דער אויבערשטער זאָל איהם העלפען אין זיין

אַרבייט „באהלי יפת״ פאַר דער טובה פון אַלע קינדער פון ישראל, די באַליידיגטע און געדריקטע. ווער וועט זיך איינשטעלען פאַר זייערע רעכט, אויב נישט די גדולים פון אונזער פאַלק און זייערע פיהרער״.

אַ זעהר אינטערעסאַנטען און וויכטיגען בריוו האָט דער חפץ חיים פאַר־עפענטליכט אין דער פרעסע כ״ז סיון תרפ״ג („דער יוד״ 119/999), וועלכער פאַנגט זיך:

„אמר הצעיר: במה אקדם לד׳ אכף לאל׳ מרום כל תגמולה עלי״ און לעזט זיך אין זיין אידישער איבערזעצונג טייללווייז אַזוי:

„איך דאַנק און לויב אימער און אייביג דעם אויבערשטען מיט׳ן גאַנצען האַרץ פאַר די אונצעהליגע חסדים, וואָס ער האָט געטהאָן מיט מיר. מיין פאָטער האָט מיר געלאָזען אַ יונגען אינגעל, אָהן שטיצע און אָהן אָנשפּאַר, האָט מיר דער אויבערשטער דערנעהענטערט צו זיין דינסט און מיר געהאָלפען קריגען אַ חלק אין זיין הייליגער תורה. ווער בין איך און וואָסער ווערטה האָט מיין לעבען קעגען אָט דעם גרויסען חסד! ובפרט ווען ער האָט מיר מזכה געווען איך זאָל אימשטאַנד זיין מחבר צו זיין חבורים פאַר זיין כבוד וועגען, כדי צו מאַכען באַקאַנט זיין ווילען צו זיין הייליגען פאָלק, וועלכע פילע פון זיי גלוסטען צו לערנען פון די ספרים דערהויפּט דעם חיבור „משנה ברורה״. דיזען חיבור האָט מיר געגומען אומגעפעהרט 25 יאָהר צו שאַפען . . . אין פאַרלויף פון אָט דער צייט האָב איך זעהר פיל דורכגעמאַכט, אָבער דער אויבערשטער אין זיין גרויסען חסד האָט מיר פון אַלעם מציל געווען און האָט מיר געלאָזט לעבען און עקזיסטירען ביז איצט — איך בין דאָך גאַרניט בכח איהם אַלץ אָפּצודאַנקען . . .

„איך דערלויב דאַריבער יעדען אידען איבערצודרוקען דיזען ספר, אָבער מוז זיין דוקא אין אָריגינעלען פאָרמאַט, היינו: דעם שו״ע, דעם „באר היטב״, „שערי תשובה״, מיט מיינע ביאורים „משנה ברורה״, „ביאור הלכה״ און „שער הציון״ אָהן אַ פאַרענדערונג. אויך בתנאי אַז פון יעדע הונדערט ספרים, געבען פיר אומזיסט צו בתי מדרשים, אָדער חברות, וועלכע לערנען . . .

„אויך ערלויב איך יעדען אידען איבערצודרוקען מיינע ספרים „חפץ חיים״, „שמירת הלשון״ און „אהבת חסד״, וועלכע זיינען באַזירט אויפ׳ן פּרינציפּ פון פסוק „סור מרע ועשה טוב״, אַלץ בתנאי, אַז פיער פון יעדער הונדערט זאָל אומזיסט אָוועקגעגעבען ווערען פיער צו בתי מדרשים.

„אויסער די אויבענדערמאָנטע ספרים האָט קיינער קיין רעכט ניט איבער־צודרוקען מיינע אַנדערע ספרים אָהן מיין רשות אָדער פון מיינע באי כח . . .

דיזער דאָקומענט בויטיגט זיך ניט אין קייע פירושים.

האָט דערצעהלט הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי זצ״ל, וועלכער איז געווען מיט איהם אין וואַרשא:

ווען דער חפץ חיים האָט דערזעהן אָפּגעדרוקט אין ציייטונג דיזען בריוו האָט ער זיך זעהר געפרעהט. „ב״ה מתקן געווען מ׳זאָל מיר ניט חושד זיין, אַז איך האָב חלילה מחבר געווען די ספרים פאַר מיין טובה וועגען״.

פילע מאָל פלעגט מען באַמערקען אין די צייטונגען בקשות מ׳זאָל צו איהם ניט שיקען קיין שאלות, ווייל „לא אלמן ישראל״, דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָג ב״ה גדולים רבנים, צו וועמען זיך ווענדען מיט זייערע רעליגיעזע פראַגען, טאָ צו וואָס קומען צו איהם. ס׳האָט אָבער זעהר ווינציג געהאָלפען. מ׳האָט פון דער גאַנצער וועלט איבעראַל געשיקט שאלות צו איהם, וועלכע ער האָט זיך ניט אַלע מאָל געקאָנט אַרויסדרעהען און האָט געמוזט קעגען זיין ווילען ענטפערען.

„אין „וואָרט״ פון ד׳ אייר תרפ״ז געפינט זיך מודעה און בקשה פון חפץ חיים :

„צוליב מיין שוואַכען געזונד־צושטאַנד בעט איך, אַז מענשען זאָלען ניט קומען צו מיר וועגען ענינים פון ברכות און עצות. אויך ניט צו שרייבען צו מיר קיין בריוו, ווייל איך האָב ניט קיין כח זיי דורכצולעזען. די דאָק־טוירים האָבען מיר פאַרזאָגט דאָס צו טהאָן . . . די וועלכע וועלען קומען וועלען פאַרלירען זייערע הוצאות . . . ״

אָבער ניט קוקענדיג אויף אַלע וואָרנונגען פלעגען מענשען כסדר קומען צו איהם. צוליב זיין שוואַכקייט פלעגט זיי אָפּטמאָל אויסקומען צו וואַרטען עט־ליכע טעג ביז זיי זיינען צוגעלאָזט געוואָרען צו איהם. ער פלעגט אָבער אַלעמען מקבל זיין בסבר פנים יפות, אויסהערען זייערע ליידען, געבען אַן עצה, אַ ברכה, אַ וואָרט פון טרייסט און חיזוק.

ווי שוין דערמאָנט פלעגט ער אימער זוכען אויסצומיידען צו ענטפערען אין עניני הלכה. זאָגאַר ווען גדולי הדור פלעגען זוכען איהם אריינצוציהען אין אַזעלכע ענינים. ער האָט זיך בכלל אימער מונע געווען פון צו ערפילען רבני׳שע פונקציעס.

בשעת ער איז נאָך ארומגעפאָהרען מיט זיינע ספרים איז ער איינמאָל זייענדיג אין קארלין געגאַנגען באזוכען דעם אָרטיגען רב, דעם זקן הגאונים ר׳ דוד פרידמאַן. דער לעצטער איז גראד דאַמאָלט געווען פאַרטהאָן אין אַ שווערע שאלה. ווען דער חפץ חיים איז אריינגעקומען האָט דער גאון אָנגע־פאַנגען צו רעד׳ען וועגען דעם ענין פון דער שאלה און האָט געוואָלט הערען דעם חפץ חיים׳ס מיינונג. דער חפץ חיים איז אָבער קאַנטיג געווען שטאַרק אונצופרידען פון דעם. מ׳האָט געקאָנט זעהן ווי ער זוכט עפּעס אַ תירוץ כדי זיך ארויסצודרעהען פון אַזאַ אחריות. האָט פאַסירט אַז אַן אַנוועזענדער רב איז צופעליג צוגעגאַנגען צום גאון מיט אַ רמב״ם אין האַנד און געבעטען איהם אויפצוקלערען דאָרט אַ געוויסע שטעלע.

האָט ר׳ דוד׳ל מיט אַ טאָן פון הקפדה באַמערקט: „איך האַלט דאָך איצט ניט ביי אייער ענין!“

„טאָ האַלט איך דאָך אויך ניט איצט ביי אייער ענין!“ האָט דער חפץ חיים מיט אַ בנעימות׳דיגען שמייכעל באַמערקט.

אַבוואָהל דער חפץ חיים האָט זיך שטענדיג מרחק געווען פון ענינים וועלכע ווערען געוועהנליך פאַרשטאַנען צו האָבען אַ שייכות מיט רבנות, פלעגט ער דאָך אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען מאַכען אַן אויסנאַם. אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה ווען פארהייראַטע יונגע לייט זיינען צוגענומען געוואָרען אויפ׳ן פראָנט כדי צו פאַרהיטען די פרויען פון צו ווערען עגונות, האָבען די אָרטיגע רבנים ניט געוואָלט מסדר זיין קיין תנאי גט אָהן חפץ חיים׳ס באַטייליגונג. האָט דער חפץ חיים צוליב תקנת עגונות צוגעשטימט צו זיין פון בית דין. עהנליכע פאַלען זיינען געווען אַ סך.

הגאון ר׳ אברהם יפין, ביאַליסטאָקער ראש ישיבה, דערצעהלט:

„אין יאָהר תרפ״ב האָט די אגודת ישראל געהאַט אַ פאָנד אויף צו שטיצען לומדי תורה אין רוסלאַנד. זי פלעגט שיקען פעקלאַך מלבושים און שפייז פאַר די תלמידים פון די ישיבות וועלכע זיינען נאָך דאַן געוועזען אין רוסלאַנד. אין האַמעל האָט זיך דאַן נאָך געפונען אַ חלק פון זיין ישיבה. האָט ר׳ אברהם יפין, זייענדיג אין פוילען, געפאָדערט פון דער אגודה, אַז אַנשטאַט צו שיקען פעקלאַך, איהם צו געבען מזומן, כדי ער זאָל פאַר דעם קאָנען אַרויסראַטעווען זיינע תלמידים פון סאָוויעטישען גיהנום.

„האָבען איהם די בעאַמטע פון דער אגודה ענטזאָגט מיט דער טענה, אַז זיי האָבען ניט קיין רעכט משנה צו זיין די תקנות, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און לויט וועלכע רעגולאַציעס די געלד איז געזאַמעלט געוואָרען.

איז ר׳ אברהם יפין געפאָהרען צום חפץ חיים מיט דער בקשה, אַז ער וויל ביי איהם אַ דין תורה מיט די פאַרשטעהער פון אגודת ישראל. האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט:

„אויב איהר ווילט אַ דין תורה דאַרפט איהר זיי רופען צו רבנים . . . איך האָב אין מיין לעבען קיין דין תורה ניט דן געווען . . . מ׳האָט מיר אַמאָל אַראָפּגעבראַכט אין אַן אָרט, איך האָב פריהער ניט געוואוסט צוליב וואָס מ׳האָט מיר געדאַרפט. ווען איך האָב דערזעהן, אַז עס איז געווען צוליב אַ דין תורה, בין איך תיכף ומיד פאַר מיינע אייגענע הוצאות צוריקגעפאָהרען“.

האָט ר׳ אברהם איהם אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז ממש אַן ענין פון פיקוח נפש פאַר לומדי תורה. דאָס האָט געהאָלפען און דער חפץ חיים האָט צו איהם דאַן געזאָגט:

„איך וועל אייך געבען אַן עצה, וואָס צו טהאָן. איהר פאָהרט קיין וואַרשא

(אין הויפט־אפיס) און פאדערט, אז זיי זאלען אייך איבערגעבען די געלד אויף צו קויפען די נויטיגע קליידער און שפייז. אויב זיי וועלען אויף דעם מרוצה זיין, וועט איהר דאן אלס אפטרופוס (אדער גבאי צדקה) מעגען פארנוצען די געלד לויט אייער דעה פאר׳ן בעסטען תועלת פון די מקבלים״.

כך הווה. דער ראש הישיבה איז געפאהרען קיין ווארשא, זיך דארט געטראפען מיט׳ן גערער רבי׳ן, וועלכער איז אגב איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער „אגודה״. דעם רבי׳ן איז זעהר געפעלען געווארען דעם חפץ־חיים׳ס עצה, וועלכע ער האט טאקע געהאלפען פארווירקליכען . . .

זעהענדיג, אז טראץ אלע זיינע באמיהונגען און מסירת נפש׳דיג אנשטריינגונגען איז דער קיום הישיבות ווייט פון צו בלייבען געזיכערט, און פיהלענדיג, אז דער יסוד פון אידענטום זיינען די מקומות התורה, האט ער י״ג תשרי תרצ״א ארויסגעשיקט די פאלגענדע בריוו צו אלע ראשי ומנהלי ישיבה איינלאדענדיג זיי אויף א קאנפערענץ צו איהם אין ראדין פאר כ״ח תשרי תרצ״א.

„כאשר מצב התורה והיהדות הולך ויורד מיום ליום בעוה״ר, וכאשר שאין בידינו לתקן את כלל העולם ולעוררם לתשובה ולחיזוק, ע״כ טכסתי עצה עם כמה גדולי תורה והוסכם אצלנו שבכל תוקף ועוז עלינו לראות לעשות חיזוק אצל הבני תורה שלנו והיינו עכ״פ בישיבות הקדושות שהותיר לנו ד׳ לפליטה. והוסכם אצלי לקרוא לאספה כל ראשי ומנהלי הישיבות הגדולות על יום ב׳, כ״ח תשרי הבע״ל. ע״כ אבקש גם את כתר״ה לבוא לראדין ואז נדבר בפרטיות מכל הענינים . . . ״

דער חפץ חיים האט געמאכט אלע הכנות צו עמפפאנגען זיינע חשוב׳ע געסט. ער איז דעם טאג געגאנגען טבילה און זיך אנגעטהאן בגדי שבת לכבוד די גרויסע אורחים. ער האט אלעמען מקבל פנים געווען ביי זיך אין הויז, יעדער איינעם באדאנקט פאר זיין קומען, און האט ערקלערט דעם תכלית פון דער אספה. פארשידענע פראבלעמען זיינען דאן באהאנדעלט געווארען בכובד ראש. נאכדעם האט ער פארגעלייגט אז די ראשי ישיבה זאלען צווישען זיך — אהן איהם — האבען א מיטינג בנוגע דעם קיום הישיבות. האבען זיך די אלע געסט פארזאמעלט אין דעם „קדשים חדר״, און דארטען, אונטער׳ן פארזיץ פון עלטסטען ראש ישיבה הגאון ר׳ שמעון שקאפ, זיינען פארגעקומען דיסקוסיעס און אנגענומען געווארען רעזאלוציעס וועגען פארשטארקען דעם לימוד התורה אין די ישיבות.

אן איינהייטליכער פראגראם איז אנגענומען געווארען פאר׳ן סדר הלמודים און דאס לערנען פון מוסר און מדות. אין אווענד, בעת די אורחים זיינען ווידער געקומען צום חפץ חיים, האט זיי דער לעצטער געפרעגט מכח די ארבייט וואס זיי האבען אפגעטהאן. האט מען איהם געגעבען צו לעזען דעם

פראָטאָקאָל מיט די אַלע רעזאָלוציעס און תקנות וועלכע זיינען פאַרפאַסט און אָנגענומען געוואָרען.

דורכקוקענדיג דעם פּאַפּיר האָט זיך דער חפץ חיים געווענדעט צו די פאַרזאַמעלטע מיט די ווערטער:

„זאָלט איהר געזונט זיין, צוליב דעם האָט איהר באַדאַרפט קומען אהער און פארברייינגען די צייט? דער עיקר האָט איהר באדאַרפט זוכען וועגען און מיטלען ווי אזוי צו באזאָרגען די בני הישיבה אַז זיי זאָלען האָבען וואָס צו עסען, זיי וועלען שוין ממילא לערנען, לערנען מעהר אָדער אַ האָר ווינציגער, דערהויפּט זאָלען זיי ניט ליידען קיין הונגער!"

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די ראשי ישיבה זיינען שוין פאַרבליבען לייגנער און געמיינשאַפטליך באַהאַנדעלט די הויפּט אָנגעוועהטאָגטע פראַגע — צו זוכען מיטלען אויף צו באַזאָרגען זייערע תלמידים מיט „קמח".

עד.

אן אומפארווירקליכטער חלום

צו לעבען אין ארץ ישראל איז תמיד געווען דעם חפץ חיים׳ס טרוים און תשוקה. ער, וועלכער האָט אימער געזוכט צו ערמוטהיגען און טרייסטען זיינע ברידער אין גלות, לערנענדיג זיי צו לעבען און צו האָפען אויף דער גאולה, אויף משיח׳ן, אויף אַן אויפגעבליהטע ירושלים — איז געווען דורכגענומען מיט אַן אויסערגעוועהנליכער בייגקשאַפט נאָך ארץ ישראל. ער האָט שטענדיג געגאַרט זיך דאָרט צו באַזעצען. אַזוי ווי איינער זוכט זיך צו באַפרייען פון אַ פאַרשטיקטען אָרט, וואו זיינע לונגען קריגען ניט גענוג לופט אַריינצו־אָטעמען, האָט דער חפץ חיים געפיהלט אין חוץ לארץ. זיינע גייסטיגע אָרגאַנען האָבען דאָ קיין באַפרידיגונג ניט געפונען, די אַטמאָספערע פון קדושה, וועלכע איז אַרום איהם געשאַפען געוואָרען, דער רוח התורה והיראה מיט וועלכע די לופט אין ראַדין איז געווען דורכגעדרונגען האָט פיעל פאַרגרעסערט זיינע אינערליכע פאַרלאַנגען. אונגעהויער שווער איז די עבודה אין חוץ לארץ. דאָ קאָן די נשמה זעלטען דערגרייכען איהר פאַלקאָמענהייט. אין זיין כסדר־דיגער שטרעבונג צו „שלמות הנפש" האָט דער חפץ חיים דאַריבער געפיהלט אַן אינערליכען דראַנג צו דער לאַנד וועמעס „אויר" איז „חיי נשמות".

אין יאָהר תר״מ איז דער ראַדינער רב ר׳ יודא׳לע אַוועק קיין ארץ ישראל פון דאָרט האָט ער צו זיין ידיד דעם חפץ חיים אין אַ בריוו געשריבען: „אין חוץ לארץ האָב איך נישט געפיהלט די קדושה פון שבת. די קדושה פון שבת האָב איך ערשט אָנגעפאַנגען צו פיהלען אין דעם אויר פוז ארץ ישראל". אַזאַ ערפאַהרונג האָט נאָך מעהר ערוועקט זיין חשק נאָך ארץ ישראל. בכלל איז עס ניט געווען ביי איהם בלויז אַ גוטער וואונש. ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט און אין יעדען פאַל שטענדיג געקלערט און טאַקע ממשות־דיג געזוכט זיינע חלומות צו פאַרווירקליכען.

„ווער ווייס צו מ׳וועט האָבען די זכיה צו זיין צווישען די, וועלכע מ׳וועט שפעטער אַריינלאָזען אין ארץ ישראל. אָבער אַז מ׳וועט שוין דאָרט זיין פון פריהער, איז אַ האָפנונג, אַז אַרויסטרייבען פון דאָרט וועט מען ניט!" — פלעגט ער טענה׳ן.

אין די תנאים פון זיין ערשטען איידים, הרב הגאון ר׳ אהרן הכהן (מחבר פון די ספרים „עבודת הקרבנות", „פרחי אהרן", „מטה אהרן", „בית אהרן", נפטר געוואָרען אין תל אביב, כ״ז שבט, תרצ״ו), מיט זיין עלטסטער טאָכטער גיטעל אין יאָהר תרמ״א, האָט ער איינגעשריבען אַ בפירוש׳ן תנאי, אַז

הרב ר' יהודה ליב גארדין זצ"ל · לאמזע



הרב ר' אהרן הכהן זצ"ל
עלצטער איידים פון חפץ חיים

הרב ר' ברוך פייוועלזאן זצ"ל
ראש ישיבה ראדין, איידים פון ר' נפתלי'ן

הרב ר' ירוחם לעוואוויץ זצ"ל,
געוו. משגיח אין ישיבת „חפץ חיים"
נאכהער אין מיר

אין שייכות מיט'ן חפץ חיים און זיין ישיבה

הרב ר' הירש לעווינסאן זצ"ל,
איידים פון חפץ חיים, דער הויפט בויער
און פיהרער פון ישיבה אין ראדין



הרב ר' נפתלי **צבי**טראפ זצ"ל,
ראש ישיבה אין ראדין



די ישיבת „חפץ חיים" אין ראדין

אַבוואָהל ער איז איהם מבטיח קעסט, זאָל ער קיין רשות ניט האָבען איהם מעכב צו זיין צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. עהנליכעס האָט ער אויסגענומען אין די תנאים פון זיין צווייטען איידים הגאון ר׳ הירש לעווינסאָן מיט זיין טאָכטער שרה׳לע אין יאָהר תרמ״ד. ווען ער האָט אין יאָהר תרס״ד געהייראַט מיט זיין צווייטער פרוי (די טאָכטער פון הרב ר׳ הלל אבד״ה לאפּי) הרבנית מרים פריידע, האָט ער מיט איהר אויסגערעדט, אַז זי זאָל מסכים זייז מיט איהם מיטצופאָהרען קיין ארץ ישראל. דעם זעלבען תנאי האָט ער אויך געשריבען אין די תנאים פון זיין אינגסטען איידים הגאון ר׳ מנחם מנדיל יוסף זאַקס איצט ראש ישיבה אין ראדין) מיט זיין אינגסטער טאָכטער פייגע, י״ד שבט תרפ״ג.

ליידער האָט איהם זיין אונערמידליכע אַרבייט אין חוץ לארץ פאַר׳ן למוד התורה געשטערט זיין פּלאַן צו רעאַליזירען. זאָגען דאָך די חז״ל, „גדול תלמוד תורה יותר מבנין בית המקדש שכל זמן שברוך בן נריה קיים לא הניחו עזרא ועלה״ (מגילה ט״ז ע״ב). עזרא דער גרויסער ליבהאָבער פון ארץ ישראל איז ניט אויפגעגאַנגען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זרובבל׳ן אין דער צייט פון כורש׳ן ווייל זיין רבי ברוך בן נריה איז געווען צו אַלט און ניט געקאָנט מיט איהם מיטגעהן. שליסען דאַריבער די חכמי התלמוד, אַז לערנען תורה איז וויכטיגער זאָגאַר פון בויען אַ בית המקדש.

ארץ ישראל איז ביים חפץ חיים געווען פון די ענינים, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט מסיח דעת געווען. אין ווינטער פון יאָהר תרע״ח, ווען מ׳האָט איבערגעגעבען דעם חפץ חיים די אידישע שמחה מיט דער „באַלפור דעקלאַראַציע״ האָט דער חפץ חיים זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און האָט כליפּענדיג מיט הייסע טרעהרען באַמערקט: „דער רבונו של עולם האָט אונז צוגעזאָגט ופרצת ימה וקדמה . . . און דאָס איז דאָך אַ זיכערער וועקסעל, וועלכען דער אויבערשטער וועט באַשטימט צאָהלען צו דער צייט. צום סוף קומען מענשען און דיסקאָנטירען עס פאַר אַ קליינעם פּראָצענט. זיי פרעהען זיך מיט אַ דעקלאַראַציע, אַזוי ווי עס וואָלט שוין געווען די גאַנצע גאולה . . . מעהר דאַרפען זיי נישט . . . און אויף מעהר וואַרטען זיי ניט . . .״ און ער האָט ווייטער געוויינט . . .

אין יאָהר תר״פ זייענדיג פאַרוואָגעלט אין זיין דאָפּעלטען גלות אין רוסלאַנד, האָט דער חפץ חיים געפּלאַנט פון דאָרטען דורך אָדעס צו פאָהרען גלייך קיין ארץ ישראל. זיין איידים ר׳ הירש האָט איהם געוואָלט באַגלייטען. אין וועכענטליכען צייטונג „מחזיקי הדת״ אין ירושלים פון ד׳ כסלו תרפ״א, איז זאָגאַר געווען באַריכטעט, אַז דער חפץ חיים צוזאַמען מיט נאָך דריי פּראָמינענטע רבנים זיינען שוין אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל.

דער באַדראָהטער מצב פון זיין ישיבה אונטער׳ן באָלשעוויסטישען רעזשים

האָט איהם אָבער דאַמאָלט צוריקגעהאַלטען. אין דער צווישען צייט איז זיין איידים ר׳ הירש נפטר געוואָרען. כדי צו ראַטעווען די ישיבה איז ער געצוואונגען געוועזן צוריקצופאָהרען אַהיים אין ראַדין. און ער איז טאַקע געפאָהרען מיט דער כוונה אַזוי שנעל ווי ער וועט די ישיבה צוריק איינאָרדנען און איהר מאַטעריעל באַזאָרגען, גלייך נאָכדעם צו מאַכען זיין נסיעה קיין ארץ ישראל.

אָבער קומענדיג אַהיים האָט ער איבעראַל געפונען אַ גרויסען חורבן אויפ׳ן געביט פון תורה. די ישיבות זיינען געוועזן פאַרלאָזען, דער יונגער דור איז געוואַקסען „ללא תורה" און דער קיום פון אידענטום איז געוועזן אין גרויס געפאַהר. די צובראָקלונג פון אַמאָליגען גרויסען אידישען צענטער אין רוסלאַנד אין נייע קליינע לענדער האָט פשוט רואינירט די יניקה פון די גרויסע ישיבות אין ליטא און פוילען.

דער חפץ חיים האָט ניט גערוהט. ער האָט כסדר גערופען און געוועקט. אַ דאַנק זיין איניציאַטיווע איז געשאַפען געוואָרען דער „ועד הישיבות" אין ווילנע, כדי צו פאַרזיכערען מאַטעריעל די עקזיסטענץ פון אַלע ישיבות. נאָך דער גרינדונג פון „ועד הישיבות" האָט ער זיך גענומען צוריק אויסצופיהרען זיינע פלענער וועגען ארץ ישראל 1). ער האָט שוין געהאַט גרייט אַלע פאַרמאַליטעטען. די אידען אין ארץ ישראל האָבען זיך שוין געגרייט איהם צו געבען קעניגליכען קבלת פנים. אין פתח תקוה איז ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרען אַ הויז פאַר אַ וואוינונג פאַר איהם, וועלכע רופט זיך עד היום „בית חפץ חיים". און טאַקע גלייך נאָך פסח אין יאָהר תרפ"ח איז ער געוועזן מוכן אָפּצופאָהרען.

ווען די רבנים און ראשי ישיבה האָבען זיך פון דעם דערוואוסט האָבען זיי פאַררופען אַן אסיפה אין ווילנע און האָבען באַשלאָסען צו ווירקען אויפ׳ן חפץ חיים אַז ער זאָל פאַרלויפיג זיין נסיעה אָפּלייגען כדי דורך זיין השפעה צו באַפעסטיגען דעם „ועד הישיבות". אויף דעם חפץ חיים׳ס טענות אַז ער איז שוין אַלט און איז דאַריבער ניט בכח עפּעס אויפצוטהאָן, האָט איהם, יבדל לחיים, דער גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי שליט"א, געענטפערט מיט די ווערטער פון זיין עלטער שוועהר דער גאון וצדיק ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וועלכער האָט אין אַן עהנליכען פאַל באַמערקט צו אַ גדול פון זיין דור:

„אַ טאַטע פאַרלאָזט ניט זיינע קינדער און הגם ער איז אַלט, דאָך ווען דער אַלטער זיצטביים טיש פיהרט זיך דער טיש גאָר אַנדערש . . . "

---

1) דערצעהלט ר׳ יעקב ראַזענהיים, פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער „אגודת ישראל", ווען עס האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער חפץ חיים וויל עולה זיין אין היילינגען לאַנד, האָט, אויף זיין אַנפראַגע, געענטפערט הגאון ר׳ חיים עוזר מיט פאָלגענדע קורצע ווערטער: האי סבא קדישא בכל מקום שהוא עומד אדמת קודש היא. ד. ה. יעדער אָרט, וואו דער הייליגער חפץ חיים שטעהט און ווירקט, איז הייליגער באָדען.

דאָס האָט געווירקט און דער חפץ חיים האָט מסכים געווען אָפּצולייגען זיין נסיעה ביז ר״ח אלול.

אַלע חפצים זיינען איינגעפּאַקט געוואָרען. די ספרים, די מאַטריצען פון זיינע ווערק ווי אויך די נויטיגע זאַכען האָט ער שוין געהאַט ארויסגעשיקט. ער האָט דאריבער ניט אויפגעהערט צו גרייטען זיך צו דער רייזע. ער האָט שוין זאָגאָר געהאַט פאַרקויפט אָדער צוטיילט זיין שטוב־מעבעל.

ערב ר״ח אלול תרפ״ה האָט ער אין ווילנע אָנגעשריבען אַ געזעגענונגס־בריוו צו די אידען אין גלות, וועלכער לעזט זיך טיילווייז אזוי: —

„בחסד השי״ת האָב איך זוכה געווען צו די יאָהרען פון „גבורות״ און אזוי ווי איך גרייט זיך בע״ה צו פאָהרען אין אונזער הייליגע לאַנד וועל איך זיך געזעגענען מיט אייך, מיינע טייערע ברידער, וועלכע געפינען זיך אין די אַלע גלות לענדער, אייך געבען מיין ברכה און אויסדריקען צו אייך מיין אינעווייניגסטען וואונש.

„עס איז מיין הייסטע תפלה צום „שומר ישראל״ ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין פיעל ליידענדען פאָלק. ער זאָל אויסלייזען די אידען פון זייערע שרעקליכע צרות און שיקען משיח׳ן צו דערפרעהען די אידישע הערצער מיט בשורות טובות און נחמות.

„מיינע טייערע ברידער, שווער איז מיר זיך צו שיידען מיט אייך אין אַזאַ שרעקליכע צייט ווען דער צאָרן פון ג—ט איז אויף אונז אויסגעגאָסען, ווען וואָס אַ טאָג ווייטער ווערט אַלץ ערגער און דער גייסטיגער חורבן איז אזוי גרויס . . . איך געפין דאריבער פאַר נויטיג אייך אַלע צו דערמאָנען אונזערע הייליגע פליכטען פאַר׳ן רבש״ע.

„ווען די תלמידים פון ר׳ אליעזר הגדול האָבען געפרעגט זייער רבי׳ן וואָס זאָל אַ מענש טהאָן כדי ניצול צו ווערען פון „חבלי משיח״, האָט ער זיי געענטפערט: „זאָל ער זיך באַשעפטיגען מיט תורה און חסד״. דער גרויסער געטליכער תנא האָט קיין אַנדער מיטעל ניט געפונען ווי אַזוי זיך צו באַשיצען געגען די „פגעים רעים״ אויסער תורה און חסד.

„בעונותינו הרבים, מיר זיינען איצט אַזוי פיל דערווייטערט געוואָרען פון תורה, סיי די עלטערען, סיי די קינדער, אַפילו די „תינוקות של בית רבן״ אונזערע ווערען ערצויגען אין נייע שולעס ווייט פון תורה און יראת שמים. פוסט און וויסט זיינען אונזערע חדרים. ס׳איז בלויז פאַרבליבען דאָס ביסעלע תורה אין די געצעהלטען פון די ישיבות וואָס מיר פאַרמאָגען נאָך מיט׳ן אויבערשטענ׳ס הילף. אָבער צוליב׳ן גרויסען און שווערען קריזיס וואָס מיר מאַכען דורך איז דער קיום הישיבות געשעטלט געוואָרען אין גרויס געפאַהר.

„ס׳איז דאָך ידוע, אַז דער גאַנצער תכלית אונזערער אויף דער וועלט איז צו קריגען אַ חלק אין דער תורה, כי לכך נוצרת. די גאַנצע יצירה פון דער

וועלט איז אַלץ צוליב תורה. אָהן דער תורה איז כמעט די גאַנצע בריאה אָהן שום נוצען, דער לעבען האָט ניט קיין אינהאַלט, ניט די נשמה און ניט דער גוף, אויב דער מענש לאָזט זיך אָפּ פון דער תורה . . .

„דאַריבער איצט ביי מיין אָפּשיעד פון אייך איז מיין הויפט בקשה מכח חיזוק התורה וחיזוק הישיבות.

„בעפאָר דער הבטחה פון „הנני שולח לכם את אליהו הנביא״, ווענדעט זיך מלאכי מיט דעם פסוק: „זכרו תורת משה עבדי״, ווייל נאָר דאָס איז דער עיקר יסוד פון אונזער עקזיסטענץ און נאָר דורך תורה וועלען מיר זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה.

„איך בעט אַלע אידען צו פאָלגען און זיך צוהערען צו מיין דאָזיגען פאַרלאַנג. אָפּצוהיטען די ליכט פון דער תורה און די ישיבות זאָלען חלילה ניט אויסגעלאָשען ווערען. הויל־נאַקעט זיינען מיר געבליבען. מ׳האָט פון אונז אַלץ צוגענומען און אוועקגערויבט, אָבער די לעבעדיגע נשמה וואָס דער רבונו של עולם האָט אין אונז אַריינגעבלאָזען — די תורה הקדושה, זי לעבט און עקזיסטירט. און כל זמן דער ארון ה׳ געהט מיט אונז וועלען מיר ניצול ווערען פון אַלע אונזערע שונאים . . .

„היט אָפּ דעם ארון ה׳ מיט אַ זיכערער שמירה, היט איהם אָפּ ווי דעם טייערסטען אוצר! שטעהט אויף אַלע ווי איין מענש צו העלפען דעם ארון ה׳ וואָס האַלט זיך אויף די ישיבות . . .״

אַלע און אַלעס ביים חפץ חיים אין הויז זיינען שוין געווען צוגעגרייט פאַר דער נסיעה. און צום צווייטען מאָל איז ביי אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג ביי ר׳ חיים עוזר׳ן אין ווילנע אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיטע באַשטעהענד פון די באַריהמטסטע ראשי ישיבה: ר׳ ברוך דוב לייבאָוויץ (קאַמעניץ); ר׳ פסח פּרוסקין (קאָברין); ר׳ אלחנן וואַסערמאַן (באַראַנאָוויץ); ר׳ אליעזר יודא פינקעל און ר׳ ירוחם לוואָוויץ (מיר) כדי צו פּועל׳ן ביים חפץ חיים, אַז ער זאָל ווידער אַמאָל אָפּלייגען זיין רייזע ביז נאָך די ימים הנוראים. דער חפץ חיים האָט לכתחילה געהאַט שטאַרק הקפדה: „וואָס בין איך דאָ אַרעסטירט, איך טאָר ניט אַרויספאָהרען!״ דער ראש המדברים פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער אַלטער ראש ישיבה הגאון ר׳ ברוך בער. ער האָט ממש געוויינט מיט טרערען, זיך בעטענדיג ביים חפץ חיים, אַז ער זאָל לכל הפחות פאַר־בלייבען מיט זיי ביז נאָך סוכות, כדי צו העלפען פאַרזיכערען דעם קיום הישיבות. און ווידער האָט דער חפץ חיים געמוזט מסכים זיין אָפּצולייגען זיין רייזע ביז דעם לעצטען טאָג פון דער גילטיגקייט פון זיינע פּאַפּירען — דינס־טאָג פ׳ לך, תרפ״ו.

האָט פּאַסירט פּונקט אַ טאָג בעפאָר אַז דעם חפץ חיים׳ס פרוי איז גע־פּעהרליך קראַנק געוואָרען. מ׳האָט איהר אַוועקגענומען קיין ווילנע, וואו

זי האָט געמוזט דורכמאַכען אַן ערנסטע אָפּעראַציע. „ס׳איז מעשה שטן. אומע־טום מישט ער זיך אַריין, אָבער ס׳וועט איהם ניט העלפען״ — האָט ער ביטער פּראָטעסטירט, זיין האָפנונג האָט ער אַלץ ניט פארלוירען. ער האָט זיך גע־טרייסט, „השי״ת וועט העלפען, זי וועט געזונט ווערען און מ׳וועט איה״ש פאָהרען . . .״ זיינע מקורבים האָבען אָבער שוין דאַן געזעהן, אַז מ׳איז איהם מעכב מן השמים. זי איז טאַקע געזונד געוואָרען און דער חפץ חיים האָט ווידער אָנגעפאַנגען מאַכען זיינע הכנות אין געהיים. ער האָט ניט געוואָלט, אַז אימיצער אויסער זיינע בני בית זאָלען וויסען. ער האָט זיך אויסגעדריקט: „מעגליך, אַז דער צופיל פרסום איז פאַראַנטוואָרטליך אין דאָס צושטערונג פון מיינע פּלענער. די ערשטע לוחות זיינען צובראָכען געוואָרען, ווייל זיי זיינען געגעבען געוואָרען בקולי קולות . . .״ ער האָט דאַריבער געהאָפט, אַז מאַכענדיג זיינע פאַרבאַרייטונגען בסוד וועט זיך איהם אפשר איינגעבען זיין וואונש צו פאַרווירקליכען. מערקווירדיג, אין דעם זעלבען טאָג, ווען ער האָט צום צווייטען מאָל ערהאַלטען זיינע נויטיגע פאַפּירען פון ארץ ישראל איז קראַנק געוואָרען זיין אינגסטע טאָכטער פייגע. אַלע האָבען דאַן באַשיינ־פּערליך געזעהן, אַז מן השמים דערלאָזט מען איהם ניט אויספיהרען זיינע פּלענער. דער חפץ חיים אַליין האָט אָבער לכתחילה אַלץ זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען.

„וואָס רעדט איהר״ ? דער אויבערשטער מיט זיין חסד וועט העלפען. זי וועט געזונט ווערען און מ׳וועט איה״ש פאָהרען !״

די טאָכטער איז טאַקע געזונד געוואָרען, אָבער דער חפץ חיים אַליין איז פּיזיש וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרען. מ׳האָט פאַר איהם אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר ספּעציעל פון ווילנע, וועלכער האָט איהם ערקלערט אַז זיין אָפּגעשוואַכטער געזונט און טיפע עלטער ערלויבען איהם ניט אונטערצונעמען אַזאַ לאַנגע רייזע.

דער חפץ חיים האָט שוין דאַן אַליין צוגעגעבען אַז מן השמים איז מען איהם מעכב אין זיין נסיעה. דאַן ווען ער האָט זיך דערפיהלט אַביסעל שטאַרקער, האָט זיין האָפנונג צו קאָנען פאָהרען קיין ארץ ישראל ווידער אויפגעלעבט . . . אָבער אומזיסט זיינען שוין געווען אַלע זיינע באַמיהונגען עולה צו זיין אין דעם הייליגען פּלאַץ, וואו משה און אהרן האָבען ניט זוכה געווען, וואו זיינע פאָרגענגער אין אַ פריהערדיגען דור, די מנהיגי האומה, דער ווילנער גאון און דער בעל שם, זיינען פון אינמיטען וועג געצוואונגען געווען זיך אומצוקערען . . .

גרויס איז געווען דעם חפץ חיים׳ס צער איבער דעם פּירוד הלבבות צווישען די פאַרשידענע גרופּירונגען אין ארץ ישראל. די אידען, וועלכע פּלעגען פאַר זייער פאָהרען קיין ארץ ישראל קומען זיך געזעגענען מיט איהם,

פלעגט ער מזהיר זיין דאָרט צו זיין זעהר פאָרזיכטיג פון לשון הרע, שנאת חנם און מחלוקת, ווייל די באַצילען פון דיזער גייסטיגער מחלה ציהען זייער אור־שפרונג, לויט׳ן חפץ חיים, אַזש פון די מרגלים, די „מוצאי דבה״. דאָס ער־קלערט דעם סוד, פאַרוואָס די אידישע היסטאָריע פון ארץ ישראל האָט זעלטען צו פאַרצייכענען פאַלען פון דויערהאַפטיגען פאָלקס־אַחדות. „ס׳איז מעשה שטן, וועלכער זוכט מיט אַלע מיטלען מעכב צו זיין די אידישע גאולה״, — פלעגט ער טענה׳ן.

אין איינעם פון זיינע לעצטע זומערען אויף זיין דאַטשע אין דער אידישער קאָלאָניע דאָגאָלישאָק (7 וויאָרסט פון ראַדין), זיינען דעם חפץ חיים געקומען באַזוכען צוויי ציוניסטישע פיהרער — מר. אלכסנדר גאָלדשטיין און אַ געוויסער אַדוואָקאַט פון ווילנע. די געסט זיינען אָנגעקומען אונבאַמערקט פון קיינעם, ווייל זיי האָבען געוואָלט בלייבען אינקאָגניטאָ. זיי האָבען זיך ניט פאָרגעשטעלט מיט זייערע נעמען, אָבער „סוד ה׳ ליראיו״. איידער זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו רעדען האָט דער חפץ חיים אָנגעהויבען אַ שמועס וועגען פרייען חינוך, וועגען די תרבות שולעס, וועגען איסור פון „נשים נכריות״ א. א. וו. אויף דער פראַגע פון מר. גאָלדשטיין וואָס ער דענקט וועגען די מאָדערנע ארץ ישראל, האָט ער זיי געענטפערט:

„אויב איהר מיינט בויען אַן ארץ ישראל אזוי ווי די תורה וויל איז גוט — נאָר אויב איהר מיינט „נהי׳ ככל הגוים״ וועט דאָס ניט טויגען...״

ניט איינמאָל פלעגט מען איהם געפינען וויינען אויפ׳ן קול איבער די הפקרות וועלכע געוויסע עלעמענטען ברייגגען אריין אין הייליגען לאַנד.

עש״ק ויקרא תרצ״א, האָט ער פאַרעפענטליכט אַ מאמר אין וועלכען ער זאָגט צווישען אַנדערעס:

„אויב דאָס האַרץ וועהטאָגט אויף די ליידען פון אונזערע דריי מיליאָן ברידער אין רוסלאַנד וועלכע ווערען פאַרפאָלגט צוליב זייער רעליגיאָן און גלויבען, ד׳ ירחם! איז דער צער אונגעהויער גרעסער דערהערענדיג אַז אויפ׳ן באָדען פון אונזער הייליגען לאַנד געפינען זיך קאָלאָניעס וואו די איינוואוינער האָבען זיך אָפּגעקערט פון אויבערשטען, וואו אמונה איז פאַר־לוירען און אָפּגעשניטען פון זייערע ליפען, חילול שבת קודש, אכילת נבלות וטרפות, אכילת חמץ בפסח, ביטול טהרת המשפחה — אָט די אַלע יסודי הדת זיינען געוואָרען אזוי ווי הפקר ח״ו, אויף וועלכע זיי זיינען עובר מיט גלייכגילטיגקייט. אויך ווערט דאָרטען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַרשפרייט דער סיסטעם פון פרייע ערציהונג. וועה, וועה צו די אויגען וועלכען זעהען עס צו! וועה צו די אויערען וועלכע הערען עס! און וועה צו אונז צו וואָס מיר האָבען דערלעבט! אויב מיר וועלען ח״ו שטעהן פון דערווייטענס און בלייבען גלייכגילטיג צו אַזעלכע שרעקליכע געשעהענישען, אויב מיר וועלען

ניט זעהן עפעס טהאָן כל זמן ס׳איז נאָך דאָ צייט, ווער ווייס צו וואָס מיר קאָנען חלילה דערגרייכען??!

„ראשית כל דאַרפען מיר קאָנצענטרירען אַלע כחות בנוגע די ענינים פון חינוך הבנים והבנות, צו גרינדען פאַר אונזערע זיהן און טעכטער חדרים און שוהלען, כשר׳ע לויט די פאָדערונגען פון אונזער הייליגע תורה אָהן קיינע פשרות און ויתורים. ניט לאָזען אונזערע קינדער באזוכען אַזעלכע לעהר אַנשטאַלטען וועלכע זיינען פול מיט כפירה און אפיקורסות. מ׳דאַרף זיך אַלע ארגאַניזירען פאַר׳ן קיום פון די יסודי היהדות און די פאַרשטאַרקונג פון אונזערע טהעטיגקייטען פאַר החזקת התורה...״

אינטערעסאַנט, דעם חפץ חיים׳ס שטאַנדפונקט וועגען ארץ ישראל, וועלכעס ער האָט איינמאָל אַזוי ערקלערט:

„דער מענש באַשטעהט פון אַ גוף מיט אַ נפש. דער נפש אַליין קאָן זיך אויף דער וועלט ניט האַלטען. ער מוז האָבען אַ גוף. דאָך איז ער עפעס אַליין אויך. דאַגעגען, דער גוף אָהן נפש איז גאָר אַ פּראָסטע שטיקעל ערד. אַזוי איז אויך מיט ארץ ישראל: די נשמה פון כלל ישראל איז די תורה הקדושה, דער גוף — איז ארץ ישראל. אודאי, אָהן גוף איז זעהר ביטער. די גאַנצע מצוות התלוים בארץ קאָן מען ניט מקיים זיין. צו דעם איז אין גלות זעהר ביטער, די רשעים נעמען צו די פרנסה ביי אידען, פאַרשאַפען זיי צרות, לאָזען ניט לעבען. מיר פיהלען זיך צובראָכען בחומר וברוח, אוודאי איז זעהר ביטער. דער גלות איז ממש ניט אויסצוהאַלטען. מיר לעבען אָבער פאָרט. אָבער ארץ ישראל אָהן תורה איז ניט מעהר ווי אַ פשוט׳ע שטיקעל ערד.״

עה.

זיין פטירה

דער חפץ חיים איז וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר פיזיש אפגעשוואכט געווארען. ער פלעגט שוין מעהר ליגען ווי ארומגעהן. אין יאהר תרצ״ג, איז ער שוין כמעט פון בעט ניט אראפ. די תלמידים פון דער ישיבה זיינען פון איהם ניט אפגעטראטען, האבען איהם געהיט און באדינט טאג און נאכט. ס׳פלעגען זיין טעג ווען ער האט זיך געפיהלט אזוי שוואך, אז עס איז איהם פשוט שווער געווען צו רעדען. פלעגט ער דאן א פארטראכטער ליגען און שעפטשען מיט די ליפען.

דעם לעצטען שמחת תורה (תרצ״ב), ווען דער חפץ חיים האט שוין אליין ניט געקאנט געהן, האבען איהם די תלמידים געוואלט טראגען אין דער ישיבה. האט ער לכתחילה פראטעסטירט: „וואס מאכט מען עס מיט מיר אזא וועזען!״ אבער ווען מ׳האט איהם איבערגעגעבען, אז די בני הישיבה וועלען זיך מצטער זיין, אויב ער וועט ניט זיין, האט ער צוגעשטימט זיך צו לאזען טראגען.

אין מיטען פון חדש אלול, איז ער קראנק געווארען אויף א פארקיהלונג. וויבאלד די סימפטאמען זיינען ניט געווען ערנסט, האט מען צו איהם ארויס־גערופען ספעציעל א דאקטאר פון ווילנע, וועלכער האט איהם ערקלערט אויסער געפאהר. לײדער צום טיפען צער און גרויס באדויערן פון כלל ישראל איז אונערווארטעט געקומען א שינוי. די פארקיהלונג האט זיך אנט־וויקעלט אין א לונגען־ענטצינדונג. די לאגע איז געווארען קריטיש; די תלמידים האבען די גאנצע צייט געהאלטען אין איין תהלים זאגען. אבער „נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש!״

פרייטאג, כ״ד אלול תרצ״ג, אין דער פריה, איז דער חפץ חיים נפטר גע־ווארען. די לויה איז, לויט׳ן באשלוס פון הגאון ר׳ חיים עוזר, אפגעלייגט געווארען אויף זונטאג, משום כבודו של נפטר. די טרויעריגע ידיעה איז גלייך דורך קייבעל פארשפרייט געווארען אין דער גאנצער וועלט.

זונטאג פריה, דעם טאג פון דער לויה האבען אויף אלע וועגען וואס פיהרען קיין ראדין זיך געצויגען לאנגע שורות אויטאמאבילען, פוהרען און פוס־געהער פון אלע ארומיגע, נאהענטע, ווייטע און גאר ווייטע קהלות וועלכע האבען זיך געאיילט אפגעבען דעם לעצטען כבוד דעם סבא קדישא זצ״ל. תלמידים פון אלע ישיבות זיינען געקומען צוזאמען מיט זייערע ראשי ישיבות



די לויה פון חפץ חיים

די לוי׳ פון חפץ חיים וואו מען פיהרט איהם ארויס פון הויז

און אויף די מיטה ליגן זיינע ספרים

און מנהלים, בראש אויך דעלעגאציעס פון פארשידענע אינסטיטוציעס און מוסדות פון גאנצען געגענד. אויך האָט די רעגירונג געשיקט פאַרטרעטער. טראָץ די שטערונגען פון דעם שלעכטען וועטער און שלעכטע קאמוניקאציע, האָט זיך פארזאמעלט אין דאָס קליינע שטעטעלע איבער פינף טויזענט מענשען. זעהר זעלטען ווען עס קלייבט זיך צונויף אויף איין אָרט אַזאַ כינוס צדיקים וגדולים, ווי די וועלכע עס זיינען געקומען מקרוב ומרחוק לכבוד דעם חפץ חיים זצ״ל.

צו דער טהרה זיינען צוגעלאָזען געוואָרען נאָר די תלמידים זיינע וועלכע האָבען איהם משמש געוועזן בחייו. געטראָגען דעם ארון האָבען נאָר תלמידים בני הישיבה און אייניגע רבנים. צווישען די מספידים זיינען געוועזן באקאנטע רבנים. זיין זוהן הרב ר׳ ליב, וועלכער האָט אזוי נאָהענט און אינטים געקאָנט זיין גרויסען פאָטער, האָט אין ריהרענדע ווערטער געשילדערט זיין גרויסע אַרבייט און מסירת נפש פאָר תורה און כבוד שמים פאָר די לעצטע יאָהרען; זיין איידים הרב רממ״י זאַקס, דער ראש הישיבה, האָט צווישען אנדערעס געזאָגט: קיינער איז ניט בכח מגלה צו זיין אפילו אַ מקצת מן המקצת פון די גדלות פון גרויסען נפטר. דער נסתר פון איהם האָט פיעל איבערגעשטיגען דעם נגלה. די נעמען פון זיינע ספרים זיינען ניט קיין צופעליגע. זיי האָבען אויסגעדריקט דעם מהות פון זיין פערזענליכקייט „חפץ חיים״, ווייל נאָר ער האָט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון לעבען, ער האָט דאָס לעבען פאַרהערליכט, ער האָט זיך דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה. „אהבת חסד״, ווייל ער איז געוועזן די פאַרקערפערונג פון חסד און זיין גאַנץ לעבען איז אַ קייט פון חסד... זיין אינגסטער זוהן און די אייניקלאך הרבנים מהר״י לעווינסאָן און הרא״ז קאַפּלאן, האָבען ארויסגעבראַכט יעדערער אויף זיין אופן די כאַראקטעריסטישע שטריכען פון זייער גרויסען פאָטער און פאָטער פון כלל ישראל.

זעהר ריהרענד און האַרציג זיינען געוועזן די ווערטער פון אלטען ראש ישיבה וועלכע האָבען ארויסגערופען ביי אלעמען אַ יללה:

— „אויף וועמען האָסטו אונז איבערגעלאָזען?״ רופט אויס הר״ר משה — „דער מצב פון אידישען פאָלק איז דאָך איצט אזוי טרויעריג. דריי מיליאָן אידען מאַטערען זיך אין רוסישען גיהנם און יעצט דאָס אידענטום אין דייטשלאַנד!! טרויעריג איז די לאַגע פון אידישען פאָלק, מ׳זעהט נים קיין אויסוועג. אויף וועמען האָסטו אונז, אונזער פאָטער, איבערגעלאָזען?״

„הייליגער רבי!״ שרייט ער אויס, „געהט ארויף אין הימעל אריין, זאַמעלט צונויף די הייליגע אבות, און געהט צוזאַמען מיט זיי צום כסא הכבוד און פרעגט: רבונו של עולם! ווי לאַנג נאָך וועלען דיינע קינדער אָפּגעהן מיט בלוט און זיין אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט, ווי לאַנג נאָך וועלען מיר זיין אַזוי פאַרוואָגעלט? עס איז דאָך ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט

קיין אין גאנץ אידיש הארץ, צובראכען כחרס הנשבר זיינען די אידישע הערצער — און ווי לאנג וועט עס אזוי דויערען.

„הייליגער רבי! איהר האט דאך תמיד געהאפט אויף משיח׳ן, איהר האט דאך אזוי שטארק געגארט אויף דער גאולה שלמה, אז אידען זאלען אויפגעריכט ווערען. זייט׳זשע א מליץ יושר פאר׳ן כלל ישראל און באמיהט זיך, אז עס זאל שוין קומען די גאולה, עס איז שוין די העכסטע צייט״.

ער האט דאן אין ווארימע ווערטער אפעלירט צו די פארזאמעלטע מ׳זאל געדיינקען אן דעם לעבענס־ ווערק פון גרויסען נפטר און אונטערהאלטען זיין גרויסע ישיבה.

רעליגיעזע אידען פייערען ניט קיין געבורטסטאג

„עיר פרא אדם יולד״, דער מענש ווערט דאך געבוירען א ווילדע זאך, א רויער חומר וואס דארף זיך אליין שפעטער אויסארבייטען, טא וואס איז זיך דא צו פרעהען? דער הויפט איז דאך ווי דער מענש לעבט, די היסטא־ריע וואס ער האט געשאפען אין זיין לעבען.

אויב אונזערע חכמים ווילען וויסען, ווען משה רבינו אדער דוד המלך איז געבוירען געווארען, דרינגען זיי עס פון טאג, ווען זיי זיינען געשטארבען, וויל „הקב״ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום״. מיר האלטען זעלטען א געבורטס־רעקארד פון אונזערע גדולים.

דערפאר היט מען אפ דעם יאהרצייט פון אונזערע גרויסע מענשען, וויל דאס גיט אונז א מעגליכקייט זיך צו שאפען א באגריף פון זיינע מעשים און דערגרייכונגען. וויל ריכטיג אפשאצען א מענשען איז אוממעגליך, סיידען מען האט פאר די אויגען א פאלקאמענעם רעקארד פון זיין גאנצען לעבען, פון זיין ווירקונג און שאפונג. דער מענש קאן דאך ווערען בעסער אדער ערגער כל־זמן ער לעבט. דער טאג פון יאהר־צייט איז דאריבער א טאג פון עראינערונג און אינספיראציע, פון נשמה־דערהויבונג און באשלוסען פאר העכערע שטרע־בונגען און מעשים טובים.

גרויס און וויכטיג, הייליג און טייער, וועט בלייבען דער טאג פון כ״ד אלול תרצ״ג, פאר אונצעהליגע דורות, און ספעציעל פאר די, וועלכע האבען געהאט די זכיה זיך צו ווארימען אין די שטראהלען פון אט דער מאיעסטע־טישער זון, וועלכע האט 96 יאהר באלויכטען דעם אידישען הימעל אין דער גאנצער וועלט — דער חפץ חיים.

עס איז שוין כמעט געווארען אן אנגענומענער מנהג צווישען די תלמידים אינ׳ם יאהר־צייט טאג הויפטזעכליך צו לערנען דעם ספר „חפץ חיים״, און זיך מתבונן צו זיין אין די הייליגע דברי תורה ומוסר וואס מ׳האט געהאט די זכיה פון איהם מקבל צו זיין.

הגאון ר׳ חיים עוזר׳ס אפּשאַצונג

הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי האָט אַמאָל באַמערקט:

„מיר אַלע זיינען דאָך מעהר אָדער ווייניגער משוחדים פון געלד, כבוד און אַנדערע תאוות. ער איז אָבער געווען באַשיצט מיט אַ פּאַנצער פון קדושה וטהרה, אַז קיין שלעכטס האָט צו איהם ניט געקאָנט צוקומען״.

אויך ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט דער זעלבער גאון אַמאָל כאַראַקטעריזירט דעם חפץ חיים אַזוי:

„דער חפץ חיים איז מיט זעקס דורות גרעסער פאַר אונז, וואָרום דער חפץ חיים איז דאָך שוין געווען אַ חפץ חיים מיט דריי דורות צוריק, און דאָס איז דאָך בלי ספק, אַז אונזער דור איז אַראָפּ נידעריגער אַמווייניגסטענס מיט דריי דורות ווי ער האָט באַדאַרפט זיין״.

צו דער לויה האָט ר׳ חיים עוזר, צוליב זיין קראַנקהייט, נישט געקאָנט אַנוועזענד זיין. ער האָט זיין הספד פאַרעפענטליכט אין אַ ספּעציעלען בריוו, וועלכען מיר זעצען דאָ איבער פון העבּרעאישען אָריגינאַל:

„אין פאַרלויף פון אונזער לאַנגען גלות האָט השי״ת מיט זיין גרויסען חסד אונז פאַרזאָרגט מיט גרויסע פאָלקס־פיהרער, וועלכע ער האָט פאַרפלאַנצט אין יעדען דור. זיי זיינען געווען אונזערע ליכט, וועלכע האָבען באַלויכטען די פינסטערקייט פון אונזער גלות. זאָגאָר ווען די דורות זיינען געפאַלען פון זייער אַמאָליגער הויך און די הערצער זיינען געוואָרען גייסטיג שוואַך, האָט דאָך דער אויבערשטער פון צייט צו צייט באַלויכטען אונזערע הימלען מיט שטראַהלענדע שטערענס, וועלכע ער האָט נאָך איבערגעלאָזן פון אַמאָל. זיי האָבען אויסגעקוקט ווי גייסטיגע ריזען אין פאַרגלייך מיט זייערע דורות.

„אויך אין אונזער צייט, אין אָט דעם פאַר׳יתום׳טען דור אין וועלכען עס זיינען כמעט ניט געבליבען קיין אמת־גרויסע מענשען; ווען די זון איז פאַרדונקעלט און פינסטערניש באַדעקט אונזער וועלט, האָט די השגחה איבערגעלאָזט בלויז אייניגע געצעהלטע גדולים. און איינער וועלכער איז (אחד המיוחד) באַזונדערס אויסגעצייכענט געווען מעהר פון אלע, און ווי א שיינענדע זון באַלויכטען די גאַנצע וועלט, איז געווען אונזער רבי און פיהרער, די ליכט פון ישראל, הגאון ר׳ ישראל מאיר הכהן מראדין זצוקללה״ה. ער איז געווען דער פּערזאָן וועמען די השגחה האָט געלאָזען פאַר אונז פון א פריהערדיגען דור און וועמעס גלייכען עס איז פאַר פיעלע דורות יאָהרען ניט געווען; אַ הייליגער צדיק וועלכער איז געווען געאַכטעט און פאַרהייליגט ביי אַלעמען; וועמען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל — אָהן אונטערשיעד — האָבען ערקלערט אַלס קדוש וטהור. ער האָט געלערענט תורה לשמה, ער האָט ווירקליך זוכה תנא זאָגט ניט צו וואָס. באַטראַכטענדיג אָבער דעם חפץ חיים, זיין גייסטיגע

געוועזן צו דברים הרבה, „כל הלומד תורה לשמה זוכה לדברים הרבה", דער ערהאַבענקייט און וועלט אנערקענונג פאַרשטעהט מען דאן קלאָר דעם פשט פון „דברים הרבה", אלעס וואָס ער האָט געטהאָן איז געוועזן בלויז לשם שמים, און כדי צו פאַרמעהרען דעם כבוד שמים אויף דער וועלט.

„פון הימעל האָט מען איהם מזכה געוועזן מחבר צו זיין זיינע הייליגע ספרים, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט, און וועלכע ווערען איבעראַל געלערענט פון יחידים און חברות. זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי אַלעמען אזוי ווי די ווערטער פון אורים ותומים. אלע זיינע יאָהרען זיינען געווען אַ לאַנגע קייט פון תורה און עבודה און חסד. ווען ער איז שוין זאָגאַר זעהר אַלט און קראַנק געוועזן האָט ער אונערמידליך און מיט אויסערגעוועהנליכע מסירת נפש זיך איבערגעגעבען צו כלל זאַכען און גייסטיגע ענינים אויף אַזאַ הויכען מאַסשטאַב אז עס איז ממש אומבאַגרייפ־ליך און אַן איבעררעשונג פאַר אונז. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָט אַנער־קענט זיין גרויסע צדקות און חסידות און האָט הויך געשעצט זיינע באמיהונ־גען צו שטאַרקען און מוטהיגען די שוואַכע און איינצואוואָרצלען די אמונה טיף אין אַלעמענס הערצער.

„ניין, ניט פאַריתום'ט און עלענד איז אונזער דור געווען כל זמן דער צדיק איז געווען צווישען די לעבעדיגע מיט אונז. עלענד, פאַרלאָזען און פאַר'יתום'ט האָבען מיר זיך אָבער דערפילט, ווען מיר האָבען דערהערט די טרויעריגע און ערשיטערענדע נאַכריכט אז דער ארון הקודש איז געפאַנגען געוואָרען און אַז דער דור האָט פאַרלוירען דעם צדיק . . . "

אזוי שרייבט דער וועלט באריהמטער ווילנער רב — וועלכער האָט מעהר און בעסער פון אַלע אַנדערע געקאָנט און פאַרשטאַנען ווער און וואָס עס איז געוועזן ר' ישראל מאיר הכהן.

* *
*

דער אהל וועלכער איז צום יאָהרצייט אויפגעבויט געוואָרען אויפ'ן חפץ חיים'ס קבר ענטהאַלט אויך אַ בית המדרש'ל ביי דער זייט. דאָרטען קומען פון צייט צו צייט די תלמידים און אַזוי אורחים פון נאָהענט און ווייט, כדי צו לערנען און אויסצוגיסען זייערע הערצער אין תהלים, תפלות ותחנונים.

אַ מאָדנער געפיהל באַהערשט די באַזוכער מתפללים אין דעם קליי־נעם בית־מדרש'ל. אָפטמאָל דוכט זיך, אַז אָט שטעהט דער רבי אין זיין ווינ־קעלע פאַרטהאָן אין זיין תפלה צוזאַמען מיט אַלעמען. שווער זיך אַנדערש פאָרצושטעלען! זיין הארץ האָט דאָך תמיד געוועהטאָגט און געבלוטיגט אויף אידישע צרות! אָפטמאָל קומט אויפ'ן גדאַנק די מעגליכקייט: אפשר דינט



דער אוהל פון חפץ חיים און דער בית מדרש נעבן אוהל

ציון לנפש
הגאון הצדיק המפורסם בכל תפוצות
ישראל מאיר
בר' זאב הכהן זצוקללה"ה
מחבר הספרים המפורסמים
חפץ חיים
חפץ חיים
שמירת הלשון
משנה ברורה

די מצבה

גאַר אָט דאָס בית־מדרש׳ל הויפּטזעכליך אַלס מקום תפלה טאַקע פאַר׳ן רבי׳ן אַליין פאַרטצוזעצען דאָרטען זיינע אינמיטען־דער־נאַכטיגע תפלות פאַר זיין געפּלאָגט פאָלק, זיין לעכצענדע בקשה, בענקשאַפט און פאַרלאַנג פאַר דער גאולה, אַזוי ווי ער פלעגט עס תמיד טהאָן בחייו, אויס׳טענהענדיג זיך מיט׳ן רבונו של עולם יעדע נאַכט — פיליכט? . . .

לעצטע בילד פון חפץ חיים אין יאָהר תרצ״ג

עו.

די חפץ חיים פאָטאָגראַפיעס

דער חפץ חיים, האָט זיך זײַן גאַנץ לעבען נישט געלאָזט פאָטאָגראַפירען. אַמאָל איז אַ פאָטאָגראַפיסט, ספּעציעל געקומען קיין ראַדין און האָט אַראָפּגעכאַפּט פון איהם א בילד. ווען דער חפץ חיים האָט זיך פון דעם דערוואוסט האָט ער אָפּגעקויפט די גלאָז און האָט איהר צושטערט.

ווען ער איז אין יאָהר תרפ״ג, געפאָהרען צו דער אספה פון דער „כנסת הגדולה״, האָט איהם דאַן, די פוילישע רעגירונג געגעבען אַן אויסלענדישען פּאַספּאָרט אָהן אַ פאָטאָגראַפיע. אָבער ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאָהרען קיין ארץ ישראל, האָט ער שוין כדי צו באַקומען אַן אויסלענדישען פּאַספּאָרט, זיך געמוזט פאָטאָגראַפירען. ער האָט עס אָבער געטהאָן שטילערהייט און איז בכיון געגאַנגען צו אַ קריסטליכען פאָטאָגראַפיסט, וועלכער האָט איהם נישט געקאָנט, כדי קיינער זאָל זיך פון דעם נישט דערוויסען. ער איז מושוה געוואָרען מיט איהם צו מאַכען בלויז איין בילד און איהם איבערגעבען די קלישע (נעגאַטיוו). דאָס לעצטע האָט ער גלייך פאַרניכטעט.

אַ אידישער פאָטאָגראַפיסט האָט זיך אָבער פון דעם דערוואוסט און האָט פון זיין באַקאַנטען קריסטליכען קאָלעגע געקראָגען די מעגליכקייט באַציייטענס צו רעפּראָדוצירען אַ בילד פון דער אָריגינעלער פאָטאָגראַפיע. ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דער קריסטליכער פאָטאָגראַפיסט געווען אַ קנאַפּער קינסטלער, ווייל אָט די בילד, וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרען ביז יעצט, שטעלט נישט פאָר ריכטיג די אמת׳ע צורה פון גאון וצדיק.

מעהר ריכטיג זיינען די אַנדערע בילדער, וועלכע מיר אילוסטרירען דאָ. זיי האָבען מיר ענטוויקעלט פון קלייניקע בילדער, וועלכע זיינען צופעליג אומבאַמערקט פון צדיק געפומען געוואָרען.

* *

*

אַ געוויסען גדול, איין אַ פאַרזוך איבערצורייידען מאַנכע צדיקים, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט לאָזען פאָטאָגראַפירען, ביי אַן אספה אין וואַרשא — האָט אַרגומענטירט :

„די חז״ל זאָגען, אַז כביכול האָט אויסגעמאָלען די בילדער (איקונין) פון די אבות אין זיין כסא הכבוד, ספּעציעל די צורה פון דעם לעצטען פון די אבות — יעקב אבינו (ב״ר פ׳ פ״ב). פרעגט זיך אַ פראַגע, צו וואָס האָט עס כביכול באַדאַרפט, ס׳איז דאָך אין שכחה לפני כסא כבודך?

„דער תירוץ איז, זעהענדיג ווי די דורות געהן אַרונטער, וואָס ווייטער

אַלץ קלענער און גייסטיג שוואַכער און אַז אַזעלכע ליכטיגע און הייליגע פּערזענליכקייטען, ווי די פון די אבות וועט ער אין די שפּעטערדיגע דורות ניט מעהר האָבען, האָט ער דאריבער פאַראייביגט זייערע געשטאַלטען אין דעם כסא הכבוד.

„כך אַזוי, זעהענדיג, צו אונזער גרויסען צער, ווי די דורות ווערען אין רוחניות׳דיגען זינן קלענער און שוואַכער, ווער ווייס צו מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער וועלען אונזערע נאָכפאָלגער האָבען די זכיה צו האָבען אין זייער מיטע אַזעלכע צדיקים און קדושים, געניסען פון די שטראַהלען פון זייערע ליכטיגע און הייליגע צורות, זאָלען מיר אַמווייניגסטענס לאָזען פאַר זיי די איקונין — די בילדער פון די צדיקים, (היו עיניך רואות את מוריך), זיי זאָלען זיך מיט דעם קאָנען ווי עס איז דערקוויקען!"

ווער ווייס וויפיל הונדערטע יאָהרען וועלען פאַריבער בעפאָר די וועלט וועט נאָכאַמאָל האָבען די זכיה צו זעהן אַזאַ צדיק גאון וקדוש הדור — אַ חפץ חיים און בכלל צו איז גאָר דאָ אַ האָפנונג אויף דעם? . . . זאָלען די פאָטאָגראַפיעס דינען אַלס מיטעל פון באַגייסטערענדע עראינערונגען צו אינספּערירען אין אונז העכערע געפיהלען און סטימולירען צו טהאָן מעשים טובים.



הרב ר׳ משה לאנדינסקי, ראש ישיבת „חפץ חיים״ — ראדין

עז.

ר׳ משה

איינע פון די הויפט־זיילען פון דער ישיבת חפץ חיים וועמעס גייסט־רייכע און לויטערע פערזענליכקייט האָט זעהר פיל בייגעשטייערט צו איהר ענטוויקלונג און באַריהמטקייט, איז געווען הגאון ר׳ משה לאנדינסקי זצ״ל, אדער ר׳ משה קנישינער. ער איז געווען איינער פון די ראשי ישיבה און מנהלים, בערך 42 יאָהר (תרנ״ז־תרצ״ח).

אייגענאַרטיג פענאָמענאל און וואונדערבאר איז געווען דער ברייטער פאַרנעהם פון זיין טיעפע און פיעל־פאַרצווייגטע לומדות. אין זיין גרינדליכע באהאווענטקייט אין ש״ס און פוסקים, מיט זיין זאנדערבארע בקיאות בכל חדרי התורה האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געלאָזען. ער האָט פארמאָגט אַ טיעפען און ווייטזיכטיגען בליק, אַ ברייטע אויפפאַסונג וועגען די לעבענס־פּראָבלעמען און זייערע פונדאַמענטאַלען. זיין גרויס אידיש האַרץ האָט תמיד געפיהלט און מסירת נפש׳דיג געקלאפּט פאַר אלץ וואָס איז הייליג און טייער.

געבוירען געוואָרען איז ר׳ משה אין יאָהר תרכ״ב, אין שטעטעל קנישין, נעבען ביאַליסטאָק. פון זיין פאָטער ר׳ דוד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט ר׳ משה גע׳ירשנ׳ט דעם „כח ההתמדה״, דעם גרויסען חשק צו לערנען. יעדע שטונדע, יעדע רגע איז געווען ביי איהם אויס־גערעכענט, איז כסדר, אונאויפהערליך געווען אריינגעזונקען אין זיינע למודים. ער איז אזוי צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען מיט דער גמרא, אזוי ווי אַ דורשטיגער האָט ער געשלונגען איין סוגיא פון ש״ס נאָך דער אנדערער. די ווערטער זיינען אזוי ווי איינגעקריצט געוואָרען אויף זיין מח.

מערקווירדיג, זיין כסדר׳דיגע אריינגעטהאָנקייט אין לערנען האָבען איהם ניט דערווייטערט פון דער וועלט, ניט אָפּגעזונדערט פון מענשען און ניט אָפּגעפרעמדט פון געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען. ער פלעגט ביי געלעגענ־הייטען ריידען, שמועסען, אָפטמאָל זיך באַנוצען מיט תלמוד׳ישע מליצות און אַרגומענטען און זאָגאַר אַמאָל שפּאַסען און שמייכלען. זיין געזונטער חוש און געניאַלע תפיסה האָט אלץ פאַרנומען און באַגריפען. מיט זיין שאַרף אנאלי־טישען מח פלעגט ער קענען שנעל אָפּזונדערען דעם „טוב״ (גוטס) פון „רע״ (שלעכס), באַזייטיגען די פּסולת, אוועקוואַרפענדיג די שאָלאַכץ און פאַר זיך לאָזען די יאָדרע, אָבער קיין זאך, קיין אידעע, קיין נסיון האָט איהם פון דער גמרא ניט געקענט אוועקרייסען. ער האָט שוין אלס בחור גע׳שמ׳ט אין גאנצען געגענד אלס גרויסער למדן און בקי בש״ס.

אין יאָהר תרמ״ד האָט ער אין זיין שטעטעל חתונה געהאט פאַר דער בת יחידה פון אָרטיגען נכבד און תלמיד חכם ר׳ ישראל ניימאַן—רחל. עס זיינען פאַראיבער עטליכע יאָהר און דער איידעם האָט פאַרטגעזעצט זיינע למודים. געהאָפט האָט דער שווער צו זעהן זיין שעהנעם און באריהמטען איידעם פאַרנעהמען אַ בכבוד׳יגע שטעלע אלס רב פון אַ גרויסע שטאָט. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצייגט אַז זיין איידעם איז ענטשלאָסען אויף קיין פאַל ניט צו נעהמען אויף זיך דעם „עול הרבנות״, האָט ער איהם אריינגענומען אין זיינע עסקים צו האנדלען מיט האָלץ.

איינמאָל אין אַ ווינטער פריהמאָרגען איז ר׳ משה אָנגעטהאָן אין זיין קאָסטבאַרען פוטער אַוועקגעפאָהרען אין אַ דערבייאיגען וואלד כדי אויסצוקלייבען די נויטיגע געהילצען. ווען ער האָט זיך אין אָוונט צוריקגעקערט אהיים און דער שווער האָט דערזעהן אז דער פוטער איז געווען צוריסען אויף שטיקלעך, האָט ער גלייך פארשטאנען אז עס איז אַ רעזולטאַט פון זיין שטענדיגע פאַרטראַכטקייט אין לערנען.

„ניין, כ׳וועל דיך שוין מעהר, מיין קינד, ניט לאָזען מסחר׳ען, בעסער זיץ און לערן!״ האָט דער גוטער שווער באַשלאָסען.

ר׳ משה האָט אָבער ניט געפיהלט צופרידען כסדר צו לערנען אין דעם שטעטעלדיגען בית המדרש. ער האָט דערפיהלט אַ דראַנג נאָך אַ רבי׳ן, נאָך אַ וועג־ווייזער, נאָך אַ סביבה וואו זיין קול התורה זאָל זיך אויסמישען צווישען די פיעלע הונדערטע זיסע קלאַנגען. מיט דער צושטימונג פון זיין טייערע פרוי און איבערגעבענעם שווער איז ער אַוועקגעפאָרען אין דער דאמאלט באריהמטע און גרעסטע וועלט ישיבה — וואָלאָזשין.

זאָגאָר צווישען די גרויסע מתמידים אין וואָלאָזשין איז ר׳ משה שנעל באריהמט געוואָרען, אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינליכע התמדה, ממש „לא פסק פומיה מגירסא״. ער האָט ווירקליך געלערנט יומם ולילה, איז געוואָרען זעהר באַליעבט און געשעצט ביים ראש ישיבה, דעם גרויסען גאון ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין (נצי״ב). אין וואָלאָזשין האָט ער געלערנט אַכט יאָהר ביז תרנ״ז 1).

---

1) די עהרונג און פאַרהייליגונג (אמונת חכמים) וועלכע ר׳ משה האָט געפילט פאַר זיין רבי׳ן דעם נצי״ב זצ״ל, קאָן אמשעהנסטען אילוסטרירט ווערן פון פאָלגענדען ספור, וואָס ר׳ משה האָט דעם שרייבער אַמאָל דערצעהלט:

„ר׳ הירש ליב כידוע פלעגט כל ימיו פאַרגיסען טייכען טרערן אויף די אידישע צרות און מתפלל זיין ס׳זאָל נעמען אַן ענדע צום גלות, אַז השי״ת זאָל שיקען דעם גואל צדק. נאָך דער פטירה פון ר׳ הירש ליב׳ן האָבען מיר יונגעלייט דאַמאָלט געגלויבט און געהאָפט אַז אַזוי שנעל ווי דער רבי וועט זיין למעלה, וועט ער מאַכען אַ רעש מיט זיינע טענות און פאַרלאַנגען, וועקענדיג די אבות און קדושים אַז זאָלען זיך באַמיהען פאַר׳ן כסא הכבוד צו ברייגנען משיח׳ן.

„ס׳זיינען אַריבער מאָנאַטען, אַ האַלב יאָהר, און אַ יאָהר, און משיח איז ניט געקומען. האָב איך געהאַלטען אין איין פרעגען און ניט געהאָט קיין ענטפער, ביז

ווען ר׳ משה האָט איינמאָל פאַרלאַנגט פון זיין רבי׳ן דעם נצי״ב, אַ סמיכה, האָט ער איהם געענטפערט: „איהר דאַרפט צו אַזעלכע זאַכען ניט אָנקומען״. ער האָט פשוט ניט געוואָלט אַז ר׳ משה זאָל זיין אַ רב, ווייל עס וואָלט דאָך איהם געשטערט אין זיין אויסערגעווערהנליכע התמדה. ער האָט דורכאויס געוואָלט אַז ער זאָל זיין אַ ראש ישיבה. און זיין וואונש איז מקוים געוואָרען.

ווען די „ישיבת חפץ חיים״ האָט אַ דאַנק די פיהרערשאַפט פון חפץ חיים׳ס איידעם הגה״צ ר׳ הירש לעווינסאָן זצ״ל, זיך שנעל צעוואַקסען אַלס גרויסע תורה צענטער, און דער חפץ חיים האָט דערזעהן אַז די משא פאַלט צו שווער אויף ר׳ הירש׳ן אַליין צו טראָגען, האָט ער בעשלאָסען צו זוכען אַ פאַסיגען גדול, אַלס מיטהעלפער פון זיין באַליעבטען איידעם. דער חפץ חיים האָט געשיקט זיין איידעם, ר׳ אהרן, קיין וואָלאָזשין צו זוכען אַזאַ פערזאָן. האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף ר׳ משה׳ן, וועלכער איז שוין דאַן געווען צוריק אין קנישין. האָט זיך ר׳ הירש גלייך געווענדעט צו ר׳ משה׳ן אין נאָמען פון חפץ חיים אַז ער זאָל אָננעמען דעם אַמט, אויף וועלכען ער איז אָנגעקומען חדש סיון, תרנ״ז.

האָט טאַקע דער חפץ חיים תמיד שטאַרק מעריך געווען ר׳ משה׳ן. ער פלעגט איהם רופען „דער אַלמער ספרים״, באַוואונדערענדיג זיין אויסער־געוויינליכע בקיאות אין ש״ס און פוסקים, זיין אייזערנעם זכרון, ווייל אַלץ וואָס ער האָט געלערנט פלעגט בלייבען ביי איהם „כמונח בקופסא״ — אַ וואָהרע לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע אין לומד׳ישען זינען.

קיין שריט, סיי אין ישיבה ענינים, סיי אין כלל־זאַכען פלעגט דער חפץ חיים ניט מאַכען אָהן פריהער זיך מיישב זיין מיט ר׳ משה׳ן. אויף פילע זיינע וויכטיגע רייזעס פלעגט איהם ר׳ משה אָפטמאָל באַגלייטען. דער חפץ חיים דערמאָנט איהם אין זיינע חבורים מיט הערצה און פיעל דאַנקבאַרקייט, אַנערקענענדיג די באַדייטונגספולע מיטווירקונג פון ר׳ משה׳ן אין די שווערע און פאַרוויקעלטע ענינים, וועלכע האָבען געפאָדערט „דיבוק חברים״.

די חדושי תורה פון ר׳ משה׳ן פלעגען זיך תמיד אויסצייכענען מיט זייער גראַדקייט און קלאָרקייט, געבויט אויף געזונטע יסודות און געשטיצט

וואָנעט מ׳האָט מיר באַוויזען אין נאָמען פון ר״י הקדוש אַז אין דער וועלט פרעגען מיר רק קשיות, ווייל מיר זעהן נאָר דעם כח הדין. אָבער למעלה איבערצייגט מען זיך דעם גרויסען חסד פון השי״ת און זיין הנהגה פון רחמנות מיט דער וועלט, דאָרטען דאַריבער זיינען קיין קשיות מעהר ניט פאַראַן. און ער טייטשט דעם פסוק, דמינו אלקים, חסדך בקרב היכלך (תהילים מ״ח) אויף דער וועלט האָבען מיר בלויז אַ באַגריף פון כח הדין (אלקים מיינענדיג מידת הדין) וועהרענד אין די היכלות העליונים זעהט מען די חסדי ה׳. האָב איך שוין דאַן פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער רבי שווייגט דאָרטען״.

אויף שטאַרקע ראיות און הלכות פון בבלי, ירושלמי, רמב״ם, גדולי הראשונים והאחרונים.

די תלמידי הישיבה האָבען אימער געהאט גרויס פאַרגעניגען צופאַר־ברייגגען מיט ר׳ משה׳ן, ניט נאָר בעאָבאַכטענדיג מיט טיעפע התפעלות ווי זייער גרויסער רבי שווימט ווי אַ ריעז און זוכט זיי מיטצושלעפען מיט איהם דורך דער ברייט און לייגג פון לעבעדיגען ים התלמוד, נאָר אויך אויסער די ד׳ אמות של הלכה איז ר׳ משה, אַ דאַנק זיין טיעפע באַקאַנטשאַפט מיט די פאַרשידענאַרטיגקייט פון דער וועלט, פון מענשען און זייערע נאַטורען — געוועזען פאַר זיי אַ קוואַל פון פקחות. זיי פלעגען זיך טוליען צו איהם אזוי ווי קינדער צו אַ ליעבען טאטען. אין זיין סביבה פלעגען זיי זיך פיהלען היימיש און נאָהענט. זיין ליכטיגער האַרציגער שמייכעל וועלכער פלעגט זיין אויסגע־גאָסען אויף זיין ברייטען שטראַהלענדען פנים איז שטענדיג בכח געווען צו כּאַרטרייבען דעם שטאַרקסטען אומעט ארייגבלאָזענדיג אַ רוח חיים אין יעדען זייגעם.

אין יאָהר תרס״ה האָט דער חפץ חיים געגרינדעט אין זיין ישיבה אַ כּולל פון יונגע לייט לומדים וועלכע האָבען באַדאַרפט, אויסער אַנדערע למודים, אָפּגעבען יעדען טאָג דריי־פיער שעה צו לערנען די ענינים פון קדשים, באַקאַנט אלס „כולל קדשים״, האָט ער דאַן באַשטימט אַז ר׳ משה זאָל, אויסער זיין וועכענטליכען שעור פאַר די תלמידי הישיבה, זאָגען צוויי שעה יעדען טאָג אַ לומדישען בלאַט גמרא אין קדשים פאַר די יונגע לייט גדולי תורה וועלכע האָבען אין יענע יאָהרען געלערנט אין כולל קדשים, ווי דער איצט־באַקאַנטער גאון וצדיק ר׳ אלחנן וואסערמאַן, דער פאַנעוויעזער רב הגאון ר׳ יוסף כהנמאַן. אויך פלעגט ביים טעגליכען שעור זיצען דער צווייטער ראש ישיבה הגאון ר׳ נפתלי טראָפּ. אַזוי האָבען זיי אַלע צוזאַמען געלערנט.

אָפטמאָל פלעגט ר׳ משה פאָהרען אין די גרויסע שטעדט צו יחידים כדי צו קריגען שטיצע פאַר דער ישיבה. ער פלעגט איבעראַל אויפגענומען ווערען מיט גרויס כבוד און דרך ארץ, פלעגט מיט רעספּעקט אויפגענומען ווערען פון די גרעסטע אידישע מיליאָנערען אין מאָסקווע, קיעוו, פּעטערבורג, וועלכע פלעגען זיין ענטציקט פון זיין פּערזאָן און זיין באַזוך באטראַכטען פאַר אַ גרויסע זכיה.

אין קיעוו האָט איהם איינמאָל אַ דאָרטיגער באַנקיר אַ פרעג געטהאָן: הלמאי ער טראָגט לאַנגע פאות איבער זיין באָרד, ווערענד על פי דין קען מען זיך צופרידענשטעלען מיט פיעל קלענערע, האָט איהם דער גאון מיט אַ שמייכעל ערקלעהרט מיט אַ באַקאַנטער אילוסטראַציע. אַ פאָטער האָט איינ־מאָל געבעטען זיינע טעכטער אז זיי זאָלען איהם צוגרייטען אַ טרונק. יעדע

טאָכטער האָט געזוכט אויף איהר שטייגער צופרידענצושטעלען דעם פאַרלאַנג פון פאָטער. איין טאָכטער האָט צוגעגרייט פאַר איהם אַ פשוט׳ן טרונק וואַסער, די אנדערע האָט צוגעגרייט אַ גלאָז טהעע, די דריטע אַ גלאָז ביער, די פיערטע אַ גלאָז וויין. אָבוואָהל דער פאָטער האָט בלויז פאַרלאַנגט אַ טרונק, האָט יעדע פארשטאנען אנדערש ווי צו ערפילען די בקשה פון פאָטער. „כך אזוי", האָט ר משה אויסגעפיהרט, „מ׳זעהט פון דער תורה אַז דער רבונו של עולם פארלאַנגט מען זאָל לאָזען פאות הראש, נו, וויל דאָך עס דער אויבערשטער, טאָ פארוואָס זאָל איך עס איהם זשאַלעווען?" דער גביר האָט האַרציג געלאַכט און איהם געגעבען אַ גרויסע נדבה פאַר דער ישיבה.

ער פלעגט זאָגען אַז פון יעדען וואָרט פון דער תורה קען מען עפּעס ארויסלערנען, א דין, א הנהגה טובה, א געדאנק, ווייל כידוע איז דאך אין דער תורה ניטאָ אפילו קיין איין אות אָן איבעריגער. זיין הויז איז אימער געווען אָפען פאר אלעמען ניט נאָר תלמידי הישיבה פלעגען צו איהם קומען מיט זייערע קשיות און שווערע שטעלען אין לערנען, מיט זייערע פערזענליכע דאגות און פראָבלעמען, נאָר אויך די שטעטעלשע אידען, אַלע סאָרטען אידען, די איידעלע און די פּראָסטע, יעדער איינער האָט געפיהלט אַ מאָדנע וואַרעמקייט און איבערגעבענע פאָטערליכקייט. און ר׳ משה פלעגט יעדען איינעם ענטפערען, יעדען איינעם ערמוטיגען, שטאַרקען, געבען האָפנונג, העלפען און באגייסטערען. פאַר יעדען איינעם האָט ער געהאט א וואָרט. איינפאַך און פשוט איז ער תמיד געווען אין זיין באַנעהמונג מיט מענשען. ער פלעגט יעדען איינעם מכבד זיין און יעדען איינעם ענטפערען לויט זיין פאַרשטאַנד.

קומט אַ איד און פרעגט איהם פאַרוואָס שטעהט אין חומש אַז יוסף ריידענדיג צום שר המשקים באשיידענדיג דעם לעצטענס חלום: „ויאמר יוסף", און צום שר האופים „ויען ויאמר יוסף". צו וואָס אָן איבריגער „ויען". גיט איהם ר׳ משה צו פאַרשטעהן מיט אַ משל: ווען אַ דאָקטאָר קומט צו אַ קראנקען און זעהט אז ער האָט גוטע האָפנונגען פאַר איהם, פאַנגט ער אָן גלייך איהם איינצורעדען ער זאָל נעהמען די רפואות, זאָל רוהען עטליכע טעג, און פאַרשפרעכט איהם אַז ער וועט שנעל געזונט ווערען. אנדערש איז אָבער ווען ער קומט צו אַ האָפנונגסלאָזען חולה. דאַן מייד ער אויס צו ריידען. ער וואַרט מען זאָל איהם פרעגען, אז מ׳ציהט איהם פאַר׳ן צונג ענט־פערט ער. כך אזוי איז עס געווען מיט׳ן שר המשקים, פאר וועמען יוסף האָט אין זיין באשיידונג געהאט א האָפנונג אז ער וועט זיך אין עטליכע טעג צוריקקעהרען צו זיין אַמט, „ויאמר יוסף" האָט ער צו איהם גלייך גערעדט, ניט געוואַרט מ׳זאָל איהם פרעגען. ניט אזוי איז אָבער געווען מיט׳ן „שר האופים", וועמעס שיקזאל איז געווען געטויטעט צו ווערען. אין דיזען פאַל

„ויען יוסף", האט ער ניט געוואגט אנצופאנגען ריידען. ער האט בלויז גע־ענטפערט אויף די פראגען וועלכע מען האט איהם געפרעגט.

ער פלעגט זאגען: „ווען איינער טשעפעט זיך אן אין דיר מיט תביעות און טענות, אויב דו קאנסט פטור ווערן פון איהם דורך לאזען איהם אפשניידען דיין פאלע, איז גוט, אויב ניט, טהו אויס דיין מאנטעל און זאל ער עס איינגאנצען צו נעמען, אבי זיך צו באפרייען פון א שלאק". אזוי האט ער באטאנט לערנט אונז דער פסוק (משלי ד'): הסר ממך עקשות פה ולזות שפתים הרחק ממך. דער ווארט עקשות איז מרמז אויב אפילו ער האט ניט קיין גילטיגע טענה קעגען דיר, נאר אן איינגע'עקשנ'טער טשעפעט ער זיך סתם אן אין דיר, שנייד אפ א פאלע און ווער פטור פון איהם, כדי אויסצומיידען לזות שפתים — אז מענשען זאלען ריידען אויף דיר.

ר' משה פלעגט מיט א זעלטענער חביבות און יראת הרוממות בא־וואונדערען דעם גאון הדור ר' מאיר שמחה דווינסקער רב זצ"ל. אין א בריוו צום שרייבער וועגען א געוויסען אינצידענט, האט ער זיך אויסגעדריקט: ס'איז ליידער בזמננו כמעט ניטא אזעלכע וועלכע זאלען קאנען משיג זיין די גרויסקייט פון ר' מאיר שמחה'ן. ער האט אמאל רעדענדיג צום שרייבער וועגען „רבנים צוזאמענפאהר" אין פעטערבורג (אין יאהר תר"ע) מיט התפעלות דערצעהלט:

„די מיינונגס־פארשידענהייט האט כידוע צעטיילט די אספה אויף צוויי קעמפענדע צדדים און ר' מאיר שמחה איז געווען דער הויפט זייל און עיקר אנפיהרער פון א געוויסען צד. בין איך נשתומם געווארען ווען איך האב מיטאג צייט אין איינעם פון יענע קאכעדיגע טעג (בעת אויפ'ן טאגעס ארדנונג זיינען געשטאנען וויכטיגע לעבענס־פראבלעמען, דברים העומדים ברומו של עולם) באזוכט דעם גאון אין זיין חדר אין האטעל. איך האב איהם געפונען פארטיפט איבער א „ירושלמי", אט דאס איז א גאון!"

ר' משה פלעגט דערצעהלען אז אלס יונגערמאן פלעגט ער מיט ר' מאיר שמחה'ן פיעל פארברייננגען און לערנען אין דער צייט ווען דער לעצטער האט זייענדיג א יונגערמאן אלס ארטיגער איידעם געלערנט אין ביאליסטאק.

ר' מאיר שמחה האט איינמאל געבעטען ר' משה'ן, וועלכער האט שוין דאן גע'שם'ט אלס געוואלדיגער בקי בש"ס, אז ער זאל איהם פרובירען אין בקיאות. האט ר' משה איהם געפרעגט וואו עס שטעהט אין ש"ס „ער האט איהם אנגעכאפט ביי זיין בארד". ר' מאיר שמחה האט גלייך ציטירט 6 שטעלען אין ש"ס וועלכע זיינען באמת געווען גאונ'ישע צופאלען. אבער ער האט פאר־פעהלט דעם ריכטיגען ארט אין מסכת „בבא בתרא" נ"ח ע"א, ההוא אמגושא דהוה חטיט שכבי כי מטא אמערתא דרב טובי בר מתנה תפשיה בדיקניה.

האט דעמאלט דער גאון באוויזען זיין אמת'ן כח אין בקיאות און

ר׳ משה׳ן געפרעגט: אין דער גמרא נדה, כ׳ ע״ב, ווערט דערצעהלט, אז אפרא הורמיז מוטער פון שבור מלכא פלעגט שיקען צו רבא׳ן פארשידענע מינים בלוט צו דערקאָנען זייער אָפּשטאַם. כדי איבערצוצייגען איהר זוהן ווי גרויס עס איז די חכמה פון די אידען האָט זי איהם איינמאָל געשיקט זעכציג־ערליי בלוטען. יתיב רב עובדיה קמיה — אין דער אָנוועזענהייט פון רב עובדיה׳ן האָט רבא פאר איהר צוגעטראָפען געניי דעם שטאַם פון יעדען סאָרט בלוט אויסער איין סאָרט, וועלכעס איז גראַד געווען דם כנים.

דערצעהלט ווייטער די גמרא אז איסתייע מילתא (ניסא איתרחיש ליה, רש״י) און ער האָט צוזאַמען מיט זיינע ענטפערס אויף די בלוט פּראָבעס געשיקט דער מוטער־קעניגין אלס מתנה א פיינע קאם וועלכעס האָט איהר איבערראַשט נאָכמעהר און איהר איבערצייגט אז די חכמה זיצט („אינטואיטיוו״) אין די הערצער פון די אידישע חכמים. האָט ר׳ מאיר שמחה געפרעגט ר׳ משה׳ן אז ער זאָל דערקלערען צוליב וואָס באַטאָנט די גמרא יתיב רב עובדיה אָט דעם פאַקט אז רב עובדיה איז צופעליג דערביי געווען. איבעראַל אין ש״ס ווערט אזא פאל בכונה דערמאָנט אלס באדייטונג בנוגע להלכה אָדער אן אַנדער ענין? ר׳ משה איז געבליבען שטעהן, ביז ר׳ מאיר שמחה האָט איהם דערקלערט:

היות ווי אין בבא בתרא כ״ב ע״א דערצעהלט די גמרא אז רב עובדיה געווען אַ רוכל (פעדלער, וועלכער פלעגט אַרומטראָגען פאַרקויפען ציהרונג פאַר פרויען). — לכן כדי צו צייגען ווי אַלץ איז געווען מעשה השגחה פאַרברייטעט (אסתייע מילתא) אז גראַד דאמאָלט ווען רבא האָט באדארפט אַנאַליזירען די זעכציג סאָרטען בלוט, איז ביי איהם פונקט געווען רב עובדיה פון וועמען ער האָט געקויפט א שעהנע פרויען קאָם, אום עס צו שיקען אלס פרעזענט צו אפרא הורמיז אן אַנדייטונג אז דער זעכציגסטער בלוט „ספּעסימען״ איז געווען דם כנים. ווירקליך, דברי תורה עניים במקום זה ועשירים במקום אחר.

פילע אינטערעסאַנטע מאמרים, שיחות און אינצידענטען פון חפץ חיים האָט דער שרייבער געהאַט די זכיה צו הערען פון ר׳ משה׳ן בכתב און בעל פה. מעהרערע מאָל פלעגט ר׳ משה צוגעבען זיינע פערזענליכע באַמערקונגען, כדי צו פאַרשטאַרקען מיט ראיות און באַווייזען דעם חפץ חיים׳ס רעיונות און געדאַנקען.

איינמאָל אין דער אָנוועזענהייט פון ר׳ משה׳ן, האָט דער חפץ חיים באַהאַנדעלט די פראַגע, הלמאי אין פאַרלויף פון דעם לאַנגען גלות האָט דער אויבערשטער ניט געגעבען קיינע נביאים צו מוטיגען און שטאַרקען דעם כלל ישראל.

זיין ענטפער איז געווען אַזוי:

ווי מיר זעהען פון דער תורה, איז אין דער צייט, וואָס משה רבינו איז געווען אין מצרים נאָך ניט געהאַט געקומען די צייט פון דער גאולה. דער שעבוד איז געווען ממש אַ גרויל און משה האָט באַדאַרפט זיך צוקוקען צו די שווערע אידישע צרות. ווי ווייט ער האָט געקאָנט, האָט ער אַלעמען געזוכט צו העלפען. האָט משה געזעהן, ווי אַ איד שלעפּט אַ טאַטשקע ליים, איז ער צוגעלאָפען און צוגעשטופּט. אַ איד האָט געטראָגען ציגעל אויפ'ן פּלייצע, האָט איהם משה אונטערגעהאָלפען מיט'ן פּלייצע. ווען ער האָט איינמאָל דערזעהן, ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען, האָט ער דעם מצרי געטויט. די חז"ל זאָגען: „נתן נפשו ולבו להיות מיצר עליהם". אַז משה האָט זיך מיט זיין נפש און האַרץ מצער געווען אויף די אידישע צרות. ער האָט גע־רעדט און געטהאָן, געוויינט און געשריען צום רבונו של עולם. ער האָט ממש דעם רבונו של עולם ניט צורוה געלאָזט: „אזוי פיל משעבד צו זיין דעם כלל ישראל!"

אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך געוואוסט, אַז די צרות און קושי השעבוד זיינען געווען לטובת ישראל, האָט ער דאַריבער פאַראורזאַכט, אַז משה זאָל מוזען אַנטלויפען קיין מדין. דאַמאָלט האָט דער אויבערשטער געקאָנט מאַכען שטאַרקער דעם שעבוד פאַר אונזערע עלטערען'ס טובה וועגען, כדי דורך קושי השעבוד מקרב צו זיין דעם קץ.

אין אונזער צייט איז אויך אַזוי. ווען עס זאָלען זיין נביאים, וואָל־טען זיי געגוואַלדעוועט און געשריען צום רבונו של עולם אויפ'ן לאַנגען פינצטערען גלות. אָבער דער אויבערשטער ווייס דאָך, אַז דער לאַנגער גלות איז לטובתנו, ווייל מיט דעם גלות ענדיגט זיך דער גאַנצער געשעפט. און דער אויבערשטער וויל דאָך אידען מחזיר בתשובה זיין . . . דאַריבער גיט ער זיי ניט קיין נביאים. דאָס איז אַלץ אויסגערעכנט פאַר אונזער טובה וועגען.

האָט ר' משה בעת מעשה צוגעגעבען צום חפץ חיים'ס ווערטער אַזוי: דאַריבער זעהען מיר טאַקע, אַז אין דער צייט פון חורבן הבית האָט די השגחה ניט דערלאָזט, אַז ירמיהו הנביא זאָל זיין אין ירושלים. ווייל ווען ער וואָלט געווען, וואָלט ער דאָך געוויס געשריען און ניט דערלאָזט ברייגנען דעם חורבן. אַזוי ווי בעת מען דאַרף מאַכען אַ קינד אַן אָפּעראַציע, טרייבט מען אַרויס די מוטער פון צימער, כדי זי זאָל ניט שטערען די אַרבייט, האָט דער אויבערשטער בכיון מסבב געווען, אַז ירמיהו זאָל דאַמאָלט ניט זיין דערביי, וויסענדיג, אַז דער חורבן האָט געמוזט קומען פאַר'ן קיום פון אי־דענטום כמאמרם ז"ל: „קינה לאסף מבעי ליה? אלא ששפך חמתו על העצים ואבנים" (קוה"ושין).

און דער חפץ חיים האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון ר׳ משה׳ס אילוס־טראַציע, וועלכעס האָט פאַרשטאַרקט זיין רעיון.

ר׳ משה׳ס אויסערליכקייט, זיין קליידונג און באַנעהמונג האָבען גע־אָטעמט מיט חפץ חיים פשטות. איינמאָל ווען ר׳ משה איז געפאָהרען צוזאַמען מיט׳ן חפץ חיים, ווען זיי זיינען ארונטער געגאַנגען פון באַהן האָבען אידען דערקאַנענדיג דעם חפץ חיים געוואָלט טראָגען פאַר איהם זיינע פעקלאַך וועלכע ער האָט זיי בשום אופן ניט ערלויבט. האָבען די נאָכגעהענדע אידען מיינענדיג אַז ר׳ משה איז דער שמש, אנגעפאַנגען צו מורמלען: „אַ העזה פון אַ שמש לאָזען דעם רבי׳ן טראָגען זיינע פעקלאך!״ און אַ איד איז צו צום חפץ חיים: „רבי פאַרוואָס גיט איהר ניט אייערע פעקלאַך צו אייער שמש?״

אַ פאַרציטערטער האָט דער חפץ חיים זיך געווענדעט צום עולם אידען!

„אוי, וואָס רעדט איהר, חס ושלום, אַ שמש! ער איז דאָך אַ גאון, אַ ראש ישיבה!״ און האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט איבערצובייטען ר׳ משה׳ן פאַר׳ן עלבון התורה וואָס ער האָט איהם פאַראורזאַכט.

ווי שוין געזאָגט האָט די „ישיבת חפץ חיים״ ביז נאָך דער מלחמה ניט געשיקט קיין משולחים אזוי ווי אַלע אַנדערע ישיבות. די ישיבה פלעגט אויס־געהאַלטען ווערען פון יחידים אין די פאַרשידענע שטעדט און שטעטלאך. ר׳ משה פלעגט האָבען אַ צוטריט צו די גרעסטע גבירים און פלעגט קריגען די גרעסטע ביישטייערונגען פון זיי.

אין חדש אייר תרע״ה אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה איז ר׳ משה צוזאַמען מיט׳ן חפץ חיים געפאָהרען קיין מאָסקווא לטובת הישיבה. כידוע פלעגט דער חפץ חיים אויפ׳ן באַהן פאָהרען נאָר אין דריטע קלאַס וואו די ביינק זיינען ניט געווען אויסגיבעט, צוליב׳ן חשש פון שעטנז אין די גיבעטע שטוהלען. פאָהרענדיג דאַן אַ גאַנצע נאַכט, האָט דער חפץ חיים אַן אויס־געמאַטערטער אונטערלייגענדיג זיין מאַנטעל זיך צוגעשפאַרט אויף דער האַרטער באַנק. ר׳ משה איז פאַרבליבען זיצען און געוואַכט איבער איהם.

ווען די באַהן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א סטאַציע איז צווישען די ארויפשטייגענדע פאַסאַזשירען ארויפגעקומען א רוסישער זעלנער. ווען דער פאָניע האָט דערזעהן דעם אַלטיטשקען אידען ליגען אויפ׳ן באַנק האָט ער אַ צוקאָכטער אָנגעפאַנגען צו ליארמען: „די זשידעס פאַרכאַפּען אלץ, איבעראַל זיינען זיי דאָ אפילו אויף דער באַהן וועלכע פיהרט צו דער האַרץ און נשמה פון דער „מאַמע רוסלאַנד״ — מאָסקווא! — זיי פאַרכאַפּען די ביינק!...״

מיט טרערען אין די אויגען האָט זיך ר׳ משה אויפגעהויבען און איהם פאַרגעלייגט זיין אָרט, און געבעטען אז ער זאָל צורוה לאָזען דעם אַלטען

און שוואַכען אידען. אָבער דער קאָזאַק האָט זיך נאָך מעהר צוקאָכט ביז דער חפץ חיים האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט.

ווען ר׳ משה האָט קומענדיג אַהיים דיזע פּאַסירונג געשילדערט פאַר׳ן שרייבער, איז זיין שטימע געוועזן געשטיקט פון טרעהרן און מיט האַרץ־וועהטאָג באַדויערט; „ס׳טייטש, דער צדיק יסוד עולם האָט גאָר קיין אָרט ניט אפילו פאַר זיין קליינעם נישטיגען קערפּער. ער מוז אָפּטרעטען זיין אָרט צו אַ שכור׳ן קאזאק, אַ רוצח און צושטערער — הבט וראה חרפתנו בגוים, רבונו של עולם!״

דער חפץ חיים איז דאן א פרייטאָג פריה געקומען קיין מאָסקווע שטיל און אומדערוואַרטעט. עס זיינען איהם גלייך געקומען באזוכען זיינע ידידים און פאַרעהרער. דער באוואוסטער אידישער פילאַנטראָפּ ר׳ זעליג פערסיץ האָט דאַן אויסגעדריקט זיין באַדויערען, הלמאי דער חפץ חיים האָט פריהער ניט מודיע געווען אז ער קומט, וואָלט מען דאָך דעמאָלט איינגעאָרדענט א בכבוד׳יגען קבלת־פנים און איהם אויפגענומען געהעריג ביי דער באַהן. זע־הענדיג ווי דער חפץ חיים צייגט ארויס זיין אומצופרידענהייט מיט אזעלכע ענינים ווי כבוד, האָט מר. פערסיץ מיט זיין כאַראַקטעריסטישען חסידישען ברען און ברייטקייט באַמערקט: „אייער כבוד, רבי קאָנט איהר מוחל זיין, אָבער כבוד התורה?״

האָט איהם דער חפץ חיים א פרעג געטאָן: „זאָגט מיר אקאָרשט, ר׳ זעליג, מאַכט אייער פרוי א קוגעל אויף שבת?״

„געוויס רבי, וואָס פאַר א שאלה?״

„נו, און אויב אייך וואָלט זיך גאָר פאַרוואָלט, אַז זי זאָל אייך געבען דעם שבת׳דיגען קוגעל אויפצועסען ערב שבת, וואָלט זי עס דען אייך סערווירט?״

„זיכער ניט, רבי.״

„כבוד איז א שבת־קוגעל פאַר עולם־הבא, ליום שכולו שבת, צו געני־סען כבוד בעולם הזה מיינט אויפצועסען דעם קוגעל, וואָס איז באשטימט פאַר שבת!...״ — האָט דער חפץ חיים איהם מסביר געווען.

אין מאָסקווא האָבען זיי גלייך אין די ערשטע צוויי טעג דאמאלט גע־מאַכט איבער פינף טויזענד רובעל. דער חפץ חיים האָט ניט געוואוסט ווי אָפּצודאַנקען ר׳ משה׳ן, „פאַרגעסענדיג אַז דעם ערפאָלג איז הויפּטזעכליך געווען צו פאַרדאנקען זיין אייגענע פערזאָן ניט מיינע!״ האָט ר׳ משה אויסגע־פיהרט.

אין אלול תרע״ה, ווען דער חפץ חיים האָט צוליעב דער מלחמה פאַר־לאָזען ראדין און צוזאַמען מיט די מעהרסטע בני הישיבה און מנהלים אויס־געוואַנדערט קיין רוסלאַנד, האָט ר׳ משה צוזאַמען מיט אַ טייל תלמידים

באַשלאָסען ליבערשט צו בלייבען אין ראדין. ער האָט אַזוי ווי אַ געטרייער גענעראַל ניט פאַרלאָזען זיין פּאָסטען אונטער די גרעסטע געפאַהרען.

זיך צו דערווייטערן אַזוי ווייט, די ישיבה אין איין לאַנד, און ער אין אַנאנדער לאַנד, דאָס האָט ר׳ משה ניט געקאָנט סובל זיין. אַזוי ווי אַ פויגעל וועלכער דערווייטערט זיך ניט פון איהר נעסט איבערלאָזענדיג די קליינע אונבאהאָלפענע קינדער.

אָבער אין די יאָהרען תרצ״א־תרצ״ב איז די לאַגע פון דער ישיבה געוואָרען זעהר קריטיש צוליעב דער איבעראל וואַקסענדע דעפּרעסיע. דער חפץ חיים איז שוין געווען אזוי שוואַך אַז ער האָט שוין זעלטען געקאנט פאַרלאָזען זיין קראַנקע בעט. בכלל האָט זיך ניט געזעהן קיין אויסוועג צו קאָנען ראטעווען דעם קיום הישיבה בלויז דורך דער הילף פון די עקאָנאָמיש־רואינירטע פוילישע אידען. דער שרייבער אין דער שפּיץ פון אַ קאָמיטע פון תלמידי הישיבה אין אמעריקא, האָט זיך דאַן געווענדעט מיט אַ בקשה צו ר׳ משה׳ן אַז ער זאָל קומען אויף אַ וויזיט קיין אמעריקא כדי דאָ צו שאַפען די נויטיגע שטיצע. אָבער דער גאון האָט איהם מיט צער געענטפערט אַז אָבוואָהל ער פּערזענליך איז מוכן ומזומן צו ברייגנען דעם גרעסטען קרבן פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער ישיבה, פאַרקוקענדיג זיין עלטער און שוואַכקייט דיינקט ער אָבער ניט אַז עס איז לטובת הישיבה, ווייל אין אמעריקא וואו יוגענדליכע ענערגיע פאַרנעמט דעם אויבען אָן, איז מעהר ראַהטזאָם אַז איינער פון די יונגערע פיהרער זאָל פאָהרען.

ביני לביני איז אָבער די לאַגע געוואָרען אזוי פאַרערגערט אַז ר׳ משה, ניט קאָנענדיג צוקוקען דעם צער פון די ליידענדע תלמידים האָט באַשלאָסען צו פאָהרען קיין ענגלאַנד.

אין ענגלאַנד איז ר׳ משה איבעראל וואו ער איז געקומען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד און דרך ארץ. ער האָט ניט גערוהט ביז וואנען ס׳איז איהם געלונגען צו שאַפען אַ באדייטענדע סומע מיט וועלכער ער האָט פשוט מחיה נפשות געווען, ר׳ משה איז בכלל ניט נתפעל געוואָרען פון די אנגלאזירטע און מאָדערנע אידען. ער האָט גערעדט און געפאָדערט פון אַלע שיכטען צו העלפען איהם אין זיין מיסיאָן.

אין ליווערפּול איז ער איינגעלאַדען געוואָרען אַ שבת צו דאַווענען אין דער אָרטיגער אזוי גערופענער „קאָנסערוואַטיווער שוהל״ וואו די „סירוויסעס״ (תפילות) ווערען געפּראוועט אַלץ אין ענגליש. ווען דער גאון איז געבעטען געוואָרען צו רעדען פאַר׳ן עולם האָט ער אָנגעפאַנגען אומגעפעהר אזוי:

„טייערע ברידער! איך אדרעסיר אייך אַלס אַזעלכער, ווייל אַוועק־נעמענדיג די אויסערליכע מחיצה זיינען מיר דאָך אלע ברידער. איך זעה אַז איהר קוקט מיר אָן מיט אַ פאַרפרעמדעטן געפיהל. איך אין מיינע רבני׳שע

און פויליש אידישע קליידער, מיט מיין באָרד און פאות׳ן און איהר אין מאָדערנע קליידער מיט אייערע רייַנע און זויבערע פנים׳ער און אנגלאזירטע מאניערען און זיטען. מיר קוקען זיך איינער דעם אנדערן אָן פרעמד און מאָדנע. אָבער „כלנו בני איש אחד נחנו״ — ברידער מיט די זעלבע הערצער און נשמות.

„ווען די ברידער זיינען אויסגעהונגערטע געקומען זוכען שפייז אין דער זאַטער מצרים, דערצעהלען אונז די חז״ל, אַז זיי האָבען זיך געלאָזט איבער׳ן לאַנד צו זוכען זייער ברודער יוסף. וואו האָבען זיי איהם געזוכט? אין אלע ווינקעלאך, צווישען אלע שיכטען, די נידעריגסטע, אָבער ניט צווישען אדעל. ס׳איז זיי גאָרניט איינגעפאַלען איהם צו זוכען צווישען די הערשענדע קלאַסען. אָט איז געשטאַנען פאַר זיי דער משנה למלך, דער פיהרער פון מצרים, געקליידעט אין זיינע קעניגליכע מלבושים, זיך אויפגעפיהרט מעשה פרינץ, גערעדט מיט זיי דורך אַ „דאָלמעטשער״ (כי המליץ בינתם), און ס׳איז זיי גאָרניט עולה על הרעיון געווען אַ טראַכט צו טהאָן פילייכט איז עס זייער ברודער, ביז וואנעט יוסף האָט אַראָפּ געוואָרפען פון זיך זיינע מצריי׳שע קליידער, זיינע קינסטליכע מאַניערן, און זיך דאמאָלט פאַר זיי פלוצלונג ענדעקט אַלס זייער ברודער, זייער בלוט און פלייש, רעדענדיג זייער שפראַך, מיטפיהלענדיג זייערע הערצער.

„כך אַזוי״, האָט זיך דער גאון מיט טרערן אין די אויגען געווענדעט צו זיינע צוהערער, „פיהל איך אַז דער אונטערשייד צווישען אונז איז בלויז אויסערליך. דאָס אַנדערשקייט פון אונזער לבוש און זיטען איז בלויז אַ חצונית׳דיגע, אַ קינסטליכע מחיצה איז מפסיק צווישען מיר און אייך וועהרענד אינערליך אין די טיפעניש׳ען פון אונזערע נשמות זיינען מיר ברידערליך נאָהענט איינער צום אַנדערן, ווייל אונזער פנימית׳דיגע עהנ־ליכקייט איז אַן ארגינעלע . . .״

אָבער זיין גרויסער ערפאָלג אין ענגלאַנד האָט איהם געקאָסט זעהר פיעל געזונט און ענערגיע, ס׳האָט איהם פיזיש זעהר אָפּגעשוואַכט. דאָס זיין נע ונד׳, דאָס קלאַפּען אין די טירען פון די אונבאַקאַנטע און אָבגעפרעמדטע אידען און זיינע באַמיהונגען צו מאָנען און פאָדערען פון זיי צו שטיצען די ישיבה זיינען געווען פאַר איהם אַ שווערער גלות אָפּקומעניש. ער האָט דאַן איינמאָל זיך אויסגעדריקט: „אַז דער רבונו של עולם אין זיין שטראָפען קין׳ן צו זיין נ ע ו נ ד , האָט אויף איהם פונדעסטוועגען ניט ארויפגעלייגט די לאַסט צו זאַמלען געלט, און נאָך פאַר ישיבות . . . ער איז דאָך אַ רחום וחנון״.

אין זיינעם אַ בריוו אין יאָהר תרצ״ה האָט ער דעם שרייבער (וועלכער האָט געהאַט די זכיה צו באַטראַכט ווערן ביי איהם אַזוי נאָהענט ווי אַן

אייגען קינד) פאַרטרויט: „ווען ס׳איז דאָ אין דער ישיבה־קאַסע געלד, קריג איך מיינע שכירות בערך פופצען דאָלאַר אַ חדש . . .״ אויב אַזוי פיל זאָבען באַטראָפען די שכירות פונ׳ם עלצטען ראש ישיבה, קאָן מען זיך שוין פאָר־שטעלן די לוקסוסען פון די תלמידי הישיבה. דער רבי און תלמידים האָבען עס אָבער אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, אבי צו קאָנען פאַרברייגגען די צייט אין זייערע העכסטע פאַרגניגענס — לערנען תורה.

מערקווירדיג, קיינע צייט־ענדערונגען, קיינע אויסערליכע שטורמס און אינערליכע איבערלעבונגען האָבען איהם אויף קיין האָר ניט איבער־געאַנדערשט. ער איז געבליבען דער זעלבער ר׳ משה מיט זיין ספעציפישער אָריגינאַליטעט. די נ ק ו ד ת ה א מ ת איז כל ימיו געווען דער קווינט־עסענץ פון זיין גאַנצען מהות. ער איז געווען דער מענש פון יגיעה פון זוכען און פאָרשען דעם ריינעם אמת אָהן קיינע איבעריגע באַפוצונגען, אהן שום קינסטליכקייטען.

אָבוואָהל די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, האָט זיך ר׳ משה געפיהלט זעהר שוואַך, איז ער פונדעסטוועגען פאַרבליבען דער מבהיל׳דיגער מתמיד ביז דער לעצטער מינוט. זיין ליבליך־פקחות׳דיגע געשטאַלט, זיין גרויסער מח און וואַרימע האַרץ זיינען געבליבען אונבאַריהרט און אונ־אָפּגעשוואַכט. די יוגענטליכע פרישקייט און שוואונג, דער פּראַכט און גלאַנץ פון דער אַמאָליגער „וואָלאָזשין״ מיט דער ברייט־פאַרנעמיגע קדושה און ערנסטקייט פון ראדין האָבען איהם ניט פאַרלאָזען ביז זיין לעצטען הייליגען אָטעם־אויסהויך.

מאָנטאָג י״ח אדר ב׳ תרצ״ח האָט ר׳ משה געליטען אַ שווערע אַטאַקע פון „אַרטעריא סקלאראסיס״. די דאָקטוירים, וועלכע זיינען ספעציעל אַרויס־גערופען געוואָרען האָבען ערקלערט זיין מצב אַלס ניט אַלאַרמירענד. דער חולה וועלכער האָט משמעות געליטען פון דער זעלבער מחלה אין אַ לייכטערן פאָרם פאַר די לעצטע עטליכע יאָהרען, האָט אימער געזוכט זיך זעלבסט צו שטאַרקען און ערמוטהיגען, ניט וועלענדיג באַטראַכט ווערען ב ח ז ק ת ח ו ל ה. ווען ער האָט אויף צומאָרגענס זיך דערפיהלט בעסער האָט ער לכתחילה געוואָלט מאַכען אַ פאַרזוך אַרויסצוגעהן פון בעט. ער האָט אָבער דערשפּירט א שטאַרקען וועהטאָג און אומגעריכט פאַר אלעמען האָט דאָס איבער־חזר׳נדיג פון אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע מקרב געווען זיין סוף. דינסטאָג אָוונט, כ׳ אדר ב׳ האָט ער אין עלטער פון 77 יאָהר אויסגעהויכט זיין ריינע הייליגע נשמה.

ווי אַ שווערער דונער האָט די טרויעריגע נאַכריכט געטראָפען די הונדערטע תלמידים אין דער ישיבה און די אונצעהליגע תלמידים און פאַרעהרער איבער גאָר דער וועלט.

די לוי׳ איז פאָרגעקומען מיטוואָך אָוונד. טויזענדער אידען, פיעל רבנים פון דער גאַנצער סביבה זיינען געקומען איהם צוצוטייהלען דעם לעצטען כבוד. צוערשט האָט מען איהם אריינגעטראָגען אין שוהל, וואו ס׳האָט איהם מספיד געווען זיין איידעם הרב ר׳ אברהם סאכאראוו פון טראב. ביי דער ישיבה האָבען איהם מספיד געווען צווישען אנדערע דער ראדינער רב, ר׳ ארי׳ ליב, זוהן פון חפץ חיים און אייניקעל מנהל הישיבה הרב ר׳ אליעזר קאפלאן, אויך די רבנים פון איישישאק, ווארענאווע ווילנע א. א. וו אויך האָבען אין דער ישיבה געהאַלטען האַרצרייסענדע הספדים אייניגע תלמידי הישיבה.

ביי דער ליכט פון שטארקאצען איז שפעט אין אָוונט פאָרגעקומען די קבורה אין שכנות פון זיין ידיד נאמן און קאָלעגע הגאון ר׳ נפתלי טרא זצ״ל.

הספדים זיינען אויך איינגעאָרדענט געוואָרען אין פיעלע שטעט א שטעטלאך דורך די אונצעהליגע תלמידים און מקורבים וועלכע פיהלען זי פאַר׳יתומ׳ט און עלענד.

צום ערשטען יאָהרצייט פון חפץ חיים, כ״ד אַלול תרצ״ד, האָט משה דערצעהלט ר׳ אלחנן וואַסערמאַן, אַז מיט דרייסיג יאָהר צוריק, ווען האָט מיט׳ן חפץ חיים דאַן באַזוכט קיעוו, האָט ער זיך אין יענער צייט איינמ דערפיהלט שוואַך. האָט צו איהם דער חפץ חיים געזאָגט: „איהר, ר׳ מש וועט אונז אַלעמען איבערלעבען״. און די ווערטער זיינען מקוים געוואָרען.

איהר, טייערער און ליבער רבי, וועט ווירקליך „אונז אַלעמען איבע לעבען״. מיט אייער ברייטע האַרץ און גרויסע נשמה, וועט איהר אַזוי ווי ברילּיאַנט־שיינענדער שטערן אייביג לייכטען אין דער פראַכטפולער חפץ ח קאָנסטעלאַציע. מיט אַ געפיהל פון עהרפורכט ליבע און רעספעקט וועלן א אימער דערמאָנען אייערע פילע טויזענדער תלמידים, אייערע גייסטיגע קינד און נאָכפאָלגער, באַוואונדערענדיג אייער געניאַלע מענטאַליטעט און לויטע פערזענליכקייט. איהר, גרויסער רבי וועט זיכער „אונז אַלעמען איבו לעבען . . . ״

עח.

ר׳ ליב

אין יאָהר תרכ״א, זעקס יאָהר נאָד׳ן הייראט, איז צום חפץ חיים און זיין פרוי, פריידע, געבוירען געוואָרען זייער ערשטע קינד, אַ זוהן, וועמען זיי האָבען א נאָמען געגעבען ארי׳ ליב. די שמחה פון פאָטער איז דאַן ווירקליך געווען אין לשער. ער האָט געהאָפט צו זעהן אין זיין זוהן אַ לעבעדיגע פאַרקערפּערונג פון די הויכע אידעאַלען און אַספּיראַציעס מיט וועלכע זיין גאַנצער וועזען איז געווען דורכגענומען און באַזעעלט. האָט ער דעריבער זיין ליבעלען געהיט מעהר וויפיעל אַ געוועהנליכער פאָטער היט אַן איינציגען און ערשטען זוהן. ווען דאָס קינד האָט נאָר אָנגעפאַנגען רעדען, האָט ער זיך גלייך גענומען צו זיין ערציהונג. ער פלעגט אָנקוועלען פון זיינע שאַרפע חכמות, פראַגעס און אַרגומענטען. ער האָט איהם אָנגעדונגען ביי די בעסטע מלמדים און אויך אַליין מיט איהם געלערענט. וואָס עלטער ער איז געוואָרען האָט ער אלץ מעהר ארויסגערופען אלעמענס באוואונדערונג. עס האָט אַלץ בולט׳ער אַרויסגעוויזען זיין פעהיגקייט שנעל אויפצוכאַפּען די שווערסטע ענינים. זיין שאַרפער מח, פאַרשענדער בליק און טיעף־אַנאַליטישע לאָגיק האָט זיך מאָדנע האַרמאָניש צוזאמענגעגאָסען מיט זיין אונשולדיגע ריינע תמימות און נאַאיוויטעט. זיין לעבעדיג־שטיפערישע נאַטור האָט איהם ניט געשטערט אין זיין שטאַרקען חשק צו לערנען, צו זיין אַ מתמיד. אַלס אינגעל האָט ער שוין געוואוסט קלאָהר עטליכע מסכתות.

אין ווינטער פון יאָהר תר״ל, ווען ער איז ניין יאָהר אַלט געווען, האָט איהם זיין פאָטער מיטגענומען מיט זיך קיין וואַשילישאָק, וואו ער איז פריהער געהאַט געווען ראש ישיבה. ער האָט דאָרט אַריינגעגעבען אין דער ישיבה (אָדער ת״ת). 1)

אין ווינטער פון יאָהר תרל״א, ווען ער איז ווידער געפאָהרען קיין וואַשילישאָק, האָט ער איהם אויך מיטגענומען. אָבער דאַמאָלט האָט שוין דער פאָטער אַליין מיט איהם געלערענט.

---

1) ר׳ ישראל מאיר איז דאַן געווען באַשעפטיגט מיט׳ן שרייבען זיין ערשטען ספר, דעם „חפץ חיים״. ער האָט דאַריבער פאַרלאָזען זיין היים, כדי אויסצומיידען די פאַרשידענע היימישע טרדות. אין שטיבעל ביים אָרטיגען בית המדרש פלעגט ער לערנען און שרייבען דעם ספר. און אין דעם שטיבעל איז ער אויך געשלאָפען. עסען פלעגט מען איהם דאָרט ברייגגען פון דער הויז פון ר׳ יצחק קאַפּלאַן. (דער שווער פון זיינעם אַ שוואָגער, ר׳ יהודא, פריהער קאַמינקער און נאָכהער מאָסטער רב).

דעם זומער פון זעלבען יאָהר איז ער געווען מיט זיין פאָטער אין סמאַרגאָן, וואו ער האָט אויך מיט איהם צוזאַמען געלערענט. 2)

אין זומער פון יאָהר תרל״ה האָט דער חפץ חיים געלערנט אין ליפ־נישאָק, וואו ער האָט דאַמאָלט אָנגעפאַנגען צו שרייבען דעם „משנה ברורה״. האָט ער דאָרט אויך געהאַט מיטגענומען זיין זוהן און האָט מיט איהם גע־לערנט אין אָרטיגען בית המדרש.

אין יאָהר תרל״ז איז ר׳ ליב געפאָהרען לערנען אין נאָהענטען שטעד־טעל איישישאָק, וואו עס איז דאַמאָלט געווען אַ באַריהמטער קיבוץ, באַ־שטעהענד פון קרוב הונדערט פרושים, אַ העלפט זיינען געווען פאַרהייראַטע יונגע לייט און די אַנדערע העלפט בחורים.

אויף זיין יוגענדליכער ענטוויקלונג האָט באַזונדערס געהאַט אַ השפעה זיין לערנען אין איישישאָק, וואו ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין באַ־ריהרונג מיט אַ קיבוץ פון שאַרפע קעפ פון גרויסע עילויים, ווייל דאָרט האָבען אין יענער צייט געלערענט די באַריהמסטע עילוים פון יענער תקופה, ווי דער יעצטיגער גאון הדור ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי, דער באַריהמטער גאון וחכם ר׳ יהושע יוסף פרייל, רב פון קראָק, א. א. ליבע ראַדינער, ווי מ׳האָט איהם דאָרט גערופען, האָט זיך שנעל קונה שם געווען אַלס גריבלער און גרונטאַוונער למדן, אַ דאַנק זיין זעלטענע התמדה, זיין שכל הישר, דורכדרינגענדער פערשטאַנד און הבנה. ווען ער האָט זיך פון דאָרט צוריק־געקעהרט אַהיים קיין ראַדין, איז ער שוין געווען אַנערקענט אַלס גדול בתורה.

צו זיין בר מצוה האָבען די עלטערען צווישען אַנדערע איינגעלאַדען די לומדים פון שטעדטעל. ביים טיש איז, ווי דער שטייגער, פיל גערעדט געוואָרען אין לערנען מעבינא דיומא וועגען ענינים פון תפילין, און, ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע געלעגנהייטען, האָט מען אָנגעפאַנגען מיט אַ קשיא פון „שאגת אריה״, „א שווערע קשיא״. דער בר מצוה בחור האָט זיך אריינ־געמישט און גוט פאַרענטפערט די קשיא. ווערען די לומדים נתפעל און טרינקענדיג „לחיים״, איהם געוואונשען, אַז ער זאָל האָבען הצלחה אין לער־נען.

„פאַר אַזאַ תירוץ, איז דאָך דער בר מצוה בחור טאַקע אַליין אויך ווערט אַ שנאַפס!״ און מען גיט איהם עס טאַקע. ער הויבט אויף דעם כוס, און זאָגענדיג „לחיים״ צום עולם, בעט ער מען זאָל איהם געבען אַ

2) דער חפץ חיים האָט דאָרט געלערענט בחברותא מיט זיינעם אַ יונגענד־פריינד, אַן איישישקער יונגערמאַן אַ גדול בתורה וי״ש, ר׳ מרדכי ב״ר ארי׳ בעקער. דער לעצ־טער האָט איהם געהאָלפען מעתיק און מסדר זיין דעם ספר.

ברכה, אַז ער זאָל זיין אַ גרויסער למדן. „איך זאָל קאָנען פאַרענטפערען אַלע קשיות פון שאגת אריה!״

דער פאָטער, דאָס דערהערענדיג, האָט זיך דערלאַנגט אַ שטעל אויף און מיט אַ בייזער איהם אָפּגעשטופּט פון זיך און מיט אַ פאַרדריסליכען טאָן אַ זאָג געטהאָן צו איהם: „דו ווּעסט שוין קיין מפורסם פאַר קיין גדול ניט זיין, פאַר דיזע ווערטער״.

ר׳ ליב פלעגט עס דערמאָנען און מעשה עניו באַדויערען. „דעם טאַטען׳ס קללה איז ליידער מקוים געוואָרען!״ אָבער לומדים זאָגען: אמר די קללה פון חפץ חיים איז מקוים געוואָרען, ד. ה., אַז ער איז ניט מפורסם געוואָרען (באַריהמט) אַלס גדול, אָבער אַ גדול איז ער בלי ספק געוואָרען.

ער האָט אויך געלערענט אַ געוויסע צייט אין זשעטעל, אין זיין פאָטער׳ס געבורטשטאָדט. אין יאָהר תרל״ט, האָט איהם דער חפץ חיים געשיקט לערנען אין קאַלוואַריע ביי זיין ידיד אמן הגאון ר׳ בן ציון שטערנפעלד.

האָט פאַסירט, אַז דער חפץ חיים איז אויף זיין וועג קיין מינסק צופעליג אָפּגעשטיגען אין רובזעוויץ. דאָרט איז געקומען צו איהם ר׳ אברהם היילפערן, אַ חשוב׳ער איד, אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים און איהם פאָרגעלעגט זיך משדך צו זיין מיט איהם. ער האָט פאַרשפּראָכען צו באַזאָרגען די פאַרפאַלק מיט אַלע הצטרכות׳ן אויף אַ משך פון זעקס יאָהר צייט, כדי ער זאָל אונגעשטערט קאָנען זיצען און לערנען, ווי אויך איהם פאַרשפּראָכען אָפּגעבען אַ העלפט פון זיין פאַרמעגען, 1500 רובעל נדן.

דעם חפץ חיים איז די הויז, כלה און משפחה געפעלען געוואָרען. ער האָט געראָטהען ר׳ אברהמ׳ען צוערשט צופאָהרען קיין קאַלווּעריע און זיך באַקאָנען מיט׳ן חתן, כדי זיך פערזענליך צו ערקונדיגען אויף ווי ווייט, ער איז מקיים דעם „משיא את בתו לתלמיד חכם״.

אַזוי איז געשעהן, און דער שידוך איז אין אַ קורצער צייט צושטאַנד געקומען.

ווען די מוטער איז מיט איהר זוהן געגאַנגען אין קראָם איינצוקויפען סחורה פאַר חתונה מלבושים, האָט דער קרעמער, ווי דער שטייגער, בעת׳ן אָפּמעסטען די סחורה צוגעוואונשען דעם חתן, אַז ער זאָל האָבען הצלחה און ווערען אַ גרויסער און רייכער סוחר.

האָט די מוטער זיך אַנגעבייזערט אויפ׳ן קרעמער: „ווער בעט אייך ווינשען מיין קינד מיט אַזעלכע ברכות? אויב יאָ אַ ברכה, ווינשט איהם, אַז ער זאָל זיין אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים!״

ג׳ חשון, אין יאָהר תר״מ האָט ער געהייראַט אין רובזעוויץ, מינסקער

גובערניע. אַ צייט האָט ער געלערענט אין דעם אָרטיגען בית המדרש. ער האָט זיך אינצווישען אויך געכאַפּט צו מסחר.

דער חפץ חיים איז ניט געווען צופרידען, וואָס זיין זוהן כאַפּט זיך צו מסחר'ן. ער האָט איהם איינמאָל גע'מוסר'ט:

„ליב, ליב, צוליב דעם האָט מען דיר געגעבען אַ הויכע קאָפּ? נעמסט אַ שופעל פון אַבנים טובות ומרגליות און שופעלסט מיט איהם מיסט!"

אויפ'ן פאַרלאַנג פון פאָטער, איז ער געפאָרען לערנען אין סוויסלעוויץ צום אָרטיגען רב, דעם גרויסען גאון ר' מאיר יונה ש"ק. ר' ליב האָט זעהר פיל געשטיגען אין לערנען. ער האָט אָבער געוואָלט זיך באַקענען מיט מעהרערע גאונים און זייערע פערשידענאַרטיגקייטען, איז ער דעריבער פון דאָרט אַוועק קיין דערעצין, צו ר' יוסף זונדל'ען. ר' ליב איז שוין דאמאָלס געווען אַ גרויסער מחדש. זיינע חידושים און סברות זיינען געווען געבויט אויף סאָלידע און גראַדע יסודות, ווייט פון פלפול און פשט'לעך.

ר' ליב האָט אויך אַ לענגערע צייט געלערענט אין בריסק דליטא, אונטער דער השפעה פון דאָרטיגען רב דער גאון הדור ר' יוסף בער. דער לעצטער האָט ר' ליב'ן זעהר געליעבט און געאַכטעט, און איהם בעטראַכט ווי א בן בית. ר' ליב איז אויך געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט ר' חיים סאָלאָווייטשיק. ר' חיים איז דעמאָלט געווען דער באַריהמטער ראש ישיבה אין וואָלאָזשין און פלעגט אָפט קומען צו זיין פאָטער, דעם בריסקער רב. ר' ליב'ס בעגייסטערונג פאַר ר' חיים'ן איז געווען אויסערגעוועהנליך. ער פלעגט זעהר פיעל דערצעהלען פון יענע יאָהרען. „ר' חיים'ס גאונות איז געווען אָריגינעל און אייגענאַרטיג, זיין וואונדערבאַרע עילוי'שע קאָפּ האָט קיין גלייכען ניט געהאַט צווישען די גאוני הדור. דער סטיל און גייסט פון ר' חיים'ס חידושים זיינען געווען אויפ'ן דרך פון די גדולי הראשונים!"

ר' ליב פלעגט אַרויסשטעלען ר' חיים'ס לערנען תורה מיט זיינע פילע הונדערטע תלמידים אַלס מוסטער פון אַ „מלמד את התורה מתוך עוני". דערצעהלענדיג אַז שוין זייענדיג דער וואָלאָזשינער ראש ישיבה, איז ער דאַן איינמאָל געקומען קיין בריסק ממש אין צוריסענע שטיוועל. ער איז געווען קראַנק. מען האָט איהם געראָטהען פאָהרען צו אַ גרויסען פּראָפעסאָר אין בערלין. האָט ער אָבער ניט געהאַט קיין געלד אויף הוצאות צו פאָהרען. זיין פאָטער דער בריסקער רב, האָט ניט געוואוסט אויף וועלכעס פריהער צו לייהען, אויף צו בעקליידען איהם אדער אויף צו שיקען איהם קיין בערלין זיך צו קורירען ביי דאָקטוירים. דאָס אַלעס האָט אָבער ניט געשטערט ר' חיים'ען אין זיין אריינגעטאָנקייט אין לערנען. ער האָט אונאויפהערליך כסדר געזאָגט תורה.

פלעגט ר' ליב דערצעהלען, אַז ר' חיים האָט איהם איינמאָל איבערגע-

זאָגט זיינעם אַ געוויסען חידוש און האָט איהם געפרעגט וואָס ער דענקט וועגען דעם. האָט איהם ר׳ ליב געזאָגט: „איהר ווייסט דאָך, אַז איך גלייך ניט קיין פשט׳לעך, איך האָב נאָר ליעב פשט!"

„אָט דאָס איז טאַקע פשט!" האָט ר׳ חיים בעמערקט.

„אויב דאָס איז דער פשט אין דער גמרא, פאַר וואָס שטעהט עס ניט אין פירוש פון רבינו חננאל" (דער ר"ח׳ס פירוש אויף גמרא ווערט בעטראַכט אַלס מוסטער פון פשט)" האָט איהם ר׳ ליב באַלד צוריקגעענטפערט.

„ס׳שטעהט טאַקע אין רבינו חננאל, מ׳דאַרף אָבער האָבען ליכטיגע אויגען עס צו דערזעהן!" האָט ר׳ חיים עקשנות׳דיג באַטאָנט.

ר׳ יאשע בער האָט ר׳ ליב׳ן ניט איין מאָל קריטיקירט זאָגענדיג: „דער ראדינער יונגער מאַן איז צופיעל תקיף!"

איין מאָל האָט ר׳ יאשע בער אַ פרעג געטהאָן ר׳ ליב׳ן:

„וואָס זאָגט איהר ראדינער, אויף מיין חיים׳ען?"

„ער וועט זיין אַ גרויסער גאון!" האָט ר׳ ליב אונשולדיגערהייד אין אַ האַלב ערנסטען טאָן געענטפערט. האָט דאַן ר׳ יאשע בער איהם געלאָזען און איז אַוועק פון איהם אין אַנדער חדר. זעקס וואָכען האָט דאַן ר׳ יאשע בער מיט ר׳ ליב׳ן ניט גערעדט. ער האָט זאָגאר אויסגעמיטען ר׳ ליב׳ן צו געבען אַ געלעגענהייט זיך צו פאַרענטפערן. שפּעטער ווען ר׳ ליב האָט אַ פרעג געטהאָן ביים רבי׳ן הלמאי דער לעצטער איז בייז אויף איהם, האָט איהם ר׳ יאשע בער געענטפערט: „ווי וואָגט איהר עס אזוי גרינגצושעצען דעם כבוד פון מיין חיים׳ן, זאָגענדיג אַז ער וועט זיין אַ גרויסער גאון? ער איז דאָך שוין איצט אַ גאון!"

אין יענער צייט האָט ר׳ ליב איינמאָל געהאַט געמאַכט אַ פאַרזוך צו קריגען אַ רבנות־שטעלע אין אַ געוויסער שטאָדט. איז ער געקומען צו זיין פאָטער און געבעטען, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר איהם וועגען דעם. האָט איהם דער פאָטער אָפּגערעדט דערפון, ווייל אַ געוויסער רב, וועלכער האָט געוואָלט קאַנדידאַטירען פאַר׳ן זעלבען אָמט איז צו איהם געקומען און געבעטען, אַז ער זאָל פאַר איהם דאָרט שרייבען אַ בריוו. האָט ער איהם ער־קלערט, אַז עס איז ניט זיין דרך זיך אַריינצומישען אין ענינים פון רבנות.

„נו, האָט דער חפץ חיים מסביר געוועזן זיין זוהן: „אויב מיר זאָלען זיך יעצט משתדל זיין וועגען דיר, קאָן ער אַמאָל זאָגען, אַז דורך איהם האָ־בען מיר זיך דערוואוסט פון דער שטעלע און איהם אויסגעכאַפּט, קאָן דאָך זיין אַ חילול השם!"

דער חפץ חיים האָט איהם אָפּגערעדט פון צו זיין אַ רב. ער האָט איהם פאַרשפּראָכען צו צאָהלען שכירות, ער זאָל קאָנען אונגעשטערט זיצען און לערנען, דורכטהאָן פאַר איהם געוויסע ענינים הלכה למעשה.

אין יאָהר תרנ״ב, נאָך דער פּטירה פון זיין ברודער ר׳ אברהם, איז ר׳ ליב, אויפ׳ן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער געקומען מיט זיין משפּחה וואוינען אין ראַדין, וואו ער איז פאַרבליבען ביז׳ן יאָהר תרס״ד. נאָך דער צווייטער שריפה האָט ער פאַרלאָזען ראַדין, באַזעצענדיג זיך צוערשט אין גראָדנע און נאָכהער אין ווארשא, וואו ער האָט זיך פאַרנומען אַכטונג צו געבען אויפ׳ן דרוקען און פאַרשפּרייטען פון זיין פאָטער׳ס ספרים.

ר׳ ליב האָט זיך נאָכהער בעזעצט אויף אַ לענגערע צייט אין זיין געבורט־שטאָדט ראַדין. ווען דער חפץ חיים האָט זיך גענומען צו דער שאַפונג פון זיין ריעזען ווערק, דעם „משנה ברורה״, האָט איהם ר׳ ליב בעדייטענד ארויסגעהאָלפען. פאַראַן דאָרט גאַנצע סמנים וועלכע ר׳ ליב האָט זיי כמעט אַליין בעאַרבייט און זיי מסדר געווען צום דרוק.

ר׳ ליב האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט אין דער מדה פון חסד, איז געווען אַ לעבעדיגע פאַרקערפּערונג פון זיין פאָטער׳ס ספר „אהבת חסד״. קיין זאַך איז פאַר איהם ניט געווען שווער אום צו העלפען אַנדערע. ער איז קיין מאָל ניט מיעד געוואָרען צו טהאָן פאַר אַנדערע, האָט תמיד געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ גוטמוטהיגען שמייכעל פאַר אַלעמען. ער איז שטענדיג געווען פון די ערשטע צו שטאַרקען די שוואַכע, צו טרייסטען די פאַרטרויערטע, צו העלפען די קראַנקע די ליידענדע און די אָרימע.

מערקווירדיג ר׳ ליב׳ס גוטסקייט און כלל־טהועריי איז אימער געווען קאָנצענטרירט פאַר דער טובה און הילף פונ׳ם יחיד. גאַנץ אַנדערש ווי די געוועהנליכע טהוער, וועלכע אין זייער כלומר׳שטער זאָרג כסדר לטובת הכלל, פאַרגעסען זיי דעם יחיד און זיינע געברויכען. ר׳ ליב׳ס אהבת תורה און עהרע פאַר אַ תלמיד חכם זיינען אויך געווען אויסערגעוועהנליך.

ער איז בכלל געווען אַ וועלט־מענש, געהאַט אַ קלאָהרען בליק אויף די אוניווערסאַלע פּראָבלעמען. ער האָט געוואוסט די השכלה ליטעראַטור און געווען בעקאַנט מיט די שטרעמונגען און שטרעבונגען פון די אַמאָליגע משכילים. ער איז געווען בעהאָווענט אין חקירה ספרים. עס איז געווען נאַטירליך פאַר אַזאַ טיעפזיניגען מח און פילאָזאָפישען דענקונג אַפּאַראַט, צו זוכען און נישטערען, צו וועלען וואָס מעהר וויסען און פאַרשטעהן. אָבער אין דער זעלבער צייט אַלעס צו עקזאַמענירען אין דער ליכט פון ריינעם אַבסאָלוטען אמת — די תורה. ער האָט בעלאַנגט צו די וועניגע יחידי סגולה, וועלכע דרינגען אַריין אין „פּרדס״ און געהן ארויס אונבעשעדיגט.

ר׳ ליב פלעגט דערצעהלען, אַז אין זיינע בחור׳שע יאָהרען האָט איהם זיין פאָטער געזוכט צו דערווייטערען פון אַריינטהאָן זיך אין ספרים פון חקירה און פילאָזאָפיע. ווען ער האָט זיך איינמאָל דערוואוסט, אַז ר׳ ליב האָט גע־

קויפט דעם „מורה נבוכים״, האָט ער ניט גערוהט ביז וואַנעט ער האָט דעם ספר צוגענומען און באַהאַלטען.

ווען ר׳ ליב האָט איהם אַ פרעג געטהאָן: „טאַטע, מי לנו גדול פון רמב״ם און ער האָט זיך גע׳חוקר׳ט און געשריבען אַ ספר פון זיינע חקירות? אויך וועגען אברהם אבינו, דעם ערשטען אידען, דערצעהלען די חז״ל די מעטאָדען פון זיינע חקירות?״

האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט:

„דער וואָס זוכט ראיות אויף זיין אמונה, איז אַ סימן, אַז ער האָט הרהורים פון ספיקות. פון רמב״ם איז קיין ראיה ניט. דער רמב״ם האָט דאָך געשריבען זיין ספר פאַר די פאַרפיהרטע און פאַרבלאָנדזשעטע אין זיין צייט. אויך איז פון אברהם׳ן אין זיין צייט קיין באַוויז ניט. ער האָט געזוכט און געפאָרשט, ווייל ער איז דאָך געווען אַן אָנפאַנגער, האָט פון זיינע על־טערען קיין ירושה ניט איבערגענומען. „בעבר הנהר ישבו אבותיכם ויעבדו אלקים אחרים . . .״ אָבער מיר, וועמענס עלטערען האָבען מקבל געווען די תורה פון באַרג סיני, און אין דער אָנוועזענהייט פון הונדערטע טויזענטע האָבען זיי געהערט דעם ק ו ל א ל ק י ם. צו וואָס זאָלען מיר פאַר־שווענדען די צייט ווידער אַמאָל זיך צוריקצוקערען צום א ל ף ב י ת?״

און ריידענדיג וועגען מציאות השם האָט ער צוגעגעבען, אַז דער אמת׳ער איד דאַרף ניט זוכען קיין ראיות אויף דעם.

אַ קינד איז ביים פאָטער אויפ׳ן האַנד, דער פאָטער האַלזט איהם, קושט איהם און קאָרמעט איהם, און אַז מען וועט דאָס קינד אַ פרעג טהאָן: „ווער האַלט דיך אויפ׳ן האַנד?״, וועט ער זאָגען: „מיין פאָטער״. זאָל מען טרייען אָפצו־ווענדען דאָס קינד און איהם אָנצייגען אויף אַן אַנדערען: „דאָס איז דיין פאָטער?״, וועט דאָן דאָס קינד פּראָטעסטירען און מיט זיין פינגער אָנצייגען אויף זיין פאָטער: „דאָס איז מיין טאַטע!״ דאָס קינד דאַרף קיין ראיות ניט. ער ווייזט אָן מיט׳ן פינגער. אויף אַזאַ אופן קאָן דאָס קינד פיה־לען אמת׳ע אהבה צו זיין פאָטער.

אַנדערש איז אָבער, ווען דאָס קינד דערקאָנט ניט זיין פאָטער, נאָר מען דאַרף איהם דורך ראיות און הוכחות איבערצייגען, אַז דער איז זיין פאָטער. ווי קען ער דאַמאָלט פיהלען אהבה צו איהם? . . .

אין דער צייט פון מלחמה ווען צוליב די כסדר שטייגענדע צרות אויף אידען פלעגט דער חפץ חיים גוזר תענית זיין, האָט איינמאָל ר׳ ליב אַ זאָג געטאָהן צום פאָטער: „טאַטע דו מאַטערסט אונז כסדר מיט תעניתים. דאָ מאָנטאָג און דאָ דאָנערשטאָג. די גאַנצע ליידען לייגסטו אַרויף אויף אונז. רק מיר זאָלען פיהלען. אויב שוין יאָ פאַסטען, זיי גוזר תענית אום שבת, זאָל עס אָנריהרען כביכול אויך. און אויב ער וועט נאָר זיין מיט אונז אַ

שוו‍ער אין ליידען, וועסטו זעהן אז עס וועט שוין גלייך ווערען אַן ענדע צו די צרות !״.

אָבער דער חפץ חיים וועלכער האָט קיינמאָל ניט סובל געווען קיין המצאות, האָט אין אן ערנסטען טאָן פאַרפיהרט דאַן אַ שמועס כדי איבער־צוצייגען אַלעמען אַז דער אויבערשטער ליידעט און פיהלט מעהר דעם צער פון אונזערע צרות איידער מיר. בצרתם, לו צער, און אַז גראד פאַרקערט, ביי אונז וועט דאָס פאַסטען אום שבת מאַכען דעם צער פון תענית פיל גרעסער א. ז. וו.

ווען ר׳ ליב האָט זיך אין יאָהר תרפ״ד צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין ארץ ישראל, האָט צו איהם דער חפץ חיים געזאָגט: „ דו האָסט זיך באַ־נאַרישסט, ביזט שוין געווען דאָרטען, האָסטו באַדאַרפט בלייבען״.

אין יאָהר תרצ״ד, נאָך זיין פאָטער׳ס פטירה, ווען דער ראַדינער רב ר׳ מרדכי מירוויס, איז נפטר געוואָרען זיינען די ראַדינער בעלי בתים צוגעשטאַנען צו ר׳ ליב׳ן אַז ער זאָל ווערען זייער רב. ער איז שוין דאַן געווען 74 יאָהר אַלט און זיך געפיהלט שוואַך און וואָלט זיכער זיך ענטזאָגט פון דעם כבוד. האָט אָבער דער גאון הדור, ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, דורכ־אויס פון איהם פאַרלאַנגט למען כבוד בית אבא אָנצונעהמען די רבנות, און ר׳ ליב האָט זיך געלאָזט איבערעדען און אויף דער עלטער גענומען אויף זיך דעם עול הרבנות, וועלכען ער האָט געטראָגען מיט ווירדע און מסירת נפש.

מיט 6—7 מאָנאַטען פריהער, איז ער געוואָרען געפעהרליך קראַנק. מען האָט איהם אַוועקגענומען קיין וואַרשא וואו ער איז געלעגען צו בעט די גאַנצע צייט ביז ער האָט כ״ג כסלו אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה אין וואַרשא. מ׳האָט צוריק געבראַכט דעם נפטר קיין ראַדין וואו ער איז מאָנטאָג כ״ו כסלו געבראַכט געוואָרען מיט גרויס כבוד צו זיין רוה אין שכנות פון זיין פאָטער זצ״ל.

אויסער וואָס ר׳ ליב האָט געהאָלפען זיין פאָטער אין די חיבורים „משנה ברורה״ און „לקוטי הלכות״ אויף קדשים, האָט ער געלאָזען זיינעם אַ מסודר׳דיגען כתב יד, אַ סאָרט „משנה ברורה״ אויף׳ן ערשטען חלק „חושן משפט״. אַ מפתח מיט הערות און מראה מקומות אויף׳ן „הלכות גדולות״, אויף׳ן „ספר התרומה״, אַ ספר הלכה אויף׳ן „יורה דעה״, אַ מאַנוסקריפט מיט וויכטיגע הערות אויף די „תשובות הגאונים״ און אַנדערע כתבי יד.

פאַר זיין פטירה האָט ר׳ ליב אָפּגעדרוקט דעם „מכתבי חפץ חיים״ א ספר ענטהאַלטענדיג די תולדה פון חפץ חיים און אויך [118] פאַרשידענע מאמרים, אויפרופען, און בריוו פון זיין פאָטער, געשריבען צו יחידים און צום כלל ישראל. אויך פילע פון זיינע הנהגות און שמועסען.

דער גאון וצדיק ר׳ מאיר דן פלאָצקי, האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירענדיג ר׳ ליב׳ן אין לומדי׳שען זינן, איהם בעצייכענט אַלס „די אייזערנע קאָפּ״. ווירקליך, האָט ר׳ ליב פאַרמאָגט ניט נאָר אַן אייזערנעם מח, נאָר אויך אַ ברילליאַנטענע האַרץ און אצילות׳דיגע נשמה. ער איז געווען אַ וואַהרער פּרינץ. זיין אייזערנע זעלבסט־דיסציפּלין, זיין אהבת ישראל און זעלטענע מדות טובות, זיין פשטות, ענִיוות און אויסגעהאַלטענע יראת שמים, האָט רעפלעקטירט פיעל חפץ חיים׳דיגס. ניט אומזיסט פלעגט איהם דער חפץ חיים פיעל מחבב ומכבד זיין, איהם אָפטמאָל געררופען זאָגאר אין די אויגען ר׳ ליב.

מיט ר׳ ליב׳ס פטירה איז פאַרשוואונדען דער לעצטער מאָהיקאַנער פון חפץ חיים׳ס סביבה!

עט.

זיין אייביגע ירושה און איהרע יורשים

אונשטערבליך איז און וועט אימער בלייבען דער חפץ חיים. זיין מאַגנעטישע פּערזענליכקייט וועט אייביג לעבען, באַצויבערן און באגייסטערן די אידישע וועלט. זיינע ספרים וועלען שטענדיג דינען אַלס אונערשעפּליכע קוואלען פון אינספּיראַציע, מוטה און שטאַרקייט, אלס אוצרות פון ערהאַבענסטע עטהיק און מאָראַל, פון טיעף פאַרצווייגטע געלעהרזאַמקייט און וויזיע. זיינע גייסטיגע יורשים זיינען די אונצעהליגע תלמידים און די תלמידים, די אָהן אַ שיעור נאָכפאָלגער און פאַרעהרער, דאָס ברייטע אידיש פאָלק און זיינע מאַסען, וועמען דער חפץ האָט אַזוי האַרציג און פייערדיג געליעבט.

אָבער פון אלע זיינע גייסטרייכע שאַפונגען איז די „ישיבת חפץ חיים״ געוועזען אמנאָהענסטען און אמליעבסטען צו זיין האַרץ און נשמה. „די ישיבה איז ניט מיינע. די ישיבה באַלאַנגט צום כלל ישראל״ זיינען געוועזען זיינע ווערטהער. זיין גלויבען און האָפנונג איז דאריבער געוועזען אַז דער כלל ישראל וועט טייער האלטען און אונטער אַלע אומשטענדען פּרעזערווירען זיין פּראַכט־פולע שאַפונג — די ישיבה.

אין די כמעט זיבען צעהנדליג יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ (זינט תרכ״ט) האָט די ישיבה דורכגעמאַכט פיעלע תקופות. פון אַ קיבוץ פון עטליכע בחורים האָט זי זיך ענטוויקעלט אַלס איינע פון די גרעסטע ישיבות אין איירופּא.

די תקופה פון גייסטיגען פּראַכט און גלאַנץ, וועלכע די אַמאָליגע תלמידים דערמאָנען, זיינען געוועזען די לעצטע צעהן יאָהר פאַר דער וועלט־מלחמה, צווישען די יאָהרען תרס״ה־תרע״ה, אַ דאַנק דער מיטווירקונג און גרויסע הילף פון אַזעלכע פיהרענדע און בויענדע כחות ווי דעם חפץ חיים׳ס איידים, הגאון ר׳ הירש לעווינסאָן זצ״ל, דער ראש־ישיבה הגאון ר׳ נפתלי טראָפּ זצ״ל, און הגאון ר׳ משה לאנדינסקי זצ״ל.

די מלחמה מיט איהרע גרויזאַמע חורבנות, הונגער און עפּידעמיעס, האָט פאַראורזאַכט דעם פאַרלוסט פון די צוויי גרויסע ליכטער, ר׳ הירש און ר׳ נפתלי.

און כ״ד אלול תרצ״ג, ווען די ישיבה האָט ערליטען דעם גרעסטען און שווערסטען קלאַפּ — דער חפץ חיים איז נפטר געוואָרען, האָבען פיעלע געמיינט אז די לעבעדיגסטע אוןווירקזאַמסטע ירושה, וועלכע דער חפץ חיים

הרב ר' ארי' ליב פופקא, חפץ חיים'ס זוהן,
איצט רב און נשיא הישיבה פון ראדין

הרב ר' מנחם מנדיל יוסף זאקס,
איידים פון חפץ חיים, ראש ישיבה דראדין

הרב ר' יהושע לעווינזאָן,
מנהל הישיבה ראדין
אייניקעל פון חפץ חיים

הרב ר' אייזיק זאב [illegible]
[illegible] ראדין
אייניקעל פון חפץ חיים

געגענווערטיגע פיהרער פון „ישיבת חפץ חיים"

[illegible]

כבוד ידידי הרה״ג [illegible]

[illegible]

[illegible]

הנה הבשורה טובה שכבר נתקבל לרב בעיר [illegible]

[illegible]

א בריוו פון דעם גאון רבי משה לאנדינסקי זצ״ל צום מחבר

ווען ער האט באקומען א רבנות אמט

האט געלאָזען צום כלל ישראל, וועט אַזעלכע שרעקליכע ערשיטערונגען ניט קאָנען אריבערטראָגען. די השגחה האָט אָבער איהרע וועגען אויסצופיהרען איהר רצון. „איידער ס'געהט אונטער די זון פון עלי'ן שיינט אויף די זון פון שמואל'ן", ערקלערט דער תלמוד.

בחייו האָט שוין ר' הירש געזוכט פאַרצובערייטען אַ ממלא מקומו. ער האָט זיין בן יחיד דעם נאָכפאָלגענדען מנהל הישיבה הרב הגאון ר' יהושע לעווינסאָן פון זיין פריהסטע יוגענד מחנך געווען פאַר דיזען אַמט.

אַ קורצע צייט בעפאָר זיין פטירה האָט ער אַלס מאַן פאַר זיין טאָכטער דאברושע אויסגעקליבען איינעם פון די אויסגעצייכענסטע אין די ישיבות, וועלכער איז פריהער אויך געווען אַ תלמיד פון דער „ישיבת חפץ חיים" — הרב הגאון ר' אליעזר זאב קאפלאן, דער צווייטער מנהל פון דער ישיבה, איהר גייסטיגער פיהרער און וועג־ווייזער, אזוי אויך אין יאָהר תרפ"א, עטליכע מאָנאַטען פאר זיין פטירה האָט ר' הירש מציע געווען זיין שווער אלס חתן פאַר זיין אינסטער טאָכטער פייגעלע, איינעם פון די מצוינים'דיגסטע תלמידים פון זיין ישיבה, באַריהמט מיט זיינע עלוי'ישע כשרונות, פלינקע תפיסה, שאַרפען שכל און טיפע הבנה, באַקאַנט אין דער ישיבה אַלס מענדיל שידלאָווצער (אויפ'ן נאָמען פון זיין געבורט־שטעטעל). אינטערעסאנט זיינען געווען די תנאים וואָס דער חפץ חיים האָט מיט'ן חתן אויסגענומען. היות ער גרייט זיך צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל, דאַרף פארשטאַנען ווערען, אַז די התחייבות וועלכע ער נעהמט אויף זיך צו זיין אידידים, זאָלען איהם אויף קיין פאַל פון דער רייזע ניט צוריקהאַלטען. ער זאָגט איהם צו קעסט, כדי ער זאָל קענען אונגעשטערט זיצען און לערנען. פאַרפליכטעט זיך איהם אויס־צוהאלטען דריי יאָהר ביי זיין טיש, זאָל ער אָבער וויסען, אז מצד התחייבות איז ער מעהר ניט מבטיח ווי „פת וקטניות", ד. ה., ברויט מיט גרויפען. „אויב דער אויבערשטער וועט מיר העלפען, וועט זיין א שטיקעלע פלייש אויך. איך בין דאָך א שטיקעל בעל־הבית".

אָבער מערקווירדיג, וועהרענד אין הבטחות איז דער חפץ חיים געווען קאַרג, ער האָט זיי געזוכט צו מינימיזירען (אין איינקלאַנג מיט די חסידים פון די בעלי התלמוד), איז ער אָבער למעשה שטענדיג געווען א זריז און מיט אַלע מיטלען געזוכט צו דערגרייכען דעם מאקסימום לויט די כחות און אומ־שטענדען. ער האָט אין דער ווירקליכקייט תמיד אַליין אַכטונג געגעבען אַז זיין באַליבטער אידידים זאָל האָבען וואָס מעהר באַקוועמליכקייטען. ער פלעגט פערזענליך אַכטונג געבען און פאָדערען פון די בני בית צו באַזאָרגען ר' מענדל'ען מיט דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע. ער פלעגט אָפטמאָל אַליין זיצען לעבען איהם בעת'ן עסען און קוועלען, זאָגענדיג „איך האָב הנאה צו זעהן ווי איהר עסט. . . אייער עסען איז ביי מיר אזוי ליעב ווי אייער לערנען...

איך האב אייך ליבער ווי א טאטע זיין בן־יחיד". דער חפץ חיים פלעגט איהם באטראכטען אלס טרייסט אויף זיינע עלטערע יאהרען. אין זיינע תפילות פלעגט ער אפגעבען א שבח והודי' צום רבונו של עולם פאר געבען איהם אזא פיינעם איידים.

די לעצטע צעהן יאהר פון זיין לעבען איז תמיד דער איידים געווען נאהענט צו זיין שווער. ער פלעגט לערנען טעגליך מיט איהם צוזאמען. דער חפץ חיים פלעגט איהם איבערגעבען זיינע מחשבות און געפיהלען און זיך מיט איהם בעראטען אין אלע שווערע ענינים, סיי בנוגע לערנען, סיי אין עניני הכלל פלעגט ער דאן פריהער דורכרעדען און דורכטראכטען פריהער מיט ר' מענדל'ען. אונגעהויער גרויס איז געווען דער כבוד וואס דער חפץ חיים פלעגט צוטיילען זיין יונגען איידים. ער פלעגט אויף קיין פאל זיך ניט לאזען באדינען פון איהם. ער פלעגט איהם זאגאר „איהרצען" און רופען „רבי מענדעל". ער האט אמאל דערהערט ווי זיין פרוי, די רבי'צין, האט זיך ארויסגעכאפט צום איידים מיט „דו", האט ער געהאט פון דעם שטארק פארדרוס. „ס'טייטש, כבוד התורה, מ'דארף דאך זיין נזהר!" האט ער איהר גע'מוסר'ט. ער פלעגט זאגאר לערנען זיין טאכטער ווי אפגעהיט זי זאל זיין אין איהר רעספעקט צו איהר אייגענעם מאן, ווייל ער איז א גדול בתורה. דאס אלץ איז געווען צוליעב דעם, וואס ער האט געזעהן ווי זיין איידים איז געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה און אז צוזאמען מיט זיין בקיאות אין ש"ס ופוסקים שטייגט ער זעהר פיל אין חריפות און טיפקייט אין לערנען. איינמאל, ערב יום כפור, האט ער דעם איידעם צוגערופען און איהם געבענטשט: „השם יתברך זאל אייך העלפען אז איהר זאלט קיין נגיד ניט זיין". פארלויפיג איז די ברכה מקוים געווארען.

אין איינקלאנג מיט'ן חפץ חיים'ס צואה זיינען אלס מנהלים און פארוואלטער פון דער ישיבה באשטימט געווארען דער זוהן און איידעם פון ר' הירש'ן, און אלס דער רבי און ראש הישיבה — זיין איידעם הרב זאקס. די מנהלים האלטען מוסר שמועסען און אפהאנדלונגען איבער עטהישע און מאראלישע ענינים, געבויט אויף מאמרי חז"ל, האבען אויפזיכט איבער דער אויפפיהרונג, קולטיווירונג פון כאראקטער, הארץ און הרגש פון תלמידי הישיבה.

חפץ חיים׳ס צוואה בנוגע דער ישיבה און איהרע פיהרער

הנה אנכי אודיע לעין כל ענין ישיבתינו הק׳ תחלת התיסדותה היה מעת שבאתי מן עיר וואסילישאק לראדין ששם אמרתי שיעור גפ״ת לבחורים גדולים מופלגי תורה. וזה היה בשנת תרמ״ט לפ״ק. ומאז שבאתי לראדין העירני רוחי בע״ה לקבץ בחורים ואברכים ללימוד התורה. וגם נתן ד׳ בלבי לעורר אנשים אודות חלק הדיבור שלא יהיה הפקר ולעשות פתיחה רחבה להציע לפני העולם את גודל ענינה. ונתן ד׳ חיני בעיני העולם שנתקבל דברי וגם נתקבל דברי לענין קיבוץ של תורה יותר ויותר. ובשנת ל״א ול״ב חברתי את הספר חפץ חיים ח״א וח״ב. ונתתי לבי להוציאו לאור ועזרני הש״י שבשנת ל״ג הדפסתיו כולו ונתחזק הקיבוץ ג״כ בע״ה. ובשנת תרל״ו הוצאתי את שמירת הלשון ג״כ לאור עולם. ואף שעסקתי עוד אודות יתר חבורי הנוגע לענין מדות ולענין דברים הנוגע לענין הלכה למעשה מ״מ לא העמלתי עיני מן הישיבה להחזיקה ולהרבותה ולהשגיח עליה בכל ענינים שהיא צריכה. וכן התנהגתי עד שנת תרמ״ג שזיכני ד׳ להשיא בתי לאיש שהוא גאון בתורה וצדיק במעשים מוהר״ר צבי זלה״ה לעווינסאן שלמד אז בישיבתנו. וכאשר בא לביתי נתחזק ב״ה עוד הישיבה ביותר ששנינו עמלנו להחזיקה ולהרבותה וחתני ז״ל נתן נפשו על קיום הישיבה עד ימיו האחרונים זלה״ה. וכה התנהגה הישיבה עד עת פרידתו ז״ל בשנת תרפ״א אשר מאז זכו בניו להיות מנהלי הישיבה ברוחניות וגשמיות הלא המה הרה״ג י״א ר׳ יהושע לייב לעווינסאן נ״י והרה״ג י״א ר׳ אלעזר זאב קאפלאן נ״י והמה מתאמצים בכל עוז להחזיק הישיבה הק׳ על מעמדה מיום פטירת אביהם זצ״ל ועתה לעת זקנותי היה בדעתי ליסע לאה״ק ולהשאיר הישיבה על מקומה ועשיתי כל הכנות הנצרכות לזה. אכן מן השמים עכבוני שפתאום ביום שהייתי מוכן לנסוע נחלתה אשתי במחלה מסוכנה ואינה יכולה לנסוע. ולפי דברי הרופאים אינה יכולה כלל לנסוע וממילא אני מוכרח להשאר פה. וכאשר זיכני הש״י להשיא בתי לאיש גדול בתורה וי״א שמו מוהר״ר מנחם

יוסף זאקס ב"ר יעקב מרדכי נ"י אני מוסר הזכות שיש לי לחתני הנ"ל שיהיה ר"מ בהישיבה מכחי ומזכותי להגיד שיעור בגפ"ת לפני הישיבה לבד הר"מ הקודם הגר"נ שליט"א, וזכות פרנסתו יהיה ג"כ מקופת הישיבה ומחוייבין לפרנסו ג"כ כדי צרכו מהנ"ל. ולע"ע קצבנו סך ששים וחמשה דולר לחודש. ונכדי הרה"ג ר' יהושע לייב והרה"ג ר' אליעזר זאב יהיו מנהלי הישיבה בכל עניניה הגשמיים והרוחניים כמקדם ואין לאחרים שייכות בהם. ולראיה באתי על החתום ביום ב' י"א טבת תרפ"ו לפ"ק פה ראדין. — נאום ישראל מאיר ב"ר אריה זאב הכהן מחבר ספר חפץ חיים ומ"ב.

גם אנחנו שנינו באנו על החתום שהסכמנו לקיים כל הנ"ל בשטר זה ולראיה חתמנו שמותינו יום ב' י"א טבת תרפ"ו לפ"ק פה ראדין. — נאום יהושע לייב באמו"ר הגה"צ מוהר"צ זצ"ל לעווינסאָן ונאום אליעזר זאב במהור"ר בנימין קאַפּלאַן.

הרב ר' חיים חזקיהו מדיני זצ"ל, מחבר פון די ספרים „שדי חמד"
[illegible]

הרב ר' בן ציון שטערנפעלד זצ"ל — ביעלסק
פריערער רב אין [illegible] א. א.
[illegible]

הרב ר' יצחק בלאזער זצ"ל (ר' איצעלע פעטערבורגער)

הרב ר' צבי הירש ראבינאוויץ זצ"ל
אב"ד קאוונע

הרב ר' יוסף ראזין זצ"ל (דער ראגאטשאווער) — דווינסק

הרב ר' ישראל יהושע טרונק זצ"ל (ר' יהושעלע קוטנער)

הרב ר' משה מרדכי עפשטיין זצ"ל
ראש ישיבה סלאבאדקע

הרב ר' מאיר דן פלאצקי זצ"ל
אב"ד אסטראווצע.

רב חיים — וואלאזשין
הרב ר' רפאל שפירא זצ"ל.

הרב ר' מרדכי ראזענבלאט זצ"ל
אב"ד סלאנים (פריער אין אשמינע)

זון פון הרב ר' שמחה זיסל זצ"ל
הרב ר' נחום זאב זיו
קעלם

הרב ר' [illegible] זצ"ל — [illegible] רב
[illegible]

הרב ר' שלום מרדכי הכהן זצ"ל
בארימטער בערזשאנער רב
[illegible]

הרב ר' יצחק זעליג מארגנשטערן זצ"ל
סאקאלאווער רבי

הרב ר' משה שאצקעס, שליט"א
לאמזשער רב

הרב ר' מאיר שפירא זצ"ל, רב ור"מ — לובלין

הרב ר' אהרן קאטלער, שליט"א
ראש ישיבה קלעצק

ב"ה יום ד' ויצא ברנוויטש

שלום וברכה לידידי הנכבד יקר ומאד נעלה הרה"ג
מוה' משה נ"י [illegible] אחדש"ה ברגשי כבוד ואהבה
בעת האחרונה הייתה בלונדון ובזה יום אחדים כאשר
שבתה הנה ומצאתי את מכתבו בצירוף הסך 10 דולר והנני
להשיב לו תודה וברכה עבור זה. אך יש [illegible] בעתונים
[illegible] הקודש [illegible] שישלחו לרבון
ושם יסדרו בתוך שאר דברי [illegible] ובזה אנו
בלב בדעתה לעשות כן. הנה מסינסינטי שולחין
לישיבות תמיד ואמנו לא ידענו מזה אף פעם אחת
אולי ידוע לכה"ר באיזה אופן אפשר לפעול אצלו
לטובתנו אולי יש לכה"ר מכירים בסינסינטי אשר
יוכל לבקש שישתדלו בזה אם אפשר שיש
בנויארק מי מהרבנים אשר דבריהם יתקבלו אצל
ראשי הועד בסינסינטי.
המוקירו ומכבדו [illegible] ומברכו ואות בכ"ס
בחיים ושלום ורב טוב אלחנן בונם וסרמן

א בריוו פון דעם גאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל
צום מחבר וועגן פערפאסן א ביאגראפיע אויף דעם חפץ חיים

פ.

ר׳ אלחנן וואַסערמאַן

צווישען די געצעהלטע גרויסע תלמידים פון חפץ חיים, וועמעס לעבנים קאַריערע איז פאַרבינדען מיט בויען און פיהרען ישיבות, דער הויפט „חפץ חיים אידעאַל״, איז אַמנאָהענטסטען צום שרייבער, הגאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן. דער שרייבער האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין איינער פון זיינע תלמידים, אין די יאָהרען תרע״א־תרע״ב, ווען דער לעצטער איז געווען ראש ישיבה אין בריסק. אָט דער רבי האָט איהם נאָכהער געשיקט לערנען אין ראדין, צו טרינקען פון זעלבען קוואַל פון וואַנען ער האָט אַליין אַזויפיל געשעפּט.

(געשריבען אין יאָהר תרצ״ט).

צווישען די הויפּט ראשי ישיבה פון די גרויסע וועלט־ישיבות פאַר־נעמט ר׳ אלחנן זעהר אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ. זיין פּאָפּולאַריטעט און באַריהמטקייט דערגרייכען ווייט איבער די גרעניצען פון דער ישיבה. דער קרייז פון זיינע פאַרעהרער און די ווירקזאַמקייט פון זיין השפעה זיינען גרויס און איבעראַל מאסגעבענד, זיין שטימע הערט זיך אויף אַלע וויכטיגע פאַרזאַמ־לונגען פון רעליגיעזען אידענטום אין אייראָפּע, זיין מיינונג איז וואגיג זאָגאָר צווישען די חסידישע רביים פון פּוילען און זייערע נאָכפאָלגער, טראָצדעם וואס ער באַלאַנגט צו די אַזוי גערופענע מתנגדים און ליטוואַקעס, איז ר׳ אלחנן פון די אנערקענטסטע ראשי המדברים בכל מקום.

געבוירען געוואָרען איז ר׳ אלחנן אין יאָהר תרל״ו ביי עלטערן קרעמערס אין בירז, ליטא, די געבורטס שטעטל פון זיין מוטער. נאָך זיין בר מצוה האָט די משפחה זיך איבערגעצויגען אין דער געבורט שטאָט פון זיין פאָטער קיין בויסק, לאַטוויא. אין עולם הישיבות איז דאריבער ר׳ אלחנן מפורסם געווען אַלס „דער בויסקער״. צווישען די יאָהרען תרנ״ב־תרנ״ז האָט ער פאַרבראַכט אין דער ישיבה אין טעלז, אַלס איינער פון די מצוינים׳דיגסטע תלמידים פון די גאונים ר׳ אליעזר גארדאן זצל און ר׳ שמעון שקאָפּ. זיין התמדה איז געווען אויסערגעוועהנליך. זיין פאַרטיפקייט אין לערנען, די גראדקייט פון זיין לאָגיק, די קלאָרקייט פון זיינע באַהויפּטונגען און סברות פון זיינע חידושי תורה, קשיות און תירוצים האָבען איהם געמאַכט באַריהמט צווישען די לומדים אין ישיבות.

די זומערן פון די יאָהרען תרנ״ז־תרנ״ח האָט ער פאַרבראַכט אין ליבוי אונטער דער השפעה פון גאון הדור ר׳ חיים הלוי סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב, וועלכער פלעגט דאָרט זיין זומער ביים ים. ר׳ חיים׳ס וואונדערבאַרער דרך אין לערנען, זיין שאַרפער אַנאַליטישער מח, זיין טיפע און קלאָרע הבנה האָבען אַנטדעקט פאַר׳ן בויסקער נייע וועלטען.

דער באַריהמטער גאון ר׳ מאיר אטלס וועלכער איז דאמאלט געווען רב אין סאלאנט האָט איהם אויסגעקליבען אַלס איידעם. אין הויז פון דיזען גדול האָט ר׳ אלחנן געהאט אַ געלעגענהייט צו זיצען אונגעשטערט על תורה ועל עבודה ממש יומם ולילה. אין יאָהר תרס״ג איז ר׳ אלחנן אויפגענומען געוואָרען אַלס ראש־ישיבה אין אמטשיסלאַוו. זיינע כחות אלס רבי און בעל השפעה האָבען זיך ענטפלעקט, און זייט דאַן אַרויסגעוויזען זיך מיט אַן אונגעהוירע דינאַמישע קראַפט. אין אמטשיסלאוו האָט ר׳ אלחנן לאַנג ניט פאַרבראַכט. אַלס גרויסער בעל מדות האָט ער חושש געווען טאָמער איז ער פוגע בכבוד פון דעם דאמאָלסטיגען רב וועלכער האָט לויט ר׳ אלחנן׳ס איבערקלערונג געהאט חשק אויך צוזאָגען דעם שעור אלס ראש ישיבה. נאָך אַ צייט פון ווינציגער ווי צוויי יאָהר האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין שווער.

אין יאָהר תרס״ז איז ר׳ אלחנן געפאָהרען אַלס פרוש צו לערנען אין ראדין ביים חפץ חיים אַלס איינער פון „כולל קדשים״ וועלכען דער חפץ חיים האָט מיסד געווען און וואו יעדער יונגער מאן איז געווען פאַרפליכטעט אויסער זיינע שעורים אין די מקצועות פון הלכות און ענינים הנוגעים בזמן הזה, אויך אָפצוגעבען לכל הפחות דריי שטונדע פאַר די למודים פון קדשים כדי זיך צו פאַרפאַלקאָמענען אין הוראה אין די ענינים וועלכע וועלן נויטיג זיין צו וויסען כדי צופסקן׳נען הלכה למעשה ווען משיח וועט קומען.

דיזע תקופה האָט אויף ר׳ אלחנ׳ן געהאט די שטאַרקסטע און דויערהאַפטיגסטע השפעה. ר׳ אלחנן איז צוגעבונדען געוואָרען צום חפץ חיים מיט אַלע פעדימער פון זיין פיהלענדע האַרץ און פלאַם־פייערדיגע נשמה. ער האָט די קלענסטע געלעגענהייט ניט פאַרנאַכלעסיגט צו זיין נאָהענט צו זיין גרויסען רבי׳ן און לערנען פון איהם אויף יעדער טריט און שריט. באַטראַכטענדיג דעם חפץ חיים אלס לעבעדיגער שולחן ערוך, האָט ער אין זיין יעדעס וואָרט און פעולה געזעהן אַ קוואַל פון תורה.

מיט דער צושטימונג און ברכה פון חפץ חיים אין יאָהר תר״ע איז ר׳ אלחנן אויפגענומען געוואָרען אַלס ראש ישיבה אין בריסק, וואו ער האָט מרביץ תורה געווען ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה. בריסק האָט פאַר ר׳ אלחנן׳ן געהאט אַ באַזונדער צוציהונגס קראַפט. עס האָט איהם ווידער געגעבען אַ געלעגענהייט צו זיין נאָהענט פון דעם גאון הדור ר׳ חיים הלוי

סאלאווייטשיק זצ״ל, ווען ער האָט געהאט דאָס גליק צו באַטראַכטען אַלס רבי וועלכער האָט אויף איהם אויסגעאיבט א טיפע השפעה.

ר׳ אלחנן׳ס גרעסטער פאַרגניגען פלעגט דאָך זיין ווען ער האָט געהאט אַ מעגליכקייט זיך אָראָפּצוכאַפּען פון צייט צו צייט צום חפץ חיים אין ראַדין. ער פלעגט אויסער דעם יעדען יאָהר בקביעות קומען צום חפץ חיים אויף די ימים הנוראים. יעדער התחלת הזמן פלעגט ער שיקען אַ גרופּע פון זיינע תלמידים מצוינים צו לערנען אין דער ישיבה אין ראדין. מיט דיזע תלמידים פלעגט ער שטעהן תמיד אין נאָהענטע פאַרבינדונג, העלפענדיג זיי באַדייטענד מאַטעריעל און גייסטיג.

בעת דער וועלט מלחמה ווען די רוסען האָבען אַלע אידען פאַרטריבען פון בריסק איז ר׳ אלחנן מיט זיין פאַמיליע אַלס היימלאָזע געקומען קיין ראדין, וואו ער האָט ביז׳ן סוף יאָהר תרע״ה געוואוינט. ווען דער מלחמה פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו ראדין און דער חפץ חיים האָט באשלאָסען צוזאמען מיט׳ן גרעסטען טייל פון זיינע תלמידי הישיבה צו עמיג־רירען קיין רוסלאנד, איז ר׳ אלחנן אוועק מיט איהם אין גלות, און צוזאמען זיך אָפּגעשטעלט אין סמילאוויץ, מינסקער גוב. א יאָהר שפּעטער ווען דער חפץ חיים האָט צוליב דער דערנענטערונג פון פראָנט באשלאָסען צו פאַר־לאָזען סמילאָוויץ האָט ער אויפגעפאָדערט ר׳ אלחנן׳ן און איהם געבעטען אַז ער זאָל אָנהאַלטען אַ טייל פון דער ישיבה, ווייל אַזוי ווי עס איז שוין געוועזן אַ צייט אַ מקום תורה וויל ער ניט אַז עס זאָל בטל ווערען. זעלבסט פאַרשטענדליך אַז ר׳ אלחנן האָט ממלא געווען דעם רצון פון רבי׳ן וועלכעס איז אימער געווען ביי איהם מאסגעבענד ווי הלכה למעשה, — ער איז פאַרבליבען אין סמילאוויץ. מיט איבער מענשליכע אנשטריינגונגען, אונטער די ערגסטע ליידען פון נויט, קראַנקהייטען און פורעניות האָט ער אָנגעהאַלטען די ישיבה בערך 5 יאָהר ביז׳ן יאָהר תרפ״א. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער חפץ חיים קערט זיך צוריק אַ היים האָט ר׳ אלחנן אויך באשלאָסען זיך צוריקצוקערען קיין פוילען פון זיין גלות אין סאָוויעט רוסלאַנד.

קומענדיג קיין פוילן, אין דער ערשטער שטאָדט נאָהענט צום רוסישען גרענעץ — אין באראנאוויץ, האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און באשלאסען צו ארגאניזירען די ישיבה „אהל תורה״.

באראנאוויץ פלעגט אין אמאליגען רוסלאנד באטראכט ווערן אַלס אַ פּאָליטיש־סטראטעגישער פונקט. אין אונאָפּהענגיגען פוילן האָט דיזע שטאָט פארנומען א וויכטיגען פלאץ, זייענדיג די גרעניץ־שטאָט צווישען פוילן און סאָוויעט רוסלאנד. פון דיזען שטאַנדפּונקט איז דאָרט די וויכטיגקייט פון אַ ישיבה געווען פיל־פאַכיג.

אינטערסאַנט איז אַ באַגריסונג פון חפץ חיים וועלכע ער האָט צוגע־שיקט צום ראש הישיבה און צו די דאָרטיגע אידען: „איך געדיינק די צייט ווען ס'איז געווען פאַרבאָטען פאַר אידען צו וואוינען אין באַראַנאַוויץ און איצט האָט מיר השי"ת געהאָלפען צו זעהן דאָרט אַן עדה אידען כ"י (פון אַ באַפעלקערונג פון 30,000 זיינען פופציג פראָצענט אידען) מיט אַ גרויסען מקום תורה אין דער שפיץ פון וועלכען ס'שטעהט אַזאַ אדם גדול — דער גאון וצדיק ר' אלחנן וואסערמאַן. . . "

די איבערגעבענהייט צווישען רבי'ן און תלמידים איז אַ געגענזייטיגע. שווער זיך פאָרצושטעלען אַז תלמידים זאָלען קאָנען מעהר ליבען אַ רבי'ן, ווי ר' אלחנן'ס תלמידים ליבען זייער רבי'ן. אין יאָהר תרצ"ב ווען ס'שוין געווען „באו מים עד נפש", ווען ס'שוין מעהר ניט מעגליך געווען איבערצוטראָגען די נויט און דחקות אין דער ישיבה, האָט דאַן ר' אלחנן באשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקא. ווען ער איז שוין געווען גרייט צו באשטייגען די שיף, האָט ער פלוצלונג דערהאלטען א לאנגען עקספרעס בריוו אונטער געשריבען פון יעדען איינעם פון זיינע הונדערטע תלמידים אין באַראַנאַוויץ מיט א הארץ־רייסענדע בקשה. די תלמידים בעטען רחמים דער רבי זאָל זיי ניט פאַרלאָזען, זיי ווילען ליבערשט הונגערן אבי האָבען דעם רבי'ן לעבן זיך . . . טיף געריהרט ביז טרעהרן. ניין ער קאָן ווייטער שוין ניט פאָהרען. . . ער פאָהרט צוריק אַ היים, צו זיינע תלמידים.

אָבער ליידען משמעות האָבען אויך אַ גרעניץ. דער פלאַנמעסיגער באָיקאָט וואָס האָט געשטרעבט צו רואינירען די פוילישע אידען עקאָנאָמיש, האָט ניט פארפעהלט זיין טייוולישע ווירקונג אויף דעם מצב פון די אידען אין באַראַנאַוויץ. ווי קאָנען הילפלאזע אידען העלפען? אפילו „לחם צר ומים לחץ" פעהלט שוין אויס, וואָס ווייטער אלץ מעהר. דער רבי בעט זיך ביי זיינע תלמידים זיי זאָלען איהם איצט מעהר ניט שטערן. ער קאָן מעהר ניט צוקוקען „די ישיבה האלט זיך נאָר אויף רוחניות, אדאנק צו מסירת נפש פון די תלמידים. „תורה" אָהן „קמח" קאָן זיך דאָך אָבער לאַנג ניט האלטען.

איז ר' אלחנן געווען געצוואונגען צו פאָהרען קיין אמעריקא כדי צו קריגען שטיצע פאר זיין ליבלינג די ישיבה. ער איז אומעטום אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס דרך ארץ. און עס זיינען געשאַפען געוואָרען לעגענדעס, עס ווערען דערצעהלט איבעראל מעשיות וועגען זיין גרויסע צדקות און זעל־טענע מדות.

און „מעשה צדיק" קומט מען צו איהם נאָך ברכות. אָבער ר' אלחנן ענטזאָגט זיך קאַטעגאָריש פון צו ערפיהלען אַזעלכע בקשות. „זייט מקיים דאָס וואָס די תורה הייסט און אייער ברכה — איז זיין געווענליכער ענטפער —

איז אַ געזיכערטע״. צו איינעם, וועלכער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל איהם דוקא געבען אַ ברכה, האָט ר׳ אלחנן געענטפערט: „ווען איהר וואָלט מיר געקאָנט אַזוי, וויפיעל איך קאָן זיך אַליין, וואָלט איהר צו מיר נאָך קיין ברכה ניט געקומען״.

רבי אלחנן האָט קיינמאָל קיין רב ניט געוואָלט זיין. ער האָט אונטער קיינע אומשטענדען ניט געוואָלט אויף זיך נעמען דעם „עול הרבנות״ זאָגאַר ווען די שטאָדט שאוועל, ליטא האָט אין יאָהר תרפ״ו נאָך דער פטירה פון הגאון ר׳ מאיר אטלס זיך ביי איהם געבעטען צו פאַרנעמען דעם בכבוד׳יגען כסא הרבנות אויף וועלכען זיין שווער איז געזעסען ביי צוויי צעהנדליג יאָהרען. זיין נאָבעלע פרוי ז״ל אַן אמת׳ע צדקניות און גרויסע מלומדת האָט זעהר שטאַרק געוואָלט אַז איהר באַריהמטער מאַן זאָל איבערנעמען די ירושה. ראשית צוליעב סענטימענטאַלע געפיהלען און אויך צוליב „כבוד בית אבא״ אום פאַרצוזעצען די פראכטפולע טראַדיציע, האָט זי דאריבער פאַרלאַנגט אַז ר׳ אלחנן זאָל צושטימען צו ווערען שאוולער רב. זי האָט אויך חשק געהאט אויסצובעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון איהר פאַמיליע ווייל זאגאר אין די צייטען ווען די לאַגע אין דער ישיבה איז ניט געווען זעהר שלעכט פלעגט ר׳ אלחנן זיך ניט פארגינען צו נעמען אַלס שכירות מעהר ווי אויף די הויפט נויטווענדיגקייטען. ניט וועלענדיג איבערלאָזען די ישיבה און זיינע תלמידים. האָט ער איהר געענפערט אַז ער פיהלט זיך ניט ראוי אָדער פאַסיג גענוג צו זיין אַ רב אין אַזאַ שטאָדט. האָט זיין פרוי פאַר זיך געזעהן בלויז איין אויסוועג ווי אַזוי צו ווירקען אויף איהם: נעמליך, זי האָט איהם פאָרגעלייגט, אַז זי פערזענליך וועט פאָהרען קיין ראדין זיך שואל עצה צו זיין מיט׳ן חפץ חיים און ווי ער וועט זאָגען אזוי זאָל ער טאָהן. קעגען אַזאַ הצעה האָט ר׳ אלחנן לכתחילה ניט געהאט וואָס אויסצוזעצען. זיין פרוי האָט זיך שנעל פאַרטיג געמאַכט צו דער רייזע און ווען די פוהר איז שוין געשטאַנען גרייט איהר צו נעמען צום וואקזאל און זי איז אריין זיך צו געזעגענען מיט איהר מאַן, איז זי אַ פאַרציטערטע געוואָרען איהם געפינענדיג שטעהן מיט א בלאַסען פנים איבער וועלכען הייסע טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט און מיט אַ פאַרקלעמטע שטימע געמורמעלט „ווי אזוי קאָן איך פארלאזען די ישיבה!״ . . . זי האָט מאָמענטאַל אויפגעגעבען איהר פלאַן און זיך אָפגעזאָגט פון איהר וואונש.

די באַראַנאָוויטשער ישיבה איז אזוי ווי אלע גרויסע ישיבות אין פוילען און ליטע שטע׳לענדיג מיט זיך פאַר א פיל־פארביגע בילד, ווי א רעגענ־בויגען, רעפלעקטירענדיג א מין קיבוץ גליות בזעיר אנפין. אין איהר מיטע זיינען פאַראַן תלמידים מכל תפוצות ישראל, איינשליסענדיג אמעריקא. דאָ

האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין וואונדערליכער האַרמאָניע מערב און מזרח, חסיד און מתנגד. דורות־אַלטע מחיצות זיינען אָפּגעווישט געוואָרען. איין גרויסער דראַנג און באַגעהר באַהערשט אַלע תלמידים — צו לערנען מיט התמדה און חשק וואָס מעהר און וואָס טיפער, אונטער דער אינסטראַקטיווי־טעט און השפּעה פון זייער גרויסען רבי'ן, וועלכער רעפּרעזענטירט אַן עק־זעמפּלאַרע פּערזענליכקייט, א דערהאַבענע פּאַרקערפּערונג פון גאונות בתורה ויראת שמים, פון מוסטערהאַפטע מסירת נפש און קידוש השם, פון עקשנות'דיגע אויסגעהאַלטענקייט און פּרינציפּען און אידעאַלען.

ר' אלחנן איז איצט דער אַנערקענטער און פּראָמינענטסטער תלמיד מובהק פון חפץ חיים. ער ווערט איבעראַל פאַררעכענט אַלס זיין נאָהענטסטער און איבערגעגעבענסטער נאָכפאָלגער. זיינע ערהאַבענע מדות, מעשים און הנהגות, אומבייגזאַמער כאַראַקטער, זיין זהירות, זרירות און פייערדיגע קנאות, זיין פּשטות, ישרות און תמימות רעפלעקטירען אַמשעהנסטען דאָס לעבען און ווירקונג פון חפץ חיים.

ר' אלחנן'ס חידושי תורה אויף סוגיות פון ש"ס ווערען פון צייט צו צייט פאַרעפענטליכט דורך זיינע תלמידים און פאַרעהרער. אויך זיינע פאַרעפענט־ליכטע מאמרים און פּאָלעמיקס באזירט אויף תורה און מוסר זיינען דורכגע־נומען מיט'ן רוח פון זיין רבי'ן דעם חפץ חיים.

צווישען זיינע פאַרעפענטליכטע ספרים און זשורנאַלען, זיינען:
1) „ספר שו"ת הרשב"א", מלוקטים מתוך ספרי השו"ת ואחריהם, „ספר קובץ הערות" למסכת יבמות, פּיעטרקוב, תרצ"ב; 2) „אהל תורה", דריי טיילען, באַראַנאָוויץ, תרפ"ד; 3) „קונטרס דברי סופרים", פּיעטרקוב, תרפ"ד; 4) „קובץ שעורים", באַראַנאָוויץ, ווי אויך פילע מאמרים, חידושי תורה און דברי מוסר אין פאַרשידענע זשורנאַלען, צייטונגען און העפטען.

אנשטאט אן הקדמה

פאר די לעצטע צוויי הונדערט יאהר האבען אידישע פיהרער געזוכט וועגען און מיטלען ווי אזוי צו פרעזערווירען און פארשטארקען די פונדאמענטאלע עלעמענטען פון אידענטום. עס זיינען אנטשטאנען פארשידענע אידעאלאגיעס, לאזונגען און באוועגונגען.

א דאמינירענדע קראפט אין דער פרעזערווירונג פון ריינעם אידישען לעבען און זיינע הייליגע טראדיציעס איז געווארען דאס חסידות. דער חסידישער דרך פון התלהבות׳דיגער עבודת השם, פון הארציגער שמחה און אינערליכער עקזאלטירונג האט געווארימט און אינספירירט דעם אידען. באזעלענדיג איהם מיט ענטוזיאזם, האט עס איהם געמאכט פארגעסען די גלות־יסורים. די קורצזיכטיגקייט פון מענשליכען שכל, די באגרעניצונגען פון זיינע כחות הנפש זיינען זעלבסט־פארשטענדליכע פרינציפען אין דער לעהרע פון חסידות. עס ווארפט אריין דעם מענשען אין א סודות־פולע סביבה, וואו אלע און אלץ איז א קוואל פון טיפער חכמה און יעדע געשעהעניש א פענאמענאלע מאניפעסטאציע פון דעם כח כל הכחות, דער אין סוף וואס איז סובב כל עלמין. דער חסיד פיהלט אין יעדען ווינקעלע פון דער נאטור דאס געטליכע און גראדע דאס אונפארשטענדליכע דערוועקט אין איהם אונגעהויערען עקסטאז און רופט ארויס די גרעסטע באוואונדערונג, אויסשרייענדיג — מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית.

א באדייטענדען בייטראג צום קיום התורה איז אין די לעצטע דורות געוועז די שיטת המוסר. עס לערענט די וויכטיגקייט פון זעלבסט־פארטיפונג פון אינערליכער התבוננות און חשבון הנפש. עס העלפט דעם מענשען צו פארשטעהן זיך אליין, וויסען די אייגענשאפטען און פאטענציעלע כחות פון זיין פערזענליכען מהות, באגרייפען זיינע פליכטען און אויפגאבען, זיינע מעגליכע מדריגות פון עליה און ירידה. יעדענפאלס, איז מוסר אלס אן אייגנארטיגע שיטה ניט געווארען א פאפולערע באוועגונג אין פאלק. עס איז עד היום פארבליבען בלויז א קראפט אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די תלמידים אין די מעהרסטע אזוי-גערופענע ליטווישע ישיבות און אויך געלאזען א השפעה אויף די יחידי סגולה אין מאנכע שטעט און שטעטלאך אין ליטע.

זעהר טראגיש האבען זיך געענדיגט די באמיהונגען אריינצופאסען די גראנדיעזע אידישע תורה אין די ענגע ראמען פון מענשליכען שכל, מאכענדיג

די אלט־פארהייליגטע טראדיציעס אפהענגיג פון דער פילאזאפיע. די פרינ־ציפען פון דער תורה האבען דאך אן אייביגען און אלגעמיינעם ווערטה און זיינען ניט בלויז צוגעפאסט צו א באזונדער צייט אדער ארט, וועהרענד די פילאזאפישע באהויפטונגען און גרונדלאגען ווערען נאכאנאנד געענדערט לויט די צייטען און באגריפען פון די דורות, בבחינת פושטת צורה ולובשת צורה. זוכענדיג צוצופאסען דאס אידענטום צו די כלומר'שטע פאדערונגען פון צייט און סביבה האט די פילאזאפיע געבוירען די השכלה און רעפארם באוועגונגען, דאס האט געפיהרט צו אסימילאציע און אין מעהרערע פאלען צו שמד.

דער מאדערנער נאציאנאליזם אדער ציוניזם מיט זיין לאזונג פון לאנד און שפראך, באטאנענדיג די ווירדע פון אידישען פאלק, האט אפגעראטעוועט א באדייטענדען טייל אידען פון אסימילאציע און שמד. דיזע אידעע פארמאגט אבער ניט די אייגענשאפטען צו פארזיכערען דאס פאלק א סאלידען באדען פאר זיין קיום, ווייל עס איז אויבערפלעכליך אין מאטיוו און אין גייסט. דערנענטערענדיג א סך פון די אפגעפרעמדעטע, דערוויטערט עס גלייכ־צייטיג פילע פון די נאהענטע. דער רעליגיעזער איד זעהט אין דעם פריהען נאציאנאליזם א — נהיה ככל הגוים טענדענץ, וועלכעס ער באטראכט אלס נישט ווינציגער שעדליך ווי אסימילאציע. פאר איהם איז די אויפפאסונג פון אידישען נאציאנאליזם אונצושיידבאר מיט זיין אמונה. לאנד און שפראך זיינען איהם טאקע הייליג, ליב און טייער, אבער בלויז אלס מיטלען צו א העכערער שטרעבונג, צו א מעהר דערהאבענער דערגרייכונג. ער איז ניט קיין איד ווייל ער איז א ציוניסט, נאר א ציוניסט ווייל ער איז א איד.

דיזע אלע שיטות און שטרעמונגען זיינען דעם חפץ חיים געווען גענוי באקאנט. אין זיין דריי־פיר דורות'דיגען לעבען האט ער דורכגעמאכט פאר־שידענע עפאכען. ער האט אבער ניט באלאנגט צו קיין איינעם פון די אוי־בענדערמאנטע לאגערען.

אבוואהל פערזענליך האט דער חפץ חיים געפיהרט א לעבען פון אמת'ער חסידות, פון לויטער קדושה וטהרה, האט געוואוסט קלאר די קבלה ליטעראטור און איז געווען הויך־געאכטעט ביי חסידים און זייערע רביים (דער רעספעקט איז געווען געגנזייטיג), פונדעסטוועגען איז ער ניט געווען קיין חסיד אין דעם פאפולערען זינן פון ווארט. געלערענט האט דער חפץ חיים ספרי מוסר און תמיד גע'עצה'ט אנדערע זיי צו לערנען, פונדעסטוועגען קען ער ניט באצייכענט ווערען אלס מוסר'ניק. בכלל האט ביי איהם דאס מוסר לערנען, דאס זאגען מוסר, אזוי גוט ווי זיינע מוסר־ספרים אנגענומען א גאנץ אנדער ווענדונג — ספעציפיש חפץ חיים'דיג אין אינהאלט און אין כאראקטער. געליבט האט דער חפץ חיים ארץ ישראל מיט אלע פעדימער

פון זיין הארץ און נשמה, האט כל ימיו גע׳חלום׳ט זיך דארט צו באזעצען, דאך איז ער לכל הדעות קיין ציוניסט ניט געווען, לויט׳ן מאדערנעם באגריף פון ווארט.

געווען איז דער חפץ חיים דער גרויסער איד, וועמענס זאנדערבארע פערזאן האט כולל ומקיף געווען די ווערטהפולסטע שטרעבונגען און אספי־ראציעס. ער האט פארגעשטעלט א כאראקטעריסטישען טיפ פון א נאטיר־ליכסטען און נארמאלסטען אידען. פשטות איז געווען דער הויפט שטריך אין זיין מוסטערהאפטער הנהגה. לעהרען און דערגרייכונגען. ער האט ניט געקלעטערט אויף קיין הויכע בערג, איז נישט געפליגען אין דער לופטען, נאר געלעבט און געווירקט אין דער וועלט, מיט מענשען און צווישען מענשען. פריש־לעבעדיג און ווירקזאם זיינען פאר איהם געווען די אונערשעפליכע קוואלען פון ירושת האבות. צו וואס זוכען נייע עצות, צו וואס גראבען נייע ברונימער, צו וואס אויסטראכטען נייע וועגען, אז די אלטע זיינען אזוי קלאר, גלאט און אנציהענד? הלמאי געבען פארצוג דעם מוח איבער׳ן הארץ, ווארום געבען משפט הבכורה צו דעם רגש, אדער די עמאציאנען און געפיהלען פון מענש איבער זיין קאפ, זיין שכל? פארוואס לאזען אויסהונ־גערען די אידישע נשמה אויף אזא ארימע דיעטע פון לאנד און שפראך, מאכענדיג דעם עיקר פאר א טפל און דעם טפל פאר אן עיקר, ווען אלץ איז אזוי הייליג און וויכטיג?

יעדער איינער פארשטייט, אז עס איז פיל שווערער צו עסען לשם שמים איידער צו פאסטען לשם שמים — אז דאס עסען און טרינקען לשם מצוה ערב יום כיפור איז א פיל גרעסערער נסיון ווי דאס פאסטען לשם מצוה יום כיפור. עס פאדערט פיל מעהר אנשטריינגונגען נאכצופאלגען א לעבען פון קדושה וטהרה ווען מען עסט און טרינקט, איידער ווען מען איז עוסק אין סגופים און התבודדות, די תורה דערצעהלט: ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו, כי לקח אותו אלקים (בראשית ה׳), מיינענדיג (לויט ספרים), אז חנוך האט אין זיינע הויכע מדריגות דערגרייכט צו אזא שטופע, אז זיין פיזישער וועזען איז פארוואנדעלט געווארען אין גייסט, ער״ איז דאריבער גענצליך פארשוואונדען געווארען אין הימעל. עהנליכעס ווערט אויך דער־צעהלט וועגען אליהו הנביא, אז ער איז א לעבעדיגער ארויף בסערה השמים (מלכים ב׳ ב׳), וועהרענד משה רבנו וועלכער האט דערגרייכט די העכסטע מדריגה מעגליך פאר א ילוד אשה צוצוקומען, ולא קם נביא בישראל כמשה אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים, (דברים ל״ד), האט פונדעסטוועגען ניט דורכ־געמאכט אזא איבערנאטירליכע אויפשטייגונג ווי חנוך און אליהו. פארוואס? די תשובה איז, אז דאס באווייזט אדרבה די אונפארגלייכליכע גרויסקייט פון משה׳ס מדריגות.

אַבוואָהל משה האָט געלעבט אויף דער ערד און געפיהרט א מעהר וויינִיג נאַטירליכען לעבען, מיט׳ן פאָלק און פאר׳ן פאָלק, האָט ער מיט זיינע גייסטיגע מעלות און מדריגות דערגרייכט די העכסטע הימלען און איבער־געשטיגען אלע פאר איהם און נאָך איהם. ער האָט דערוואָרבען די דערהאָ־בענסטע שטופע פון פראַכטפולקייט און שלמות. דאָך — והאיש משה ענו מאד מכל אדם אשר על פני האדמה. משה רבנו איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט ניט באַדאַרפט אויפגעבען זיין גשמיות׳דיגע באַריהרונג מיט דער וועלט, זיין כסדר׳דיגען קאָנטאַקט מיט מענשען.

א געוויסער גדול האָט אמאָל באמערקט: די חז״ל זאָגען עלת לקרתא הלך בנימוסא, אז מ׳זאָל ניט משנה זיין פון מנהג המקום וואוהין מ׳קומט. א ראי׳ ברייִנגען זיי פון משה רבנו, ווען ער איז געווען במרום וואו ס׳איז ניטאַ קיין אכילה ושתיה האָט ער דאָרט ניט געגעסען — ואשב בהר ארבעים יום וארבעים לילה לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי (דברים ט׳). דאַגעגען ווען די מלאכים זיינען אראָפּגעקומען אויף דער וועלט האָבען זיי אלס אורחים פון אברהם׳ן יאָ געגעסען, איז דאָך אייגענטליך א פראַגע, וואָס איז די ראי׳ פון דעם וואָס משה רבנו האָט אין דער הויך ניט געגעסען, ער האָט דאָך דאָרט ניט געהאַט וואָס צו עסען ווייל ס׳איז דאָך ניטאָ דאָרט קיין שפּייז?

דער ענטפער איז אז די עיקר ראי׳ איז גאָר פון דעם וואָס משה רבנו האָט נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער הויך געלעבט צווישען פאָלק און זיך נוהג געווען כבני אדם, צו וואָס האָט ער עס אזוי באַדאַרפט טאָהן? אויב ניט צו לערנען, אז לעולם אל ישנה אדם מנהג המקום. און טאַקע אין דעם וואָס טראָץ זיין איבערפלעכליכע וועלטליכקייט איז ער גע־בליבען מתחלה ועד סוף משה רבנו — ותחסרהו מעט מאלקים, האָט ער באוויזען זיין אונאיבערשטייגענדע גרויסקייט.

צו דער קאַטעגאָריע פון דיזען סאָרט אויסגעצייכענטע האָט געהערט דער חפץ חיים. ער האָט טעגליך געהאַט זיינע שטונדען פאר התבודדות פאר אינערליכער התעוררות און חשבון פון זיינע פערזענליכע מעשים. ער פלעגט זיך אויס׳טענה׳ן מיט׳ן רבונו של עולם אויף זיין פשוט׳ער, הארציגער שפּראַך, און ריהרענדער השתפכות הנפש. מיט ביטערע טרערען פלעגט ער זיך באַקלאָגען אויף די ליידען פון גלות, אויף די שרעקליכע צרות וואָס זיין פאָלק שטהעט כסדר אוים א. ז. וו., נאָך אזעלכע מאָמענטען פון עלית הנשמה האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין פשטות׳דיגען סאָרט לעבען מיט׳ן פאָלק און פאר׳ן פאָלק און מ׳האָט אויף איהם לגמרי גאָרניט דערקענט.

מיט זיין שלמות׳דיגער הנהגה און עקזעמפּלהאַפטען לעבען האָט ער

געלערנט, אז די תורה איז די גייסטיגע שפייז פאר'ן אינערליכען וועזען פון מענשען, א קוואל פון חיות פאר יעדען גייסטיגען גליד פון מענשען. דער קיום היהדות איז תלוי אן קיום המצוות. אז אבוואהל די מחשבה איז דער פאטער פון מעשה, קאן די מחשבה בלויז דורך מעשה קומען צו איהר שעהנסטען און דייטליכסטען אויסדרוק, אז אזוי ווי די נשמה קאן אויף דער וועלט נישט האבען קיין קיום און ניט דערגרייכען קיין תיקון אהן דער הילף פון גוף, אזוי אויך קאנען ניט דער שכל, מח און הארץ דערגרייכען פאלקאמענהייט אהן גוף־מעשה, דאריבער זיינען די אלע מצוות התורה וויכטיג וויייל יעדער איינע באלייכט א באזונדער ווינקעל אין די פנימיות'דיגע חדרים פון אדם השלם, און אז די שלמות פון איין מצוה אדער פון איין גרויסע מצוה איז תלוי אן דער אנדערער, אלע קומען דאך פון זעלבען קוואל מסיני — סיי די פון בין אדם לחברו, סיי די פון בין אדם למקום.

משל למה הדבר דומה:

א קראנקער האט פארלוירען דעם אפעטיט, האט געליטען פון קאפשמערצען, געפיהלט וועהטאג איבער'ן גאנצען קערפער, דא דאס הארץ, דא די לונגען, א. ז. וו. זיינען געקומען פארשידענע מעדיצינער. איין דאקטאר האט לויט זיין דיאגנאזע דערקלערט אז די קראנקהייט איז א נוראלאגישע, ער האט איהם דאריבער געגעבען רפואות צו שטילען די וועהטאגען פון קאפ, דער הארץ ספעציאליסט האט רעקאמענדירט רפואות צו סטימולירען און שטארקען דאס הארץ. דער לונגען דאקטאר האט אויסגעפונען אז די רעספיראטארישע ארגאנען זיינען געשעדיגט און האט דאריבער געראטען דעם חולה ראשית כל צו בייטען דעם קלימאט כדי דאס אטעמען זאל איהם זיין באקוועמער, דער בלוט ספעציאליסט האט געזוכט אויפצולעבען די בלוט צירקולאציע. דער כירורג האט גאר געהייסען מאכען אן אפעראציע. די אלע מיטלען האבען אבער פארפעהלט אויסצוהיילען דעם קראנקען, ביז וואנעט ס'איז אראפגעקומען אן אנדער פראפעסאר און נאך א געגויער אונטערזוכונג פעסטגעשטעלט, אז דער קראנקער ליידט פון פארנאכלעסיגען זיינע שפייזען. אז די סיבה פון אלע זיינע מחלות איז זיין פארלאזען די נאטירליכע נארהאפט־שפייזען פאר קינסטליך־צוגעגרייטע שפייז. דאס האט פארדארבען זיין מאגען, פאראורזאכט א דרוק אונטער'ן הארץ, פארקירצט זיין אטעמען און צושטערט זיין נערוועזן סיסטעם. כדי געזונד צו ווערען מוז דאריבער דער חולה שטריינג נאכפאלגען א רעקאמענדירטע דיעטע.

אזוי האט עס אויך פאסירט מיט'ן אנגעוועהטאגטען ארגאניזם פון אידענטום. מאנכע אזוי גערופענע דאקטוירים האבען געזוכט צו היילען דעם קאפ, צו שטארקען דעם מח, מאנכע האבען פארגעלייגט סטימולאנטען פאר דאס הארץ, אנדערע האט זיך פארוואלט מאכען אפעראציעס, אפשניידען דא

א גליד, דאָרט אַן אנדער טייל, ס'האָבען זיך אויך געפונען אזעלכע וואָס האָבען פאַרגעשלאָגען א בלוט־טראנספיוזאציע, א צוזאמענמישונג פון בלוטען אנדערע האָבען גע'עצה'ט אן אומבייט פון קלימאַט אדער אטמאָספערע. . .

אָבער דער חפץ חיים איז דורכאוים באשטאַנען אז די ווירקזאמסטע סגולה און הויפּט הילף איז זיך צוריקצוקערען צו אן אמת אידישען לעבען, צו א נאַטירליכען, ניט געקינסטעלטען נאָר פאָלקאָמענעם אידישען לעבען, א לעבען אָהן פשרות, א לעבען פון קדושה וטהרה פון אהבת תורה ויראת שמים. ס'ניטא קיין אנדער עצה . . .

די אידישע היסטאָריע איז כידוע איינגעטיילט אין תקופות, פעריאָדען:

תקופת אנשי כנסת הגדולה, תקופת התנאים, תקופת האמוראים, תקופת רבנן סבוראי, תקופת הגאונים, תקופת ראשונים, אחרונים, א. א. וו. האָט ר' אלחנן אמאָל געפרעגט דעם חפץ חיים:

מילא, בזמן התלמוד האָט מען געוואוסט די איינטיילונג פון די תקופות, ווייל זיי האָבען געהאַט דעם סיפרא דאדם הראשון, וואו ס'שטעהט: „רבי ור' נתן סוף משנה, רב אשי ורבינא סוף הוראה" (ב"מ פ"ו), אָבער לאחר חתימת התלמוד, פון וואַנען האָבען זיי געוואוסט די גרעניצען, ווען ס'ענדיגט זיך איין תקופה און אן אנדער תקופה דאַרף זיך אָנפאַנגען?"

האָט דער חפץ חיים איהם געענטפערט:

ווי מיר זעהען געהען די דורות כסדר באַרג אראָפּ (אין גייסטיגען זין). וואָס ווייטער פון קבלת התורה ווערען די דורות אלץ נידעריגער. „אם הראשונים כמלאכים אנן כבני אדם וכו'". זיי געהען אראָפּ כסדר שטופּענווייז „ממדרגה למדרגה כיורד מן הסולם". דאַנגענען ווען עס בייט זיך א תקופה איז דאָן די ירידה אַ האַסטיגע, ווי מ'וואָלט אראָפּגעפאַלען פון א הויכען אָרט אין א טיפען גראָבען — „מאיגרא רמא לבירא עמיקתא". דעריבער ווען מיר זעהען די אונפאַרגלייכליכקייט צווישען דעם פאַרגאַנגענעם דור און דעם דור וואָס קומט נאכהער; די אונעהנליכקייט צווישען די נאָכפאָלגער און זייערע פאָרגענגער, אז די שפּעטערדיגע זיינען גאָרניט פון דעם סוג פון די פריהערדיגע, פארשטעהט מען דאמאָלט, אז עס האָט זיך געביטען א תקופה.

„גלייכצייטיג ווערט אויך באַוויזען, אז דער לעצטער, מיט וועמען די תקופה האָט זיך געשלאָסען, איז געווען כמעט דער גרעסטער פון זיין תקופה. אזוי האָבען מיר א באַשטעטיגונג פון די קדמונים, אז דער לעצטער, מיט וועמען די תקופת הגאונים האָט זיך געשלאָסען — רב האי גאון 1) איז געווען דער גרעסטער פון די גאונים, אויך אז אין די דורות פאַר אונז האָט

1) זעה „ספר הדורות: „רב האי גאון בן רב שרירא נעשה ראש ישיבה בחיי אביו בשנת ד' תשנ"ז והוא הרביץ תורה בישראל יותר מכל הגאונים, ולאורו הלכו דורשי תורה ממזרח שמש עד מבואו, וכמוהו לא היה לפניו בגאונים, והוא סוף הגאונים . . ."

זיך געשלאָסען א תקופה מיט'ן ווילנער גאון, וועלכער איז געווען דער גרעס־טער פון זיין תקופה" 2).

פיהרט דאריבער ר' אלחנן אוים:

„זעהענדיג די שרעקליכע און שנעלע ירידה אין די לעצטע צוויי צעהנדליגע יאָהרען, וואָס איהר גלייכען איז ניט צו געפינען „מיום היות ישראל לגוי", פארשטעהט מען, אז איצט לעבען מיר בווס סוף פון איין תקופה, און ביים אָנפאנג פון אן אנדערער. דער חפץ חיים, זייענדיג דער לעצטער פון זיין תקופה, איז אָהן שום ספק אויך געווען דער גרעסטער פון זיין תקופה".

אין דעם לאנגען צעטעל פון אייגענשאפטען, סגולות הנפש, מעלות המדות והשכל פון חפץ חיים איז באזונדערס מערקבאר זיין ליכטיגער בליק, זיין קלאָהרע וויזיע און די וואכזאמקייט פון זיין הויך־ענטוויקעלטער הרגשה. זיין טיף־פיהלען האָט ניט געוואוסט פון קיין גשמיות'דיגער מחיצה, פון קיין קערפערליכער קליפה.

ער פלעגט תמיד באטאָנען, אז דער מרגיש (די פיהלענדע קראפט) אין מענשען איז דער נפש, ניט דער גוף און אז די מחיצה פון גוף שוואכט נאָר אָפּ די הרגשה. אלס באווייז קאָ מען זעהן: ווען מען לייגט צו א הויט־אָפּגעשיילטע האנט צו א ווארימער כלי פיהלט זי מעהר, און אויב די פלייש איז אויך ניטאָ אויף דער האנט, נאָר בלויז די מוסקולען אליין, זיינען דאָ־מאָלט די שפּורען אונגעהויער גרעסער. די ערקלעהרונג איז פשוט, די הויט און פלייש רופט דער פסוק מלבוש „עור ובשר תלבישני". און אויב מען גיט דעם מענשען א קלאַפּ, ווען ער איז נאַקעט, פיהלט ער דעם וועהטאָג פיל מעהר, איידער ווען ער איז געקליידעט 3).

דער חפץ חיים איז געווען פיל וויינינגער געקליידעט אין גוף, ווי אלע אנדערע מענשען. ער האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות. איז דאריבער קיין וואונדער ניט, אז זיין הרגשה איז געווען פיל איידעלער

---

2) זעה ר' חיים וואָלאזשינער'ס הקדמה צום הגר"א'ס ספר „שנות אליהו" אויף ס ד ר ז ר ע י ם . ער באוואונדערט זיין רבי'ן אלס חד מקמאי, אבי כל תופשי התורה . . .

וקצת מן הקצת דרכי תורתנו יעידו עליו וחיבוריו הקדושים הרבה. אין קץ . . . בנגלה . . . ובנסתר . . . הי' אשכול גדול שבגדולים . . .

ואף גם אם יזכו הדור שיתפשטו כל חיבוריו הקדושים, אפס מקצת מן המקצת מקצה תורתו וחכמתו תראו וכלם לאתרא ולא תוכלו לשערו. אך תדעו ותאמינו כי אין חקר לתבונתו וחכמתו ודעתו הרחבה מני ים וכערך טפה נגד ים הגדול, כן ערך חיבוריו נגד חכמתו המרובה, ואם אף אלף שנה יחי' אדם לא יפסיק לכתוב כל חכמתו שנתגלה לו במעין הנובע ממש. וכל פה ילאה לספר כל דרכי חסידותו ופרישותו מעוה"ז והפלאת קדושתיו ומעשיו המרובים" . . .

3) ר' יוסף קארו אין זיין ספר „מגיד משרים" דערקלעהרט אין נאָמען פון „מגיד" (געהיימניספולער אדער מיסטעריעזער „זאָגער", וועלכער פלעגט איהם איבערגעבען סודות), אז דער צער און עגמת נפש, וועלכע א מענש פיהלט אין חלום, זיינען גרעסער, ווי ווען ער איז וואַכזאַם, ווייל בעת א מענש שלאָפט איז זיין נפש דאמאלט וויינינגער באקליידעט אין גוף, איז דאריבער זיין הרגשה גרעסער.

און טיפער. זיינע ווערטער און געדאנקען פלעגען ביי איהם ארויסקומען מאָדנע איינפאַך, אזוי ווי ער וואָלט שארען אוצרות טייערע פערל פון דער תורה אָהן באזונדערע אָנשטריינגונגען און שוועריגקייטען. ער פלעגט נישט דארפען קיין הקדמות, האָט ניט געמוזט פאַנאַנדערנעמען די פארצוימונגען, וועלכע האָבען פאר אנדערע פארשטעלט די שיין פון רוחניות'דיגע באגריפען. ער פלעגט גלייך אריינדרינגען לפני ולפנים, און משיג זיין דעם אינהאלט פון דעם שווערסטען ענין. זיין זעלטענע פערלדיגע מויל, זיין באגאבטע פען און זעהר קלארע שפּראך האָבען אמשעהנסטען פונקציאָנירט פאר הייליגע באַגריפען. זיינען דאריבער זיינע אונצעהליגע דברי תורה, געדאנקען און מיינונגען אינהאַלטסרייך, שארף און בליציג אָזי זייער פשטות, באלעהרענד און אינספּירירענד אין זייער תוך.

דעם חפץ חיים'ס דרך הפשטות איז ווירקליך אָריגינעל און אייגענאַרטיג. עס איז ניט קיין אויבערפלעכליכקייט, נאָך די ליכט פון ריינעם אמת. פאר אנדערע איז עס פארדעקט מיט כמה מיני לבושים, פאָדערט פיל צייט, פארטיפונג און יגיעה. יעדער ענין א חידוש, יעדער געדאנק אן איבערראשונג, יעדער באגריף א נייע ענטדעקונג. וועהרענד ביים חפץ חיים איז יעדער ענין אויסגעקומען פשוט, יעדער פּראָבלעם קלאָר. אלץ איז ביי איהם געווען זעלבסטפארשטענדליך, בבחינת „סוד ה' ליראיו".

דער גאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי פלעגט קאָנען אָפּזיצען שטונדען לאנג און שלינגען יעדער ווארט פון חפץ חיים. א באגייסטערטער האָט ער אמאָל, נאָכ'ן חפץ חיים'ס א רעדע, באמערקט:

„זיינע ווערטער זיינען דאָך ווי לחם מן השמים (הימלישע שפייז) ווי דער מן אין דער מדבר אין וועלכען יעדער איינער האָט געקאָנט פיהלען דעם טעם לויט זיין געשמאַק!"

דיזער צווייטער טייל ענטהאלט אן אוצר פון טיף באגייסטערענדע תורה־ווערטער, עפּיזאָדען, הנהגות און געדאנקען, געזעהן און געהערט פון חפץ חיים, איבערגעגעבען אין א קלאָר פארשטענדליכער שפּראך. אין פילע ערטער ווערען די ענינים באגלייט מיט זעהר וויכטיגע און ווערטפולע באַמערקונגען (הערות) פון שרייבער. אלץ איז איינגעטיילט און קלאַסיפיצירט לויט ענינים (מעהר ווי צוויי צעהנדליג), צום ביישפּיל: „צדיק און רשע", „תורה לערנען", „עלטערען און קינדער", „שבת און יום טוב", א. ז. וו.

אויך פאר באקוועמליכקייט וועט דער לעזער געפינען אן אינהאלט־פארצייכענונג (מפתח) לויט די סדרות, אדער פרשיות פון יעדער וואָך. דער תוכן איז דאריבער אינסטרוקטיוו און אינטערעסאנט פאר אלעמען, צוגעפאסט פאר אלע צייטען און פאר יעדער געלעגנהייט.

צדיק און רשע

יעקב מיט עשו׳ן

ויתרוצצו הבנים בקרבה (בראשית כ״ח)

א.

„רש״י פרעגט: מאי רציצה זו? אין הימעל האָט מען זיך אָביסעל צו־ריקגעהאַלטען אַרויסצולאָזען עשו׳ן אויף דער וועלט, ווייל דאָס באַדייט דאָך אַ חורבן פאַר אַלץ וואָס איז שעהן און אידעאַליסטיש אין לעבען. ווידער, לאָזען יעקב׳ן אַליין געבוירען ווערען, וואָלט דאָך קיין קונץ ניט געווען צו זיין אַ יעקב, אויב עס וואָלט קיין עשו ניט געווען! צוליב דעם איז געוואָרען אַ „ויתרוצצו״, ווייל עס איז שוין לאַנג צייט געווען רבקה זאָל זיי געבוירען; מען האָט זיך אָבער אין הימעל שטאַרק מיישב געווען — און אַלץ צוליב עשו׳ן.

ספרים זאָגען, אַז עשו איז געקומען צוליב רבקה׳ן, ווייל זי איז געווען אַ בת רשע און יעקב צוליב יצחק׳ן, ווייל ער איז געווען אַ צדיק בן צדיק. ויעתר לה ה׳, גאָט האָט זיך צוגעהערט צו יצחק׳ס תפלה צוליב יעקב׳ן, אָהן וועלכען די וועלט וואָלט זיך ניט געקאָנט באַגעהן. צוליב ע ש ו ׳ ן וואָלט מען זיך גאָרנישט געאיילט.

ב.

נאָך איידער זיי זיינען געבוירען געוואָרען, האָבען זיי שוין געקעמפט איינער מיט׳ן אַנדערען (ויתרוצצו הבנים). אַרויסקומענדיג אין דער וועלט, האָט שוין יעקב צוריקגעהאַלטען עשו׳ס טריט (וידו אוחזת בעקב עשו). דאָס איז מרמז, אַז עשו וואָלט אימער גרייט געווען צו צעטרעטען יעקב׳ן, אויב דער לעצטער וואָלט איהם ניט געהאַלטען ביים קנאַפּעל.

ג.

יעקב האט פאראויסגעזעהן, אז זיינע קינדער וועלען דארפען אויס־שטעהן א לאנגען גלות אונטער עשו'ן. גרויס און פיל־באדייטענד איז געווען דער זינען פון גראנגעל מיט'ן אומבאקאנטען, וועמען די חז"ל רופען אן „שר של עשו". „ויאבק איש עמו עד עלות השחר". זייער שטרייט האט געדויערט א גאנצע נאכט, ביז פריהמארגען. אמת, דעם מלאך האט זיך איינגעגעבען אויסצולינקען א פוס ביי יעקב'ן, אבער באזייטיגען איהם אין גאנצען, האט ער ניט געקאנט. יעקב וועט טאקע דארפען דורכגעהן א פינסטערען גלות, אבער ענדליך וועט ער דערזעהן די ליכטיגקייט פון טאג.

ד.

לעתיד לבא (בעלות השחר), וועט יעקב באווייזען אז אין דער צוריק־געשטאנענקייט פון זיינע קינדער, זיינען גיכער שולדיג די עשו'ס, ער (דער שר של עשו), איז פאראנטווארטליך וואס די פוס איז אוועקגערוקט געווארען פון איהר נאטירליכען ארט. „ויגע בכף ירכו ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו", דאס איז א רמז אויף זיינע קינדער, ווייל „ברא כרעיה דאבוה".

ה.

דער מלאך (שטן, יצר הרע, אדער שר של עשו) האט זיך געראנגעלט מיט יעקב'ן, דעם לעצטען פון די אבות. פאר וואס האט ער אזוי לאנג געווארט? פאר וואס האט ער פריהער קיין מאל ניט פארזוכט צו קעמפפען מיט אברהם'ן אדער מיט יצחק'ן?

דער תירוץ איז: מיר ווייסען, אז דער עמוד החסד, דער סימבאל פון חסד (טוגענד, גוטסקייט צו מענשען) איז געווען אברהם אבינו (חסד לאברהם), דער עמוד העבודה, סימבאל פון דינען גאט, ווערט רעפרעזענטירט דורך יצחק'ן, וועלכער האט אויסגעשטרעקט זיין האלז אויפ'ן בארג מוריה. וועהרענד דער עמוד התורה, סימבאל פון לערנען תורה, ווערט רעפרעזענטירט דורך יעקב'ן (תתן אמת ליעקב). דער שר של עשו געהאט געדולד צו פאר־טראגען דעם חסד פון אברהם'ן, די עבודה פון יצחק'ן, אבער ווען עס איז געקומען צו תורה, האט ער א דערשראקענער באשלאסען מעהר ניט צו פארשווייגען, ער איז דאריבער אנגעפאלען אויף יעקב'ן פארפירענדיג מיט איהם א מלחמה („חומת הדת").

ו.

יעקב אבינו, דער יושב אהלים, זיין כח הקדושה איז סימבאליש נגד די תלמידי חכמים פון אלע דורות. לויט'ן זהר הק' איז דער קאמפף געווען

צווישען דעם **הקול קול יעקב** און די **ידים ידי עשו**. אַדאַנק די תלמידי חכמים אין יעדען דור וועלכע לערנען מיט מסירות נפש די תורה, קאָן עשו ניט בייקומען יעקב'ן. עשו באַריהמט זיך מיט זיין אָפּשטאַם און שייכות צו אברהם'ן און יצחק'ן, זייערע אייגענשאַפטען פון חסד און עבודה, אָבער ווען עס קומט צו תורה, איז אין תורה בגוים. עס לערנען נאָר די קינדער פון יעקב'ן. אויף דעם געביט האָט עשו מיט גאָרניט זיך צו באַווייזען קעגען יעקב'ן, ער קאָן איהם דאַריבער פאַר קיין פאַל ניט באַזיגען.

ז.

ויגע בכף ירכו... קודם עלות השחר,ביים סוף פון גלות האָט ער איהם געצייגט אַז די פוס פון יעקב'ן, די **תמכין דאורייתא**, די שטיצערס פון תורה — וועלכע האַלטען אונטער די לערנער, וועלען „פאַר־קריפּעלט" ווערען, די ברוטאַלע ידי עשו וועלען האָבען אַ שטיקעל זיג. אָבער יעקב וועט דאָך דעם קאַמף ניט אויפגעבען. און דער חפץ חיים פלעגט איבערזאָגען אין נאָמען פון זיין איידעם ר' הירש ז"ל, אַז זאָגאַר ווען יעקב האָט זיך דערפיהלט אָפּגעשוואַכט, האָט ער דעם געראַנגעל ניט אויפגעגעבען, ער האָט פאָרטגעזעצט די מלחמה, פאַרטיידיגענדיג זיינע פאָזיציעס מיט די לעצטע כחות, אַזוי ווי די תורה דערצעהלט, **ותקע ירך יעקב בהאבקו עמו**, אַז ער האָט אָנגעהאַלטען דעם קאַמף אויך דאַמאָלט ווען דער כף פון זיין ירך איז שוין געווען אויסגעלינקט...

קיין בזיונות

אין יאָהר תרצ"א, ווען ער איז איינמאָל געוואָרען זעהר קראַנק, האָט ער דאַמאָלט פאַר זיין פּלימעניק הרב ר' מרדכי בער באַדויערט מיט אַ טיי־פען זיפץ: „יסורים ממרקין עונותיו של אדם" (ברכות ה' ע"א). — „יסורים — זיי זיינען אַ רפואה פאַר'ן מענשען (חולי הנפש). אַזוי איז אויך בזיון, וואָס אַ מענש ליידט אין לעבען. אָבער ס'אַ אומגליק מיט אַזאַ מענשען, ווי איך, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבען קיין בזיונות ניט געהאַט..."

מאַנט פון זיך זעלבסט

מען האָט איהם איינמאָל געהערט רעדענדיג צו זיך מיט אַ ציטער־דיגער שטימע, געשטיקט פון טרערען: „ישראל מאיר, דו ביזט שוין באַלד ניינציג יאָהר אַלט, ווען וועסטו תשובה טהאָן!"

ווען ס'איז איהם איינמאָל אַ פאַרטאָג געווען שווער אויפצושטעהן, האָט ער אָנגעפאַנגען: „וואס רעדסטו (מיינענדיג דעם יצר הרע) מיר איין, אַז איך בין שוין אַלט? דו ביזט דאָך עלטער פון מיר, פונדעסטוועגען ביזטו שוין וואָך, דו שלאָפסט גאָרניט!" און ער האָט זיך גלייך מיט אַלע כחות געשטאַרקט און זיך אויפגעהויבען.

ניט אָפּלייגען 1)

של נעליך מעל רגלך, כי המקום אשר אתה
עומד עליו אדמת קודש הוא (שמות ג').

יעדער מענש דאַרף שטרעבען אַלע מאָל צו שטייגען העכער אין זיינע גייסטיגע מדרגות. אַזוי ווי דער סימבאָלישער לייטער, וואס יעקב אבינו האָט געזעהן אין זיין חלום, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער ערד און זיין שפיץ האָט דערגרייכט דעם הימעל, דאַרף דער מענש ניט בלייבען אויף איין אָרט. אויב ער געהט נישט אַרויף, געהט ער אַראָפּ. מען קאָן אָבער ניט פליהען. מען דאַרף געהן שטופענווייז, פון איין מדרגה צו דער אַנדערער, וואָס ווייטער, אַלץ העכער.

זאָגען די חז"ל: היה עומד בחוץ לארץ יכוין כנגד ירושלים . . . היה עומד בירושלים, יכוין כנגד בית המקדש . . . (ברכות ל' ע"א). ווען מען דאַווענט שמונה עשרה אין חוץ לאַרץ, דאַרף מען מכוין זיין קעגען ארץ ישראל, און ווען מען איז אין ארץ ישראל, דאַרף מען מכוין זיין אַנטקעגען ירושלים, און ווען מ'איז אין ירושלים, דאַרף מען מכוין זיין (שטעהן מיט'ן פנים) צום בית המקדש. עס ווערט אָבער נישט געזאָגט, אַז אויב מען שטעהט אין חוץ לארץ, זאָל מען מכוין זיין גלייך קעגען בית המקדש.

---

1) זעה ספר „מחנה ישראל" (פרק ט'), וואו דער חפץ חיים פיהרט אוים להלכה:
אין פאַל, ווען אַ אידישער סאָלדאַט אויף „סלוזשבע" האָט אַ געלעגענהייט אָפּצולייגען זיין שטעהן אויף מיליטער־וואַך פון היינט אויף מאָרגען, איז ער מחויב עס צו טהאָן, כדי ער זאָל קאָנען תיכף היינט מקיים זיין די מצוות פון תפלה, קריאת שמע און תפילין ובפרט, אויב היינט איז שבת, איז ער זיכער פאַרפליכטעט, אויב מעגליך, אָפּצולייגען זיין דיענסט אויף א וואָכעדיגען טאָג. דאָס רעדט זיך נאָר אויף אַזאַ אופן,

ווייל דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער איבערשפּרונג, ווערענד כונת הלב, דערגרייכענדיג פון קדישה דאַרף געהן בהדרגה.

מ׳דאַרף זיין גרייט אָנצופאַנגען פון דער נידעריגסטער מדרגה און געדולדיג געהן ממדרגה למדרגה. דאָס איז יעדער מענש בכח צו טהאָן.

איז די תורה דעריבער מרמז: זאָג נישט, אַז דו וואָלסט געקענט דערגרייכען אַ העכערע מדרגה, אויב דו וואָלסט געווען אין יענעם׳ס שיך, אין יענעם׳ס פּלאַץ, אָדער אומשטענדען. „טהו אויס דיינע שיך!", ווי באַר־וועס דו זאָלסט ניט זיין, קאָנסטו אָנפאַנגען שטייגען פון איין מדרגה צו דער אַנדערער, כי המקום אשר אתה עומד עליה — אט אין דעם אָרט, וואו דו שטעהסט, אין דער מדרגה, וואו דו געפינסט זיך די ווייַלע, אדמת קודש הוא,

---

אויב מאַרגען וועט ער די מצוה ניט קאָנען מקיים זיין מעהר בשלימות, אדער אז די מצוה מאַרגען צו טהאָן איז ניט קיין גרעסערע און וויכטיגערע ווי די, וואָס ער וועט היינט טהאָן.

ווי איז אבער, אויב צוליב דעם קיום המצוה היינט, וועט ער געשטערט ווערען פון צו קאָנען מקיים זיין מאָרגען אַ גרעסערע און האַרבערע מצוה, אדער טהאָן אַ „מצוה מן המובחר"?

זיינען דערויף פאַראַן פאַרשידענע דעות. צ. ב. ש. אויב דער זעלנער האָט אַ ברירה צו שטעהן אויף דער וואַך ערב יום כיפור, אנשטאָט יום כיפור, אדער ערב שבת אנשטאָט שבת, אַבוואָהל דורכדעם וואָס ער וועט היינט שטעהן אויף דער וואַך, וועט ער גלייך היינט געשטערט ווערען פון צו קאָנען מקיים זיין די מצוות פון תפילין, תפלה וכדומה, דאַגעגען מאָרגען וועט ער קאָנען פאַסטען און וועט ניט געצוואונגען זיין צו קיין חילול שבת אדער יוכ"פ, האַלט דער „חיי אדם" (כלל ס"ח) און מאַנכע אחרונים, אַז ער זאָל בעסער זעהן צו זיין פריי יום כיפור אדער שבת. אנשטאָט ערב יום כיפור אדער ערב שבת. און דער חפץ חיים מאָטיווירט דיזע סברא אַזוי, ווייל די תפלות פון שבת און יום כיפור ענטהאַלטען ספּעציעל די קדושה פון שבת אדער יום כיפור.

די מיינונג פון חפץ חיים איז אבער, אַז בנוגע אַ זעלנער דאַרף, לכל הדעות, זיין, אַז ער זאָל זיך נוהג זיין אַזוי ווי דער „ספר חסידים" הייסט און ניט אָפּלייגען נאָר טהאָן גלייך, וואָס ער קען, ווייל ער איז ניט זיכער מיט׳ן מאָרגען, ד„מי יודע מה ילד יום ופן אח"כ לא יוכל לקיים כלל".

ווערענד אין „משנה ברורה" (סימן תכ"ו) בנוגע דעם דין, אויב מ׳זאָל וואַרטען מיט קידוש לבנה אויף מוצאי שבת, כדי מקיים צו זיין אַ מצוה מן המובחר", פיהרט דער חפץ חיים אויס (זעה „שער הציון"), אַז די דעות פון הגר"א, פון „ב"ח", פון „פמ"ג" און „פ"ת" זיינען, אַז מען זאָל ניט וואַרטען. און ער ברייגנט פון ספר „נ"א", אַז דער עיקר איז אַזוי ווי דער „ספר חסידים" האַלט „דשהוי מצוה לא משהינן אף אם יחשוב שאח"כ יעשה מצוה מן המובחר".

זעה „שו"ת הרדב"ז" (סימן י"ג): אויב אַן אַרעסטאַנט קריגט די מעגליכקייט צו ווערען באַפרייט אויף איין טאָג אין יאָהר, זאָל ער ניט וואַרטען, נאָר גלייך אויס־נוצען די געלעגענהייט, כדי מקיים צו זיין אַלע מצוות, וואָס ער קאָן היינט און ניט אָפּלייגען אויף שפּעטער, אפילו אויב ער וועט דאַן קאָנען מקיים זיין גרעסערע און האַר־בערע מצוות.

זעה „רש"י" אין „סוכה" (דף כ"ה ע"ב): „מצוה קלה הבאה לידך אינך צריך לדחותה מפני חמורה העתידה לבא".

זעה אויך „שו"ת חכם צבי" (או"ח סימן ק"ו), „משנה למלך" (הלכות מגילה, פּרק א׳), „פחד יצחק" (חבוש בבית האסורים), „ברכי יוסף" (או"ח סימן ק"מ) און אין „מחצית השקל" (או"ח, סימן קמ"ז).

קאנסטו עס מאכען פאר הייליגען באדען . . . ווארט ניט אויף אנדערע צייטען דארפסט ניט דיינע שיך צו זוכען אנדערע ערטער. אין להקדש אלא מקומו ושעתו (ערכין כ״ד א׳). יעדע צייט און יעדער ארט זיינען מסוגל פאר עניני קדושה, עס ווענדעט זיך אלץ אין מענשען, אין זיין רצון און חשק.

די גמרא דערצעהלט אין יבמות (דף ע״ו ע״ב), אז איינער פון די תלמידים פון רבי עקיבא, א חבר פון ר׳ יהודא, איז געווען מנימין הגר, א געוועזענער מצרי. מען דארף נאר זיך ניט פוילען. יעדער איינער קאן גרייכען הויכע מדרגות. אט האט א מצרי זיך געקאנט צושלאגען צו אזעלכע מעלות און אויסצייכענונגען . . .

ניט קיין מבין אויף זיך

קטונתי מכל החסדים (בראשית ל״ב).

דער אות „ט״ פון ק ט ו נ ת י איז א קליינער צו וויזען ווי קליין דער מענש זאל זיך זעלבסט ניט האלטען, איז ער אין דער ווירקליכקייט נאך קלענער.

צדיק איז מגין

אם אמצא בסדום חמשים צדיקים בתוך העיר (בראשית י״ט).

כדי דער צדיק זאל מיט זיין זכות מגין זיין אויף דער שטאדט איז ניט גענוג סתם דארט צו וואוינען, נאר ער דארף זוכען מיט אלע כחות צו עפענען די אויגען פון די פארפיהרטע און זיי מחזיר למוטב זיין. דאס איז די כונה פון די ווערטער חמשים צדיקים בתוך העיר, אזעלכע צדיקים, וואס געפינען זיך אין צענטער פון לעבען, וועלכע נעמען אן אקטיוו־פיהרענדען אנטייל אין די מאראלע פראבלעמען פון שטאדט.

משה'ס עניוות

והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר י"ב).

לכאורה ווי אזוי האָט עס משה, וועלכער האָט דערגרייכט צו אזעלכע הויכע מדריגות, האָט ארויסגענומען די אידען פון מצרים, דורכגעפיהרט זיי דורך דעם ים, און זיי געגעבען א תורה — געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו זיין מעהר ענו פאר אלעמען?

דער תירוץ אויף דעם איז — והאיש משה ענו מאד, — ווייל משה רבנו דער גרויסער הימעל־מענש, האָט לויט זיינע הויכע השגות געפילט, אַז ער איז פּראָפּאָרציאָנעל ווייט מעהר הינטערשטעליג אין זיין עבודת השם ווי דער קלענסטער איד, ווייל ער האָט דאָך דערגרייכט די הימלען מיט זיינע השגות, וועהרענד זיי זיינען אויף דער ערד. — על פני האדמה — ערד־מענ־שען.

חסרון אין איהם

וישב משה אל ה' ויאמר למה הרעת לעם הזה למה זה שלחתני ומאז באתי אל פרעה הרע לעם הזה (שמות ה').

ווי קומט עס, אַז משה זאָל מתרעם זיין ח"ו אויף די וועגען פון אויבער־שטען?

דער ענטפער איז, אַז משה האָט צום אויבערשטען קיין טענות ניט גע־האַט, ווייל הצור תמים פעלו. ער האָט אָבער גערעכענט, אַז אין דער באַשווערונג פון שעבוד אין דער פאַרערגערטער לאַגע פון זיינע ברי־דער אין מצרים איז קיינער ניט שולדיג, נאָר ער אַליין — משה.

„רבונו של עולם, האָט ער גע'טענה'ט: „למה הרעת, למה זה שלחתני". די שלעכטס, וואָס זיי ליידען איז א רעזולטאַט פון דעם, וואָס דו האָסט מיר געשיקט והא ראי' פון דער צייט וואָס איך בין ערשינען פאר פרעה'ן איז זייער לאַגע פיל פאַרערגערט געוואָרען . . .

צאהלען אויפ'ן חוב

מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי (תהלים קט"ז).

אז איינער נעמט פון א קרעמער וואארע אויף בארג, כל זמן ער האלט אין צאהלען צו־ביסלאך, אבוואהל ער האט נאך דעם גאנצען חוב ניט באצאהלט, האט ער פונדעסטוועגען דעם מוטה צו בעטען, אז דער קרעמער זאל איהם ווייטער בארגען. אנדערש איז אבער, אויב ער האט נאך גארניט אנגעפאנגען צו צאהלען אויף זיין חוב, דאן האט ער שוין קיין העזה ניט ווידער צו פארלאנגען, מ'זאל איהם טרויען.

דאס באדויערט דוד המלך אין זיינע תפלות:

„ווי קאן איך עפענען מיין מויל און עפעס פון דיר פארלאנגען, אז איך בין דיר שולדיג פאר אלץ, וואס דו האסט מיר געגעבען, איך האב זאגאר נאך ניט אנגעהויבען גוט צו מאכען מיינע שולדען צו דיר!"

נארמאליטעט

דער באקאנטער ד"ר שאבאד פון ווילנע, וועלכער פלעגט אפטמאל אונטערזוכען דעם חפץ חיים, פלעגט נתפעל ווערען פון זיין יוגענדליכקייט און פרישקייט. „דער פולס איז ביי איהם ווייך אזוי ווי ביי א קינד, דאס צייגט אויף זעלטענע, פולקאמענע נארמאלקייט", פלעגט ער זאגען.

א צדיק פאר זיך

בלעדי רק אשר אכלו הנערים וחלק האנשים אשר הלכו אתי הם יקחו חלקם (בראשית י"ד).

וואס אנבעלאנגט צו זיין אייגענער פערזאן האט אברהם געהאנדעלט לפנים משורת הדין, ערקלערענדיג אם מחוט ועד שרך נעל ואם אקח מכל אשר לך, ווערענד בלעדי בנוגע אנדערע, זיינע מיטמענשען האט ער געפאדערט הם יקחו חלקם! אז זיי זאלען קריגען זייער טייל. א מחמיר מעג מען זיין בלויז פאר זיך, אבער ניט פאר יענעם....

אין די מלחמה יאָהרען, זייענדיג מיט דער ישיבה אין סנאָווסק, ווען ער האָט געזעהן, אַז די ישיבה איז שולדיג קרוב צו הונדערט טויזענד רובעל חובות, האָט ער מעהר ניט געוואָלט לייהען. ער האָט דאַן געראַטהען די תלמידים צו פאָהרען אין די אַרומיגע שטעט און שטעטלאַך צו לערנען אין קליינע גרופּעס, וואו זיי וואָלטען באַזאָרגט געוואָרען מיט פּרנסה. „איך קאָן מעהר ניט באָרגען. וואָס וועל איך נאָכהער ענטפערען צו די בעלי חובות, ס'האָט זיך מיר געוואָלט טהאָן מצוות אויף זייער קעשענע!"

די בני הישיבה האָבען אָבער ניט געוואָלט אַוועקפאָהרען. נאָך פּי־לע אָנשטרענגונג פון ר' הירש'ן, איז דעמאָלט געשאַפען געוואָרען די נויטיגע מיטלען אָנצוהאַלטען אַלע תלמידים.

עהנליך האָט דיזער שרייבער פאַרענטפערט אַ פראַגע אויפן פסוק „יקח נא מעט מים" (וירא י"ח ד') 1)

אברהם אבינו, דערצעהלט די תורה, האָט פאַר די אורחים צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה „אל הבקר רץ אברהם". לויט רש"י, האָט ער דאַן גע־שחט'ן דריי יונגע רינדער, כדי צו סערווירען אַ צונג פאַר יעדען איינעם פון די אורחים. שרה'ן האָט ער באַפעהלען צו באַקען פון „שלש סאים קמח סלת" קוכענס. ער האָט אַליין געגעבען זיי פּוטער און מילך, אַלעס לרוב. טאָ וואָרום עפּעס האָט ער זיי גראָד געזשאַלעוועט וואַסער, באַפעהלענדיג זיי צו געבען בלויז „מעט מים" — אַ ביסעל וואַסער?

מען דערצעהלט, אַז ווען ר' ישראל סאַלאַנטער איז איינגעשטאַנען ביי זיינעם אַ מקורב, אַ קאָוונער גביר, ר' יעקב משה כרפס, האָט דער לעצ־טער באַמערקט, אַז אנשטאָט זיך צו וואַשען מיט אַ פולער קוואָרט וואַסער צו נטילת ידים, איז דער רבי תמיד נזהר זיך צו וואַשען בלויז מיט אַ רביעית (קליינער מאָס) וואַסער. האָט זיך ר' יעקב משה ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט איינמאָל דעם רבי'ן געפרעגט:

„רבי — תורה היא וללמוד אני צריך — האָט קיין פאַראיבעל ניט אויף מיר, וואָס איך וועל אייך פרעגען. ווי קומט עס וואָס איהר וואַשט זיך צו נטילת ידים מיט אַ קליין ביסעל וואַסער? ס'שטעהט דאָך, אַז כאָטש מען איז יוצא מיט אַ רביעית וואַסער, זאָלען פונדעסטוועגען מהדר זיין און אויפגיסען פולע הענד" (זעה גמרא שבת ס"ב, ע"ב).

„כ'וועל אייך זאָגען", — האָט ר' ישראל איהם געענטפערט, — „כ'האָב געזעהן, אַז אייער דינסט טראָגט ס'וואַסער פון גאַנץ ווייט און אייער שטוב שטעהט נאָך באַרג־אַרויף, בויגט זי זיך, נעבאָך, אין דרייען, שלעפענדיג די עמערס וואַסער אויף איהרע פּלייצעס, זאָל איך זיין אַ מהדר אויף יע־

1) איבערגעדרוקט פון „המסלה", אדר תרצ"ו.

נעמ׳ס פלייצעס, זיך וואשען מיט א סך וואסער, זיין א צדיק אויף דער דיענסט׳ס קאנטא! ניין, דאס טאר מען ניט!״

אברהם אבינו האט זיך פערזענליך געפארעט מיט די אורחים, די דינדער האט ער אליין צוגעגרייט. באקען קוכענס האט ער שרה׳ן געהייסען, און אשתו איז דאך כגופו. דאגעגען ביי וואסער שטעהט „יקח נא מעט מים״, ער האט באפעהלען, זאגט רש״י, (ע״י שליח), איינעם פון זיינע באדינער צו ברייגגען וואסער פאר די אורחים. דאריבער האט ער געהייסען ברייגגען א ביסעל וואסער, כדי עס זאל ניט אויסקומען, אז ער וויל זיין א צדיק אויף זיין באדינער׳ס קאנטא . . .

ריידענדע עבודה זרה

אן אפיקורסישער בוך איז אזוי ווי עבודה זרה, נאך ערגער, ווייל עס איז דאך א ריידענדע עבודה זרה. איז דאריבער גרעסער די געפאהר פאר־פיהרט צו ווערען.

לעבען אין טויט

מי מנה עפר יעקב ומספר את רבע ישראל
תמות נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמוהו.
(במדבר כ״ג)

א.

לויט חז״ל איז אין דיזע ווערטער מרומז תחית המתים.

בלק האט געפאדערט, אז בלעם זאל ציילען אידען, כדי ס׳זאל צווישען זיי שולט זיין אן עפידעמיע (נגף בפקוד אותם). האט בלעם אין זיין ענטפער ארגומענטירט: אזוי ווי אידען זיינען דורכגענומען מיט׳ן גייסט פון תחית המתים, איז ביי זיי דער טויט א צייטווייליגער צופאל, א סארט שלאף אויף א ווייל (ישני עפר), ערוואַרטענדיג אויפצושטעהן צוריק לעבעדיג, פריהער אדער שפעטער, נמצא, אויב יא ציילען, וואלט מען באדארפט ציילען די געשטארבענע צוזאמען מיט די לעבעדיגע. מי מנה עפר יעקב — טא ווי אזוי איז מעגליך דורכצופיהרען אזא פאלשטענדיגע ציילונג?

ב.

ווי באוואוסט, די מנוחת הנפש וואָס אַ איד פיהלטביים טויט, רופט אַלע מאָל ארויס די באַוואונדערונג פון אנדערש־גלויביגע.

אַזאַ טויט האָט בלעם מקנא געווען, „תמות נפשי״ . . . „ותהי אחריתי כמהו . . . ״

עס האָט זיך איהם געגלוסט צו שטאַרבען אַ אידישען טויט. אַזאַ רשע! עס ווילט זיך איהם צו שטאַרבען ווי א איד, אָבער לעבען ווי א איד, אויף דעם האָט ער קיין חשק ניט געהאַט.

בלעם׳ס פאַלשקייט

ס׳אַ גנב דער בלעם איז געווען! פאַר דער וועלט באַריהמט ער זיך: „לא אוכל לעבור את פי ה׳״, — ער רעדט נאַר מיט גאָט, און אין האַרצען טראָגט ער זיך אַרום מיט מעשה פעור! . . . .

אויסגעהאַלטענקייט

ווען אַ געוויסע פּערזאָן האָט איינמאָל אַ פרעג געטהאָן זיין מיינונג וועגען דער פשרות׳דיגער שיטה פון אַ באַהרימטען גדול . . . „ האָט ער גלייך גאָרניט געענטפערט, שפּעטער ווען ער האָט געהאַלטען אינמיטען דברי תורה האָט ער ציטירט דעם מאמר חז״ל אויפ׳ן פסוק: אם חומה היא נבנה עליה טירת כסף. ואם דלת היא נצור עליה לוח ארז — אם מעמיד הוא דברים כחומה — נבנה עליה טירת כסף, ואם דלת היא — מה (לוח זה) צורה זו אינו אלא לשעה, כך אינו מתקיים אלא לשעה (שה״ש ח׳) און אויסגעפיהרט: „אַ מענש דאַרף זיין אויסגעהאַלטען און שטאַרק אין זיינע פּרינציפּען אַזוי ווי אַ מויער, זיך ניט בויגען, ניט מאַכען קיין פשרות. קוים וואַקעלט ער זיך און דרעהט זיך אַהין און אַהער, אַזוי ווי אַ טיר, איז עס אַ סימן פון שוואַכ־קייט, פעהליגקייט, אָדער גייסטיגע אָרימקייט . . . ״

כידוע פלעגען דעם חפץ חיים׳ס באַשלוסען, ענטפערס און מיינונגען תמיד זיין באַזירט אויף אַ פסוק אָדער מאמר.

מ׳היט איהם אפ פון הימעל

דער חפץ חיים פלעגט ניט עסען קיין זאך, אויף וועלכער מ׳האט באדארפט פרעגען א שאלה. — מדבר שהורה בו חכם.

דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען איז ער אליין שוין געווען הילפ־לאז, פלעגט ער ווערען כסדר באדינט פון זיינע תלמידים. האט פאסירט, אז מ׳האט איהם דערלאנגט עוף־זופ. מ׳גיט איהם מיט דער לעפעל, אבער איידער ער נעמט עס צו די ליפען, טהוט ער פלוצלינג א פרעג צו ס׳איז כשר. זיינען אלע נשתומם געווארען פון אזא אונערווארטעטע פראגע.

„וואס הייסט ? די רביצין האט צוגעגרייט די זופ !״ אבער דער חפץ חיים האלט זיך צוריק פון טועם זיין די זופ און פרעגט ווידער די זעלבע פראגע. ער הייסט געהן פרעגען זיך פרוי צו עס איז כשר. מ׳געהט פרעגען די רביצין, וואונדערט זי זיך, דאס ערשטע מאהל פרעגט מען איהר אזא פראגע.

ס׳איז אויפפאלענד, געהט זי, מאכט א חקירה ודרישה. ווי איבערראשט זיינען אלע געווארען, ווען די רביצין געפינט אויס פון דער דיענסט, אז זי האט געמאכט א טעות. אנשטאט אפצוקאכען פאר איהם דעם עוף, אויף וועלכען ס׳איז קיין שאלה ניט געווען, האט זי עפ״י טעות פארביטען און אפגעקאכט דעם אנדערען עוף, אויף וועלכען ס׳האט זיך געמאכט א שאלה און האט געשיקט פרעגען דעם רב און ער האט עס מכשיר געווען.

אזוי האט מען דעם חפץ חיים אפגעהיט מן השמים. לא יאונה לצדיק און.

די כופרים

תכלית שנאה שנאתים לאויבים הי׳ לי
(תהלים קל״ט).

זאג ניט: „וואסער שלעכטס קאנען מיר די כופרים אין זייער אפיקורסות טהאן ? זיי זיינען אפיקורסים פאר זיך, וואס האט עס צו מיר ?״ טראכט ניט אזוי, ווייל זיי זוכען מיט כל־ערליי תחבולות, אז אנדערע זאלען זיי נאכטהאן, דאגעגען, זיי בעסער מאכען — ווערסטו געוויס ניט. איינמאל ריידענדיג וועגען דעם ענין, האט ער צוגעגעבען: „ר׳ ישראל סאלאנטער פלעגט די ערשטע צייט גלעטען די חברה, אבער די לעצטע יאהרען האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ס׳וועט ניט העלפען, מ׳וועט זיי ניט צוציהען״.

אויך : —

די כופרים מיינען, אַז זיי וועט געלונגען אַריינצוציהען אין זייער גען דעם כלל ישראל. זיי האָבען אָבער אַ טעות. ס׳קומט אַ צדיק, און אַ דאַנק זיין השפעה, ווערט דער כלל ישראל דערנעהענטערט צו עבודת השם.

אויסמיידען ויכוחים

מרגלא בפומיה : —

„מ׳דאַרף אויסמיידען זיך אַריינצולאָזען אין ויכוחים מיט די פרייע. עס איז א טעות צו דענקען, אַז דו וועסט אויף זיי ווירקען, גיכער וועלען זיי אויף דיר ווירקען, דיר אָפּצושוואַכען, איידער דו זיי שטאַרקען."

ער פלעגט דערצעהלען וועגען דער היפּאָקריטסטוואָ און שקרים פון די משכילים אין זיין יוגענד־עפּאָכע, וועלכע שאַפּענדיג אַזעלכע לאָזונגען, ווי: „זיי א איד אין הויז און א מענש אין גאס", האָבען זיי געזוכט איינצורניידען דעם עולם, אַז זיי ווילען בלויז, אַז דער איד זאָל זיך רעפאָרמירען אויסער־ליך, ד. ה. איבעראַנדערשען זיינע חיצוניות, די קליידער, די באָרד און פאות, ווערענד אינערליך האַלטען זיי פון דת און מצוות התורה. ער האָט זיי גוט געקאָנט און געוואוסט, אז זייער פּריוואַט־לעבען, איז געווען גענצליך אין סתירה מיט זייערע עפענטליכע ערקלערונגען.

ווי שוין באַטאָנט, זיינע ערשטע ספרים בעפאָר דרוקען, האָבען פריי־הער געמוזט דורכגעהן די צענזור פון שטיינבערג׳ן, אָדער וואָהל׳ן אין ווילנע.

זיי זיינען געווען אויפגענומען פון דער ממשלה צו צענזורירען אידי־שע ספרים. זיי האָבען גלייכצייטיג געשפּילט אַ פיהרענדע ראָל צווישען די משכילים. דעם חפץ חיים איז איינמאָל, וואַרטענדיג אין הויז פון צענזור אויסגעקומען זיך צוקוקען, ווי דער דינער האָט איהם אויף אַ טאַץ סערווירט אַ געבראָטענעם חזיר׳ל.

דער רשע אויף דער וועלט

מיר זעהען אָפט, אַז גראַד דעם רשע איז גוט אויף דער וועלט. פאַרוואָס? — די תורה ענטפערט אויף דעם: „ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו", ד. ה. אַז דער רבש״ע צאָהלט אָפּ דעם רשע אויף דער וועלט פאַר זיינע גוטע

מעשים, כדי איהם צו באַזייטיגען פון יענער וועלט. דאָס וויל דאָך דער רשע שטענדיג, נאָר עולם הזה.

מען קאָן עס בעסער פאַרשטעהן מיט אַ משל:

אין אַ מדינה האָט אַ מאָל פאַסירט, אַז אַ הויכער בעאמטער האָט פאַר־ראַטען דער מלוכה, פיר וועלכעס עס קומט טויט שטראָף. זייענדיג אַ מקורב למלכות, האָט דער קעניג באַפעהלען איהם ניט צו טויטען בידים, נאָר איהם אַריינצוזעצען אין אַ הויז מיט גלעזערנע ווענט און איהם לאָזען דאָרט אָהן עסען און אָהן טרינקען ביז ער וועט פון הונגער אליין שטאַרבען. און דורך די ווענט וועלען אַלע מענשען זעהן די שטראָף און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, נישט צו באַגעהן מעהר קיין פאַרברעכענס. ווען דער הונגער האָט זיך אויף איהם געשטאַרקט, האָט ער געריסען שטיקער פלייש פון זיך און האָט עס געגעסען.

איז געקומען דאָרט אַ פרעמדער מענש און האָט דערזעהן ווי אַ מאַסע מענשען שטעהען ארום דער הויז און באַדויערען דעם אומגליקליכען ווי ער געהט אויס פון הונגער. וואונדערט זיך דער פרעמדער, „וואָס הייסט, ער געהט אויס פון הונגער, „אָט עסט ער דאָך גאָר פלייש!"

האָבען איהם אַלע געענטפערט: וועה, וועה, צו אַזאַ עסען, ער עסט דאָך די פלייש פון זיין אייגען לייב, אַזאַ עסען איז דאָך שוין ניטא וואָס מקנא צו זיין!

אָט אזוי איז די באַדייטונג פון רשע'ס עסען אויף דער וועלט. דער רשע עסט זיך אליין אויף אַ לעבעדיגער. אזוי ווי ס'שטעהט: „הכסיל חבק את ידיו ואוכל את בשרו" (קהלת ד').

כבוד צו אַ רשע

דערצעהלט הגאון ר' אלחנן וואסערמאן:

אין פריהלינג פון יאָהר תרס"ג, ווען דאָס שטעטעל ראַדין איז אָפּ־געברענט געוואָרען, האָט דער חפץ חיים צוגעשיקט צו די צייטונגען אויפרופען צו העלפען די נשרפים. האָט ער דאמאלט באַדאַרפט שרייבען צו אַ געוויסען רעדאקטאר, וועלכער איז געווען באַוואוסט אלס אַן אפיקורוס. ער האָט גע־זוכט אויסצומיידען איהם צו אדרעסירען מיט אַן אומפאַרדינטען טיטול. ס'האָט איהם גענומען עטליכע טעג ביז וואנעט ער האָט געפונען אַ פאַסיגען אויסדרוק מצמצם צו זיין עס זאָל ניט זיין אַ וואָרט וואָס איז ניט דורכאויס נויטיג צום

ענין. נאָכדעם ווי ער האָט שוין זאגאר אוועקגעשיקט דעם בריוו, האָט ער זיך געזאָרגט און מצטער געווען, טאָמער איז ער ניט געווען פאָרזיכטיג גענוג און האָט געגעבען כבוד צו אַ רשע, וועלכעס איז פּילייכט ניט געווען קיין נויטווענדיגקייט.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען דער זעלבער פּערזאָן איז געקומען אין אַ נאָהענטע שטאָט, האָט מען געמאַכט אַ גרויסען פאראד פאַר איהם. האָט ר׳ אלחנן דעם חפץ חיים דערצעהלט וועגען דעם. האָט ער באַמערקט: „וואָס ווערט איהר נתפעל? איהר האָט געזעהן אַז מען טראָגט... וואָס פאַר אַ פאראד מען מאַכט!" — אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבען, — „נו, ווער ווייס, אפשר האָט ער אַמאָל קינדוויז געזאָגט אמן יש״ר, גיט מען עס איהם אָפּ אויף דער וועלט".

און דער חפץ חיים, פאַררופענדיג זיך אויף אַ געוויסע פּאַסירונג מיט אַסך יאָהרען צוריק, האָט דערצעהלט:

„איך בין אַמאָל געווען אויף אַן אספה אין ווילנע. אויף דער אספה זיינען אַנוועזענד געווען פילע גדולי־הדור, צווישען זיי אויך ר׳ ישראל סאַלאַנטער. האָב איך דאַן געשטעלט אַ פראגע אויף וועלכער קיינער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען: — זאָל זיין אַז מיר זיינען ניט בכח צו האַלטען מלחמה מיט די רשעים, אָבער וואו האָבען מיר גענומען דעם היתר צו געבען זיי כבוד? — און אלע זיינען געבליבען שטיל..."

שלעכטע געזעלשאַפט

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב.
(תהלים א׳).

וואויל איז דעם מענשען, וואָס געהט ניט אין די וועגען פון רשעים און היט זיך פון צו שטעהן אין דעם וועג פון די זינדיגע.

די ערשטע אילוסטראַציע גיט די תורה טאַקע, וואָס האָט פּאַסירט מיט׳ן ערשטען מענשען.

אדם הראשון, דער יציר כפיו של הקב״ה, איז פאַרפיהרט געוואָרען פון זיין לעבענס־קאָמפּאַניאָן חוה...

מ׳דארף זיך תמיד מתרחק זיין פון א שלעכטע סביבה, אדער געזעל־שאַפט אזוי ווי דער רמב״ם אין זיין ספר „אגרת תימן" דערקלערט: „דער

וואָס וואוינט צווישען אַזעלכע וועלכע גלויבען ניט אין ג־ט איז ער גלייך צו זיי". מ'דאַרף זיך דערווייטערען פון פאַלשע קאָמפּאַניע. אזוי האָט געטאָהן אברהם אבינו, ער האָט אַוועקגעוואָרפען זיין פאַמיליע און זיין געבורטס־אָרט און איז אַנטלאָפען פון די געצענדינער.

וה׳ אמר אל אברהם אחר הפרד לט מעמו — זעה רש״י — כל זמן שהרשע היה עמו היה הדבור פורש ממנו.

משה רבנו האָט זיך אזוי פיל מטריח געווען פאר זיין טויט כדי דאָס גאַנצע פאָלק (אלעמען) ווידער דורכצופיהרען בברית ה׳ ובאלתו, אבוואהל ארויסנעמענדיג זיי פון מצרים האָט ער זיי שוין איינמאָל פריהער ביים בארג סיני מכניס געווען בברית ה׳, טאָ צוליב וואָס נאָכאַמאָל?

דערקלערט ער עס גלייך: כי אתם ידעתם את אשר ישבנו בארץ מצרים, ואת אשר עברנו בקרב הגוים אשר עברתם. ותראו את שקוציהם ואת גלליהם . . . (דברים כ״ט), ווייל זייט דאן האָט פאסירט אז איהר זייט דורכ־געגאַנגען צווישען אנדערע גוים און פארבייגעהענדיג האָט איהר דערזעהן זייער אומווירדיגקייטען און געצענדינסט... דאריבער דאַרפט איהר נאָכאַמאָל פון דאָס ניי דורכמאַכען די פּראָצעדורע פון כניסת ברית . . .

נקיי הדעת בירושלים לא היו נכנסין בסעודה אלא א״כ יודעים מי מיסב עמהם (סנהדרין כ״ג). די נקיי הדעת פון ירושלים פלעגען ניט אנטייל נעמען אין א סעודה, סיידען זיי האָבען געוואוסט ווער עס זיצט לעבען זיי. זיי האָבען זיך געשראָקען צו פארברייגען צווישען שלעכטע חברים עס זאָל אויף זיי ניט האָבען קיין שעדליכע ווירקונג.

און דער חפץ חיים פלעגט צוגעבען אז עס ווירקט שעדליך ניט נאָר דאָס צופעליגע דורכגעהן צווישען רשעים, אָדער דאָס אוועקזעצען זיך אין דער חברותא פון זינדיגע, נאָר אפילו דאָס וויסען אַליין, אז ס'זיינען פאַראַן רשעים און בייזוויליגע וועלכע טהוען אַנדערש, אדער טהוען גרינגשעצען איינעם'ס אידייע ווירקט שוין טיילווייז אפצושוואַכען איהם אין זיינע אַספּי־ראַציעס אדער דעציזיעס.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דער השפעה פון אַ גינסטיגער אַטמאָספע־רע. דער וואָס האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין אַ גוטער סביבה, ווערט געווירקט אויף זיין גאַנץ לעבען. קוים האָט איינער געלערנט אין ישיבה, האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ראַדין, אָדער איישישאָק, וועט ער שוין פון עולם הזה (איהרע תאוות) קיין ריכטיגע הנאה קיינמאָל ניט האָבען . . . און ער פלעגט דערצעהלען פון בני הישיבה, וועלכע זיינען ארויס לתרבות רעה, זיי האָבען אָבער קיין מנוחה ניט געהאַט ביז וואַנעט זיי זיינען צוריקגעקומען.

זעהט פון נאָהענטען

ווען מען האָט איהם איינמאָל געפרעגט, הלמאי ער באַנוצט זיך ניט מיט קיין ברילען (אויגען־גלעזער) צו קאָנען זעהן פון דער וויטענס, האָט ער געענטפערט: „אַז מען קאָן זעהן פון נאָהענט, טאָ צו וואָס דאַרף מען קוקען פון דער וויטענס?

חילול השם

איַן דעם לעצטען יאָהר פון זיין פטירה, ווען עס איז איהם שוין שווער געווען מעיין צו זיין אין אַ ספר, האָט ער פונדעסטוועגען געהייסען, אַז מ'זאָל אַוועקלייגען אָפען אַ ספר לעבען איהם (עפ"י רוב פלעגט עס זיין אַ חומש). צוליב חשש טאָמער וועט ווער אַריינקומען און איהם טרעפען אַ יושב בטל וואָלט דאָך געווען אַ חילול השם.

צום יאָהרצייט

ביים פערטען יאָהרצייט פון חפץ חיים זצוק"ל, האָט הגאון ר' משה לאַנדינסקי ז"ל, אין זיינעם אַ הספד פאַר די תלמידי הישיבה צווישען אַנדע־רעס געזאָגט:

„אַ, טייערע ברידער, אַ לאָקאָמאָטיוו שלעפּט נאָך זיך וואַגאָנען, און בעת מעשה דוכט זיך, אַז עס לויפען די לעצטע צוגלייך מיט'ן ערשטען, אָבער ווען דער ערשטער טשעפּעט זיך אָפּ באַזונדער, זעהט מען ערשט דאַמאָלט די אונבאַהאָלפענקייט פון די לעצטע.

„אַ, גרויסער רבי! צוזאַמען מיט דיר זיינען מיר אויך געווען ברעק־לאָך מענשען. צוגעטשעפּעטע — האָבען מיר ווי עס איז נאָכגעהאָלטען דיין גאַנג . . . אָבער איצט? . . . ווי קליין און הילפלאָז מיר זיינען אַלע פאַר־בליבען! . . . "

וויל ניט נעמען

קומט א אידישע מוטער פון א שכנות'דיגע שטעטל א צובראכענע מיט רויט-געשוואלענע אויגען, אויסגעוויקט פון טרערען און קלאגט: איהר טאכ־טער איז אנטלאפען מיט א שייגעץ און גרייט זיך חתונה האבען מיט איהם. זי ווייסט דעם אומגליק ניט אריבערטראגען, זאל דער רבי רחמנות האבען אויף איהר, איהר העלפען ראטעווען איהר קינד.

טיף געריהרט מיטפיהלענדיג איהר געוואלדיגען צער בעט זיך ביי איהר דער חפץ חיים:

„וואס קאן איך אייך העלפען? השי"ת מיט זיין גרויסען חסד זאל רחמנות האבען אויף אייך, אריינגעבען אייער קינד די ריכטיגע דעה, זי זאל חרטה האבען אויף איהר פאלשען שריט זי זאל זיך אומקערען צו אייך". און שווער זיפצענדיג, באדויערט ער:

„נארישע קינדער, וואוהין לויפען זיי? זיי לאזען איבער זייער אידישע טאטע און מאמע און לויפען צו גויים . . . ! איך קאן דאך פאר אייך גארניט טהאן, זאל אייך דער רבונו של עולם העלפען!"

ווען די אידענע האט א כליפענדיגע פארלאזען דעם חפץ חיים'ס הויז האט זי אומבאמערקט פון איהם אוועקגעלייגט אויף זיין טיש א סומע געלד. אזוי גיך ווי דער חפץ חיים האט אויסגעפונען, האט ער גלייך געפאדערט מען זאל שנעל געהן צוריק רופען די אידענע. טראכטענדיג פיללייכט האט דער צדיק עפעס א עצה, אדער סגולה, איז די פרוי גלייך געגאנגען צוריק אבער דער חפץ חיים איז איהר געלאפען אנטקעגען מיט די געלד: „נאט, איך בעט אייך נעמט צוריק אייער געלד, השי"ת זאל אייך העלפען. איך האב גענוג אלץ וואס איך דארף. מיר פעהלט גארניט, איך דארף ניט אייער געלד".

די אידענע, א צעטומעלטע, בעט זיך ביי איהם, אז ער זאל עס האלטען פאר זיך, ווייל זי האט עס איהם געמיינט צו געבען מיט'ן גאנצען הארץ. אבער ס'העלפט ניט, ווען זי זעהט אז ער וויל עס פאר קיין פאל ניט נעמען, בעט זי זיך, אז ער זאל עס געבען דער ישיבה, פאר ארימע לייט אדער צדקה, אבער דער חפץ חיים באשטעהט, אז זי אליין מוז עס צוריקנעמען:

„איהר זייט א ארימע פרוי, ס'איז אייער געלד, איהר דארפט קיינעם ניט געבען, נעמט עס צוריק. השי"ת וועט אייך אזוי אויך העלפען . . . "

קוים מיט צרות האט זי געפועל'ט ער זאל נעמען פון איהר א קליינעם טייל פאר שטעטלשע צדקה.

ניטאָ קיין צייט

קהלת זאָגט, אַז אויף אַלעם איז דאָ אַ צייט — אַ צייט צו געבוירען ווערען און אַ צייט צו שטאַרבען (עת ללדת ועת למות). ער זאָגט אָבער ניט, אַז עס איז אויך פאַראַן אַ צייט צום לעבען (עת לחיות)? דאָס לעבען איז אַזוי קורץ, די יאָהרען פאַרשווינדען אַזוי שנעל, אַז עס בלייבט גאָרניט קיין צייט צום לעבען.

לערנט זיך אַליין

אָפּטמאָל כדי צו ענטפערען אויף אַ שאלה בנוגע אַ דין, פלעגט דער חפץ חיים בעטען, מען זאָל איהם דערלאַנגען דעם „משנה ברורה".

„זאָל מען אַקאָרשט זעהן, וואָס דער „משנה ברורה" זאָגט" — פלעגט ער זאָגען.

אָנפאַנגען לערנען

הגאון ר' משה ראזען, באַקאַנט אַלס דער כוואָרינצער רב, מחבר פון ספר „נזר הקדש" — איצט אין אַמעריקא. ווען ער איז אין יאָהר תרע"ב געקומען מיט זיין ערשטען ספר „דברי סופרים" צום חפץ חיים, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— נו, געמאַכט אַ ספר, אַ גוטען ספר. מאַנכע מיינען, אַז וויבאַלד זיי האָבען מחבר געווען אַ ספר, האָבען זיי שוין אויסגעלערענט די תורה. די תורה איז אָבער אַ גרויסע. אַז מען מאַכט אַ ספר, דאַרף מען ניט אויפהערען לערנען, נאָר פאַרקעהרט, ערשט־איצט דאַרף מען אָנפאַנגען לערנען . . .

דער חפץ חיים האָט איהם אויך געזאָגט, אַז אַ רב, ווען ער האַלט אַ דרשה, דאַרף ער ריידען צום עולם דברי תנחומים, טרייסט־רייד, ווייל דער עולם איז דאָך אַזוי אויך גענוג פאַר'צרה'ט.

עהנליכעס אין ענינים בנוגע צדיק און רשע זעה אויך אין ערשטען חלק, זייטען: 54, 248, 261, 307, 308, 316, 380, 381, 411, 424, 461.

לערנען תורה

וועלען לערנען

דאָס וועלען, דער חשק צום לערנען איז טאַקע אויך אַן ענין. סקומט אָבער ניט צו דער מצוה פון לערנען גופא. „כי בתורת ה׳ חפצו״. דאָס וועלען אַליין, דער בלויזער באַגעהר צום לערנען מאַכט עס צו בלייבען „תורת ה׳״ — אַ געטליכע תורה. „ובתורתו יהגה יומם ולילה״ — דורך לערנען אָבער ווערט זי דעם תלמיד חכם׳ס תורה — תורתו.

---o---

זוכען צו געפינען

אם תבקשנה ככסף וכמטמנים תחפשנה; אז תבין יראת ד׳ (משלי ב׳).

די ערד פאַרמאָגט גרויסע און קאָסטבאַרע אוצרות, אַלעס איז אָבער פאַרדעקט און בעהאַלטען אין איהרע טיפענישען, מען דאַרף גראָבען און נישטערען ביז וואַנענט מען געפינט אויס איהרע רייכטימער, ביז מען ענט־דעקט איהר זילבער, גאָלד און בריליאַנטען, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ דאַרף מען עס לייטערען, רייניגען און שלייפען. אזוי האָט די השגחה באַ־וואָרענט אין דער נאַטור.

אזוי אויך איז מיט די טייערע בריליאַנטענע אוצרות פון דער תורה. נאָר אויב מען זוכט טיף און מען גראָבט גרינדליך און אונערמידליך, קאָן מען אויסגעפינען איהרע אוצרות. נישט אַנדערש און נישט דורך קיינע אַנדערע וועגען, אזוי מיינט דער וואָרט „אז״, דוקא דורך דעם וועג און ניט קיין אנדערען. אַ ראי׳ פון די חז״ל וואָס זאָגען: „אסור לאדם למלא פיו שחוק בעולם הזה, שנאמר: „אז ימלא שחוק פינו״. איז דאָך דאָרט דער טייטש „אז״ נאָר אזוי, אָדער נאָר דאמאלט און נישט אנדערש. אזוי דאָ אויך מיינט דער וואָרט „אז״ אַז דאָס איז דער איינציגער וועג און נישט קיין אנדערער, אויס־צוגעפינען די חשיבות פון דער תורה, איז אנדערש ניט מעגליך, נאָר דורך מיה און אָנשטרענגונג.

יעדע ווײלע צײט צו לערנען

אמר לו, אמש בטלתם תמיד של בין הערבים ועכשו בטלתם תורה. אמרו לו על איזה מהן באת, אמר לו עתה באתי, מיד וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העמק. אמר ר׳ יוחנן מלמד שלן בעומקה של הלכה. תוספות: עתה באתי: פי׳ ריב״ן על תלמוד תורה באתי, דכתיב ביה ועתה כתבו לכם השירה הזאת.
(מגילה ג׳, ע״א).

אלזא לויט דיזען חז״ל מײנט דער װאָרט „עתה״ תלמוד תורה. װען יהושע בעת דער באלאגערונג פון יריחו האָט געפרעגט דעם מלאך צי ער איז איהם געקומען שטראָפען פאַר׳ן מבטל זײן דעם תמיד של בין הערבים אדער פאַר ביטול תורה, איז געװען די תשובה עתה באתי, אז זײן קומען איז געװען צוליב׳ן חטא פון ביטול תורה.

פלעגט דער חפץ חיים אויף זײן דרך מסביר זײן „פאַרװאָס דער „עתה״ באדײט תלמוד תורה״?

דאָס מקײם זײן פון די מעהרסטע מצוות האָט א צײט. מאַנכע זײנען נוהג בײטאָג און מאַנכע בײנאַכט, אנדערע אין געװיסע שטונדען פון טאָג, א. ז. װ. אָן אויסנאָהם איז די מצוה פון תלמוד תורה, װעלכע איז נוהג פיר און צװאַנציג שטונדע אַ טאָג — והגית בו יומם ולילה (יהושע א׳, ח) — יעדע װײלע איז די צײט צו לערנען תורה. „עתה״, אַצינד, אַט־איצט, די רגע, װאָס דאַרף אַ איד טאָהן ? לערנען תורה. דאַריבער אַזוי שנעל װי יהושע האָט דערהערט עתה באתי, האָט ער פאַרשטאַנען דעם צװעק פון מלאך׳ס קומען. מיד וילן . . . בעומקה של הלכה, ער האָט שוין מעהר ניט אָפּגעלײגט, נאָר תיכף זיך גענומען צו תלמוד תורה.

ערגער װי בלינדע

מרגלא בפומיה — אָהן תורה זײנען מיר ערגער װי בלינדע. אפילו אַ בלינדער קאָן געפינען אַן אַלטען אויסגעטראָטענעם װעג אָהן אַ פיהרער, אָבער אָהן תורה קאָנען מיר אויף אַזאַ װעג אויך פאַרבלאָנדזשען. אַ פשיטא שוין, װען מיר לאָזען זיך אָהן פיהרער אויף נײע װעגען, זײנען מיר פאַרלאָרענע.

עוסק זיין אין תורה

רבי מאיר אומר הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה, ואם בטלת מן התורה יש לך בטלים הרבה כנגדך, ואם עמלת בתורה, יש לו שכר הרבה לתן לך (פרקי אבות, ד׳).

מען דאַרף פאַרשטעהן א) פאַרוואָס זאָגט דער תנא אַז פאַר לערנען קריגט מען אַסך שכר, פאַרוואָס עפּעס אַסך? מעהר וויפיעל מען פאַרדינט גיט מען דאָך נישט, ב) פאַרוואָס קומט עפּעס אַסך שטראָף פאַר ביטול תורה, מעהר וויפיעל מען פאַרדינט? ג) וואָס איז דער פשט פון „כנגדך"?

ווי באַוואוסט איז דער עיקר תכלית פון מענשען אויף דער וועלט, צו ווידמענען זיך צום לימוד התורה (תלמוד תורה כנגד כולם), דער מענש האָט דאָך אָבער מאטעריעלע פאַרפליכטונגען אויך, ער דאַרף דאָך עסען, טרינקען, שלאָפען, ועל כלם דאַרף ער דאָך ארבייטען פאר פרנסה. פאַרשטעהט זיך אַז וואָס ער מוז, מוז ער; אָבער ער דאַרף אמוייניגסטען זיין פאַרזיכטיג נישט צו פאַרטאַכלעווען קיין איבעריגע צייט, נאָר באַנוגענען זיך בלויז מיט הכרחיות און אָפּשפּאָרען וואָס מעהר צייט אויף לימוד התורה, דאַן ווערט די צייט אין וועלכער ער איז זיך עוסק מיט זיינע מאטעריעלע אינטערעסען אויך וויכטיג, ווייל ער וואָלט דאָך ליבערשט די צייט אָפּגעגעבען פאַר תורה, ווען ער וואָלט נישט געווען געצוואונגען צו ארבייטען פאַר זיינע קערפּערליכע נויטווענדיגקייטען; לויטען כלל „אונס רחמנא פטריה", דאַרף ער נעמען שכר אפילו פאַר אָט דער צייט. „חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה" (ברכות ו׳ ע"א). נישט אזוי אָבער ווען ער פאַרטאַכלעוועט זיין לידיגע צייט אויף דברים בטלים, דאמאלט קאָן ער שוין מעהר ניט מאָנען קיין שכר פאַר'ן עוסק זיין אין עניני עולם הזה, ווייל ווי קאָן ער זאָגען אַז ער וואָלט געלערענט ווען ער וואָלט געהאַט צייט, ער אליין באַווייזט דאָך אַז אפילו האָבענדיג צייט לערענט ער אויך נישט, קומט אויס אַז אנשטאט שכר, פאַרדינט ער גאָר אַ עונש, פאַר נישט עוסק זיין אין נשמה זאַכען.

עצה'ן דאַריבער די חז"ל: „הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה", דאָס הייסט שפּאָר אָפּ וואָס מעהר צייט פאַר לימוד התורה, ואם בטלת מן התורה, דאָס הייסט, אויב עס ביי דיר רעכט צו פאַרברענגען די צייט פאַר גאָרנישט, וועסטו נישט נאָר פאַר דעם באַשטראָפט, נאָר „יש לך בטלים הרבה כנגדך", מיינענדיג זאָגאָר פאַר דער צייט וואָס דו פאַרברענגסט אויף מאַטעריעלע נויטווענדיגקייטען וועסטו אויך באַשטראָפט ווערען.

דאַגעגען, ואם עמלת בתורה יש לו שכר הרבה ליתן לך, אויב דו פאַר־שווענדסט ניט די ליידיגע צייט, נאָר דו ביזט וואָס מעהר עוסק אין תורה, דאַן באַקומסטו אַ סך שכר, אַפילו פאַר דער צייט וואָס דו ביזט עוסק אין עניני עולם הזה.

די גמרא דערצעהלט (מכות י׳ ע״א) אז רב חסדא האָט דערלעבט אַ הויכע עלטער (92 יאָהר), ווייל ער האָט כסדר עוסק געווען אין תורה האָט דאריבער דער מלאך המות צו איהם קיין צוטריט ניט געהאט. איז דאָך אַ פראגע צו האָט דען רב חסדא ניט געגעסען, געשלאָפען און געטאָהן אנדערע צרכים פון אַ מענשען? דער תירוץ איז פשוט: יעדע פעולה וואָס ער האָט געטאָהן איז איהר מטרה געווען נאר תורה. ווען ער האָט געגעסען האָט ער געטראכט ער זאָל האָבען כח צו לערנען. ממילא איז ביי איהם יעדער פעולה געווען אַן ענין פון תורה.

דער חכם דרעהט זיך אַרויס

אי אפשר לעולם בלא בשם ובלא בורסקי אשרי מי שאומנותו בשם ואוי לו למי שאומנותו בורסקי. (קידושין פ״ב, ע״ב).

די חז״ל דערצעהלען אז בן דמה האָט געפרעגט אַ שאלה ביי ר׳ ישמעאל אויב עס איז איהם ערלויבט צו לערנען חכמת יוונית (גריכישע פילאָזאָפיע) נאָכדעם ווי ער האָט אדורכגעלערענט די גאַנצע תורה. האָט ר׳ ישמעאל איהם געענטפערט: ס׳שטעהט לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה, דאריבער געה און געפין אַ שטונדע וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט (שעה שאינה לא יום ולא לילה) דאַמאָלט וועסטו קאָנען לערנען חכמת יוונית (מנחות צ״ט ע״ב).

דער מענש טאָר ניט פארשווענדען צייט אויף אנדערע זאַכען אויסער אויף לימוד התורה. די צייט איז ניט זיין אייגענטום, עס איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען נאָר צו לערנען תורה. סיידען דער מענש וואָלט געווען ביכולת זיך איינצושאַפען צייט אויסער יום ולילה וואָס דער בורא האָט פאר איהם געשאַפען, דאַמאָלט וואָלט ער מעגען טהאָן מיט דעם וואָס ער וויל. אַנדערש איז ער אויף דעם ניט קיין בעל הבית.

אבוואָהל מיר זעהען גאַנץ פיינע אידען ווידמענען צייט אויף צו לערנען חכמות, באַטראַכטענדיג עס אלס מיטעל צו פרנסה אדער צו פארזיכערען זייער

לעבענס־עקזיסטענץ, דאָס איז אָבער אקוראַט ווי די וועלט קאָן זיך ניט באגעהן אָהן א גארבער און אָהן א בשמים סוחר, דאָך וואויל איז דעם מענשען וועמעס פרנסה איז אַ בשם און וועה למי שאומנותו בורסקי. אַזוי אויך דער קלוגער דרעהט זיך ארויס פון למוד החכמות וואָס אין פארגלייך מיט דער תורה איז עס אַזוי ווי אַ אומנות פון אַ בורסקי לגבי אַ בשם.

אייביגער לעבען

דער הייליגער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי זאָגט: „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת״ (פרקי אבות). אַ מענש דאַרף זיך פרעגען, נאָך וואָס בין איך געקומען אויף דער בלאָטיגער וועלט, עולם הבא האָט דאָך דער רבונו של עולם געקאָנט געבען אויף יענער וועלט אָהן דעם קומען אהער אויך. מוזען מיר אָבער וויסען אַז קיין תורה איז דאָרט נישטאָ, „לא בשמים היא״, און אָהן תורה איז מען אַן אייביגער ארימאַן. מען זאָל פרעגען איינעם, וואָס ווילסטו זיין איין יאָהר אַן ארימאַן און נאָכדעם זיבעציג יאָהר אַ גביר, אָדער זיין איין יאָהר אַ גביר און שפּעטער זיבעציג יאָהר אַן אָרימאַן. וועט אַ מענש אַ בר דעת געוויס זאָגען זיין ענטפער, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ ווילע אַן אָרימאַן כדי שפעטער צו ווערען אַ גביר פאַר אַ לאַנגער צייט.

גליקליך זענען יעניגע וועלכע באַגריפען די אומשאַצבארע רייכטימער פון דער תורה, וועלכע זענען אָפען פאַר אַלעמען.

געפיהרט ווערען דורך דער תורה

בהתהלכך תנחה אותך (משלי י׳ כ״ב).

עס שטעהט ניט בהלכך נאָר בהתהלכך, בנין התפעל, די כונה דערפון: אַז אַ מענש דאַרף געפיהרט ווערען דורך דער תורה.

לערענט מיט׳ן בעל עגלה

ר׳ ה. א. וו., אַן איישישקער, יעצט אין אַמעריקע, דערצעהלט דאָס איינ־מאָל אין אַ ווינטער נאַכט איז ער געפאָרען צוזאַמען מיט ר׳ ישראל מאיר׳ן אלס דעם לעצטענס בעל עגלה, דער חפץ חיים וועלכער איז געזעסען פאַר־

טראַכט אין זיינע געדאַנקען, טהוט פלוצלונג אַ זאָג צו איהם, ר׳ ח. א. איהר שלאָפט? ניין! רבי איך שלאָף נישט, האָט ער איהם געענטפערט. איהר ווייסט וואָס איך טראַכט, ר׳ ח. א.? מען ווערט דאָך עלטער, קאָן מען דאָך חלילה בלינד ווערען און נישט אומשטאַנד זיין צו לערנען פון אַ ספר, דאַרף מען זיך גאַר אויסלערנען אַביסעל משניות אויף אויסוויינינ, אַט זאָלען מירביידע צוזאַמען איבער חזר׳ן עטליכע משנות! אבער רבי, זאָגט דער בעל עגלה צו איהם, איך קאָן קוים אביסעל אינווייניג, טאָ ווי אזוי קאָן איך גאַר לערנען אויסווייניג? זאָגט דער חפץ חיים צו איהם, זאָלען מיר זאָגען צוזאַמען וועלן מיר זיך דערמאָנען איינער דעם אנדערען, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו זאָגען משניות מיט׳ן רע״ב און תוספות יו״ט און דער בעל עגלה האָט איהם נאָכגעזאָגט, דער לעצטער האָט געמיינט ער וועט זאָגען בלויז עטליכע משנות, אָבער דער חפץ חיים האָט געהאַלטען אין איין זאָגען פרקים, מסכתות, ער האָט זיך אזוי פאַרטיעפט דאָס ווען ער האָט געענדיגט איז שוין לאַנג די נאַכט געווען פאַרשוואונדען.

אונפאַרגלייכבאַר

כל חפציך לא ישוו בה (משלי ג׳).

זאָגען די חז״ל, אַז אַלע טייערסטע זאַכען פון דער וועלט קאָנען זיך נישט פאַרגלייכען צו איין זאַך פון דער תורה. מ׳קאָן עס פאַרשטעהן מיט אַ משל:

אַ גרויסער מלך האָט אַמאָל באַשטעלט ביי אַ קינסטלער אין אַ אַנדער שטאָדט אַ קרוין, נאָכדעם ווי די קרוין איז געמאַכט געוואָרען, האָט ער געשיקט איינעם פון זיינע מיניסטאָרען עס אָפצוברענגען. אויפ׳ן וועג דורכפאָרענדיג אַ דאָרף, האָט ער באַמערקט ווי אַ פויער אַקערט אַ פעלד מיט אַ פּאָר שעהנע אָקסען. האָט ער דעם פויער צוגערופען און געבעטען איהם זיי צו פאַרקויפען. דער פויער האָט זיך אָבער ענטזאָגט עס צו טהאָן. האָט דער מיניסטער לפנים וועגען, איהם פאָרגעלעגט די קרוין אַ חילוף פאַר די אָקסען, אָבער דער פויער אין זיין אומוויסענהייט האָט ערקלערט, אַז ער וועט די אָקסען פאַר קיין געלד אין דער וועלט נישט פאַרבייטען. ליידער דאַרף מען ניט זוכען דוקא צווישען די פויערים מענשען מיט אזעלכע קליינליכע השגות, מיר געפינען זיי אומעטום. מענשען פאַרשטעהען ניט די אונפאַרגלייכליכע חשיבות פון כתר תורה. אזוי ווי יענער פויער, ווילען זיי נישט אומבייטען זייער אָקסען־לעבען אפילו פאַר דער קרוין פון דער תורה.

ליידען פאר תורה

וירא מנחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבל (בראשית מ"ט).

„דערזעהענדיג אַז מנוחה איז גוט און די לאנד איז אָנגענעהם, האָט ער געבויגען זיין שולטער צו טראָגען די לאַסט פון דער תורה" (זעה רש"י).

מ'קען עס פאַרשטעהן מיט אַ משל. אַ איד איז געפאָרען צום לייפציגער יריד, דאָרט האָט זיך איהם געמאַכט צו קויפען אַ גרויסע מציאה פאַר וועלכער ער האָט קוים געהאַט געלט. האָט ער דאריבער אָפּגעקאַרגט פון אַלע זיינע הוצאות הדרך, זיך באַנוגענט מיט זעהר ווייניג, מיט דער האָפנונג, אַז צוריק קערענדיג זיך אַהיים מיט דער מציאה וועט ער ערשט דאמאלט קענען געניסען.

כך, אזוי דאַרף אַ מענש אָפּקאַרגען פון אלע אנדערע הוצאות אום זיך איינצושאַפען אַ חלק אין דער תורה, ווייל פאַר דער תורה לוינט אַלעס צו ליידען.

גאַנצקייט פון תורה

די חז"ל זאָגען, אַז ווען שלמה האָט געהייראט מעהר פרויען ווי עס איז איהם ערלויבט לויט'ן דין, האָט די תורה פּראָטעסטירט פאַר גאָט, אַז שלמה וויל אויסרייסען דעם יו"ד פון „לא ירבה לו נשים". האָט איהר גאָט באַרוהיגט צוזאָגענדיג, אַז טויזענטער שלמה'ס וועלען אונטערגעהן אָבער נישט קיין אות פון דער תורה (ירושלמי סנהדרין פ"ב).

דאַרף מען פאַרשטעהן פאַרוואָס מיר געפינען ניט, אַז די תורה זאָל האָבען אַ טענה קעגען אַנדערע גרויסע מענשען וועלכע האָבען געבראָכען דעם אָדער יענעם געזעץ. למשל דוד, באַגעהענדיג דעם חטא מיט בת שבע'ן? עס שטעהט אויך אַז, „אלמלא קבל דוד לשון הרע לא נחלקה מלכות בית דוד, ולא עבדו ישראל עבודה זרה" (שבת נ"ז). און דאָך האָט קיין חלק פון דער תורה נישט פּראָטעסטירט צום רבש"ע?

קאָן מען דערויף ענטפערען אזוי:

עס אז ידוע, אַז עס איז כמעט אוממעגליך פאַר אַ יחיד מקיים צו זיין די גאַנצע תורה. אויב איינער איז אַ מחלל שבת געפינען זיך דאָך דערפאַר

אסך שומרי שבת, אויב איינער זינדיגט אין מאכלות אסורות, זיינען דאָך דאגעגען דאָ פיעל כשרות אָפּהיטער, ממילא ווערט פון דעם כלל אָפּגעהיט די גאַנצע תורה. דערפאַר ווען גרויסע מענשען האָבען פאַרבראָכען געוויסע פרינציפּען פון דער תורה, איז נישט געווען אזא גרויסער אומגליק, ווייל אַסך אַנדערע האָבען עס מקיים געווען. למשל, דוד׳ס זינדיגען מיט אַ אשת איש, אָדער זיין חטא פון לשון הרע.

אַנדערש אָבער איז געווען דער חטא פון „לא ירבה לו נשים״, וואָס שלמה האָט עובר געווען. דער דין האָט דאָך געהאָט צו טהאָן נאָר מיט אַ מלך ישראל, און אויב ער האָט עובר געווען, אויב דער קעניג האָט עס געבראָכען, ווער דאָך קיין אַנדערער עס נישט קאָנען מקיים זיין. נמצא, אַז צוליב שלמה׳ס חטא איז דער גאַנצער דין צושטערט געוואָרען. איבער דעם האָט דער „לא ירבה״ זיך געקלאָגט פאַר דעם רבש״ע.

הגאון ר׳ משה לאַנדינסקי ז״ל האָט צו דעם צוגעגעבען, אַז דער תירוץ מאַכט רעכט נאָך אַ גמרא (יומא כ״ב): „שאול באחת ועלתה לו דוד בשתים ולא עלתה לו״. ד. ה. שאול האָט נאָר איינמאָל געזינדיגט, רחמנות האָבענדיג אויף אגג׳ן, וואָס איז איהם קיינמאָל נישט פאַרגעבען געוואָרען. דוד אָבער וואָס איז באַגאַנגען אַזעלכע גרויסע עבירות ווי שפיכות דמים און גילוי עריות, זיינען זיי פונדעסטוועגען פאַרגעבען געוואָרען, ווען ער האָט תשובה געטהאָן, פאַר־וואָס? ווייל שאול׳ס זינד איז געווען אַזאַ זינד וואָס איז הויפּטזעכליך גע־ווען באַצויגען אויפ׳ן מלך ישראל, אַזוי ווי עס שטעהט:

„על שלשה מצוות נצטוו ישראל בכניסתם לארץ: להעמיד להם מלך, מלחמת עמלק, ובנין בית המקדש (סנהדרין ב׳). משמעות אַז די לעצטע צוויי האָבען געהאַט צו טהאָן אינגאַנצען מיט׳ן מלך ישראל. מיר זעהען אויך, אַז קומענדיג קיין ארץ ישראל, האָבען אידען זיך נישט גענומען גלייך צום בנין ביהמ״ק, נאָר זיך פריהער באַפעסטיגט מיט אַ מלך. דאַריבער איז שאול׳ס פאַרנאַכלעסיגונג פון דער מצוה מחית עמלק, איהם נישט פאַרגעבען געוואָרען.

דער תנ״ך

ס״ת שכתבה מין ישרף (גטין מ״ה, ע״ב)

די חשיבות און הייליגקייט פון א ספר תורה איז ניט נאר צוליב דעם אינהאַלט וואָס איז אָנגעשריבען אין איהר. ווי ריכטיג און ראַיעל די תורה זאָל ניט זיין געשריבען, איז נאָך אלץ וויכטיג „ווער עס האָט זי געשריבען״

און „ווי אזוי זי איז געשריבען", מעג די ספר תורה זיין געשריבען מיט'ן שעהנסטען כתב, פאלקאם מיט איהרע אלע תגים און זיונים, דאך, אויב א „מין" (אפיקורס) האט זי געשריבען, דארף מען איהר פארברענען.

א געוויסער צדיק פלעגט ווארענען זיינע אנהענגער ניט צו לערנען אין ספרים וועלכע זיינען געדרוקט געווארען דורך חילול שבת, ווייל אזא לערנען קאן האבען א שלעכטע ווירקונג אויף דעם לערנער. פלעגען דאריבער פילע פרומע אידען מהדר זיין צו לערנען פון סלאוויטער ש"ס און פון אנדערע ספרים וועלכע זיינע געדרוקט געווארען דורך די קדושים ויראים, די ברידער שפירא אין סלאוויטא.

דער חפץ חיים פלעגט זעהר שטארק באדויערען דעם פאקט וואס ביי אידען אין ניטא אזא געזעלשאפט וועמענס אויפגאבע עס זאל זיין ארויסצו־געבען אונזער תנ"ך אין א שעהנעם פארמאט און פארשפרייטען דיזען ספר הספרים איבעראל פאר א פאפולער־ביליגען פרייז אזוי ווי להבדיל די ביבעל פון דער מיסיאנערען געזעלשאפט אין ענגלאנד (חברה מפיקי כתבי הקודש בבריטאניא ובשאר ארצות), וועלכע גיט ארויס דעם תנ"ך פון מאיר הלוי לעטעריס. ווי גרויס איז דער בזיון און שאנדע פאר אונז צו לערנען פון א תנ"ך, וועלכער איז געדרוקט געווארען מיט דער כוונה מסית ומדיח צו זיין אונזערע קינדער. ער האט זיך פילע יאהרען ארומגעטראגען מיט דעם גע־דאנק אזא אונטערנעמונג צו שאפען. א דאנק זיין השפעה האט טיקאצינסקי'ס פארלאג אין ביאליסטאק ארויסגעגעבען דעם תנ"ך אין א ספעציעל־פאפולערע אויסגאבע.

סודות פון דער תורה

ומה היו הספקות משמשות? ליתן ריוח למשה להתבונן בין פרשה לפרשה ובין ענין לענין. — (רש"י, ויקרא א').

עס זיינען פאראן פרשיות פתוחות און סתומות אין דער תורה. אט די אלע סימנים, ערקלערט רש"י, זיינען עקסטרא אוועקגעשטעלט געווארען, כדי זיך צו קאנען נאך יעדער ענין פארטיפען אין די אינערליכע כונות פון דער תורה, ווייל דאס וואס מיר פארשטעהן אזוי, איז בלויז אויבערפלעכליך, בלויז חיצוניות פון דער תורה, איהר לבוש, וועהרענד די פנימיות התורה זיינען „עמוק עמוק מי ימצאינה".

זאָגאָר די יעניגע סדרות, וועלכע ענטהאַלטען סיפּורים און סדר הדורות, האָבען הפסקות, ווייל ניט אַלץ איז אַזוי פּשוט, ווי ס׳ קוקט לכאורה אויס. הויכע כונות און טיפע סודות זיינען איינגעהילט אין די אַלע ערצעהלונגען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון די אותיות התורה.

גאַנץ ריכטיג האָט אַ געוויסען גדול אַמאָל באַמערקט: „די ווינטערדיגע סדרות זיינען אַרומגעוויקעלט אין גראָבע פעלצען״.

בלעם׳ס אומוויסענהייט

אין זוהר הקדוש און מאַנכע אַנדערע ספרים ווערט בלעם׳ס נבואה אויסגעטייטשט על פי קבלה אויף כמה אופנים מיט טיפע סודות און רמזים. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט בלעם פערזענליך קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען אָט־די אַלע כונות. ער איז בלויז געוועזן, ווי אַ גראַמאָפאָן — „כל אשר ישים ה׳ בפי אותו אשמור לדבר״. פאַרשטעהט זיך, אַז אין די ווערטער פון אויבערשטען זיינען פאַראַן אָהן אַ שיעור גרויסע סודות און טיפע כונות. דאַריבער געפינען מיר טאַקע ניט אין דער גאַנצער נבואה פון בלעם׳ן קיין פּ ת ו ח ו ת אָדער ס ת ו מ ו ת, אַזוי ווי אין אַנדערע פרשיות, ווייל די הפסקות זיינען בלויז נויטיג געוועזן פאַר משה רבנו, ער זאָל זיך קאָנען מתבונן זיין אין די סודות, רמזים און כונות צווישען איין פרשה און דער אַנדערער, אָבער בלעם האָט זיך אין דעם ניט גענויטיגט, ווייל ער האָט דאָך עס זאָ ווי זאָ ניט פאַרשטאַנען . . .

חכמת הקבלה

חכמת הקבלה איז ווירקליך פון די ערהאַבענסטע חלקי התורה (דבר גדול — מעשה מרכבה — חז״ל). אָהן דעם טאַפּען מיר אין דער פינצטער. אָהן סתרי תורה איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן די טיפקייט פון אלקות בכלל און די הנהגת הבריאה בפרט. דער חפץ חיים איז געוועזן באַהאַוועגט בע״פ אין די קלאַסישע ווערק: דעם זוהר, „ספר יצירה״, „ספרא דצניעותא״ מיט׳ן ביאור הגר״א, „התמונה״, „הפרדס״, „עץ חיים״, „פרי עץ חיים״, „עבודת הקודש״, „שערי אורה״, „גיגת אגוז״, „שפע טל״ א. א. וו., פון וועלכע ער פלעגט זעהר אָפט ציטירען גאַנצע מאמרים על פה.

אייגענע חידושי תורה

אין יעדער גרויסער באנק געפינט זיך אן עקספערט, וועמעס ספע־ציאליטעט באשטעהט אין קאנען גענוי אונטערשיידען, אויב א באנקנאט, אדער וועקסעל איז א ריכטיגער, אדער א פאלשער. דיזע פעהיגקייט אליין מאכט איהם אבער ניט פאר א באנקיר. ער בלייבט בלויז אן אנגעשטעלטער ביי יענעם. אזוי אויך זיינען די יעניגע לומדים, וועלכע צייכענען זיך בלויז אויס מיט מבינות אויף יענעם׳ס תורה, ווייסען אפצופרעגען, אפשלאגען, אדער פארענטפערען, אדער קענען איבערזאגען יענעם׳ס א חידוש.

דער אמת׳ער תלמיד חכם דארף אליין קאנען מחדש זיין תורה . . .

(„שם עולם״ שער התחזקות, פרק ו׳).

ביטול תורה

אין וידוי פון „אשמנו בגדנו״, אין וועלכען עס ווערט לויט׳ן אלף בית אויסגערעכענט די פארשידענע זינד, פלעגט דער חפץ חיים צוגעבען „בטלנו מן התורה״.

די וועלכע האבען געהאט די זכי׳ צו זיין נאהענט צום חפץ חיים, ווייסען, אז איינע פון זיינע גרעסטע מעלות איז געווען דאס וואס ער האט זיך קיינ־מאל ניט מסיח דעת געווען פון תורה. ער פלעגט זאגאר אין די לעצטע עלטערע יאהרען עוסק זיין בתורה ביז איבער האלבע נאכט און נאכ׳ן אפ־שלאפען עטליכע שטונדען, אויפשטעהן און פארזעצען זיין הייליגע עבודה. דאך האט ער אין זיין גרויס ענוות זיך געשראקען פאר ביטול תורה!

לימוד התורה טאר קיינמאל ניט אויפהערען

אונזערע חכמים האבען געגליכען די אידען מיט דער תורה, צו א פיש אין וואסער. אזוי ווי א פיש קאן אויף קיין איין מינוט ניט לעבען אויסער׳ן וואסער, אזוי וואלט דאס אידישע פאלק ניט געקאנט עקזיסטירען איין ווילע אהן תורה.

דאביי פלעגט ער דערצעהלען, אז ר' ישראל סאלאנטער, האָט עס אַמאָל ערקלעהרט מיט אַ משל. זאָל קומען איינער און איבערהאַקען צוויי איילען אין מיטען פון טויזענדער מייל־לאַנג אויסגעלייגטע רעלסען, אויף וועלכע עס לויפט א צוג, ס'איז דוכט זיך בלויז א קלייניקייט, וואָסער א באַטרעף האָבען צוויי איילען אין טויזענדער מיילען? מען פארשטעהט אָבער לייכט די געפאַהר. אזוי איז אויך מיט דער תורה, אויף וועמענס ליניע דאָס פאָלק ישראל פאָהרט שוין טויזענדער יאָהרען, — אויב עס זאָל חלילה איין שטונדע איבערגעהאַקט ווערען . . .

נאכמעהר, אמאָל אַ לייזע שרייפעלע אָדער דאָס פעהלען פון אַ פלעקעל אין איין אָרט קאָן פאראורזאַכען א קאַטאַסטראָפע . . .

———O———

קדושת התורה

די תורה ווערט פאַרגליכען צו ברויט — „לכו לחמו בלחמי" — צו לערנען אונז, אַז אזוי ווי ברויט האַלט אויף דעם מענשען, און אויב ער עסט ניט אַ טאָג ווערט זיין האַרץ אָפגעשוואַכט, אויב ער פאַסט אַ וואָך אָדער אַ מאָנאַט, איז איהם נאָכהער שווער צו דערכאַפּען דאָס פאַרלוירענע געזונד, אַזוי איז אויך מיט דער תורה. אויב ער היט ניט אָפּ זיין קביעות צו לערנען תמיד ווערט דער נפש — וועמעס שפייז איז די תורה — אָפּגעשוואַכט. און זאָגאַר די תורה, וואָס מען לערנט צופעליג, האָט שוין אויך ניט אַזאַ קדושה־קראַפט.

דאָס מאַכט פאַרשטענדליך די גמרא (שבת י"א), אַז רבי שמעון בן יוחאי און זיינע חברים, ביי וועמען תורתן אומנתן האָבען ניט באַדאַרפט מבטל זיין זייער לערנען פאַר קריאת שמע און תפלה, אָבער אַנ־דערע דאַרפען יאָ. איז דאָך לכאורה אַ פראַגע, אויב תורה לערנען איז בעצם מעהר חשוב ווי קריאת שמע און תפלה, טאָ וואָס איז דער אונטערשיעד, וואָס אויב עס איז ניט תורתו אומנתו זאָל ער מבטל זיין תורה־לערנען פאַר תפלה און קריאת שמע?

אָבער לויט אונזערע אויבענבעטאָנטע ווערטער איז ריכטיג, ווייל תורה — אויב מען לערנט איהר ניט תמיד — פאַרמאָגט ניט אַזאַ שטאַרקען כח הקדושה, אַז זי זאָל מדחה זיין תפלה, אָדער קריאת שמע.

———O———

תיק״ו

אם שמוע בעולם הזה תשמע בעולם הבא.
(תנחומא תבא)

מפרשים דערקלערען, אַז דער וואָרט תיק״ו, וועלכער געפינט זיך אָפטמאָל אין ש״ס — נאָכדעם ווי געוויסע פראַגען ווערען ניט פאַרענט־פערט נאָר בלייבען אין ספק — באַדייט אַלס ראשי תיבות: „תשבי יתרץ קושיות ואבעיות״, ד. ה. אַז ווען אליהו הנביא וועט קומען אין דער צייט פון משיח׳ן, וועט ער דאַן קלאָר מאַכען אַלע פראַגען און גענוי ערקלערען אַלע ספיקות.

זאָל זיך אַ מענש ניט טראַכטען: „נו, ווען אליהו וועט קומען, וועט ער דאָך אַלץ אויפקלערען, טאָ צו וואָס זיך איצט באַשעפטיגען מיט די אַלע הלכות?״ ניין! אליהו׳ס אויפגאַבע וועט בלויז זיין דיר קלאָר צו מאַכען די ספקות, וועלכע זיינען געבליבען ביי דיר נאָך אַ גרינדליכען לערנען, די ענינים וואָס דו האָסט מיט דיין שכל ניט געקאָנט דערגרונטעווען. אָבער לערנען מיט דיר די הלכות וועט מען שפעטער ניט. דאָס וואָס דו קענסט ניט פאַרשטעהן בעולם הזה, וועט מען דיר געבען צו פאַרשטעהן בעולם הבא. אויב דאָ האָסטו געקאָנט נאָר משיג זיין ידיעות בנגלה, וועט מען פאַר דיר בעולם הבא ענטפּלעקען די ידיעות בנסתר, אָבער מ׳זאָל דיר מאַכען דאָרט פאַר אַ למדן — דאָס איז אויסגעשלאָסען.

זרעים, קדשים און טהרות

דער גרויסער כח פון די ראשונים, ווי דער רמב״ם און הר״ש משאַנץ, ציינט זיך אַרויס אַממעהרסטען אין זייערע ביאורים אויף די טיילען משניות, וואו זיי האָבען פאַר זיך קיין גמרא נישט געהאַט און האָבען אַליין באַדאַרפט אויסטרעטען אַ וועג.

דער רמב״ם מיט זיין פירוש אויף דיזע סדרים און מיט זיין „משנה תורה״, וואו ער ברייגנט צוזאַמען און קאָאָרדענירט די הלכות פון דיזע ענינים ווערט דאַריבער ספעציעל באַוואונדערט. זעה ראב״ד (פ״ו מה׳ כלאים ה״ב): „... אַ מלאכה גדולה האָט דער רמב״ם געטאָן, וואָס ער האָט מאסף געוועזן די דברי הגמרא והירושלמי והתוספתא ...״

דערהויפּט ווייזט אַרויס נפלאות דער הר״ש משאַנץ אין זיין ביאור

אויף „טהרות״. אויסער אויף מסכת נדה, האָבען מיר ניט קיין שום גמרא, ניט בבלי, ניט ירושלמי, וועהרענד אויף זרעים האָבען מיר די גמרא ירושלמי. אָבער דעם חסרון, לײדער, קאָנען ניט משלים זײן קײנע ביאורים און פירושים אפילו פון די בעסטע און פון די גרעסטע ראשונים.

דער „סדר טהרות״ איז דאָריבער נאָך אַלץ כספר החתום, ווײל די גדולים נאָך חתימת התלמוד, ניט האַלטענדיג זיך אויטאָראַטיוו גענוג, האָבען זיך ניט ערלויבט אַרויסצוזאָגען אַזעלכע מײנונגען, ווי זײערע פאָרגענגער די חכמי התלמוד אין זײערע אָפּהאַנדלונגען און אויסטײטשונגען אויף דער משנה. למשל באַמערקונגען ווי: „תברא, מי ששנה זו לא שנה זו, חסורא מחסרא והכי קתני, זו דברי, אבל חכמים״ וכדומה, וועלכע מיר באַגעגענען אָפטמאָל אין דער גמרא אויף מסכתות און ענינים פיל לײכטערע ווי „טהרות״ האָבען די שפּעטערדיגע אין זײערע פירושים ניט געוואַגט צו מאַכען 1)

1) אין זײן הסכמה אויף „מסכת כלים״ פונ׳ם ראַדזינער רבי׳ן, הגאון ר׳ גרשון חנוך לײנער, דערצעהלט הגאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, אַז אין זײן יוגענד האָט ער זיך געגרײט צו פאַרפאַסען אַ צוזאַמענגעשטעלטע גמרא אויף „מסכת כלים״, נאָר ווען ער האָט געזעהן דערצעהלט. וועגען זײן זײדען הגאון מוהר״ל מפּראַג, אַז דער לעצטער האָט שוין געהאַט אַזאַ חיבור גרײט, און דער חיבור איז דורך אַ צופאַל פאַרברענט געוואָרען, האָט ער (מוהרי״ש נאַטאַנזאָהן) זיך אויך צוריקגעהאַלטען פון דעם. לויט׳ן ר״ש און ראַ״ש ווײזט אויס, אַז די ראשונים האָבען געוואוסט פון אַ גמרא „מסכת כלים״.

אין דער הסכמה אויף מסכת כלים פון אבי המחבר — ר׳ יעקב אדמו״ר מאיזביצא — דריקט דער לעצטער אויס פאָלגענדע השערה: אויף „זרעים״ האָבען די חכמי תלמוד בבלי קײן גמרא ניט פאַרפאַסט, ווײל זײ האָבען זיך פאַרלאָזט אויפ׳ן „תלמוד ירושלמי״ פון ר׳ יוחנן וריש לקיש, היות די הלכות זײנען הויפּטזעכליך תמיד נוהג אין ·ארץ ישראל. בנוגע ס ד ר ק ד ש י ם האָבען זײ יאָ געשאַפען אַ גמרא, ווײל זײ האָבען געוואוסט, אַז אידען וועלען זיכער עוסק זײן אין דעם, אַזוי ווי די חז״ל ערקלערען: „כל העוסק בפ׳ קרבנות כאלו הקריבם. ובכל מקום מוקטר מוגש לשמי — ת״ח העוסקים בהלכות עבודה בכל מקום מעלה עליהן הכתוב כאילו מקריבין אותן בבית המקדש״, (רש״י ב״מ קי״ד ע״ב). וועהרענד אויף „טהרות״ האָבען זײ ניט געלאָזען קײן באַזונדער גמרא צוליב׳ן חשש, אַז זי וועט בלײבען פאַרלאָזען אין אַ ווינקעל, ווײל טומאה וטהרה זײנען דאָך ניט נוהג בזמן הזה. האָבען זײ דאָריבער זײערע מײנונגען און אינטערפּרעטאַציעס אין דיזע ענינים צושפּרײט אין אַלע אַנדערע מסכתות פון ש״ס.

אָבער אין „חומת ירושלים״ אויפ׳ן „ירושלמי ברכות״ (ווילנא תרפ״ב) ווערט באַוויזען מיט איבערצײגענדע ראיות אַז די חכמי תלמוד בבלי האָבען יאָ פאַרפאַסט גמרא אויף אַלע ששה סדרי משנה. נעמליך, עלף מסכתות אויפ׳ן סדר זרעים, צוועלף אויף מועד, זיבען אויף נשים, אַכט אויף נזיקין (די דרײ בבות ווערן פאַררעכענט פאַר אײנע). עלף אויף קדשים און צוועלף מסכתות אויפ׳ן סדר טהרות. אַלזאָ צוזאַמען אײן־און־זעכציג מסכתות, וועהרענד מיר האָבען בלויז גמרא אויף זיבען און דרײסיג מסכתות. דער אויספיהר איז דאָריבער אַז צוליעב די גרויזאַמע הריגות ושמדות וואָס די אידען זײנען אויסגעשטאַנען אונטער די פּרסיים בײם סוף פון די ימי האמוראים און די רבנן סבוראי זײנען אין פאַרלויף פון דער צײט גאַנצע פיר־און־צוואַנציג מסכתות פאַרלוירען געוואָרען. פּונקט ווי דער ירושלמי אויף קדשים שײנט צו האָבען פאַרלוירען געגאַנגען בימי הראשונים.

דעם חפץ חיים׳ס „לקוטי הלכות״ אין „תורת כהנים״ האָבען געמאַכט מעהר צוגענג־

ר׳ חיים וואָלאָזשינער אין זיין הקדמה צום ספר „שנות אליהו״ פון זיין רבי׳ן הגר״א ערקלערט עהנליכעס בנוגע דעם סדר ז ר ע י ם. ..

„והנה בסדר זרעים חשך העולם מכל וכל כי לתלמוד בבלי לא זכינו בו ותלמוד ירושלמי עמוק עמוק מי ימצא רב פניניו בלישנא קלילא דנקט וגם באפס ידי המשמשין בו ובתוספות נשתבשו מאד ונלאינו למצא פתח לדבריהם להאיר לנו דרכם דרך הקודש ינוחו אבוהן־דעלמא רבותינו הקדושים הרמב״ם ז״ל והר״ש ז״ל (רבינו שמשון משאנץ) אשר עשו נתיבה בתוספתא וירושלמי למצא דרך המשנה מס׳ זרעים. בפרט הר״ש ז״ל הפליא עצה להבין ולהורות מן התוספתא והירושלמי וקבעם במסמרות בפירושו ומאז עד עתה החיבורים שנתחברו על משניות וחיבורים על חיבורים וחיבורים עליהם כלם נקבצו באו עפ״י דקדוקיהם שדקדקו בדברי הר״מ והר״ש ז״ל וצוותא בתרייהו . . . ״

---o---

דער ירושלמי קדשים

דער רמב״ם אין זיין הקדמה צו סדר זרעים דערקלערט: „ונמצא מן הירושלמי חמשה סדרים שלמים אבל סדר טהרות לא נמצא לו תלמוד בשום ענין לא בבלי ולא ירושלמי אלא מסכת נדה״. אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרען אַ תלמוד ירושלמי אויף גאַנצע פינף סדרים (אויסער טהרות מעהר ניט ווי אויף מסכת נדה) ווערט אויך דערמאַנט פון אַנדערע ראשונים, ווי דער ראב״ד, דער בעל „כפתור ופרח״ א. א.

ווי אַ קינד פרעהט זיך מיט זיין נאַר וואָס געפונענעם פּאַטער, אַזוי פלעגט דער חפץ חיים צערטלען מיט אַ באַזונדער ליבע די יעניגע ספרים, וועלכע האָבען לעצטענס צוערשט געזען די ליכט פון טאָג. זיי זיינען געלעגען הונדערטע יאָהרען אין מאַנוסקריפּט־פאָרם באַהאַלטען אונטער שטויב און

ליך די עניניס פאַר די לומדים. אַזוי ווי אין די הסכמות אויפ׳ן „לקוטי הלכות״ ווערט באַטאָנט, אַז כדי משיג צו זיין דיזע שווערע מקצועות און זיך קאָנען געגוי פאַרטיפען, אין די ענינים, דאַרף מען פריהער זיין א תלמיד חכם, זיין באַהאַוועגט אין אנדערע טיילען פון ש״ס. ווי די חז״ל זאָגען: אלו „תלמידי חכמים״ העוסקים בהלכות עבודה מעה״כ כאלו נבנה ביהמ״ק בימיהם (מנחות ק״י).

אַזוי אויך ווערט געזאָגט בשם בעל „הפלאה״, אַז צו לערנען „קדשים״ און פאַר־שטעהן די טיפע ענינים איז זעהר שווער. „קדשים״ רופען אַז די חז״ל „חכמה״ און „טהרות״ „דעת״, דאַריבער עצה׳ט דער תלמוד — הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות. „יחכים״ פון וואָרט „חכמה״ מיינט „קדשים״, ד״ה דער יעניגער וואָס וויל באַגרייפען די עמקות אין די ענינים פון „קדשים״ זאָל ער צוערשט אויסשאַרפען זיין קאָפּ דורך לערנען די דיני ממונות נזיקין, און נאָכדעם זיך נעמען צום לימוד פון קדשים און טהרות.

שימעל אין די פאַרשיידענע ביבליאָטעקען אין דער וועלט, ווי צ. ב. ש. דער „אור זרוע" פון רבינו יצחק מווינא, וועלכער איז געווען פאַרהיילען פון אונז זעקס הונדערט יאָהר.

אין זיין הקדמה צום „לקוטי הלכות" דריקט דער חפץ חיים אויס זיין מיינונג: „פיעל חיבורים אויפ׳ן סדר קדשים איז מעגליך פאַרפאַלען געוואָרען אין די צייטען, ווען קיין דרוק איז נאָך ניט געווען. אידען האָבען ניט געהאַט קיין מנוחה, כסדר׳דיגע רדיפות, מ׳האָט באַדאַרפט אַלץ מיט׳ן הויז קאָפירען, דאָס האָט געפאָדערט פאַלשטענדיגע מנוחה, אונגעהויערע אַרבייט און געלט, האָט מען דאַריבער נאָר געשריבען און קאָפירט אויף די ענינים, וועלכע זיינען נויטיג פאַר טאָג טעגליכער הלכה למעשה, און זיי ווי ווייט מעגליך פאַרשפרייט, וועהרענד אויף די מקצועות, וואָס געהען אָן בזמן שבית המקדש היה קיים זיינען פאַרבליבען בלויז אין די הענד פון יחידי סגולה, ביז זיי זיינען ביסלעכווייז אין גאַנצען פאַרלוירען געוואָרען. מעגליך, אַז מיט דער צייט וועלען ענטדעקט ווערען אַלטע כתבי יד אויפ׳ן סדר קדשים, אַזוי ווי מיר האָבען זוכה געווען בזמננו צום פירוש פון ראב״ד והר״ש אויפ׳ן „תורת כהנים", „חידושי הרשב״א" אויף מסכת מנחות, אַ פירוש פון רבנו הלל אויפ׳ן „תורת כהנים", וועלכער איז נאָך ליידער אין כתב יד".

דעם חפץ חיים׳ס פרייד האָט מען באַזונדערס געזעהן, ווען עס פלעגט ערשיינען אַ זעהר וויכטיגער ספר אויף קדשים, די ענינים, וועלכע ער האָט כסדר געזוכט צו פאָפולאַריזירען צווישען די לומדים. פילפאַכיג גרויס איז געווען דעם חפץ חיים׳ס שמחה, ווען ער האָט אין יאָהר תרס״ו דערהערט, אַז אַ געוויסען הרב שלמה יהודא פרידלענדער אין אונגאַרען איז געלונגען צו געפינען אַ ירושלמי אויף קדשים אין פאָרם פון אַן אַלטען מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט ענטדעקט אין אזמיר און סאַלאָניקי, אין דער ביבליאָטעק, וואָס איז פאַרבליבען פון הגאון ר׳ יהושע בנבנשת, מחבר פון ספר „שדה יהושע" אויף ירושלמי, ברודער פון ר׳ חיים בנבנשת, דער בעל „כנסת הגדולה".

אין תרס״ז איז דער ירושלמי אַרויס פון דרוק, אָבער טראָץ די וואונדערבאַרע הסכמות פון אַזעלכע גאונים פון גאַליציע, ווי ר׳ שלום מרדכי, רב פון ברעזאַן, און ר׳ אברהם בנימין קלוגער פון בראָדי, זיינען פילע גדולי התורה אַרויס מיט באַשולדיגונגען, אַז דער אַרויסגעבער איז אַ זייפן, און די ווערק אַ שענדליכע פאַלסיפיקאַציע. צווישען די מעררים זיינען געווען אַזעלכע פראָמינענטע גדולים, ווי דער רידב״ז (ר׳ יעקב דוד סלוצקער), ר׳ מאיר דן פלאָצקי, אָסטראָווער רב, דער גרויסער גאון ר׳ מאיר שמחה הכהן דווינסקער רב א. א. עס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען צייטונגס־מאמרים, בריוו און פאַמפלעטען אויפצוצייגען די סתירות און קשיות אויף דעם ירושלמי.

אַ ספּעציעלען רושם האָט דאַן געמאַכט דער קונטרס „שאלי שלום

ירושלים" פון הרב פלאצקי, בילגורייא, תר"ע, וואו דער לעצטער טרעט זעהר שארף ארויס קעגען דעם מחבר און באווייזט די אונריכטיגקייט פון זיין ירושלמי־קדשים.

דיזער שרייבער האט אלס יונגער בחור צוערשט זיך באקאנט מיט דער פאלעמיק אין יאהר תרע"ג, טאקע אין הויז פון חפץ חיים, געפינענדיג דארט א בראשור צוזאמענגעשטעלט פון הרב יאנאווסקי פון קיעוו, ענטהאלטענדיג מאמרים פון פילע גדולים, וואו ער רעכענט אויס א ריי פעלשונגען און זוכט צו דעמאסקירען דעם ארויסגעבער. בייגעלייגט איז אויך געווען א בריוו פון הרב יאנאווסקי, בעטענדיג דעם חפץ חיים ארויסצוזאגען זיין מיינונג וועגען דעם ענין. פילע צעהנדליגע בריוו פלעגען אפט קומען צום חפץ חיים פון דער גאנצער וועלט, אלע האבען געגארט צו הערען דעם חפץ חיים'ס שטעלונג. אבער דער חפץ חיים האט אויסגעמיטען צו ענטפערען. א קלאנג איז ארומגעגאנגען, אז ער האט זיך וועגען דעם געהאט דורכגערעדט מיט הגאון ר' חיים סאלאווייטשיק און עס איז ביי זיי געבליבען, אז די אלע באווייזען זיינען ניט קיין אבסאלוט פאזיטיווע פעסטצושטעלען, אז די ווערק איז א געפעלשטע: „סתירות און קשיות האבען מיר דאך אין אנדערע טיילען ירושלמי אויך, אזוי ווי דער רשב"א דערקלערט — וכבר ידעת שרבו השיבושים בנוסחאות הירושלמי. והסבה הגדולה למעוט השגחת הלומדים בו ואין עומדים עליו רק אחד בדור (שו"ת המיוחסות להרמב"ן סימן צ"ו). דאך לערנענדיג כסדר ווערען די אונפארשטענדליכע שטעלען מעהר ווייניג קלאהר, קאן דאך מיט דער צייט אזוי פאסירען אויך מיט דעם ירושלמי אויף קדשים".

פריוואט האט זיך דאמאלט דער חפץ חיים געווענדעט צו די רבנים אין ירושלים מיט א בקשה, היות זיי זיינען דאך נעהענטער צום מקום המעשה, צו אזמיר און סאלאניקי, זאלען זיי שיקען אויספארשען גענוי די אלע אנגעגעבענע ערטער, וואו די כתבי יד זאלען זיך האבען געפונען. דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האט אבער אלץ צושטערט.

דער חפץ חיים פלעגט כידוע אפטמאל אנגעבען פארשידענערליי טעמים בנוגע זיינע אייגענארטיגע הנהגות. די לעצטע אנדערהאלבען צעהנדליג יאהרען פון זיין לעבען האט ער געלייגט אויך דעם רבנו תם'ס תפילין. אויף דער פראגע מעיקרא מאי סבר ולבסוף מאי סבר? — האט ער איינמאל געענטפערט, אז אין דעם ענטדעקטען ירושלמי קדשים אויף מנחות האט ער געפונען דייטליך אזוי ווי דעם רבנו תם'ס דעה.

ווען ער איז אבער שפעטער דערגאנגען, אז נאך אין די יאהרען תרנ"ב, תרנ"ג, איז דער ארויסגעבער עפענטליך באשולדיגט געווארען (אין המליץ)

אַלס פֿאַלסיפֿיקאַטאָר און שווינדלער, האָט דער חפץ חיים שוין מעהר לגמרי נים דערמאָהנט דעם ירושלמי קדשים 1).

די מיינונג פון מעהרערע גדולים איז, אַז עס איז זיכער ניט קיין ירושלמי אויף קדשים, נאָר אַ צוזאַמענשטעלונג פון מאמרים צושפּרייט איבער גאַנץ תלמוד, פאַרפאַסט פון אַן אַחרון, אַ סאָרט „מסכת כלים“ פון ראדזינער רבי'ן.

———o———

לערנען דעם ספר „חפץ חיים“

אין „האסיף“ פון יאָהר תרמ"ח, אין אַ רעצענזיע וועגען ספר „משנה ברורה“, שרייבט דער מבקר יצחק מובאלסקי, צווישען אנדערעס:

„מברכותיו של אדם ניכר אם תלמיד חכם הוא. המחבר הנכבד משוש כל בני ליטא, המספרים ממנו גדולות, המחבר הזה אשר ראה עולמו בחייו וזכה כי ספריו „שמירת הלשון“ ו„חפץ חיים“ נעשו לקנין כל בני ליטא. היראים נושאים אותם בתוך תיק הטלית ולומדים בפומבי בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, המחבר הזה אשר ככהן הגדול בברכה משולשת מברך לה' ויודה לו ג' פעמים בשער ספרו, המחבר הזה המפורסם לירא אלקים וצדיק כביר...“

דער גרויסער גאון ר' אלכסנדר משה לפידות, אין זיין ספר „דברי אמת“ (געדרוקט מיט פיעלע צעהנדליגע יאָהרען צוריק), שרייבט דאָרט בזה הלשון:

„נגע צרעת כי תהי' באדם, המה העבירות התלויות בפה ובלשון אשר המה נגעי בני אדם, ורוב בני אדם נכשלים בהם. והובא איש כזה אל הכהן הגדול מאחיו, הוא הגאון הצדיק האמיתי, בעל „חפץ חיים“ שליט"א, ללמוד בספריו היקרים והמה יורו לו איך להתנהג בזה. ואשרי האדם שילמוד על מנת לקיים, בספריו הקדושים אשר המה מלאים דברים יקרים נבחרים, איש כזה את נפשו יציל משחת ויזכה בזה לרוב עונג ונחת“.

אויך שרייבט הגאון הצדיק ר' אלי' קראטינגער זצ"ל, אין זיין צוואה (געשריבען מיט פופציג יאָהר צוריק, געפינט זיך אין ספר „אזהרת שבת“ פון הרב ר' יצחק מאלצאן), למעה"ש צו לערנען דעם „חפץ חיים“.

---

1) הגאון ר' מאיר דן פלאָצקי מיט אומגעפעהר צעהן יאָהר צוריק, ריידענדיג מיט'ן שרייבער וועגען ירושלמי קדשים, האָט ער איהם פאַרזיכערט, אַז איצט זיינען שוין אַלע לומדים איבערצייגט, אַז עס איז געפעלשט, „אַז מען קען נאַכמאַכען די גמרא, איהר נוסח און סגנון, אַזוי אַז מען זאָל מיינען, אַז עס איז ווירקליך גמרא, קאָן איך עס אַליין באַווייזען“ — האָט דער גאון אויסגעפיהרט.

אַ בריוו פון גערער רבי'ן ר' אברהם מרדכי אלטר שליט"א

פון ירושלים צו זיינע חסידים אנ"ש אין פוילען.

געשריבען א' וישלח תרצ"ו

„איך פאַרלאַנג פון אייך, אזוי ווי עס האָבען זיך לײדער געמעהרט די צרות מבית ומבחוץ, און מיר דאַרפען גלויבען די חז"ל, אַז אלע לײדען ווערען פאַראורזאַכט צוליב די זינד פון לשון הרע און שנאת חנם, דאריבער איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט לערנען דעם ספר חפץ חיים און שמירת הלשון, אַמ־ווייניגסטענס צוויי מאָל אַ וואָך.

„איך קאָן עדות זאָגען אויף מיר אליין שמים וארץ, אַז נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלערענט די אויבענדערמאָהנטע ספרים, האָב איך געפיהלט אַ גרויסע ווירקונג לטובה. דאַריבער רעקאָמענדיר איך דיזע ספרים זאָגאָר צו די, וועלכע זיינען פאַלקאָמענע אין זייערע מדות, ווייל עס וועט זיכער משפיע זיין אויף זיי לטובה . . . און איך דיינק, אַז דאָס איז דער געדאַנק פון דעם אומבאַקאַנטען רוכל (פעדלער) צו ר' ינאי — לאו אנא ודכוותך — דאָך האָט זיך ר' ינאי מטריח געווען איבערצוצייגען, אַז אַלע דאַרפען אָנ־קומען דערצו . . . "

אַ גמרא פון אַ אינגעל

יעדער איינער קאָן לייכט דערקאָנען אַ אינגלישע גמרא, אַ חומש, אָדער אַ סדור פון אַ קינד. דאָ פעהלט אַ בלאַט, דאָ צוויי, דאָ פאַרפלעקט, דאָ פאַר־גאָסען, דאָ צוקנייטשט און דאָס צוריסען. גאַנץ אַנדערש קוקט אויס אַ גמרא, אָדער ספר, אין וועלכען אַ דערוואַקסענער, אַ בר־דעת לערנט, יעדע בלאַט בלייבט גאַנץ. דער ספר, די בלעטער און טאָוולען דערהאַלטען מעהר ווייני־גער זייער צורה און פאָרם.

ווען איינער לערנט און איז מפסיק אינמיטען אויף דברים בטלים, רעדט לשון הרע, רכילות, פאַרברייננגט אין לצנות, וכדומה. איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ גאַנצע גמרא, ער ווייסט אָבער ניט אַז דברים בטלים פאַר־פלעקען די גמרא, לשון הרע רייסט אַרויס גאַנצע בלעטער. לעתיד לבוא וועט ער אַליין ניט דערקאָנען די גמרא, וואָס ער האָט געלערנט. ער וועט מיינען, אַז מען צייגט איהם דאָרט עפּעס אַ קינדערשע גמרא ... ווי פאַר־

שעהמט און ענטוישט ווערט ער ווערען, ווען מען וועט איהם איבערצייגען, אַז דאָס איז זיין אייגענע גמרא, וועלכע ער האָט מיט זיין קינדערישקייט צו־ריסען און פאַרפּאַטשקעט ...

ביטול תורה

ר׳ הירש פלעגט דערצעהלען, אַז אין וואָלאָזשינער ישיבה, וואו עס האָבען געלערנט הונדערטער יונגעלייט מיט אַ זעלטענער התמדה, האָט איינ־מאָל ר׳ חיים וואָלאָזשינער באַמערקט, ווי צוויי יונגעלייט זיינען געזעסען און גערעדט צווישען זיך און ניט געלערנט. אויף דער פראַגע פון גאון אין וואָס זיי זיינען זיך עוסק, האָבען זיי איהם געענטפערט, אַז זיי ריידען: „וואָס אַ שטייגער טראַכט איצט ביי זיך דער יצר הרע, ווען ער זעהט אַזאַ הייליגע פאַר־זאַמלונג לערנען מיט אַזאַ גוואַלדיגען חשק?״

„איך וועל אייך זאָגען וואָס דער יצר הרע טראַכט זיך איצט״, האָט ר׳ חיים באַמערקט, „ער טראַכט — רעדט וועגען מיר וויפיל איהר ווילט, אַבי לערנט ניט!״

ניט געמאַכט קיין טעות

אַ באַוואוסטער בעל הוראה, איז אַמאָל געקומען צו איהם מיט אַ פאַרטיגען כתב יד אויף יורה דעה, אַ חבור עהנליך צום משנה ברורה, און האָט פון איהם געבעטען אַן הסכמה.

דער חפץ חיים, האָט נאָכדעם, ווי ער האָט אַביסעל דורכגעקוקט דעם כתב יד, זיך געווענדעט צום מחבר מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„עס קוקט אויס צו זיין ניט שלעכט, אָבער אום צו זיין זיכער, אַז איהר האָט קיין טעות ניט געמאַכט, וואָלט איך אייך געראַטהען צו פאָהרען צו ר׳ אלי׳ דוד מירער, אָדער צו אַן אנדער גדול און איהם בעטען ער זאָל עס גרינדליך דורכקוקען, אנדערש זאָלט איהר עס ניט דרוקען״.

ווי דער מחבר אליין דערצעהלט, איז ער, הערענדיג די פשוט'ע תמימות'־דיגע ווערטער, דערציטערט געוואָרען און עס איז איהם שוין אָפגעפאַלען דער חשק עס צו דרוקען.

לערנען משניות נאָך זיך

פיעלע מאָל פלעגט ער ראטהען עלטערע אידען, וועלכע זיינען געקומען איהם פרעגען עצות וואָס צו טהאָן, דאָס זיי זאָלען לערנען משניות און זאָגען נאָכדעם אַ קדיש יעדען טאָג נאָך זיך אַליין און זיך ניט פאַרלאָזען אויף קינ־דער אָדער אַנדערע.

לעבענס־בלוט

דער תנא אין אבות (פ"ג) דערקלערט, ווער עס פאַרגעסט איין איינ־ציג וואָרט פון זיין לערנען, ווערט פאַררעכענט אַלס אַ מתחייב בנפשו — ער האָט אַ שולד אין זיין לעבען.

געווי די באַדייטונג פון מתחייב בנפשו קאָן מען פאַרשטעהן מיט דעם טעם, וואָס די תורה איז מגלה אויפ'ן איסור פון אכילת דם, כי הדם היא הנפש. אַלזאָ, דער פאַרזאָג ניט צו עסען בלוט איז ניט, ווייל עס איז עקעלהאַפט (מיאוס), אָדער שעדליך צום געזונד, נאָר ווייל די תורה האָט נאָר מתיר געווען צו עסען די בשר, אָבער ניט דעם נפש פון דער בהמה, וועלכע איז אין די בלוט, אָבוואָהל די פאַרבינדונג צווישען נפש און דם איז אַ מיסטעריעזער און קאָן ניט ווערען עקספערימענטאַל דעמאָנסטרירט.

דערקלערט דאַריבער דער תנא, אַז די תורה איז די לעבענס־בלוט פון אידען. צו פאַרלירען אַ וואָרט פון דער תורה מיינט, אַזוי ווי מען פאַר־לירט אַ טייל פון לעבען, אַזוי ווי מ'וואָלט אויפגעגעסען דעם נפש.

זיין סדר אין לערנען

ער פלעגט האָבען באַשטימטע שעורים און קביעות'ן צו לערנען יעדען טאָג. דעם תנ"ך האָט ער פון טלית־זאַק ניט אַרויסגעלאָזען, איז געווען קלאָר אין איהם על פה, ממש אותיות צו ציילען.

זיין לערנען איז געווען הויך אויפ'ן קול. ער פלעגט דורכריידען גענוי און קלאָר יעדע שקלא וטריא, זאָגאָר ווען ער האָט געלערענט ביחידות, האָט מען פון דערווייטענס געמיינט, אַז ער איז זיך עס מתוכח (דיסקוסירט) מיט וועמען. זיין דרך איז תמיד געווען גלייך צוצוגעהן צום סאַמע מקור פון יעדען ענין. אויב עס האָט געהאַט אַ יסוד אין דער תורה, פלעגט ער ראשית נעמען אַ חומש און גענוי דורכלערנען דעם פסוק. מ'האָט איהם אָפטמאָל געקאָנט הערען לערנען אַ סוגיא אין דער גמרא, אָנהויבענדיג אַזוי:

„מנא הני מילי, פון וואַנעט וויס מען עס, וואו שטעהט עס אין דער תורה?" האָט אַרויסגענומען אַ חומש, מעין געווען אין פסוק, געפונען, אַז עס איז עפּעס ניט אַזוי גלאַט, האָט ער עס פּראָבירט אויסצוגלייכען. ער האָט איינגעקוקט רש"י, רמב"ן, א. ז. וו. און דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ גלעט ביז וואַנעט אַלץ איז רעכט געוואָרען.

ער האָט אַלע מקורים פריהער גרינדליך דורכגעטהאָן איידער ער האָט געפּענענט דעם „טור" מיט זיינע נ ו ש א י כ ל י ם און ערשט נאָכדעם האָט ער זיך גענומען לערנען דעם דין אין שלחן ערוך 1).

---

(1) זעה הקדמה צום ס' „פנים חדשות":
„מרגלא בפומייהו דאינשי שאין מורין הלכה מתוך שלחן ערוך כי לא נתכוון בו הרב ז"ל אלא למפתח בעלמא".
דער ב"ח (תשובה סי"ב) דערקלערט:
„כבר ידעת שאותם שנמשכין להורות על פי הש"ע הם המורים שלא כהלכה, כי לא ידעו שורש של ההוראה מבטן מי יצאו הפסקים ובודים טעמם מלבם ועי"ז מרבים מחלוקת בישראל".
אין ספר „ראשון לציון", דף ק"ב, שטעהט:
„אין מספיק לאדם לומר אדע דיני התורה איסור והיתר מפסק הדין והש"ע . . . כי כל עוד שלא ידע עיקר הדין מהש"ע ומוצאו אינו יכול לעמוד על אמיתת הדבר".
עהנליכעס אויך צו געפינען אין דער הקדמה פון סמ"ע צום חו"מ.
באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די דערצעהלונג פון „כסף משנה": —
.וכן שמעתי מפי גדול בברצילונא שהי' בקי בתלת סדרי ואמר, תמהתי על בני אדם שלא למדו גמרא וקורין בספרי הרמב"ם ומורין ודנין מתוך ספריו וסוברים שיכירו בהן. ואני מכיר בעצמי כי בתלת סדרי שלמדתי אני מבין כשאני קורא בספריו, אבל בספריו בהל' קדשים וזרעים אינני מבין בהם כלום. וידעתי שכך להם בכל ספריו".
דער „שלחן גבוה" פירט דאַריבער אוים: —
„מכאן ישמע חכם ויסיף לקח שאין ראוי למורה להורות דבר מתוך ספר הרמב"ם ומתוך ספר הש"ע וכיוצא בהם מחברי הלכות פסוקות . . . אם לא שבא אל מקור הדין וידע מאי קאמר. דלפעמים אדם יראה לעינים דמתוך ספר השלחן ערוך יבין המבין דבר אחד להיתר או לאיסור וכשבא אל ביתו ביתה יוסף יבין אותו הדין להפכו".
דאָס אַלץ מאַכט מעהר פאַרשטענדליך די כוונה און גרויסען אויפטהו פון חפץ חיים'ס פאַרפאַסען דעם „משנה ברורה".

אין די יאָהרען, ווען ער האָט זיך מתעסק געווען אין שרייבען זיינע ספרים אויף הלכה, פלעגט ער נאָך דער גמרא, רש״י און תוספות, גלייך נאָכ־דעם דורכלערנען אויפ׳ן אָרט דעם רי״ף און נאָכהער דעם רמב״ם. ער האָט געהאַלטען, אַז דער בעסטער מקור פאַר די הלכות פון רמב״ם איז דער „רב אלפס״, און אַז אָפטמאָל, וואָס איינער פאַרפעהלט, איז דער אַנדערער משלים.

ער פלעגט מיט אַ געוויסען סדר האָבען אויסגעלייגט אויפ׳ן טיש די וויכטיגסטע ספרי פוסקים, מפרשים פון די ראשונים: דעם שאילתות, בה״ג, רמב״ן, רשב״א, ריטב״א, ר״ן, מאירי, העיטור, רא״ש סמ״ג, תרומה; אור זרוע א. א., ווי אויך די ספרים פון די גדולי האחרונים. זייענדיג באַקאַנט מיט דער אייגענאַרטיגער שיטה, דרך און סגנון פון יעדען איינעם, פלעגט ער אָפטמאָל צוטרעפען לויט׳ן סדר: דאָ אַ קשיא, דאָ אַ תירוץ און דאָ אַ באַ־מערקונג.

מוסר לערנען

מרגלא בפומיה: „יעדער בן תורה דאַרף האָבען אַ צייט צו לערנען מוסר. דאָס איז אַזוי ווי סטראַכאָוועקע („אינשורענס״) צו פאַרזיכערען דאָס ביסעל תורה, וואָס מען פאַרמאָגט, עס זאָל ניט קאַליע ווערען״.

מוסר אין וואָלאָזשינער ישיבה

ר׳ ברוך בער ז״ל (ראש ישיבה פון „כנסת בית יצחק״ סלאָבאָדקע, נאָכער אין קאַמענעץ) האָט זיך איינמאָל מתוכח געווען מיט זיין יוגענד חבר ר׳ הירש׳ן (חפץ חיים׳ס איידים) מכח דער פראַגע צו פאַר ישיבה תלמידים וואָס זיצען און לערנען תורה יומם ולילה איז נויטיג צו ווידמענען אַ באַשטימטע צייט יעדען טאָג פאַר׳ן לימוד המוסר. ווי באַוואוסט איז די טענה פון די מוסר געגנער געווען אַז פאַר די ביי וועמען תורתן אומנתן איז דער מאור שבתורה אין זיך זעלבסט דער ווירקזאַמסטער מיטעל פאַר אַ געזונטען מאָראַ־לישען חינוך. ר׳ ברוך בער זייענדיג דער פיהרער פון אַ ניט־מוסר ישיבה האָט אין זיין אַרגומענט אָנגעוויזען ר׳ הירש׳ן אויף דעם פאַקט אַז אין דער וואָלאָזשינער ישיבה וואו זיי זיינען ביידע נתחנך געוואָרען האָט מען קיין מוסר ניט געלערענט פונדעסטוועגען איז דער מאָראַלער סטאַנדאַרד פון די תלמידים געווען גאַנץ הויך.

„אין וואלאזשין האָבען מיר יאָ געהאַט מוסר!״ האָט ר׳ הירש מיט אַ פּאָזיטיווען טאָן געענטפערט.

האָט ר׳ ברוך בערל לכתחילה די תשובה ניט פאַרשטאַנען „וואָס הייסט מ׳האָט געהאַט מוסר, ווען האָבען דאָרט די תלמידים געלערנט מוסר?״

„דאַמאָלט ווען ר׳ הירש ליב ז״ל פלעגט דורכגעהן די ישיבה. די תלמידים קוקענדיג אויפ׳ן רבי׳ן האָבען דאָן געלערענט מוסר . . .״ האָט ר׳ הירש אין אַן ערנסטען טאָן באַטאָנט.

אגב איז כדאי צו באַמערקען, אַז ר׳ הירש איז אויך אַ יליד פון וואָלאָזשין. די דערמאָנונג פון וואָלאָזשינער ישיבה און איהר גלאָררייכער תקופה פלעגט אימער אַרויסרופען ביי איהם טרערען.

ווען מ׳לערענט מיט א חברה

כדי מקיים צו זיין ווי געהעריג די מצוה פון לימוד תורה, איז נויטיג אַז מ׳זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט׳ן הערן פון רבי׳ן בעת ער לערנט פאַר דער חבורה, נאָר אַז נאָכדעם ווי דער רבי לערנט אָפּ אַ משנה, אָדער אַ הלכה, זאָלען די צוהערער צווישען זיך איינער מיט׳ן אַנדערען איהר איבער׳חזר׳ן. ערשט נאָכדעם, זאָל דער רבי אָנפאַנגען לערנען די צווייטע משנה אָדער הלכה.

די תורה אָנזאָגענדיג ולמדתם . . . דריקט זיך דאָך אויס ודברת בם, צייגט עס דאַריבער, אַז דער עיקר מצוה באַשטעהט אין אַרויסריידען. דער תועלת דערפון איז זעהר גרויס: דאָס מאַכט אַז די ווערטער זאָלען טיפער איינגעקריצט ווערן אין מח, און לאַנג בלייבען אין זכרון. אויך, ווען מען חזר׳ט איבער אַלע צוזאַמען דאָס געלערענטע איז עס אַ גרויסער קדוש השם . . . (נדחי ישראל פרק י״ד).

דעם אלפס

הרב זאקס האָט דעם שרייבער איבערגעגעבען אַז די לעצטע ווערטער פון חפץ חיים פאַר זיין פּטירה, גערעדט צו זיין עלטסטען זוהן הרב ר׳ ליב זיינען געווען אַן אָנזאָג צו איהם איבערצודרוקען דעם אלפס אין א פּאָפּולערע אויסגאַבע, אין א קליינעם פאָרמאַט בלויז מיט׳ן פירוש רש״י, כדי דעם עולם

זאָל זיך נעמען צו לערנען און זיין קלאָר איז דעם. דער רב אלפס גיט דאך דעם תמצית פון דער גמרא, דעם קיצור פון יעדער שקלא וטריא און מסקנא הלכה למעשה. ביי א פריהערדיגע געלעגענהייט האָט דער חפץ חיים זאָגאַר געוואָלט געבען צושטייער פאר דעם צוויי הונדערט דאלער פון זיין אייגענע קעשענע.

אין כסלו תר״ץ האָט ער וועגען דעם פאַרעפענטליכט אַ מאמר, אונ־טער׳ן קעפעל: „עצה טובה ואמתית״. ער שרייבט צווישען אַנדערעס:

„אין דער מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, אַ הויפּט־פּרינציפּ אין דער תורה, איז נכלל, אַז אַ מענש איז מחויב צו טהאָן גוטס מיט׳ן אַנדערען אין אַלע מעגליכע אופנים, סיי בגופו, סיי בממונו, און אויך, אויב ער קאָן איהם העלפען דורך געבען איהם אַ גוטע עצה.

„מיר גלויבען דאָך אַלע אין משיח׳ן און וואַרטען אויף זיין קומען. דאַרפען מיר דאָך זיך פאַרבאַרייטען צו וויסען די הייליגע תורה, די איינ־ציגע זאַך, וועלכע קען אונז ברייגנען נאָהענט צו איהם.

„בעוה״ר זיינען מיר פאַריאָגט צוליב דעם שווערען יאָך פון פרנסה און דאָס שטערט אונז צו קאָנען זיך איינשאַפען ידיעות התורה אויף אַ ממשות׳דיגען אופן.

„האָב איך דעריבער געפונען פאַר נויטיג צו ראַטהען מיינע ברידער אַן עצה טובה, אַ גוטער מיטעל זיך איינצושאַפען אין אַ קורצער צייט אַ באַ־דייטענדע מאָס פון ידיעות התורה, די הויפּט הלכות פון ש״ס דורך לערנען דעם אַלפס, ווייניגסטענס מיט׳ן פירוש רש״י ז״ל. דאָס וועט אונז מאַכען גלייכצייטיג מקיים צו זיין דעם פסוק — והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך.. (אין מעשה רב ווערט אויך געבראַכט, אַז דער גאון האָט זיינע באַקאַנטע געהייסען לערנען דעם אלפס מיט פירש״י).

„און אויף די מסכתות, וואָס ס׳איז אויף זיי ניטאָ קיין אלפס, ווי די מסכתות אין די ענינים פון קודש ומקדש, קאָן מען אין זיי קלאָר ווערען דורך לערנען דעם ספר ליקוטי הלכות, וועלכע דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען צו שאַפען בזכות כלל ישראל . . .״

אין דער פתיחה צו זיין „לקוטי הלכות״ ח״א שרייבט ער צווישען אַנדערעס:

דער רצון פון השי״ת איז, אַז די גאַנצע דברי תורה זאָלען זיין איינ־געקריצט אויפ׳ן מענשענ׳ס האַרץ, דאָך אַז דער מענש דאַרף זיין קלאָר בע״פ אין גאַנץ ש״ס (איינגעשלאָסען די סדרים זרעים און טהרות), וועלכע האַלטען בס״ה נאָהענט צו דריי טויזענד בלאַט. דער אויבערשטער קומט דאָך אָבער ניט בטרוניא על בריותיו, טאָ ווי איז מעגליך אַזאַ זאַך צו פאַרלאַנגען פון כלל ישראל ?

איז אָבער דאָ אַן עצה ווי אַזוי לכל הפחות קלאָר צו ווערען אין די עקרי ההלכות פון ש״ס. נאָכדעם ווי מ׳האָט דורכגעלערענט די גמרא, צו לערנען דעם רב אלפס אַמווייניגסטענס מיט׳ן פירוש רש״י אַליין. ער פיהרט אויס, אַז ביז דער צייט פון בית יוסף איז דער רב אלפס געדרוקט געוואָרען בלויז מיט׳ן פירוש רש״י. דער ר״ן און דער נמוקי יוסף זיינען געווען באַזונדער געדרוקטע חיבורים. פון שלטי הגבורים המאור און המלחמות האָט דער בית יוסף זאָגאָר ניט געוואוסט, ער דערמאָנט זיי דאָך קיינמאָל ניט. דער הויפט לימוד אום קלאָר צו ווערען איז דאַריבער דער רב אלפס מיט׳ן פירוש רש״י.

די מנורה

כמראה אשר הראה ה׳ את משה כן עשה את המנורה (במדבר ח׳).

די מנורה, וועלכע איז דער סימבאָל פון דער תורה, האָט באַדאַרפט גלייך פון אַנהויב געמאַכט ווערען פון איין שטיק גאָלד — „עד ירכה עד פרחה מקשה היא״ — ניט פריהער מאַכען טיילוויז און נאָכהער מחבר זיין צוזאַמען. אפילו די גביעים כפתורים און פרחים האָבען געמוזט זיין אויסגעאַרבייט פון איין און דעם זעלבען שטיק. דאָס איז מרמז, אַז די גאַנצע תורה, די שרשים פון איהרע הלכות, די כללים, פרטים און דקדוקים פון דער תורה, זאָגאָר די גאַנצע תורה שבעל פה, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, אַלע בלומעלאַך, קרוינדעלאך און באַפּוצונגען זיינען אַלע גלייך געגעבען געוואָרען למשה מסיני און יעדע חידוש-ציערונג האָט איהרע וואָרצלען אין דער תורה — „ליכא מידי דלא רמיזא בדאורייתא״. דאָס איז די כוונה פון דעם אויבענדערמאָנטען פסוק — אַזוי ווי דער רבש״ע האָט מגלה געווען משה רבינו ביים באַרג סיני די תורה אין איהר גאַנצקייט, לויט דעם מוסטער, האָט ער אַלס סימבאָל געשאַפען די מנורה.

אויך „עד ירכה עד פרחה מקשה היא״ — „ירכה״, מיינט, אַז דער פונדאַמענט, די באַזע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען די מנורה. דאָס האָט אויך באַדאַרפט זיין פון איין שטיק מיט דער מנורה. אַ רמז אויפ׳ן אויפהאַלטער פון תורה אַז ער וועט לעתיד זיין איינס מיט׳ן לומד התורה.

עהנליכעס אין ענינים בנוגע לערנען תורה זעה אויך אין ערשטען חלק זייטען: 64, 65, 69, 92, 118, 121, 136, 137, 152, 159, 160, 230, 265, 266, 271, 303, 310, 311, 326, 394, 418, 431, 469, 501, 502, 525.

אויפהאַלטען תורה

מסירת נפש פאַר תורה

דער חפץ חיים פלעגט אָפטמאָל באַהויפטען, אַז פאַר קיום התורה דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין, ווייל די תורה איז דאָך דער עיקר העיקרים פון יהדות, דער קווינט־עסענץ און לעבענס־נערוו פון אידישער עקזיסטענץ.

און ער פלעגט דערביי איבערזאָגען, אַז אין זיין יוגענד האָט ער אַמאָל דערקלערט, אַז דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון רבי עקיבא'ס מאַרטירערטום און דער יסוד פאַר'ן ויכוח מיט זיינע תלמידים.

די גמרא (ברכות ס״א ע״ב) דערצעהלט, אַז ס'איז פונקט געווען דער זמן קריאת שמע, ווען די רומיים האָבען ר' עקיבא'ן „מוציא געווען להריגה" צוליב דעם, וואָס ער האָט, טראָץ זייער גזירה מ ק ה י ל געווען ק ה ל ו ת און געלערענט ת ו ר ה ב ר ב י ם. רבי עקיבא האָט בעת מעשה קאָנ־צענטרירט זיין געדאַנק, כדי מקבל צו זיין ע ו ל מ ל כ ו ת ש מ י ם. האָבען די תלמידים אַ פרעג געטהאָן זייער באַליבטען רבי'ן:

„רבינו, עד כאן? אמר להם: כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה — בכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך — ועכשו שבא לידי לא אקימנו!?".

אין קידושין (נ״ז ע״א) דערצעהלט די גמרא, אַז שמעון העמסוני, אָדער נחמיה העמסוני, וועלכער האָט גע'דרשנ'ט אַלע „את'ן" אין דער תורה, ווען ער איז צוגעקומען צום פסוק — „את ה' אלקיך תירא" (עקב), האָט ער זיך פורש געווען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, וואָס קען מען פאַר־גלייכען צום אויבערשטען, מורא צו האָבן, אַזוי ווי פאַר כביכול. איז געקומען רבי עקיבא און האָט גע'דרש'ענט, אַז דער „את ה' אלקיך תירא" איז מרבה תלמידי חכמים, ד. ה., אַז מען דאַרף מורא האָבען פאַר אַ ת״ח אַזוי ווי פאַר השי״ת.

פרעגען די מפרשים, ווי אַזוי האָט רבי עקיבא גע'דרש'ענט דעם „את" פון „ואהבת את ה' אלקיך", וועלכעס שטעהט אין דער תורה מיט אַ סדרה פריהער?

האָט אויף דעם דער חפץ חיים געענטפערט, אַז רבי עקיבא האָט גע־האַלטען, אַז דער „את" פון „ואהבת את ד' אלקיך" איז מרבה די תורה, און

אז דאָס צייגט, אז פאר לימוד התורה דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין 1), ווערענד זיינע תלמידים האָבען די „את'ן" ניט גע'דרש'ענט האָבען זיי איהם געפרעגט „רבינו עד כאן?", ד. ה. ווי קומט, אַז דו זאָלסט קומען צו דעם, זיך מוסר נפש זיין פאַר תורה? האָט ר' עקיבא זיי געענטפערט, אַז „כל ימיו" האָט ער אַזוי געהאַלטען און זיך מצטער געווען „מתי יבא לידי ואקימנו".

אַלס ראי' אויף זיין אויפטהו ווענען דעם צוזאַמענהאַנג פון דיזע מאמרים אין שייכות מיט רבי עקיבא'ס אָפּפערווילליגקייט, איז לויט'ן חפץ חיים מוכח פון ירושלמי סוף מסכת ברכות.

נאָכדעם ווי עס ווערט דאָרט איבערגעגעבען דער אופן, ווי רבי עקיבא האָט מיט מסירת נפש אויסגעהויכט זיין נשמה לעזענדיג קריאת שמע, ווערט גלייך דערצעהלט: „נחמיה העמסוני שימש את רבי עקיבא עשרים ושתים שנה ולמדו: „אתים", ו„גמים", רבוין; „אכין" ו„רקין", מיעוטין. אמר ליה: מהו ההן דכתיב — את ה' אלקיך תירא? אמר ליה: אותו ואת תורתו 2). **זעהט מען, אַז ביי רבי עקיבא'ן האָט אויפצוגעבען די תורה געמיינט, ווי צו פאַרלייקענען דעם כביכול.**

---

1) זעה תוספתא שבת פרק ט"ז וואו ס'ווערט ציטירט רבי עקיבא'ס אויספיהר: „לא נתנו מצוות לישראל אלא לחיות בהם . . . אין לך דבר שעומד בפני פיקוח נפש הוץ מעבודה זרה, גילו עריות, ושפיכות דמים. במה דברים אמורים, שלא בשעת הגזירה, אבל בשעת הגזירה אפילו על מצוה קלה שבקלות אדם מוסר נפשו עליה". מיט דעם גלויבען און געדאַנק, אַז דער קיום התורה איז אַזוי וויכטיג, ווי איינע פון די דריי פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען און אַז מ'דאַרף זיך דאַריבער פאַר דעם מוסר נפש זיין, האָט אויך רבי עקיבא געזוכט איבערצוציינען פּפוס בן יהודה. דאָס שיינט צו האָבען געווען דער שטרייט־פּונקט אין זייער ויכוח. (ברכות ס"א ב').— (דער שרייבער).

2) אין בבלי (קידושין דף נ"ז, ע"א) ווערט דער את ה' אלקיך תירא גע'דרש'נט לרבות תלמידי חכמים משמעות אַז עס איז היינו הך אַזוי דערקלערט עס טאַקע, דער רבי אין זיין ספר „שם עולם", שער התחזקות, פרק ה': „דהיינו הך, מפני שיש על נפשו קדושת התורה נצטוינו לירא ממנו". און ער פיהרט אויס, אַז די פּערזאָן פון תלמיד חכם, זיין נפש, האַרץ און מח האָבען אַ קדושת ספר תורה, און ער ערקלערט דערמיט דעם מאמר הגמרא: כמה טפשאי הני אינשי דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבה, דאלו התורה אמרה ארבעים יכנו, ואתו רבנן ובצרי חדא (מכות כ"ב ע"ב) ד' ה', אַז אַ דאַנק די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן, וועלכע זיי האָבען מקבל געווען מסיני, איז דער תלמיד חכם אויטאָראַזירט, כדי מברר צו זיין די תורה, זאָגאַר מוציא צו זיין דעם פּסוק מידי פשוטו. נמצא, אז דער תלמיד חכם באַזיצט נאָך אַ גרעסערע קדושה, ווי אַ ספר תורה, — ער האָט דאָך אויך דעם כח הקדושה פון תורה שבעל פה. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פּונקט ווי די קדושה פון אַ ספר תורה ווענדט זיך הויפּטזעבליך אַן דער הייליגער מחשבה און ריינער כוונה פון סופר, וואָס שרייבט די ספר תורה, אַזוי אויך דאַרף זיין דער לימוד התורה — לשמה . . .

אַ פרוי'ס חלק אין תורה

נשים במאי זכיין באקרויי בנייהו לבי כנישתא ובאתנויי גברייהו בי רבנן ונטרן לגברייהו עד דאתי מבי רבנן (ברכות י"ז, ע"א).

ווי באַוואוסט זיינען פרויען גופא פטור פון לערנען תורה, פונדעסט־וועגען זיינען זיי מחויב אין אַלע מצות עשה שלא הזמן גרמא און אין אַלע מצות לא תעשה, קאָנען זיי דאָך האָבען זכויות מקיים זייענדיג די מצות וועלכע זיי זיינען פאַרפליכטעט מקיים צו זיין, טאָ וואָס זשע פרעגט די גמרא צוליב וואָס פאַר אַ זכות פאַרדינען די פרויען עולם הבא?

דער תירוץ איז, אַז האָבענדיג זכות התורה מיינט האָבען אַלץ אָהן תורה האָט מען גאָרנישט. ווי די חז"ל זאָגען, אַז דער וואָס באַנוצט זיך מיט דער ליכטיגקייט פון דער תורה איז די ליכט פון דער תורה איהם מחיה (כתובות קי"א).

ווען איינער בויט אַ הויז, איילט ער זיך די הויז צו פאַרזיכערען (אינשורען) טראָצדעם וואָס עס איז אַ ווייטלויפיגע מעגליכקייט, אַז די הויז זאָל אָפּברענען. דעם מענשען'ס גוף וועט דאָך געוויס פאַרברענט ווערען אין דער ערד, דאַרף דאַריבער דער מענש זיך פאַרזיכערען, ער זאָל בכח זיין אויפצושטעהן תחית המתים.

פאַר אַלע מצות אויף דער וועלט, וועט די נשמה קריגען דערפאַר שכר לעולם הבא. ס'איז דאָך אָבער אויך נויטיג, אַז דער גוף זאָל אויפשטעהן תחית המתים, נאָכדעם ווי ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין ערד 1). און דאָס קאָן דערגרייכט ווערען נאָר דורך תורה.

---

1) לויט דיזען שטאַנדפונקט פון חפץ חיים, האָט ר' אלחנן וואסערמאן צוגעגעבען אז אויב אפילו די פרוי זאָל פערזענליך לערנען תורה, איז דער זכות פון דעם ניט אזוי חשוב אז עס זאָל איהר ביישטעהן לעתיד לבוא, ווייל, גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, און די פרוי איז דאָך ניט פאַרפליכטעט צו לערנען אליין די תורה. די באהויפּטונג איז געדרונגען פון דער גמרא (סוטה כ"א, ע"א) וועלכע ערקלערט אין באצוג צו א סוטה, אז אויב זי האָט א זכות איז עס איהר תולה, די מים המאררים זיינען איהר ניט בודק. קלערט די גמרא: אילימא זכות דתורה הא אינה מצווה ועושה?, אלא זכות דמצוה, הא אינה מגנה כולי האי?... רבינא אמר לעולם זכות דתורה ודקאמרת אינה מצווה ועושה? נהי דפקודי לא מפקדא באגרא דמקרין ומתניין בנייהו ונטרן להן לגברייהו עד דאתו מבי מדרשא מי לא פלגאן בהדייהו.

איז דאָך לכאורה אַ פראַגע, וויבאַלד זי איז דאָך אויך ניט פאַרפליכטעט צו לערנען מיט אנדערע איז זי דאָך אַלץ אַן אינה מצווה ועושה? און לויט דער מיינונג פון דער גמרא איז דאָך אזא סאָרט זכות פון תורה ניט מגין?

אָבער לויט דעם חפץ חיים'ס ערקלערונג קאָן עס ריכטיג פאַרשטאַנען ווערען, ווייל ווען זי אַליין לערנט תורה האָט זי בלויז אַ זכות פון תורה געלערנט דורך אַז

עס איז דאריבער קיין וואונדער נישט וואס די חכמים ערקלערען, אז כאטש א פרוי זעלבסט איז אויסגעשלאסען פון לימוד התורה, פונדעסטוועגען קאן זי האבען אן אומדירעקטען זכות דורך באאיינפלוסען איהר מאן און קינדער, זיי זאלען לערנען, אהן דעם וואלטען אלע זכיות איהר ניט בייגע־שטאנען (זעה דעם ספר „חובת השמירה”). אלס אילוסטראציע קאן דינען דער פאלגענדער סיפור:

דער שאגת אריה, זייענדיג רב אין וואלאזשין, האט צוליב זיין ארימקייט אליין נישט פארמאגט קיין ספרים צו לערנען. איז ער איינמאל געזעסען אין דער הויז פון ר׳ איצעלע׳ן, דער פאטער פון ר׳ חיים וואלאזשינער, און דארט מעיין געווען אין פארשידענע ספרים, דאן איז פונקט די מוטער פון ר׳ חיים׳ן, געגאנגען צו קינד און געווען אין מיטען פון איהרע חבלי לידה. וויסענדיג, אז דער רב זיצט יעצט און לערנט, האט זי זיך קאנטראלירט די גאנצע צייט און נישט געקרעכצט, נאר האט געליטען די וועהען אין דער שטיל.

נאכהער, ווען דער שאגת אריה האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער זעהר געריהרט געווארען פון אזא בראווקייט לכבוד התורה.

ער האט דאן אויפגעהויבען די הענט און געשעפטשעט א תפילה: „רבונו של עולם, דערפאר וואס די פרוי האט זיך איינגעהאלטען און נישט געשריהען לכבוד התורה, בענטש איהר מיט א זוהן, וועלכער זאל פארשרייען די וועלט מיט זיין תורה”.

די ברכה איז מקוים געווארען. עס איז געבארען געווארען ר׳ זלמנ׳קע, וועלכער האט ווירקליך פארקלונגען די וועלט מיט זיין תורה.

„אט דאס הייסט האבען א חלק אין דער תורה”.

אינה מצווה ועושה, וועהרענד אויב א דאנק איהר ווערט געלערענט תורה דורך אנדערע. דורך איהר מאן, דורך איהרע קינדער, אדער דורך תלמידי חכמים, קריגט זי דאך דאמאלט א חלק תורה פון אמצווה ועושה, און אזא סארט תורה פארמאגט דעם כח פון אימיוניטעט, איהר צו באשיצען קעגען פורעניות.

אין זיין ספר „שם עולם” (פ׳ י״א) דערצעהלט דער חפץ חיים אז א גדול הדור האט געענטפערט זיין פרוי וועלכע האט פאר זיין טויט פארלאנגט פון איהם ער זאל איהר צוזאגען א חלק אין זיין תורה און מצוות. „צו וואס דארפסטו מיר בעטען א חלק? אויב איך וועל דארט עפעס האבען וועסטו אויך געוויס האבען . . .” אויב דער מאן איז א עשיר איז די ווייב אן עשירה, אויב ער איז אן ארימאן איז זי אויך ארים...

קויפען דעם זכות

ווי עס גיט איבער דער אַמעריקאַנער אידישער שרייבער מר אפרים קאַפּלאַן, האָט ער צו איהם בעת זיין וויזיט אין ראדין געזאָגט:

זאָגט די אַמעריקאַנער אידען, אַז לאחר מאה שנה, ווען זיי וועלען אַלע זייערע פאַרדינסטען איבערלאָזען אויף דער ערד, וועלען זייערע הויפט־ווערטהפולע פאַרדינסטען זיין, דאָס וואָס זיי האָבען געשטיצט די תורה. משל למה הדבר דומה, צו וואָס איז די זאַך געגליכען? צו אַ חולה, וועמען דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבען אַ זעהר ביטערען רעצעפט. מאַכט דער חולה צו איהם: אַדוני דאָקטאָר, איך קאָן אַזעלכע רפואות ניט טרינקען, אפשר איז רעכט, אַז איך זאָל דינגען איינער זאָל עס טרינקען פאַר מיר? נאַטירליך, האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגליך.

אָבער מיט תורה וואָס איז דער גרעסטער „סם חיים”, די בעסטע רפואה, איז אַזאַ זאַך יאָ מעגליך. די אַמעריקאַנער אידען קאָנען אַליין דעם רעצעפט נישט נעמען, זיי האָבען קיין צייט נישט, זיי זיינען גרויסע טרודים, נו, אַודאי איז בעסער אַליין צו לערנען, וויפיל עס לאָזט זיך נור, אָבער אויב נישט, איז כאָטש גוט אַז זיי צאָהלען פאַר דעם רעצעפט . . . אַנדערע לערנען און זיי טהיילען דעם זכות.

כל ישראל ערבים זה לזה

נאָך דעם ווי מיר זאָגען: „אבינו מלכנו סלח ומחל לכל עוונותינו”, און „מחה והעבר פשעינו וחטאתינו מנגד עיניך”, — בעטענדיג אַז אַלע אונזערע זינד זאָלען ווערען פאַרגעבען, זאָגען מיר אָבער אויך: „אבינו מלכנו מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו”, זאָלסט מיט דיין גרויס רחמנות אויס־מעקען אַלע אונזערע שולד וועקסלען.

אין פלוג קוקט עס אויס ווי אַן איבער׳חזר׳ונג פון דער פריהערדיגער בקשה?

אָבער דער אמת איז, אַז די ערשטע בקשה איז פאַר די אייגענע זינד און די לעצטע בקשה איז וועגען פרעמדע זינד, פאַר די וועלכע מיר זיינען פאַראַנטוואָרטליך אַלס ערבות, דאָס מיינט שטרי חובות.

אליין לערנען

רעדענדיג וועגען דעם חפץ חיים׳ס ווארימע ווערטער מכח דעם גלייכען חלק אין זכות פון אַ מחזיק תורה מיט׳ן לומד תורה, האָט ר׳ הירש, זיין איידים באַמערקט, אַז אמת טאַקע אַ גלייכער חלק, אָבער עס איז דאָך מעהר נישט ווי אַ געקויפטער חלק, אַ געקויפטע עולם הבא, עס קומט דאָך אָבער נישט צום פאַרגעניגען וואס אַ מענש האָט פון יגיע כפיו, פון זיין אייגענער הארע־וואניע. ווי ריכטיג עס זאָגען די חז״ל „רוצה אדם בקב שלו מתשעה קבין של אחרים״. אַז איין מאָס פון אַ מענשען׳ס אייגענער הארעוואניע, פון אייגענער פראצע, איז איהם ליבער ווי ביין מאָס וואָס ער קריגט פון אנדערע.

קיין לעבען אָהן תורה

הוא ינוס אל אחת הערים האלה וחי
(דברים י״ט).

אויב איינער הרג׳עט אַ מענשען בשוגג, ווערט ער פאַרטריבען אין גלות וואו ער בלייבט לעבען. זאָגען אויף דעם די חז״ל, אַז אויב אַ תלמיד ווערט פאַר׳משפט, מוז זיין רבי מיטגעהן מיט איהם אין גלות. וואָרום די תורה זאָגט „וחי״, ער זאָל בלייבען לעבען, טאָ ווי זשע קאָן ער לעבען, אויב ער האָט נישט קיין רבי׳ן, פון וועמען צו לערנען תורה ? אָהן תורה איז דער לעבען קיין לעבען נישט.

ווי אַזוי

ותתצב אחותו מרחק לדעה מה יעשה לו.
(שמות ב׳)

זיין שוועסטער מרים האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דערווייטענס כדי צו וויסען וואָס עס וועט מיט איהם געטהאָן ווערען, ד. ה. זי האָט געוואוסט און

געפיהלט אַז משה וועט געראַטעוועט ווערען, זי האָט בלויז נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַן אופן.

אַז אזוי איז דער פשט, קאָן מען ברענגען אַ ראיה פון במדבר ט״ז. ביים מקושש עצים שטעהט, „כי לא פורש מה יעשה לו״, זאָגט רש״י, לא היה יודע באיזה מיתה ימות, אבל יודע היה שמחלל שבת במיתה, וד״ל...

דער חפץ חיים האָט דאָס באַטאָנענדיג זיך אויסגעדריקט, עס איז ביי מיר קיין ספק נישט אַז די ישיבות וועלען עקזיסטירען, תורה וועט נישט אונטערגעהן, איך ווייס אָבער נישט ווי אזוי.

ידיעת התורה

דורך החזקת התורה קאָן מען זיך נאָר איינשאַפען אַ חלק אין ידיעת התורה, אָבער ניט אין קיום התורה. דאָס דאַרף יעדער איינער אַליין טהאָן, און טאַקע דאַריבער לערנען, כדי צו פאַרשטעהן און וויסען די מעשי המצוות („שם עולם״, שער התחזקות, פרק ו׳).

אַ חלק אין תורה

ער פלעגט זאָגען: צו באַקומען אַ חלק אין יענעמ׳ס תורה, איז נאָר מעגליך, אויב מ׳העלפט דעם תלמיד חכם איידער ער לערענט.

אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט שוין אָפּגעלערענט, קאָן מען שוין קיין חלקים פון איהם ניט קויפען. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו״ (שיר השירים ה׳).

יששכר דער סימבאל פון תורה איז געקומען אויף דער וועלט אלס שכר פון די דודאים, „כי שכרתיך בדודאי בני״. דאָס צייגט דאָך די נויטווענדיגקייט פון געלט צו שאַפען תורה.

זיך מבזה זיין צוליב תורה

אַמאָל איז דער חפץ חיים געגאַנגען צו אַ וואַרשאָווער נגיד, וועלכער איז געווען באַוואוסט אַלס אַ גרויסער קמצן, אום צו קריגען אַ נדבה פאַר זיין ישיבה. געהענדיג אויף די שטיגען, האָט ער געשעפטשעט צו זיך די ווערטער (דעם מאמר חז״ל): „יחזקאל בן בוזי בן ברכיה שמו ונקרא בן בוזי בן שמבזה את עצמו על כבודו של מקום ועל כבודו של ישראל״ (ויקרא רבה).

„רבונו של עולם, איך געה זיך יעצט מבזה זיין פאַר דיין כבוד וועגען, פאַר׳ן כבוד ישראל, פאַר כבוד התורה!״

———o———

שטענדיגקייט פון דער תורה

קיין אידעע, קיין באַוועגונג האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג, אויב עס איז אָפּהענגיג בלויז פון אַ געוויסען יחיד.

דער גרעסטער אידעאַל אין דער וועלט איז די תורה. דער גרעסטער פיהרער פון אידישען פאָלק איז געווען משה רבנו.

דער לעצטער האָט מעהר אויפגעטהאָן פאַר זיין נאציע, ווי אירגענד וועלכער אנדערער אידישער מנהיג; ער האָט פאַרוואַנדעלט די אידען אין אַ פאָלק און זיי דערהויבען צו זעהר אַ הויכער מדרגה פון גייסטיגער הויכקייט און גרויסקייט. פון דעסטוועגען כאָטש משה רבנו איז געשטאָרבען אין דער מדבר, האָט דאָס פאָלק באַדאַרפט פאַרזעצען זיין אייגענאַרטיגען לעבען. גאָט זאָגט יהושע׳ן, „משה עבדי מת״. אמת משה איז געשטאָרבען, ער האָט אָבער איך איבערגעלאָזען די תורה און איהר עקזיסטענץ איז נישט אפהענגיג אין קיין איינצעלנע פערזאָן, אפילו אויב די פּערזאָן איז אַ משה רבנו. „רק חזק ואמץ לא ימוש ספר התורה הזה מפיך״. געדענק אַז דער קיום איז ניט תלוי אין אַ געוויסער צייט, אָרט, אָדער מענש.

זיי דאריבער געשטאַרקט און היט איהר אָפּ.

———o———

זיכער באַגליקען

ולזבולון אמר שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך (דברים ל"ג).

ווען איינער פאַרלאָזט זיין היים און פאַמיליע און געהט אויף אַ שיף למדינת הים צוליב זיינע עסקים, פיהלט ער בעת מעשה ניט פרעהליך, ווייל ער ציטערט פאַר סכנת דרכים און קלערט איבער טאָמער וועט ער ניט מצליח זיין. זאָגט דאַריבער משה רבנו צו זבולון (דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט שותפות מיט יששכר'ן, אַז דער לעצטער זאָל עוסק זיין אין תורה און ער וועט איהם באַזאָרגען מיט פרנסה): „דו קענסט זיך זיכער פרעהען, זבולון, ווען דו געהסט אַרויס מיט אַ שיף אויפ'ן ים פאַר דיינע עסקים, ווייל דיין ברודער יששכר זיצט דאַמאָלט אין זיין געצעלט און לערענט תורה פאַר דיר, מעגסט דאַריבער זיין בטוח, אַז דו וועסט מצליח זיין, דו וועסט אַרויסגעהן און קומען אַהיים בשלום".

עהנליכעס אין ענינים בנוגע אויפהאַלטען תורה זעה אויך אין ערשטען חלק, זייטען: 74, 75, 76, 77, 92, 215, 217, 222, 224, 323, 325, 326, 327, 390, 416, 417, 418, 419, 421, 427, 428, 431, 432, 499, 500, 528.

דינען השי״ת

אַלעמאָל איין תפלה

אחת שאלתי מאת ד׳ אותה אבקש שבתי בבית ד׳ (תהלים כ״ז).

מען דאַרף פאַרשטעהן, פאַרוואָס האָט דוד המלך באַנוצט זיך אין זעלבען פסוק עבר און עתיד. ער זאָגט, איין זאַך האָב איך פאַרלאַנגט פון ג־ט און אויף דעם וועל איך בעטען.

אין פלוג האָט ער זיך געדאַרפט אויסדריקען, „איין זאַך האָב איך פאַרלאַנגט און געבעטען״, אָדער „איין זאך וועל איך פארלאנגען און בעטען?״
דער תירוץ איז:

די פאַרלאַנגען פון מענשען ענדערען זיך פון צייט צו צייט. ווען איינער ווערט קראַנק, בעט ער נאָר אויף געזונט. ווען ער ווערט באַפרייט פון זיינע יסורים, פאָדערט ער שוין עפעס אַנדערש, ער זוכט שוין באַקוועמ־ליכקייטען, ער וויל שוין עשירות און לוקסוס, א. א. וו., אַ מענש איז קיינ־מאָל נישט צופרידען מיט זיין חלק, אַלעמאָל פאַרגלוסט זיך איהם עפעס נייעס.

דוד המלך אָבער איז געווען אַנדערש.

זיין שטענדיגער אידעאַל און שטרעבונג איז געווען עוסק צו זיין אין תורה; צו דערגעהן די וואונדער אום געהעריג צו קאָנען אָפשאַצען די געט־ליכע ערשיינונגען אין דער נאַטור.

סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט און סיי אין דער צוקונפט, האָט ער געהאַט בלויז איין תפלה, אימער די זעלבע, נעמליך:
„צו וואוינען שטענדיג אין גאָט׳ס הויז״.

עסען לשם שמים

ביים חפץ חיים איז צו עסען געווען פאררעכענט אלס טייל פון זיין טעגליכער עבודה לכבוד שמים. „צו וואס זוכען אנדערע כוונות אין עסען, גאר פשוט, אז מען עסט און מען איז געזונד, קאן מען דאך עפעס אויפטהאן לכבוד השם!" ווען ער האט איינמאל אין א יום טוב ביים טיש, פארזוכענדיג א שטיקעל פלייש, זיך ארויסגעכאפט: „ס'א געשמאקע פלייש!", האט ער זיך גלייך געכאפט און אוועקגערוקט דעם טעלער מיט דער באמערקונג: „וואסער עסק איז עס!" און שוין מעהר פון דעם ניט געגעסען.

מתפלל זיין פאר איהם

אין יאהר תרצ"א איז דער חפץ חיים זעהר קראנק געווארען. האט ער צו גערופען זיינע קינדער און צו זיי געזאגט: עס איז נישט נויטיג מפרסם צו זיין אז איך בין אין אזא געפערליכען מצב. איך בעט אייך אבער אז איהר זאלט מתפלל זיין פאר מיר צום רבש"ע ער זאל מיר שיינקען נאך א פאר יאהר. איך וועל איהם דערפאר אפדינען . . .

ווען ער איז איינמאל קראנק געווען, האט ער אריינגערופען זיין איידעם הרמ"מ זאקס און הרב ר' מרדכי דב רויטבלאט און זיי געבעטען צו פאהרען מתפלל זיין אויפ'ן ווילנער גאון'ס קבר, זאגענדיג: „נו, מיר האבען דאך א שטיקעל זכות, האבענדיג מעתיק געווען און אויפגעקלערט זיינע הגהות אויפ'ן תורת כהנים".

ער האט געהאלטען, אז צוליב דעם זכות האט ער געהאט אריכת ימים.

כשר'ע תפילין

צו שרייבען פרשיות פאר זיינע תפילין, האט געדויערט צוויי וואכען. אין משך פון דער צייט איז ער נישט אפגעטראטען פון סופר. „מ'דארף — האט ער געזאגט — אכטונג געבען אויף יעדער אות; יעדער פיגעלע איז וויכטיג. אז איינער דארף מאכען א קאנטראקט זיך צו פארבינדען מיט אימיצען געשעפטליך, בארא טה ער זיך פריהער מיט גוטע אדוואקאטען און זיפט ממש דורך יעדעןווארט, אום זיך צו באווארענען געגען קלענסטען טעות.

„תפילין זיינען דאַך אויך אַ סאַרט קאָנטראַקט, וועלכע פאַרבינדען דעם אידען מיט השי״ת, „לאות... ולזכרון״, — די תפילין זיינען אַ צייכען פון אחדות צווישען אויבערשטען און זיין פאָלק. דאַרף מען דאָך דאַריבער זיין אַ זריז און זיך באַראַטען מיט די פוסקים, כדי געגוי צו וויסען אַלע פרטים ודקדוקים און בעאָבאַכטען, אַז אין די פרשיות זאָל נישט זיין קיין חסר ויתר״.

ס׳איז אַ פאַקט. אַז שרייבענדיג די „משנה ברורה, האָט דער חפץ חיים געווידמעט פיל מעהר צייט אויף סימן ל״ב (הלכות תפילין), ווי אויף אַנדערע סימנים.

לשון קודש

אַבוואָהל ס׳שטעהט, אַז דאַוונען איז ערלויבט אין יעדער שפּראַך, וועלכע מען פאַרשטעהט, איז אָבער די בעסטע מצוה צו דאַוונען אין לשון הקודש. עס איז בפרט אַן איסור קובע צו זיין שטענדיג אַזוי צו דאַוונען און דאָמיט פאַר־נאַכלעסיגען לשון קודש.

די רעפאָרמער, וועלכע האָבען דעם סידור איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכען, זיינען דורך איין עבירה אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין מעהרערע. אויסלאָזענדיג די ברכה פון „קיבוץ גליות״ און „ולירושלים עירך״, אַזוי ווי זיי ווילען מאַכען פאַרגעסען ירושלים, זוכען זיי אויך משכיח צו זיין לשון הקודש צווישען אידען, מורא האָבענדיג אַז ח״ו „שלא שינו את לשונם״ זאָל קומען די גאולה . . .

לשון קודש צייכענט זיך אויס מיט פילע אייגענשאַפטען מעהר ווי אַלע אַנדערע לשונות. עס איז די שפּראַך פון אונזערע אבות, פון די נביאים און די תנאים. לויט די חז״ל, איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען אויף דיזער שפּראַך. אדם הראשון האָט גערעדט לשון קודש, ווי „לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה זאת״ (בראשית ב׳, זעה רמב״ן פ׳ תשא און „ספר חסידים״ סימן תקפ״ח).

די הונדערט און צוואַנציג זקנים, באַקאַנט אַלס „אנשי כנסת הגדולה״, וועלכע האָבען פאַרפאַסט דעם „נוסח התפלה״, און צווישען וועמען ס׳זיינען געווען פילע נביאים, האָבען אַלע איינגעשטימט וועגען צוזאַמענשטעל פון יעדער ברכה, וועגען די ווערטער, אותיות און צירופים, וועלכע אַנטהאַלטען סודות נעלמות ונשגבות.

דאריבער, ווען מען זאגט די ווערטער אין דער שפראך פון די „אנשי כנסת הגדולה", אבוואהל מיר ווייסען ניט די כוונות, ווערען אונזערע תפלות ווי געהעריג אנגענומען, ווייל די ווערטער זעלבסט האבען א היילינע ווירקונג למעלה, אנדערש איז אבער, ווען מ'דאווענט אין אנדערע לשונות (משנה ברורה וביאור הלכה סימן ק"ד).

דן זיין לכף זכות

אבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות.

אייגענטליך צו וואס דארפען מיר זיך בעטען, אז דער אויבערשטער זאל אונז איינשרייבען אין ספר פון זכיות. אויב מיר פארדינען זיך, וועט ער דאך אונז געוויס איינשרייבען?

דער תירוץ איז, מיר טהוען זעהר פיל מצוות וועלכע קאנען ווערען אויס־געטייטשט אלס עבירות. ווי למשל, איינער גיט צדקה כדי זיך מיט דעם צו באווייזען פאר לייטען; מען לערענט תורה, כדי זיך צו קאנען גרויס האלטען איבער יענעם, א. א. וו. דער רבש"ע מיט זיין חסד קאן אבער אויסטייטשען אלעס לזכות, אז אלעס איז לויט די אומשטאנדען פון ארט, די נאטור פון מענשען, אדער אנדערע מאטיוועז. אט דאס בעטען מיר ביי אונזער פאטער אין הימעל, ער זאל אונז אלעס ארייננשרייבען אין ספר פון זכיות און אונז דן זיין לכף זכות, אז אלע אונזערע גוטע זאכען זאלען באטראכט ווערען לשם מצוה.

נעהמען מיט זיך אונזערע תפילות

שובה ישראל . . . קחו עמכם דברים ושובו אל ה'.
(הושע ב')

אונזערע תפילות צו השי"ת פארגעסען מיר אין שוהל און מיר נעהמען זיי נישט מיט זיך. אויב מיר ווילען טהאן תשובה באמת, האט אונז דער נביא הושע געזאגט: „נעמט זשע מיט די ווערטער מיט זיך און טהוט תשובה

צו גאָט״. דאָס הייסט, מיר זאָלען נישט איבערלאָזען אונזערע תפילות, נאָר פאַרווירקליכען זיי אין לעבען, ווייל דער רבש״ע זוכט אונז צו העלפען.

אַן אָרימאַן, האָט אַנטרעפענדיג אַ גביר אין גאַס, געבעטען ביי איהם אַ גמילות חסד. האָט דער לעצטער איהם געהייסען קומען אין אַ באַשטימ־טער צייט אין זיין קאַנטאָר (אָפיס), וועט ער איהם זיין בקשה באַוויליגען.

דער גביר האָט טאַקע געוואָרט פאַר׳ן אָרימאַן, אָבער דער לעצטער האָט זיך נישט באַוויזען.

אויף צו־מאָרגענס, האָט דער אָרימאַן איהם נאָכאַמאָל באַגעגענט און ווידער איהם געבעטען דאָס זעלבע. האָט דער גביר זיך אויף איהם אָנגע־בייזערט: כ׳האָב דאָך נעכטען געוואָרט אויף דיר, פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען? קום היינט אין אָוונט צו מיר, וועסטו קריגען וואָס דו פאַרלאַנגסט. אין אָוונט איז אָבער דער אָרימאַן נאָך אַלץ נישט געקומען.

וואונדערען מיר זיך אויף דער נאַרישקייט פון אַזאַ מענשען; מיר פאַרגעסען אָבער, אַז מיר אַליין בעגעהען אַן עהנליכע נאַרישקייט טאָג טעגליך. מיר בעטען ביים רבש״ע: „ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל וכו׳, והאר עינינו בתורתך וכו׳״ און דער אויבערשטער וואָס וויל דאָך אונז העלפען, האָט אונז אָנגעזאָגט קובע צו זיין עתים לתורה און מקיים צו זיין זיינע מצוות, אָבער מיר פוילען זיך צו קומען אין דער באַשטימטער צייט. גאָט וואַרט אויף אונז און מיר זיינען נישטאָ. „מדוע באתי ואין איש, קראתי ואין עונה?״ — שרייט אויס דער נביא בשם ה׳, — „פאַרוואָס בין איך געקומען און קיינער איז נישטאָ?״ א. א. וו.

מיט׳ן רבינו תם

דער חפץ חיים, זייענדיג אַ מתנגד, האָט אימער געלייגט נאָר איין פּאָר תפילין — רש״י׳ס. די לעצטע יאָהרען, האָט ער אָנגעהויבען דאַוונען אויך אין רבינו תם׳ס תפילין. ווען מען האָט איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט געביטען זיין מנהג, האָט ער עס אומגעפעהר ערקלערט אַזוי:

היות ער ערוואַרטעט דאָך אין גיכען צו זיין אויפ׳ן עולם האמת און דאָרט וועט ער זיך טרעפען מיט׳ן רבינו תם, וועט ער דאָך איהם פרעגען:

„ישראל מאיר, מיינע תוספות'ן האסטו פיל געלערענט, מיינע סברות האסטו אנגענומען, מיט מיינע ווערטער האסטו זיך דערקוויקט, טא פארוואס זשע האסטו מיינע תפילין פארשעהמט ?"

צוריק קומען

הלא הוא אביך קניך (דברים ל"ב).

אויפ'ן ווארט „קניך" מאכט רש"י : „שקננך בקן הסלעים", דאס מיינט, אז גאט דיין פאטער איז דיין נעסט. אום דאס צו פארשטעהן איז נויטיג צו דערמאנען דאס וואס די חז"ל זאגען, אז א יונגע טייבעלע פליהט ניט אוועק צו ווייט פון איהר נעסט. זי פליהט נאר אזוי ווייט כל זמן זי קאן זיך צוריק־קערען.

„דאי הדר חזי קיניה מדדי ואי לא לא מדדי", יעדער אידען'ס נשמה האט א חלק אין דער געטליכער נעסט ; זי איז דאך עפעס א „חלק אלוה ממעל". זאגט דעריבער די תורה : „הלא הוא אביך קנך", ער איז דאך דיין נעסט, אפילו אויב דו ביזט פון איהם אוועקגעפלויגען. פליה זשע ניט צו ווייט, נאר קער זיך שנעל צוריק צו איהם (שובה ישראל לה' אלקיך).

ווען איינער ווערט פארארימט און האט ניט גוט צו מאכען זיינע שולדען דארף ער ניט אנטלויפען פון זיינע קרעדיטארען. ער דארף, אדרבה, זוכען זיך צו פארשטענדיגען און ווי ווייט מעגליך זיך אויסגלייכען מיט זיי דערוויייל ביז וואנעט ער וועט בכח זיין לויט זיינע מעגליכקייטען אפצוצאהלען די חובות.

דאס זעלבע דארף אויך פאסירען בנוגע אונזערע חובות און פעהליג־קייטען צו השי"ת. ניט אנטלויפען זאלען מיר נאר זוכען זיך וואס מעהר צו דערנענטערען צו כביכול. אזוי קאנען פארשטאנען ווערען די ווערטער פונם נביא : לכו נא ונוכחה יאמר ה'. קומט אדרבה זאלען מיר זיך דורכריידען, בעט דער רבונו של עולם. אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו. מיר דארפען זיך ניט אפפרעמדען נאר ווערען צוריק דערנעהנטערט דורך חרטה און קבלה להבא .... דער עיקר אנהאלטען ווייטער אונזער פארבינדונג אזוי ווי די חז"ל זאגען : עשית חבילות של עבירות עשה כנגדו חבילות של מצוות...

דאָס לייענען אליין ניט גענוג

אהבת ה׳ איז אַ אידען׳ס העכסטע מדה. ווי נאַריש זיינען אָבער די יעניגע וואָס דענקען אַז זיי זיינען יוצא בלויז מיט׳ן זאָגען „ואהבת את ה׳ אלהיך״.

שטעלט זיך פאָר: אַ סוחר, וועלכער איז אַוועקגעפאָהרען אין מרחקים, האָט געלאָזען בכתב געוויסע פאַראָרדנונגען צו זיינע דינערס. דער אויפ־זעהער פלעגט יעדען טאָג צוזאַמענרופען די אָנגעשטעלטע און פאָר זיי פאָר־לעזען דעם כתב, אונטערשטרייכענדיג יעדען וואָרט. פלעגען די דינערס אויסהערען מיט אויפמערקזאַמקייט, און נאָכדעם, פאַרנאַנדערגעהענדיג זיך, טהאָן וואָס זיי ווילען . . .

אזוי נאַריש זיינען אויך די יעניגע וועלכע פיהלען זיך צופרידען טעגליך דורכלעזענדיג די פרשיות פון קריאת שמע בלויז מיט זייערע ליפען אָהן כונת הלב והמח.

דער הויפט־תכלית פון לייענען קריאת שמע, באַשטעהט דאָך נישט אין זאָגען אַליין. דער עיקר איז דאָך דאָס פיהלען מיט האַרץ און נשמה און ועל כלם, פאַרווירקליכען די פּרינציפּען פון דער פרשה אין לעבען.

„אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא״. כביכול רופט אָן די תורה בתי, מיין טאָכטער. ס׳איז אַזוי ווי אַ יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרלאָזען זיין פרוי. ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט איהר פאָטער און געזוכט איהם איבערצו־בעטען, ערקלערענדיג, אַז ער ליבט איהם און וויל, אַז ער זאָל איהם מוחל זיין. זאָגט צו איהם דער פאָטער, אַז ער איז גרייט איהם צו פאַרגעבען און זיך צו איהם ווידער אַ גוטער פאָטער, בתנאי אַז ער זאָל פריהער מאַכען שלום מיט זיין טאָכטער, זי איבערבעטען און זיין אַ גוטער מאַן צו איהר, און אַ טאַטע צו זיינע קינדער.

אַזוי אויך, ווען אַ איד זאָגט „ואהבת את ה׳ אלקיך״, און ערקלערט זיין ליבע צום פאָטער אין הימעל, איז השי״ת גרייט שלום צו מאַכען מיט איהם און איהם פאַרגעבען און צייגען, וואָס אַ גוטער טאַטע קאָן טהאָן פאַר איהם, אָבער אַלץ בתנאי, אַז ער זאָל זיך צוריקקערען אַהיים, וואוינען אין ליבע און האַרמאָניע מיט דער טאָכטער — די תורה. „ודברת בם בשבתך בביתך״ און „ולמדתם את בניכם״, ערציהען גוט די קינדער, זיין צו זיי אַ

גוטער טאטע. „והיו לטוטפות בין עיניך", זאל די טאכטער (די תורה) זיין דיך אויג אין קאפ, אזוי ווי די שעהנסטע און קאסטבארסטע צירונג.

צום באדויערען, מאכען מיר ביי זיבען הונדערט מאל אין יאהר אזעלכע דעקלאראציעס, אבער די ווערטער דרינגען ניט אריין אין אונזערע הערצער!

(זעה „חומת הדת", פרק ט"ו).

געזונטע אידישקייט

מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי ולשמור את כל מצותי כל הימים למען ייטב להם ולבניהם (דברים ו').

אונזער לעבען דארף זיין אהן סתירות. מיר דארפען זיין אויסגעהאלטען אין אונזער הנהגה. ווען מיר דערהויבען זיך א ביסעל אויף א העכערער מדרגה, דארפען מיר זיך מיט אלע כחות האלטען אויף איהר הויך, ניט אפגעשוואכט ווערען און אראפפאלען פון אונזער דערוואָרבענער שטופע. מען דארף זיין ענטשלאסען ליראה את ה' ולשמור את כל מצותיו כל הימים. דאס גאנץ לעבען. אנדערש האט די ווילע, וואס מיר דערוועקען זיך צו זיין עובדי ה' אויך א קנאפע ווערטה. משל למה הדבר דומה:

מען באגעגענט א פריינד, און ווי דער שטייגער איז, פרעגט מען זיך וואס ער מאכט. און אז ער ענטפערט, אז ער איז זעהר קראנק, און אויף דער שאלה, אז איצט קוקט ער דאך אויס געזונד, — קומט זיין תשובה: אמת, איצט פיהלט ער זיך נישט קשה, אבער היות ער קריגט פון צייט צו צייט הארץ־אטאקעס, מאכט עס איהם זיך צו באטראכטען אלס קראנקער, זאגאר איצט ווען ער האט קיין אטאקע נישט. אזוי אויך: דער אויבערשטער וויל, אז אונזער הארץ זאל זיין נארמאל און כסדר פיהלען ליראה את ה' און צו טהאן זיינע מצוות.

צייט פון קריאת שמע

מאימתי קורין את שמע משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומה (משנה ברכות).

אויף דער פראגע, פון וואנעט ווייס עס דער תנא אויסצוטייטשען דעם „ובשכבך״, אז לויט דער תורה איז דער זמן שכיבה גלייך אנפאנג אווענט און ניט שפעטער? האט דער חפץ חיים געענטפערט, אז דער פסוק: „עד בא השמש תשיבנו לו כי במה ישכב הוא״ (שמות כ״ב) ווייזט דייטליך, אז גלייך נאך זונאונטערגאנג פאנגט זיך אן דער זמן שכיבה.

היימישקייט מיט כביכול

א״ל שמואל לרב יהודה חטוף ואכול ואישתי דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא דמי (עירובין נ״ד ע״א).

די וועלט איז דער עולם המעשה. מ׳האט דעם מענשען אויף דער וועלט געגעבען די העכסטע מעגליכקייטען און בעסטע פריווילעגיעס זאגאר מעהר ווי מלאכים. דערקלערען די חז״ל, אז מלאכים זיינען ניט פריווילע־גירט צו קאנען צו יעדער צייט אויסדריקען זייערע שירות ותשבחות צום רבונו של עולם, זיי האבען באגרענעצטע צייטען. אויך זיינען זיי נאר ער־לויבט צו דערמאנען דעם אויבערשטען׳ס נאמען נאך דריי ווערטער, ווי נאך קדוש קדוש קדוש, וועהרענד דער מענש איז עס ערלויבט נאך 2 ווערטער ברוך אתה.

א מענש ווייס גארניט ווי גליקליך ער איז אין דעם עולם העשי׳. זיינע מעגליכקייטען זיינען דאך אונגעהויער גרויס. יעדער מענש קאן דאך ריידען מיט׳ן רבונו של עולם און בעטען איהם וואס ער וויל. צו ברוך מיינט געבענשט, אדער געלויבט איז א ספק, אבער אתה מיינט דאך געוויס „דו״. אזוי נאהענט און היימיש קאן זיך יעדער מענש צו יעדער צייט דורכ־ריידען מיט׳ן רבונו של עולם ביים דאווענען און לערנען, אזוי ווי עס שטעהט: דרשו ה׳ בהמצאו, אז כביכול איז זיך ממציא צו יעדער אידען, וועהרענד

אויף יענער וועלט זיינען שוין פאראן מדרגות. מען קאן זיך גארניט משער זיין די ווייטקייט פון איין מדרגה צו דער אנדערער . . .

בעת א גביר פראוועט א שמחה (א חתונה וכדומה) איז ער דאן מכבד יעדען איינעם מיט א פרייער סעודה פון כל טוב. דאס דויערט אבער בלויז אזוי לאנג כל זמן די פייערונג האלט אן. האט דאריבער דער רבי גע־עצה׳ט דעם תלמיד, אז די וועלט איז אזוי ווי א חתונה, קאנסט נאר אלע גוטע און געשמאקע מאכלים באקומען דא כל זמן די חתונה געהט אן, אזוי אויך כל זמן מען איז אויף דער וועלט, קאן מען אריינכאפען, וועהרענד דארט אויף יענער וועלט איז צו־שפעט.

פ אַ ר אַ ח ו ל ה

מען האט איינמאל אונטערגעהערט ווי ער האט מתפלל געווען פאר א געוויסען חולה. „רבונו של עולם כמה פעמים ביסטו מקבל מיין תפילה, בעט איך דיר נעם איצט אויך אן מיין געבעט!“

פעטערבורגער שוהל

אין זה כי אם בית אלהים (ויצא).

יעקב האט דערפיהלט השראת השכינה אויף דעם ארט, האט ער פאר־שטאנען, אז אויף דעם פלאץ וועט געבויט ווערען דער בית המקדש. פלעגט דער חפץ חיים עס אילוסטרירען מיט דער לעגענדע:

ווען ר׳ איצעלע וואלאזשינער איז אין יאהר תר״ב געווען אין פעטער־בורג, איז איהם איינמאל אינמיטען דער נאכט אויסגעקומען דורכצוגעהן א ליידיגען פלאץ. האט ער פלוצלינג דערהערט א וויינענדיגע שטימע וי־לה לשכינתא דאיהי בגלותא!. האט ער אן איבערראשטער זיך אפגעשטעלט און באמערקט פונדערווייטענס אז דער קול האט זיך געטראגען פון א באַ־וואפענטען זעלנער, שטעהענדיג אויף דער וואך. עס איז געווען א אידישער סאלדאט, וואס האט בעת זיין שמירה אפגעריכט חצות.

ר׳ איצעלע טיף געריהרט ביז טרערען איז אזוי ווי צוגעשמידט געוואָרען צום אָרט, דערשפּירענדיג אַ פּאַסיגען מקום פאַר דער „שכינתא בגלותא״.

אויף דעם זעלבען אָרט איז טאַקע שפּעטער אויפגעבויט געוואָרען די פּעטערבורגער שול.

וואָהרשיינליך, איז דאָס די שוהל אויף דער אָפּיצערסקע גאַס, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרען אין יאָהר תרמ״ו ? — דער שרייבער.

די בימה אין מיטען

דער מנהג, אַז די בימה זאָל זיין אין צענטער פון שוהל, איז אַן אַלטער. לײדער, כדי נאָכצוטהאָן די גוים, ברעכען אַנדערע אין זייער אונפּאַראַנט־וואָרטליכקייט דיזע טראַדיציע און זיי צושטערען אויך דעם „תיקון גדול״, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען געמאַכט אין בית המקדש (סוכה נ״א ע״ב), די מחיצה אָדער גאַלעריע פאַר פרויען . . .

קעגען אַזעלכע און ענליכע רעפאָרמען, שרייט אויס דער נביא: „וישכח ישראל את עושהו ויבן היכלות״ (הושע ח׳). — ישראל האָט פאַרגעסען זיין באַשעפער און האָט געבויט טעמפּלען (ביאור הלכה סי׳ קנ״א).

זיין זוהן ר׳ אברהם

דאָס איז געווען כ׳ כסלו פון יאָהר תרנ״ב, דער יום הפּטירה פון חפץ חיים׳ס זוהן ר׳ אברהם. זייענדיג אַ קראַנקער מיט שוואַכע לונגען, האָט ער מיט פיר טעג בעפאָר ביינאַכט נאָכ׳ן לערנען אין בית המדרש, געפיהרט אַן אַלטען אָרימען אידען אַהיים צו געבען איהם עסען און אַ נאַכט־לעגער. דער אורח אַ שוואַכער און שווערער האָט געהענגדיג זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהם. פון דער משא האָט ר׳ אברהם געקריגען אויפ׳ן וועג אַ בלוט־שטורץ און איז פון דעם געשטאָרבען.

לויט ווי ר׳ ליב גיט איבער האָט איהם זיך פאָטער שפּעטער דער־צעהלט, אַז אַזוי שנעל ווי ער האָט דאָן זייענדיג אין וואַרשאַ זיך דערוואוסט

פון זיין זוהן׳ס געפעהרליכער לאגע, האט ער זיך געאיילט אמשנעלסטען צו פאהרען אהיים, האט ער אבער, מעשה שטן, צופעליג פארזאמט דעם שנעל־צוג און האט געמוזט פאהרען שפעטער מיט א לאנגזאמען צוג. ווען ער איז אנגעקומען אהיים, האט ער שוין געטראפען נאך דער לויה, האט ער פון דעם געהאט גרויס צער.

אין דער צייט, ווען ער האט דערהאלטען אין ווארשא די ידיעה, האט ער גראדע געהאלטען אין מסדר זיין דעם כתב יד לדפוס פון סימן שי״א אין „משנה ברורה״, וואו עס רעדט זיך וועגען „טלטול המת״. דער חפץ חיים האט דאן באדויערט: „מיינע זינד האבען עס גורם געווען, פון הימעל האט מען מיך פארהאלטען אין מיין רייזע, מעגליך, אויב איך וואלט קומענ־דיג אהיים, איהם נאך געטראפען א לעבעדיגען און וואלט דאמאלט מתפלל געווען און דערמאנט דאס ביסעל זכותים, וואס איך האב, פיליכט וואלט עס געהאלפען, אז מ׳וואלט מיר ניט אפגעזאגט מיט ליידיגען, נאר איהם גע־לאזען לעבען. אבער אל דעות ה׳ ולו נתכנו עלילות. ווער וויס א וואסער נשמה ער האט געהאט אין דעם תכלית פון זיין קומען אויף דער וועלט. גאנץ מעגליך, אז אין זיינע קורצע יאהרען האט ער אויפגעטהאן אלץ. וואס ער האט באדארפט?״, האט ער זיך גלייכצייטיג געטרייסט.

פון דערווייטענס

אחרי ה׳ אלקיכם תלכו (דברים י״ג).

מען דערצעהלט, אז אויפ׳ן וועג קיין ווילנע, פאהרענדיג אויפ׳ן באהן צוזאמען מיט׳ן גערער רבי׳ן צו דער כנסיה הגדולה, אין יאהר תרפ״ג, האט דער חפץ חיים ריידענדיג געפרעגט, הלמאי דער פסוק זאגט: „אחרי״ מיט א יוד צום סוף, עס איז דאך ידוע רש״י׳ס כלל, כל מקום שנאמר אחרי — מופלג — ווייט, וועהרענד „אחר״, אהן א יוד, מיינט סמוך — נאהענט (רש״י, דברים י״א, ל׳), וואלט דאך בעסער באדארפט שטעהן „אחר ה׳ אלקיכם תלכו, ווייל צום רבונו של עולם דארף מען דאך זיין נאהענט.

און ער האט דאמאלט אויף זיין דרך ארומגערעדט, אז ווי א מענש זאל זיך נישט פיהלען דערווייטערט און אוועק פון רבונו של עולם, דארף ער אלץ ניט זיין ענטמוטהיגט, ער טאר ניט אריינפאלען אין יאוש, נאר מיט אלע כחות זוכען זיך צו דערנעהענטערען צו השי״ת, שטעהט דאריבער אחרי —

מופלג, אפילו דער ווייטער זאָל זוכען די התקרבות פון השי״ת. דאָס איז די כונה פון די ווערטער, אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך . . . גליקליך איז דער מענש וואָס פארלירט זיך קיינמאָל ניט אין זיינע דורכפאַלען, נאָר שטאַרקט זיך מיט אַלע זיינע כחות צו בלייבען נאָהענט צו השי״ת [1].

האָט דער גערער רבי דאָן צו איהם באַמערקט: „איך, וועל אייך זאָגען אַ חסידי׳שען תירוץ. אויף וויפיל מיר האַלטען זיך אחרי — מופלג, באַטראַכטענדיג זיך ווייט פון השי״ת, קאָנען מיר אויף אַזוי פיל זוכה זיין צום ובו תדבקון, אַזוי ווי עס שטעהט קרוב ה׳ לנשברי לב . . .״

א ספר אָהן גרייזען

ספר שאינו מוגה אסור להשהותו שנאמר —
אל תשכן באהליך עולה (כתובות י״ט ע״ב).

בעאָבאַכטענדיג דעם חפץ חיים אין דער קאַפּאַציטעט אלס מחבר פון ספרים, האָט מען געקאָנט פארשטעהן די באדייטונג פון דיזער ווארנונג ניט צו האַלטען אַן אונקאָרעקטירטען ספר ביי זיך אין הויז. כידוע האָט דער חפץ חיים תמיד פאראויס געפלאַנט יעדען ספר וואָס ער האָט פארפאַסט, עס זאָל זיין צוגעפאַסט צו דעם געברויך און נויטווענדיגקייט פון דער צייט און דור. אַזוי ווי אַ געניטער מעדיצינער גרייט צו אַ רפואה פאַר אַ געוויסע

---

1) מרגלא בפומיה: ווען מ׳שטעהט און דאווענט „שמונה עשרה״ און מ׳קוקט זיך ארום אז מ׳האָט שוין אַפּגעזאָגט די מעהרסטע ברכות אָהן כונה זאָל מען ניט טראַכטען: „וויבאַלד די כונה איז ניט געקומען גלייך ביים אנהויב דאווענען איז שוין די תפלה אינגאַנצען גע׳פּטר׳ט״. ניין, מען טאָר זיך ניט מיאש זיין נאָר קאָנצענטרירען דעם געדאַנק מכוון צו זיין וואָס מ׳קאָן. אפילו איין ברכה איז אויך אַן עני׳ן. משל למה הדבר דומה, צו אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן מאַרק און פארקויפט פרוכט, איז אָנגעקומען אַ יונגאַטש און אָנגעהויבען כאַפּען פון קאָרב די פרוכט. שטעהט די פרוי אַ צומישטע און וויינט, וויים ניט וואָס צוטאָהן. שרייט צו איהר אַ קלוגער פון דערווייטענס:

„אידענע, וואָס פּטר׳ט איהר צייט מיט׳ן וויינען, ער וועט דאָך אַלץ אוועקכאַפּען פון אייך און אייך לאָזען אַ ליידיגען קאָרב. כאַפּט וואָס איהר קאָנט און אַנטלויפט. דאָס וואָס איהר וועט ארייננכאַפּען וועט ביי אייך בלייבען!״ דאָס זעלבע אויך בעניגנו. מען טאָר זיך קיינמאָל ניט פארלירען, אפילו אויב דער יצר הרע האָט אוועקגעכאַפּט פון די זיבעצען ברכות — כאַפּ אריין די אַכצענטע צו זאָגען מיט כונה. וואָס דו וועסט ארייננכאַפּען וועט ביי דיר בלייבען . . . אַנדערש וועסטו דאָך בלייבען מיט גאָרניט . . .

קראנקהייט און איז פארזיכטיג אז דער רעצעפט זאל געגוי און ריכטיג ווע־רען צוזאמענגעשטעלט, אנדערש וואלט עס ניט געהאלפען. האט דער חפץ חיים זיינע גייסטיגע רפואות פארשריבען צו געוויסע חולי הנפש און געווען זהיר עס זאל חלילה ניט זיין קיין שום טעות אין דער צוזאמענשטעלונג.

ווען מען האט איהם פון דרוק צוגעשיקט די קארעקטען פון זיין לעצ־טען ווערק „ספר המצוות הקצר" און ער האט דערזעהן פילע דרוק גרייזען, ניט זייענדיג בכח, צוליב זיין שוואכקייט, אליין אלץ מתקן זיין האט ער געבעטען אנדערע זאלען עס פאר איהם טהאן און אכטונג געבען און ניט זשאלעווען קיין געלד, אבי ס'זאל אלץ געמאכט ווערען גוט, און ער האט בעת מעשה באמערקט:

„צו וואס מאך איך א ספר? כדי ווען א איד וועט אמאל אין איהם אריינקוקען וועט ער אפשר קריגען א הרהור־תשובה, אבער אז דער ספר איז מיט פעהלערען וועט ער דאך ניט פארשטעהן די אמת'ע כונה, טא וואס איז די פעולה פון מיין גאנצע ארבייט?!"

עהנליכעס אין ענינים בנוגע דיענען השי"ת זעה אויך אין ערשטען חלק, זייטען: 213, 267.

אמונה און אַפּיקורסות

חכמה אַליין נישט גענוג

כל שמעשיו מרבין מחכמתו חכמתו מתקימת וכל שחכמתו מרבה ממעשיו אין חכמתו מתקימת (פּרקי אבות ג׳).

צו באַזיצען תורה אָהן יראה איז אַ גרויס געפאַהר, ווייל „כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו״, וואָס גרעסער אַ מענש איז, אַלץ גרעסער איז זיין יצר הרע און אלץ שטאַרקער מוז דאריבער זיין דער קאמף געגען איהם. דער הויפּט וואפען איז יראת ה׳ און מעשים טובים, חכמה אליין איז נישט גענוג.

דאָס מיינט דער תנא, אויב גוטע מעשים שטייגען איבער זיין חכמה, דאַן האָט די חכמה אַ קיום, אויב די חכמה וועגט איבער זיינע מעשים, האָט זי קיין ממשות נישט — ווייל ער איז נישט באַוואָפענט מיט גענוג מעשים טובים צו באַזיגען דעם יצר הרע.

אונזיכערקייט פון חכמה

ריידענדיג וועגען וועלטליכע חכמה פלעגט ער ציטירען די חז״ל: „כי ברוב חכמה רוב כעס״ — אמר שלמה ע״י שהוספתי חכמה הרביתי להכעיס (קהלת).

אַלזאָ שלמה דער חכם מכל אדם האָט באַדויערט, אַז זיין פאַרטיפען זיך אין חכמה האָט איהם געבראַכט צו זינד, צו דערצערענען דעם רבש״ע. (זעה איינצעלהייטען אין רש״י).

אין דער תורה ווערט קיינער, אויסער שלמה׳ן, ניט געלויבט מיט חכמה. דאָס שטימט מיט ירמיהו הנביא׳ס דערקלערונג: „אל יתהלל חכם בחכמתו״ (ירמ׳ ה׳ ט׳).

אברהם, נח און איוב ווערען געריהמט אין דער תורה פאַר זייערע מעשים טובים און יראת אלקים. משה רבינו ווערט געלויבט אַלס גרעסטער עניו. יוסף ווערט געלויבט אַלס חכם דורך פרעה'ן, דניאל דורך נבוכדנצר'ן, און דאָס אויך נאָר אַ דאַנק זייער פעהיגקייט פותר חלום צו זיין.

דער חכם, וועמען שלמה שילדערט מיט אַזעלכע שעהנע לויבענס־ווירדיגע שטריכען אין זיין ספר „משלי", איז אַזאַ וועלכער איז הויפּטזעכליך דורכגעדרונגען מיט די ליכטיגע שטראַלען פון דער תורה, מיט איהר הויכען מאָראַל, זעלטענע מדות טובות, יראת ה', מצוות און מעשים טובים.

הויכער אידעאַל

בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך
(משלי ג').

אין אַלע דיינע וועגען זאָלסטו איהם אַנערקענען און ער וועט אויסגלייכען דיינע שטעגען.

בעפאָר דו טהוסט עפּעס דאַרפסטו פריהער פון אַלץ זיין זיכער צו השי"ת איז מסכים צו דעם. אויב דו טהוסט אַ זאַך אין איינקלאַנג מיט'ן וואונש פון רבש"ע, „בכל דרכיך דעהו", איז אַבוואָהל עס דאַכט זיך דיר אַז עס וועט אויסזעהן קרום אין די אויגען פון מענשען, מעגסטו זיין בטוח אַז השי"ת וועט דאָס גלייך מאַכען, „והוא יישר אורחותיך".

אַ שעהנער פאַרגלייך!

דער חפץ חיים האָט אַמאָל אויסגערעדט איינעם, וועלכער האָט געוואָגט צו מאַכען אַן אומפּאַסיגע באַמערקונג אין עניני אמונה. ווען דער לעצטער האָט זיך געפּרובירט צו פאַרטיידיגען מיט דעם, אַז דער אבן עזרא אין זיין פּירוש מאַכט אַן עהנליכע באַמערקונג, האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט מיט אַ משל:

„ווען אַ פאַבריקאַנט האָט אַ גרויסען סוחר אַלס זיין קונה, וועלכער גיט איהם תמיד אַ סך צו לייזען, וועט ער זיך ניט וויסענדיג מאַכען, אויב אפילו דער קאָסטאָמער וועט איהם פאַראורזאַכען אַן אומוויכטיגען שאָדען, אויס־האָקען אַ פענצטער וכדומה. אַנדערש איז אָבער, אויב ס'קומט אַזאַ איינער, וועלכער איז ניט זיין קאָסטאָמער און האָקט איהם אויס אין זיין געשעפט אַ פענצטער, דאַן וועט ער פאָדערען באַצאָהלט פאַר דעם קלענסטען שאָדען.

„כך אַזוי, דער אבן עזרא איז געווען איינער פון די חשוב'סטע קאָסטאָמער ביים רבונו של עולם, ער האָט זיך תמיד אַנגענומען פאַר'ן כבוד שמים און שטענדיג געזוכט צו פאַרגרעסערען דעם כבוד התורה. נו, אויב אפילו ער האָט צופעליג דורך זיינער אַן אומפאָרזיכטיגער באַמערקונג פאַראורזאַכט אַ וועלכען עס איז שאָדען, וועט עס איהם השי"ת פאַרזעהן, אָבער איהר . . ."

טהאָן און האָפען

ויעתק משם ויחפר באר אחרת . . . ויקרא שמה רחובות . . . כי עתה הרחיב ה' לנו.
(בראשית כ"ו).

אַז מען וויל עפּעס אויפטהאָן דאַרף מען נישט מיד ווערען. מ'דאַרף פון קיין זאַך נישט נתפעל ווערען, נאָר אָנגעהן מיט דער אַרבייט. אַז מען פאַלט דורך איינמאָל, דאַרף מען זיך נישט אָפּשרעקען און אָנהויבען פון דאָס ניי.

די תורה דערצעהלט אונז דאַריבער, אַז ווען יצחק האָט נישט געפונען קיין וואַסער, האָט ער געגראָבען איין ברונעם נאָך אַנדער'ן ביז וואַנעט ער האָט ענדליך דערגרייכט זיין וואונש, געפינענדיג אַ ברונעם וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען רחובות.

אַ מענש טאָר זיך קיינמאָל נישט מיאש זיין; קיין מאָל נישט פאַרלירען קיין מוטה און האָפנונג. ער דאַרף טהאָן דאָס זייניגע און האָבען בטחון אין גאָט, אַז ער וועט איהם סוף־סוף ערמעגליכען צו דערגרייכען „רחובות".

אַזוי ווי אַן אַם

כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף יפרש כנפיו
יקחהו ישאהו על אברתו (דברים ל"ב).

אזוי ווי אַן אם הויבט אויף דאַס זויגענדע קינד, אזוי טהוט השי"ת מיט'ן פאָלק ישראל. שפייזענדיג זיי. וואַרט נישט דער רבש"ע, אַז זיין קינד ישראל זאָל זיך דערהויבען צו איהם, נאָר ער אין זיין גרויסע ליבע בויגט אליין זיך איבער איהם כדי איהם צו באַשיצען.

גאָט איז גערעכט

צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו.
(תהלים קמ"ח, י"ז)

דער רבש"ע איז שטענדיג גערעכט און איז גנעדיג אין אלע זיינע טהאַטען, מען קאָן עס פארשטעהן מיט א משל:

א גביר האָט געהאַט א בן יחיד, וועלכער איז געווען א מושלם אין א סך מעלות. איינמאָל איז דער זוהן זעהר געפערליך קראַנק געוואָרען, האָט דער פאָטער גערופען א קאָנסיליום פון באַריהמטע פראָפעסאָרען. און דער גרעס־טער פראָפעסאָר מיט די הילף פון די איבעריגע, האָט ערפונדען א רפואה צו זיין קראנקהייט און דורכדעם איז ער געראַטעוועט געוואָרען פון א זיכערען טויט.

דער פראָפעסאָר האָט אָבער אָנגעזאָגט דעם גביר, אַז ער מוז ווייטער זעהר פאָרזיכטיג אויפפאַסען אויף זיין קינד'ס דיעטע. ער זאָל נישט עסען קיין פעטע אָדער געדעמפטע פליישׁ, א. א. וו.

דער פאָטער האָט איהם אַ צייט אליין אָפגעהיט און דער זוהן האָט זיך געפיהלט געזונד.

איינמאָל, ווען דער פאָטער האָט צוליב זיינע געשעפטען געמוזט פאַר־לאָזען די הויז, האָט ער אָנגעזאָגט דער מוטער, זי זאָל שטרענג אַכטונג געבען אַז דער זוהן זאָל נישט אריינכאַפּען קיין פאַרבאָטענע עסענוואַרג. ווען די מוטער האָט איינמאָל געהאַלטען אין מיטען עסען אַ שטיק פעטע און גע־

דעמפטע פלייש, האָט עס דעם זוהן פאַרשמעקט און ער איז ווילד אַ־יינגע־לאָפען און אַ כאַפּ געטהאָן פון טעלער די פלייש אוז עס גלייך אויפגעגעסען.

ווען דער פאָטער איז צוריק געקומען, האָט ער געפונען זיין בן יחיד אין אַ מצב מסוכן. ער האָט גלייך גערופען דעם גרויסען פּראָפעסאָר. דער לעצטער, האָט ביים ערשטען בליק דערקאַנט, אַז דער קראַנקער האָט מסתמא געגעסען אַ שעדליכען מאכל. „ווער ווייס", — האָט דער פּראָפעסאָר אויס־געשריהען — „צו איך וועל איהם שוין יעצט קאָנען ראַטעווען!"

דער פאָטער איז צוגעפאַלען צו איהם און האָט מיט טרערען זיך גע־בעטען, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהם און נאָך אַמאָל פאַררופען צו אַ ראַט די פּראָפעסאָרען און זוכען אַלע מעגליכקייטען, כדי זיין זוהן צו ראַטעווען.

כך הוה. עס איז געלונגען דעם פּראָפעסאָר, איהם נאָך אַמאָל צו ראַטעווען. דער פאָטער האָט שוין פון דאַמאָלט אָן גענומען אויף זיך פּער־זענליך אויפצופּאַסען אויף זיין זוהן און איהם נישט טרויען צו אַנדערע.

איינמאָל, ווען דער פאָטער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר געסט, האָט ער דאַמאָלט שטרייַנג פאַראָרדענט דעם זוהן, אַז ער זאָל צום באַנקעט ניט קומען. דער לעצטער אָבער, דערשמעקענדיג פון וייטענס דעם ריח פון די מאכלים, האָט זיך דוקא געריסען צו דעם באַנקעט זאָל. דער פאָטער האָט אָבער געהייסען איהם אַרויס צו טרייבען פון דאָרט. די פרעמדע צווישען די פאַרזאַמעלטע האָבען נישט געקאָנט פאַרשטעהן דעם אינצידענט. אַ רייכער פאָטער זאָל נישט פאַרגינען זיין איין־איינציגען זוהן צו געניסען פון אַ געשמאַקער סעודה?

מיר ווייסען אבער אז דער פאָטער האָט אַלץ געטאָהן צוליב זיין ליעבע און רחמנות צום קינד. און נאַר צוליב דעם איז רעכט געווען ביי איהם צו ליידען אפילו בזיונות.

דאָס מיינט דער פסוק: „דער רבש"ע איז אַ צדיק אין אלע זיינע וועגען און מעשים". צוליב זיין אהבה צו זיינע קינדער, וויסענדיג אַז עס וואָלט זיי געשאַדט, דערלאָזט ער זיי מאַנכע מאָל נישט געניסען פון די גוטע און גע־שמאַקע זאַכען פון זיין רייכען טיש, ווייל ווער נאָך אזוי ווי ער פאַרשטעהט די געפאהר וואָס קאָן ארויסקומען פאַר זיין קינד (מענש) פון אזעלכע זאַכען.

דער אמת׳ער מאמין

מה רב טובך אשר צפנת ליראיך פעלת לחוסים
בך נגד בני אדם (תהלים ל״א).

מענשען פרעגען קשיות וועגען דעם רבש״ע׳ס הנהגה: „פארוואס צדיק ורע לו רשע וטוב לו״, וכדומה. דער אמת׳ער מאמין פרעגט נישט קיין פראגעס; ער איז זיכער, אז אלץ איז פון זיין טובה וועגען. אבוואהל מענשען לאכען און זיינען געגנעריש צו איהם.

ווי גרויס איז דיין גוטסקייט וועלכע דו האסט באהאלטען אין עולם הבא פאר דיינע גלויביגע! כאטש דא קוקט עס אויס „נגד בני אדם״, קעגען די ערדישע באגריפען פונ׳ם מענשען.

תהלים זאגען

ער פלעגט זאגען: אין יעדער עת צרה כאפט זיך דער איד צום תהלים, כדי אויסצוגיסען זיין הארץ פאר׳ן רבש״ע, ווייל דוד המלך האט אין פארלויף פון זיין לעבען פיל געליטען און א סך דורכגעמאכט. זיינע ליידען אזוי גוט ווי זיינע פריידען, האט ער, ווי א קינד פאר׳ן פאטער, אויסגעדריקט אין זיינע אונשטערבליכע קאפיטלאך תהלים.

דאנקען גאט

אהללה לה׳ בחיי אזמרה לאלהים בעודי.
(תהלים קמ״ו)

זמרה, געזאנג, דריקט אויס א גרעסערע שמחה ווי הלל, לויב. „ווען אלע זאגען מיר אפ מיין לעבען, ווען עס דוכט זיך אז אט, אט און כ׳בין שוין מעהר ניטא, און דאך לעב איך נאך און עקזיסטיר („בעודי״, מיינענדיג — אין מיין „נאך״), פאר דעם טהו איך זינגען צו גאט״, — זאגט דער משורר.

ליכט און האָפנונג

והארץ היתה תהו ובהו והשך על פני תהום.
(בראשית א׳)

איידער עס ווערט ליכטיג, הערשט זעהר אַ געדיכטע פינסטערניש: „העם ההלכים בחשך ראו אור גדול” (ישעיה ט׳).

לערענט אונז די תורה ביים סאַמע אָנפאַנג, אַז מען טאָר קיין מאָל ניט פאַרלירען די האָפנונג, נאָר מען דאַרף וויסען, אַז אפילו ווען עס איז אַ תהו ובהו און אַ חשך איז איבערגעצויגען איבער׳ן אָפּגרונט, שוועבט אויך דאַמאָלט דער געטליכער גייסט. „ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור”, — מען דאַרף שטענדיג האָפען אויף ליכטיגקייט, וועלכע ווערט געוויס קומען. אָנפאַנגענדיג חומש, לערענט שוין דאָס אידישע קינד אָט דעם פּרינציפּ פון בטחון, וועלכער האָט דעם אידען שטענדיג אויפגעהאַלטען אין אַן אָפּטימיסטישער שטימונג; דער איד באַמערקט ליכטיגע שטראַלען זאָגאָר אין דער געדיכטסטער פינסטערניש.

קיינע קשיות אויף דער השגחה

ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא (שמות מ״ג).

דער אויבערשטער האָט באַפוילען משה׳ן נישט צו פיהרען דאָס פאָלק דורך ארץ פלשתים, אַ נאָהענטען וועג, נאָר דורך אַ ווייטען.

ס׳אָרא גרויסע מאמינים די אידען האָבען דאַן געמוזט זיין! נישט פרעגענדיג קיין קשיות, זיינען זיי לאָיאַל נאָכגעגאַנגען משה׳ן. זיי האָבען געגלויבט אַז אַלץ ווערט געטהאָן פון זייער טובה וועגען. צום סוף האָט אָבער פּאַסירט אַז די מורא פון „פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה”, איז געווען גוט־באַגרינדעט, ווייל זאָגאָר געהענדיג מיט׳ן לענגערען וועג, זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען זיך געוואָלט אומקערען קיין מצרים.

די אַלע קשיות וואָס מיר פרעגען אויף דער השגחה, זיינען בלויז אַ פועל־יוצא פון אונזער קורצזיכטיגקייט און שוואַכער בעאָבאַכטונגס־קראַפט.

מ׳שטיינס געזאָגט, ווי לאנג לעבען מיר דען אויף דער וועלט — קאָנען מיר דען באגרייפען אַלע סבות וואס ציהען זייער יניקה פון לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטען, אָדער זיינען פארבונדען מיט געשעהענישען אין דער צוקונפט?

גאַנץ ריכטיג האָט דער אר״י הקדוש באַמערקט: „הלואי וואָלט דער מענש געלעבט פיר הונדערט יאָהר און געזעהן מיט זיינע אויגען דאָס קומען און אַוועק פון עטליכע דורות. ער וואָלט דאַן נאָהענט געקאָנט בעאָבאַכטען די מעשים פון יעדען דור, און ער וואָלט דאַן מעהר קיין קשיות ניט געהאַט צו פרעגען אויף די פיהרונגען פון דער השגחה״.

געהאָלפען ווערען צווישען אנדערע

די חז״ל עצה׳ן תמיד יעדען ליידענדען אין זיינע תפלות ובקשות זיך כולל צו זיין אין צבור: בתוך כלל ישראל, בתוך חולי ישראל 1), אָדער בתוך אבלי ציון וירושלים. דער חפץ חיים פלעגט, כדי מסביר צו זיין דעם ענין דערצעהלען:

דער באַוואוסטער גאון ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל איז אין בראָד איינמאָל איינגעלאַדען געוואָרען אויף אַ ברית מילה צו זיין דער סנדק. דער גאון, ביי וועמען צייט איז געווען זעהר טייער, האָט זיך געוואונדערט וואָרום די בעלי־ברית איילען זיך ניט צו פראַווען דעם ברית. אַלע האָבען געוואָרט און די מיטגלידער פון דער משפחה זיינען אַריין און אַרויס פון אַ חדר, באַזאָרגט און פאַרטרויערט, אַן ערנסטער אומעט און אַ געדריקטע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף אַלעמען.

ווי איבערראַשט איז ר׳ שלמה געווען צו הערען די סיבה. היות ווי אין אַנדערען צימער איז געלעגען אַ חולה, וועלכער האָט גע׳גוסס׳ט, האָט די משפחה דאַריבער געוואַרט, אַז ער זאָל אויסגעהן, כדי אַ נאָמען צו געבען דעם רך הנימול נאָך איהם.

דער גאון האָט דאַן גלייך געהייסען מאַכען דעם ברית און ניט וואַרטען. און איז פערזענליך אַריין צום חולה און ווינשענדיג איהם מזל טוב האָט ער געזאָגט: „צו באַמיהען דעם מלאך, וועלכער איז ממונה אויף רפואה, אַז ער זאָל עקסטרא קומען צוליב׳ן קראַנקען, איז מיר שווער, אָבער ווען מ׳וועט מל זיין דאָס קינד, וועט דאָך דער מלאך הברית קומען צום רך הנימול, נו,

1) זעה גמרא שבת י״ב ע״ב: מי שיש לו חולה בתוך ביתו צריך שיערבנו בתוך חולי ישראל.

וועל איך איהם שוין דאַמאָלט גלייכצייטיג בעטען, אַז ער זאָל אויך אַריין אין דיזען חדר אויסצוהיילען דעם קראַנקען". „כך הוה". — האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, — „אויפ'ן דריטען טאָג איז דער גוסס געגאַנגען אין בית המדרש". 2)

דער חפץ חיים האָט דערביי אויך איבערגעזאָגט די תורה: רש"י, ציטירענדיג דעם מדרש (בראשית י"ח, ב'), זאָגט: והנה שלשה אנשים, אחד לבשר את שרה, ואחד לרפא את אברהם ואחד להפך את סדום. פיהרט אויס, אַז רפאל, וועלכער איז געשיקט געוואָרען צו היילען אברהם'ן האָט אויך מציל געוועזן לוט'ן, ווייל די אויפגאַבע פון רפואה און הצלה איז איינע און דאָס זעלבע. איז דאָך לכאורה שווער, פעהלען דען מלאכים אין הימעל, טאָ הלמאי האָט מען ניט אַראָפּגעשיקט אַן עקסטרא פערטען מלאך, כדי מציל צו זיין לויט'ן. אַזוי ווי מיר זעהען, אַז אין פאַל פון הגר'ן איז איהר געשיקט געוואָרען אַלע מאָל אויף כל דיבור ודיבור אַן אַנדער מלאך?

דער תירוץ איז, אַז לוט האָט פערזענליך ניט פאַרדינט, אַז מען זאָל מן השמים אַראָפּשיקען אַן עקסטרא מלאך, כדי איהם צו ראַטעווען. אָבער אַזוי ווי דער מלאך האָט באַדאַרפט אַראָפּקומען צו ברייגנען אַ רפואה צו אברהם'ען, איז ער שוין פאַר איין וועג אויך באַאויפטראַגט געוואָרען צו ראַטעווען לוט'ן. אַזוי איז אויך דער פאַל מסתמא געוועזן מיט'ן גוסס.

---o---

ווירקזאַמקייט פון אמונה

דער פאלקאמענער מאמין וואָס גלויבט אין אַ געטליכע הנהגה, וואָס פיהלט באמת אַז אַלע פאַסירונגען, אינדיווידועלע אַזוי ווי אַלגעמיינע ווערען קאָנטראָלירט פון אַ העכערער מאַכט און אַז אַלץ ווערט דאָמינירט פון אַ השגחה פרטית, אַזאַ פערזאָן פיהלט קיינמאָל ניט קיין תרעומות און טראָגט קיין פאַרדרוס אויף קיינעם זאגאר אויב יענער האָט איהם שלעכט געטהאָן. אַזוי האָט עס פאַסירט ווען שמעי האָט באַליידיגט און געשאָלטען דוד'ן, האָט אבישי גע'טענה'ט: למה יקלל הכלב המת הזה את אדוני המלך. אעברה

---

2) אין ספר „אמרי נעם" פון מרדכי שמואל רייזקין (וואַרשע, תרנ"ז), ווערט דיזער ספור איבערגעגעבען אין אַן אַנדערען נוסח:
אַז ר' שלמה האָט דאַן פאַררופען זיין בית דין, האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל צווישען חדר, וואו דער ברית איז פאַרגעקומען און וואו דער קראַנקער, וועלכער איז געווען, אגב, דער פאַטער פון קינד, איז געלעגען און גע'גוסס'ט און אַז ר' שלמה האָט גוזר געווען אויפ'ן מלאך הברית. אויך אַז דער פאַטער האָט געלעבט דרייצעהן יאָהר נאָכדעם.

נא ואסירה את ראשו. איז דוד'ס ענטפער געווען מה לי ולכם בני צרויה כי יקלל וכי ה' אמר לו קלל את דוד ומי יאמר מדוע עשיתה כן (שמואל ב' ט"ז).

דער שטאַרקער מאמין, דער וואָס גלויבט באמת ובלב שלם אין הנהגת הבורא שרעקט זיך פאר קיינעם ניט און האָט ניט קיין מורא פאר קיין צופאל (פגע ומקרה רע). אזוי ווי די חז"ל דערצעהלען ווען די מטרוניתא האָט גע־וואָלט טהאָן שלעכטס צו רבי חנינא'ן (דורך מעשה כשפים), האָט דער תנא אָן אונדערשראָקענער איהר מוטהיג דערקלערט — ס'שטעהט אין עוד מלבדו, אויסער פאר השם יתברך האָב איך דאריבער פאר קיינעם מורא ניט. קיינער, קאָן מיר קיין שלכטס ניט טהאָן (חולין ז' ע"ב) 1).

---

1) צו אילוסטרירען דעם חפץ חיים'ס רעיון וועגען דערווירקזאַמקייט פון אַ שטאַרקע אמונה, האָט דער צדיק וגדול הגרי"א ראַבינאָוויץ באַקאַנט אלס דער „פרי דוד", אַמאָל דעם שרייבער דערצעהלט. א חסידישער איד איז איינמאָל אין וואַרשא געקומען איהם פרעגען אַ שאלה. היות ער ליידט פון זויער שטאָף (געז) אין מאַגען, האָבען איהם דאָקטוירים פאַרזאָגט צו עסען בלויז פריש־געקאָכטע און לייכטע שפייז. אַלזאָ וויל ער וויסען צו ער מעג שבת עסען קוגעל.

„איהר מעגט עסען קוגעל שבת עס וועט אייך בע"ה גאַרניט שאַדען. שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא . . . איהר האָט זיך דאריבער ניט וואָס צו שרעקען." איז געווען דער ענטפער.

„טאַקע רבי ס'וועט מיר ניט שאַדען?" האָט דער איד וועלענדיג אַ דאָפּעלטע פאַרזיכערונג ווידער געפרעגט.

„ניין, איהר טאָרט שוין ניט עסען! קוים האָט איהר איבערגעפרעגט צייגט איהר דאָך דערמיט אז אייער אמונה אין דעם כח פון שבת איז שוואַך טאָרט איהר זיך שוין אויף דעם ניט סומך זיין. נאָר דאַרפט גענוי אויספאָלגען דעם דאָקטאָר'ס פאַר־אָרדנונג".

שטיצענדיג זיך אויף דיזען געדאַנק האָט דער שרייבער דערמיט פאַרענטפערט צוויי אויבערפלעכליך — אונפאַרשטענדליכע מאמרי חז"ל:

א) אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו — זה יוסף, ולא פנה אל רהבים — על ידי שאמר לשר המשקים זכרתני והזכרתני נתוסף לו שתי שנים (בראשית רבה מקץ).

ד. ה. אז יוסף איז געשטראָפט געוואָרען צו זיצען אין תפיסה אין מצרים נאָך צוויי יאָהר ווייל ער האָט געבעטען דעם שר המשקים ער זאָל איהם דערמאָנען צום גוטען. איז דאָך קשה, די תורה אליין עצה'ט דאָך עפּעס צו טהאָן און זיך ניט פאַרלאָזען אויף נסים, נאָר זיך משתדל זיין בדרך הטבע? נאָכמעהר, לכאורה איז דאָך דער מדרש זיך אַליין אויפ'ן אָרט סותר. פריהער רופט ער אן יוסף'ן — גבר אשר שם ה' מבטחו — און דערנאָך פיהרט ער אויס אז ער איז געשטראָפט געוואָרען ווייל ער האָט זיך פאַר־זיבערט אין שר המשקים.

אָבער לויט דעם אויבענדערמאָנטען רעיון קומט דער ענין אויס זעלבסטפאַר־שטענדליך. גליקליך איז דער מענש, וועמעס בטחון אין השי"ת איז פּערפעקט. וועהרענד זיך משתדל צו זיין עפּעס צו דערגרייכען אָדער טרייען עפּעס צו טהאָן איז ניט געגען אמונה. אָבער אין דעם פאַל האָט יוסף שוין געטאָהן צופיעל. ווען ער וואָלט זיך באַנוגענט מיט בלויז איינמאָל בעטען, כי אם זכרתני דעם שר המשקים, וואָלט קיין עולה ניט געווען. אַזאַ השתדלות וואָלט ניט געווען קיין סתירה צו זיין בטחון. האָט ער אָבער נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט „והזכרתני אל פרעה", געבעטען דעם שר המשקים צוויי מאָל, דאָס איז געווען צופיעל פאר אזא בעל בטחון, ווי יוסף הצדיק. דערמיט האָט ער דאָך געוואָרפען א שאָטען פון צווייפעל אויף זיין אמונה, א חשד אַז זאָגאָר דער ערשטער כי אם זכרתני איז אויך געווען אַ צייכען פון אונזיכערקייט אַלזאָ אַ דאָפּעלטע זינד. לויט'ן שטאַנדפּונקט, אַז הקב"ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה, איז ער נענש געוואָרען דאריבער פאַר יעדע מאָל — זאָגענדיג: זכרתני והזכרתני צו פארבלייבען אין תפיסה צוויי יאָהר לייגנער.

עהנליך ווערט אַרויסגעבראַכט פון רמב״ן אין זיין פירוש אויף חומש (ויקרא כ״ו).

„דער פאָלקאָמענער מאמין אויף ווען די פיילען פון ספיקות האָבען לגמרי קיין שליטה ניט, פאַר איהם איז עס נאַטירליך אַז זיינע ענינים זאָלען ניט געפיהרט ווערן אויפ׳ן געוועהנליכען וועג. ווען דער כלל ישראל זיינען געוועזן שלמים האָט געהערשט אַ ברכה אין זייער ברויט און וואַסער, און אלע זייערע ענינים זיינען געפיהרט געוואָרען ניט מיט׳ן געוועהנליכען דרך הטבע. זיי האָבען זיך דאַמיט ניט גענויטיגט אין קיין רופא און ניט באַדאַרפט קיינע רפואות — כי אני ה׳ רופאך. די צדיקים בזמן הנבואה ווען ס׳האָט עפעס פאַסירט מיט זיי אַ מקרה האָבען זיי עס גלייך דיאַגנאָזירט אַלס סימ־פטאָם פון אַ חטא. זיי האָבען דאַריבער ניט געפאָרשט נאָך דאָקטוירים און ניט געזוכט קיין מעדיצינען. זיי האָבען זיך גלייך געווענדעט צו די נביאים אין זייער צייט.

„די זאַך איז פשוט:

„דעם מענטשען׳ס קראַנקהייטען זיינען הויפּטזעכליך אַ פּראָדוקט פון זיין שפּייז. די עסענוואַרג און געטראַנקען וועלכע קומען אין זיין מאָגען פאַראורזאַכען על פי רוב אַלע מחלות. דאַריבער ווען ס׳הערשט די געטליכע ברכה אין זיין שפּייז האָט ער מיט קיין רופא קיין שייכות ניט. והסירותי מחלה מקרבך. זאָגען די חז״ל: כל עשרין ותרתין שנין דמלך רבה בר רב יוסף אפילו אומנא לביתיה לא קרא. „ומה חלק לרופאים בבית עושי רצון ה׳״ ווי קומט א דאָקטאָר איז הויז פון די וואָס טוען דעם ווילען פון אויבערשטען? נאָר די הויז, וואָס איז ניט אָפּען פאַר מצוות, איז אָפּען פאַר׳ן דאָקטאָר.

„לויט׳ן פלאַן און וואונש פון דער השגחה דאַרף דער אדם השלם ניט אָנקומען צו קיין דאָקטאָר פאַר רפואות. האָבען אָבער מענשען אָנגעהויבען זוכען דאָקטוירים און זיך יאָגען נאָך רפואות. לאָזט מען זיי פון הימעל זיין אַזוי פיהרען צו לעבען לויט די צופאלען אָדער רעגולאַציעס פון דער טבע.

ב) אחר הדברים האלה לא שב ירבעם מדרכו הרעה — מאי אחר אמר ר׳ אבא, אחר שתפשו הקב״ה לירבעם בבגדו ואמר לו חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן. אמר לו מי בראש? בן ישי בראש. אי הכי לא בעינא (סנהדרין ק״ב, ע״א), איז דאך לכאורה אונפאַרשטענדליך, דער אויבערשטער האָט פריהער אנגעבאָטען ירבעם׳ן, אויב ער וועט תשובה טהאָן, וועט הקב״ה, ער און בן ישי שפּאַצירען אין גן עדן, בפירוש, „אני ואתה ובן ישי״, ירבעם פריהער, טא פאַרוואָס, ווען ער האָט איבערגעפרעגט מי בראש — האָט איהם דער אויבערשטער געזאָגט: „בן ישי בראש״?

דער תירוץ איז, אַז ווען ירבעם וואָלט געהאַט אמונה און געטאָהן מיט אַן אמת׳ער הארץ תשובה, וואָלט ער לויט׳ן כלל „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד״, טאַקע געווען בראש. אבער קוים האָט ער איבערגעפרעגט דעם רבש״ע צו זיין זיכער — מי בראש, האָט ער דערמיט באַוויזען זיין אונצוטרוי צום רבש״ע׳ס הבטחה, האָט ער גלייך פאַרלוירען זיין מעגליכע מדרגה . . .

דאָס מאַכט קלאָר דער מאמר חז״ל: ורפא ירפא — מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות. ס׳שטעהט ניט, אַז מ׳האָט געגעבען רשות דעם חולה צו זוכען רפואות, נאָר דעם רופא צו היילען דאָס מיינט אז ווען א פערזאָן פיהלט זיך קראַנק (ושהוא לא הי׳ מעדת ה׳ ושחלקם בחיים) קוים קומט ער צום דאָקטאר צו ווערן זיין פאַציענט דאַרף דער דאָקטאר דאמאָלט אָנווענדען זיין בעסטע קענטעניש און מיט אַלע מיטלען זיך באַמיהען צו היילען דעם קראַנקען און טאָר זיך ניט אַנטזאָגען מיט דער טענה אז דער אויבערשטער איז דאָך אַ רופא כל בשר, ווייל אַזאַ חולה, וואס ווענדעט זיך צום דאָקטאָר, מוז קריגען זיין רפואה דורך אַ זעלכע וועגען. אבל ברצות ה׳ דרכי איש אין לו עסק ברפואות.״

פאָלגען די חכמים

די לעצטע יאָהרען ווען ער איז צוליב זיין שוואכקייט ניט אימשטאַנד געוועזען אַרום צוגעהן, פלעגט ער זיך דאָך שטאַרקען און נאָכ׳ן עסען געהן איבער׳ן הויז עטליכע טריט. געהענדיג אזוי מיט פיעל אָנשטרענגונג, האָט ער אַמאָל באַמערקט, „שוין דאָ דוכט זיך פיר איילען, יוצא, מעהר בין איך ניט מחויב״.

אָנמערקונג: אַזוי הייסען די חז״ל טהאָן צוליב׳ן געזונד.

אפיקורסות אַ שיטה

כי בשררות לבי אלך (דברים כ״ט)
מאַכט רש״י: „במראית לבי״.

מיר ווערען געוואָרענט מקיים צו זיין די תורה מיט איהרע מצוות, ניט זיך צו לאָזען פאַרפיהרען פון די פאַרלאַנגען, אָדער נייגונגען פון הארץ. די תורה זאָגט: א ש ר א ת ם ז ו נ י ם א ח ר י ה ם. ס׳שטעהט ניט אשר ת ז נ ו, נאָר א ש ר א ת ם ז ו נ י ם, ד. ה. אַז איהר אַלע קערט זיך אָפּ. דערמיט זאָגט די תורה עדות, אַז ביי יעדער אידען אין האַרץ געפינט זיך עפּעס אַ שפּור פון מינות, אַז קיין איד איז ניט ריין פון אַ שמץ פון אַפּיקורסות. ס׳מאַכט זיך אַז אַ איד זינדיגט במעשה אָדער במחשבה,

פאַר וועלכעס השי"ת אין זיין גרויסען חסד וויל פאַרגעבען. אַנדערש איז אָבער ווען ביי איינעם ווערט אפיקורסות אַ שיטה אין לעבען . . . ער זאָגט: בשררות לבי — במראית לבי... אלך, מינות, אטעאיזם, אָדער אַגנאָסטיקיזם, ווערט דער מאָטיוו און פּרינציפּ פון זיינע שטרעבונגען, אַזאַ פּערזאָן, לא יאבה ה׳ סלוח לו, ווייל אזא טהאָט איז אונפאַרגיבבאַר.

קלערען

אַ מענש דאַרף קלערען וועגען זיינע רוחניות, ממילא וועט ער ניט דאַרפען קלערען וועגען זיינע גשמיות.

טריף פסול

מר. ס. פון ראַדין האָט זיך אין יאָהר 1913 געמאַכט אַ פּרנסה פון אַ פּריוואַט ביבליאָטעק און פלעגט צושטעלען טריף־פסול ביכלאך צו די בני הישיבה.

ווען ר׳ ישראל מאיר האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער פון איהם אָפּגעקויפט אַלע ביכלאך און זיי דן געווען לשרפה. אויף דער טענה פון מר. ס., אַז דאָס איז געווען זיין קוואַל פון חיונה, האָט ער געענטפערט:

„שטעלט זיך פאָר! מען זאָל זאָגען אַ אידען אַז ער וועט קריגען 10 רובל אַ וואָך פאַר׳ן שטעהן און קלינגען מיט קלויסטער־גלאָקען צו רופען אַלעמען אין זייער תפלה. וואָלט אַ איד מסכים געווען דערצו?

„פאַרשטעהט איהר נישט אַז דאָס וואָס איהר ווילט טהאָן איז גלייך צו עבודה זרה? ווי עס שטעהט: „וסרתם ועבדתם אלקים אחרים", אַז דאָס אָפּקערען זיך פון דער תורה פיהרט צו עבודה זרה. און דערצו ברייננגען דאָך די ספרי מינים צו אַפּיקורסות!"

אויבערפלעכליכע גלאטקייט

אשר חלק ה׳ אלקיך אותם לכל העמים — רש״י טייטשט דעם אשר חלק — החליקם בדברי הבליהם — לא מנען מלטעות אחריהם כדי לטרדם מן העולם (דברים ד׳).

רש״י פארענטפערט דאמיט אן אלטע קשיא: ווי קומט עס וואס די גוים גלויבען אין געצענדינסט און זעהן ניט איין זייער נארישקייט?

אמאל זעהט מען א געגענשטאנד וואס עס איז זעהר שעהן און גלאט פון אויבען, אבער באמת איז דאס נאר צוזאמענגעשטעלט פון אזעלכע טיילען וועלכע זיינען אן און פאר זיך שוין גארנישט גלאט. ווען מען צונעמט עס זעהט מען דא א לאך, דא א סענק, דא א בארג. אז עס איז בלויז צוזאמענגע־קלעפט און פארהעבליוועט, דאריבער קוקט עס אויס אויבערפלעכליך גלאט.

אזוי איז אויך מיט די אמונות פון די אומות העולם וועלכע באשטעהען פון נארישקייטען, פון לעכער און סענקען. אויבערפלעכליך זעהן זיי נישט די קרומקייטען, ווייל זיי זיינען צוזאמענגעקלעפט, גוט פארגלעטיגט און פארשמירט.

דאס מיינט רש״י אשר החליקם — ער האט זיי פארגלעטיגט פון אויבען און זיי נישט געשטערט פארפיהרט צו ווערען. אבער לעתיד לבא וועלען זיי עפענען די אויגען און דערזעהן די אויבערפלעכליכקייט פון זייערע לעכערליכע גלויבענס.

שקר א ירושה

אליך גוים יבאו מאפסי־ארץ ויאמרו אך שקר נחלו אבותינו הבל ואין בם מועיל.

(זעה רד״ק ירמיהו ט״ז)

מ׳וואונדערט זיך ווי קומט עס וואס די גוי׳אישע וועלט האלט זיך אזוי פיל דורות אין אבערגלויבערישע עבודה־זרות. זייער גלויבען איז דוכט זיך אזוי לעכערליך און נאריש און דאך האט עס פארבלענדעט אפילו די חכמים פון די אומות העולם.

מ׳האט עס פארענטפערט מיט א משל.

אַ פויער איז אַמאָל אויפגעשטאַנען אין אַ ווינטערדיגען פאַרטאָג כדי צו פאָהרען פון דאָרף אין שטאָדט אריין. דער וועג איז געווען פאַרשנייט און פאַרוועהט ווי נאָך אַ זאווערוכע. דער פויער האָט מיט גרויס שוועריגקייט זיך קוים דורכגעשלאָגען אַ וועג אין דער געדיכטער פינסטערניש.

שפּעטער זענען אַנדערע פויערים אָנגעפאָהרען, אָבער זיי האָבען שוין געפונען אַ מעהר־ווייניג אויסגעטראָטענעם וועג. האָבען זיי נישט זוכענדיג קיין אַנדערע וועגען נאָכגעפאָלגט דעם סליאַד פון ערשטען פויער. פאַר דורות לאַנג האָבען אַלע זיך באַנוצט מיט אָט דעם שליאַך, ביז אינזשענירען זענען געקומען און האָבען אויפגעצייגט די קרומייט פון נוצען אַזאַ פאַרדרעהטען וועג, אין דער צייט וואָס עס איז דאָ אַ פיל גלייכערער און מעהר דירעקטער וועג, וועלכער איז פאַרלאָזט און פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען.

אַזוי איז אויך מיט די גוי׳אישע אמונות. לעתיד לבא, זאָגט דער נביא, וועלען די גוים איינזעהן דעם אמת׳ן דרך אמונה: „צו דיר רבש״ע וועלען פעלקער קומען פון אלע עקען וועלט און זאָגען אַז בלויז פאַלשקייט (עבודה זרה) האָבען אונזערע עלטערען אונז געלאָזען פון דור צו דור אלס ירושה״. זיי וועלען איינזעהן זייער ווירקונגסלאָזע נאַרישקייט, אַז „אך שקר נחלו אבותינו״, אַז בלויז שקר האָבען זייערע עלטערן זיי געלאָזען פאַר אַ נחלה.

אַ פראַגע

עס איז ממש האַרצרייסענד צוצוזעהן די שרעקליכע ירידה פון כבוד התורה היינטיגע צייטען. פרעגען עהרליכע אידען — וואָרום דערלאָזט מען פון הימעל אַזאַ צושטאַנד? הלמאי זיינען די בייזוויליגע מצליח?

לאָמיר זיך מתבונן זיין אין די פאָלגענדע פסוקים: „כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום . . . ונתן אליך אות או מופת ובא האות והמופת . . . ולא תשמע אל דברי הנביא ההוא . . . כי מנסה ה׳ אתכם״.

קומט אויס, אויב אַ פאַלשער נביא זאָל פאַראויסזאָגען אַ צייכען, אַז מאָרגען וועט זיך, למשל, אָפּשטעלען די זון, און עס וועט מקוים ווערען, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט — די זון וועט זיך טאַקע אָפּשטעלען, זאָגט אָן די תורה — ולא תשמע לו, אַז מען זאָל זיך צו איהם פונדעסטוועגען ניט צו־הערען, טראָצדעם וואָס האָט באַוויזען אָפּצושטעלען די זון, ווייל „כי מנסה ה׳ אתכם״.

דאַריבער, אויב צוליב מנשה ה׳ אתכם איז רעכט צו געבען דעם פאַל־שען נביא כח זאָגאַר אָפּצושטעלען די זון, איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט וואָס מען טאָלערירט פון הימעל אַזאַ הפקרות אויף דער וועלט. כדי דעם ריכטיגען אידען צו פּראָבירען אין זיין עבודת ה׳, — איז כדאי פאַר דער השגחה צו דערלאָזען צייטווייליג די פאַלשע נביאים צו מאַכען אַנדערע גלויבען, אַז זיי זענען מצליח.

ניט פאַרצווייפעלט

די הויפּט שטאָדט פון ישראל, שומרון איז געווען אונטער באַלאַגערונג. פון די אַלע אָנגעזאַמעלטע שפּייז איז שוין גאָרניט פאַרבליבען. דער שונא מיט זיין שטאַרקער מחנה, די חילות פון ארם האָט געהאַפּט, אַז דורך אויס־הונגערען וועט ער קאָנען צווינגען די העלדישע קעמפער פון ישראל זיך אונ־טערצוגעבען. דער הונגער איז געווען אַזוי שרעקליך, אַז מאַנכע האָבען אין זייער פאַרצווייפלונג אויפגעגעסען זייערע קינדער. מ׳האָט פאַר אַ טויטען קאָפּ פון אַן אייזיל געצאָהלט שמנים כסף. דער קעניג און דאָס פאָלק זיינען געווען טרויעריג, נידערשלאָגען, צוריסען די קליידער און אָנגעטהאָן אין אַ זאַק.

פּלוצלינג באַווייזט זיך דער נביא אלישע און מאַכט באַקאַנט בשם ה׳, אַז מאָרגען וועט זיין אַ גרויסע שפע ביי די טויערען פון שומרון, אַ סאה סלת (אַ מאָס פיינע מעהל) וועט מען קריגען פאַר אַ שקל, און צוויי סאה גערשטען פאַר אַ שקל. דער קעניגליכער הויף־מייסטער מאַכט שפּאָט פון דעם נביא׳ס ווערטער: „ווי אַזוי קאָן אַזאַ זאַך געשעהן? ווען אפילו דער אויבערשטער זאָל מאַכען פענצטער פון הימעל אַראָפּצואוואַרפען פון דאָרט געניג שפּייז, איז אויך אַזאַ זול אַן אומעגליכקייט!״

ווען דער נביא האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך ווענדענדיג צום שליש געזאָגט: „דו וועסט עס אַליין זעהן, אָבער פון דעם ניט עסען!״ און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. די אַרמיי פון מלך ארם האָט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט איבערגעשראָקען, אַ באַוועגונג וועלכע איז גע־קומען פון פאַרצווייפעלטע הונגערליידענדע מצורעים, וועלכע האָבען גע־וואוינט אויסער׳ן שטאָדט, האָט פאַרפיהרט די חיילות פון ארם, מיינענדיג אַז דאָס קומט אַן אַרמיי. זיי זיינען אַנטלאָפען און געלאָזען אַלץ הינטער זיך . . . און די נבואה פון דעם איש האלקים איז ריכטיג מקוים געוואָרען.

אויך אין געדראַנג איז דער שליש צוטרעטען געוואָרען אויף טויט, ניט האָ־בענדיג דערלעבט צו געניסען פון דער שפע. (מלכים ב׳ ז׳).

אָט אַזוי איז עס דער דרך פון דער השגחה. ווען עס דוכט זיך, אַז עס איז שוין אַזוי שלעכט, אַז אַ פאַרבעסערונג איז אוממעגליך, קומט פלוצ־לינג די ישועת ה׳. מען טאָר קיינמאָל ניט זיין פאַרצווייפעלט, קיינמאָל ניט אויפגעבען די האָפנונג און בטחון. די אָפשפּאָטער און אָפלאַכער דראָהט אַזאַ פסק, ווי דעם שליש.

אין די געדיכטסטע וואָלקענס איז פאַראַן אַ שטראַל פון האָפנונג.

די דריי שליסלען

שלשה מפתחות בידו של הקב״ה שלא נמסרו ביד שליח, ואלו הן: מפתח של גשמים ומפתח של חיה ומפתח של תחית המתים.

(תענית ב׳, ע״א).

די שליסלען פון רעגען פון געבורט און פון תחיית המתים האָט השי״ת ניט אָנפאַרטרויט צו קיין שליח, זיי זיינען אין זיינע אייגענע הינד. דאָס מאַכט פאַרשטענדליך די תפלה: עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו. (פאנגט אָן מיט אַ לשון רבים און ענדיגט מיט אַ לשון יחיד?), מיינענדיג אַז די אויגען פון אַלעמען זיינען געווענדעט צו דיר רבש״ע. דו האָסט דאָך טאַקע צוליב דעם ניט אנפאַרטרויט דעם שליסעל פון פרנסה צו קיינעם, ווייל נאָר דו אַליין קאָנסט אַלעמען געבען פרנסה, יעדען איינעם לויט זיין געברויך און זיין צייט, דו ביזט דאָך צדיק ה׳ בכל דרכיו . . . ומשביע לכל חי . .

אויך אין שמונה עשרה: אתה גבור לעולם ה׳ מחיה מתים אתה רב להושיע (צוויי מאָל אתה?) מיר מיינען מיט דעם אונטערצושטרייכען אַז תחיית המתים ליגט נאָר אין אויבערשטענס הענד . . . דעריבער זאָגען מיר בידך אפקיד רוחי און נודה לך ונספר תהלתך . . . על נשמותינו הפקודות לך. אַנדערש וואָלטען מיר ניט געווען זיכער אז מיר וועלען זיי צוריק קריגען.

עהנליכעס אין ענינים בנוגע אמונה און אפיקורסות זעה אויך אין ערשטען חלק, זייטען: 235, 240, 265, 270, 280, 307, 308, 380, 393, 410, 415.

מצוות און עבירות

טהאָן אַלע מצוות

והיה כי יבאו עליך כל הדברים האלה . . . ושבת . . . ושמעת בקולו . . . ככל אשר אנכי מצוך היום ושב ה׳ אלקיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים . . . והביאך ה׳ אלקיך אל הארץ . . . ואתה תשוב ושמעת בקול ה׳ ועשית את כל מצותיו אשר אנכי מצוך היום (דברים ל׳).

די תורה דערקלערט: אַז אַלע פאָראויסגעזאָגטע וואָרנונגען וועלען פאַרווירקליכט ווערען — די ברכה און די קללה. אויב דער איד וועט ענדליך תשובה טהאָן און הערען דעם אויבערשטענס שטימע, וועט ער אויסגעלייזט ווערען פון גלות און קומען אין זיין לאַנד. און דער פסוק פיהרט אויס: „און דו וועסט זיך צוריקקערען און הערען בקול ה׳ און וועסט טהאָן אַלע זיינע מצוות, וועלכע איך פאַרזאָג דיר היינט״. דאַרף מען פאַרשטעהן לכתחילה ווייזט אויס, אַז די תשובה וועט באַשטעהן אין טהאָן די אַלע מצוות און דער שכר וועט זיין דאָס צוריקקערען פון גלות אין ארץ ישראל, וועהרענד לויט׳ן אויספיהר קומט גאָר אויס, אַז דער טהאָן פון די אַלע מצוות איז אַ ציעל אין זיך זעלבסט ניט קיין מיטעל צו אַ תכלית? אויך איז לכאורה ניט גלאַט דער שינוי הלשון. צוערשט זאָגט דער פסוק „ושבת ושמעת בקולו״, דערצעהלענדיג וואָס עס וועט האָבען פּאַסירט, און צום סוף שטעהט „ואתה תשוב ושמעת . . .״ וואָס דו דאַרפסט זעהן טהאָן (בעתיד)?

מיר ווייסען, אַז ביים בעסטען ווילען קאָן אַ איד אין גלות פאַר קיין פאַל ניט מקיים זיין אין דער ווירקליכקייט אַ סך פון די מצוות התורה. גאָר פּשוט, ווייל זיי זיינען אָפּהענגיג פון ארץ ישראל (מצוות התלויות בארץ), ווי למשל די ענינים פון קדשים (קרבנות), פון טומאה וטהרה א. ז. וו. דאָס אַלץ איז נאָר מעגליך מקיים צו זיין בזמן הזה דורך לערנען די הלכות, אַזוי ווי די חז״ל דערקלערען, דער וואָס דאַרף מקריב זיין אַ קרבן עולה, זאָל עוסק

זיין אין זיינע הלכות, וועט עס זיין פאַררעכענט אַזוי ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ עולה. אַזוי אויך ביי אַ חטאת, אשם און אַלע קרבנות.

דורך דעם וואָס מיר באַמיהען זיך מקיים צו זיין די דיני התורה, און די וועלכע מיר קאָנען ניט מקיים זיין ציינען מיר אַרויס אַ שטאַרקען באַגעהר און אמת׳ן וואונש זיי אָפּצוהיטען, און מיר באַדויערען, פאַר וואָס מיר מוזען זיך איצט באַנוגענען בלויז מיט לערנען זייערע הלכות, איז דאָך צו האָפען, אַז דער רבונו של עולם וועט אונז העלפען מיר זאָלען זיי קאָנען מקיים זיין בפועל ממש.

דערקלערט דאַריבער די תורה, אַז דערפאַר וואָס מיר וועלען תשובה טהאָן אין גלות און זיך מתחזק זיין צו הערען בקול ה׳ וועט עס זיין פאַררעכענט (דאָס לערנען) פונקט ווי מיר וואָלטען געטהאָן ככל אשר אנכי מצוך היום, אַזוי ווי מיר וואָלטען ווירקליך מקיים זיין אַלע מצוות און חוקים פון דער תורה (ווי קודש ומקדש, טומאה וטהרה). אונזער הויפּט־קאָמפּענסאַציע וועט אָבער אַ דאַנק דעם זיין, אַז השי״ת וועט אונז ברייננען אין אונזער לאַנד און מיר וועלען בפועל ממש קאָנען מקיים זיין די אַלע מצוות . . .

קרבנות

די וויכטיגקייט פון קרבנות קאָן מען זעהן פון דעם וואָס אין דער תורה נעמען די ענינים אַרום אַ באַדייטענדען טייל. ניט נאָר דער חומש ויקרא, וועלכער רעדט כמעט אינגאַנצען וועגען די ענינים פון קדשים און כהונה, נאָר אויך אין די אַלע אַנדערע חומשים.

אין ספר בראשית ווערט דערצעהלט ווי אדם, קין והבל, נח און די אבות האָבען געבויט מזבחות און געבראַכט עולות לה׳.

אין ספר שמות ווערט גערעדט וועגען די ענינים און דינים פון קרבנות אין די פאָלגענדע פרשיות: אין פ׳ בא וועגען פסח און בכור, אין פ׳ יתרו אין אָנפאַנג און ביים ענדע, אין משפטים אינמיטען און ביים סוף, אין פ׳ תרומה וועגען כלי המקדש, אין פ׳ תצוה אין אָנפאַנג און אינמיטען ביז צו דער ענדע, אין פ׳ תשא וועגען קידוש ידים ורגלים און אַנדערע ענינים פון קדשים, און פ׳ פקודי צום ענדע.

אין „ספר במדבר״: רעדט וועגען קרבנות כמעט די גאַנצע סדרה נשא, פ׳ בהעלותך אין אָנפאַנג און אינמיטען, פ׳ שלח אינמיטען ביז׳ן סוף, פ׳ קרח צום סוף, און פ׳ פנחס פון אינמיטען ביז דער ענדע.

אין דברים רעדט כמעט די גאנצע סדרה ראה וועגען פארשידענע קרבנות.

דאַריבער דער יעניגער וועלכע לערענט דורך דעם סדר קדשים, ווערט באַקאַנט מיט די ידיעות אין די אַלע דינים אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענינים, באַזיצט דאַך געגוי דאָס וויסען פון מעהר ווי הונדערט פרשיות אין דער תורה, וועלכע זיינען אומפאַרשטענדליך אָהן דער אינטערפרעטאַציע און אויפקלערונגען פון די חז״ל. — ווי גליקליך אַזאַ מענש איז! . . .

אָנפאַנגען

אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרח השמש . . . וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל (דברים ד׳).
אוהב כסף לא ישבע כסף — זה משה רבנו שהיה יודע שאין שלש ערים שבעבר הירדן קולטות עד שלא נשארו שלש בארץ כנען ואמר מצוה שבאת לידי אקימנה (מכות י׳).

מ׳דאַרף זיך קיינמאָל ניט צוריקהאַלטען פון אָנפאַנגען טהאָן אַ מצוה, אַבוואָהל מ׳ווייס פאָראויס, אַז מ׳וועט איהר ניט קאָנען פאַרענדיגען. מ׳דאַרף ניט אָפלייגען אָדער איבערלאָזען פאַר אַנדערע עס צו טהאָן. וויפיל די כחות טראָגען און די אומשטענדען ערלויבען, זאָל יעדער איד טהאָן אַליין וואָס ער קאָן, און זיך ניט פאַרלאָזען אויף זיינע נאָכפאָלגער.

דאָס האָט אונז משה רבנו געלערענט מיט זיין באַשטימען דריי שטעדט אין עבר הירדן אַלס ערי מקלט, אַבוואָהל ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין אויסוואָהל איז ניט אַריין אין קראַפט בעפאָר די באַשטימונג פון די אַנדערע דריי שטעדט אין ארץ כנען דורך יהושע׳ן.

דאַריבער גלייך נאָכדעם ווי די תורה דערצעהלט וועגען די דריי שטעדט, וועלכע משה האָט באַשטימט אַלס ערי מקלט, זאָגט דער פסוק: „וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל״ — אַז דיזע תורה (לעהרע),

---

אַט דעם פּרינציפּ — ניט צו וואַרטען אָדער אָפּלייגען אויף שפּעטער אַ מצוה, נאָר גלייך אָנפאַנגען טהאָן וויפיל מ׳קאָן אַליין, האָט משה רבנו מיט זיין עקזאמפעל געלערענט צום פאָלק . . .

לייכט צו זיין אַ איד

היינטיגע צייטען איז פיל לייכטער צו זיין אַ איד ווי אַמאָל. די בחינה פון אידישקייט איז היינט שוואַכער ווי דאַמאָלט, צוליב דעם פאַקט וואָס די הפקרות איז איצט אזוי גרויס און דער נסיון אזוי שטאַרק.

אין „אבות דר׳ נתן״ ווערט געבראַכט, אַז „טוב אחד בצער ממאה פעמים שלא בצער״, איין מצוה וואָס קומט אָן מיט צער, איז חשוב׳ער ווי הונדערט וועלכע קומען אָן לייכטער. כדי צו ווערען אמאָליגע צייטען אַ צדיק, האָט מען באַדאַרפט זוכען צו דערגרייכען הויכע מדרגות. היינט אָבער, קאָן יעדער איד גרינג ווערען אַ צדיק טאַקע צוליב דעם ווייל עס זיינען דאָ אזוי פיל רשעים.

אין אַ צייט פון מלחמה, ווען עס איז אַ מאַנגעל אין שפּייז, ווערען די ביליגסטע פּראָדוקטען פאַררעכענט אַלס גוט; דאָס זעלבע אויך אין גייסטיגען זין: ווען מעשים טובים ווערען אַ זעלטענהייט, איז מען נישט צופיל בודק די גאַנצקייט פון אַ מצוה.

אַן עוסק במצוה

דאָס האָט פּאַסירט ביי אַן אספה פון ראשי ישיבה אין וואַרשא. דער חפץ חיים האָט דאַמאָלט ערוואַרטעט דעם באַזוך פון אַ געוויסער פּערזאָן וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, וועלכען די פאַרזאַמעלטע ראשי ישיבה זיינען פאַראינטערעסירט געווען. דער באַזוך איז באַשטימט געווען אויף עלף אוהר. מיט עטליכע שטונדען בעפאָר האָט דער חפץ חיים באַמערקט ווי צוויי פון די באַטייליגטע מאַכען זיך גרייט צו געהן. האָט דער חפץ חיים זיי אַ פרעג געטהאָן, וואָרום זיי ווילען איצט אַוועקגעהן, אין דער צייט ווען מען דאַרף וואַרטען אויפ׳ן באַזוך פונ׳ם נכבד. אויף זייער תשובה, אַז אינצווישען וועלען זיי זיך זעהן מיט אַן אַנדער נויטיגער פּערזאָן און אַז זיי וועלען זיכער צוריק־

קומען אין צייט, כדי צו עמפאנגען דעם ערווארטעטען נכבד. האט דער חפץ חיים באמערקט:

„אבער דער רעיון וועט דאך דערוויל זיין פארנומען מיט דעם נייעם גאנג. אז מען האלט ביים טהאן א מצוה טאר מען ניט פארנעמען דעם רעיון מיט א צווייטער זאך!" 1)

———o———

גאנצע און צוברעקעלטע מצוות

איינמאל אין א פאר־פסח, האט מען אין דער אנוועזענהייט פון חפץ חיים, אפגעוואויגען פאר איהם מצה. כדי משלים צו זיין די וואג האבען די ישיבה־בחורים עטליכע מאל צוגעלייגט שטיקלעך מצה, אבער עס האט אלץ נישט געהאלפען; עס איז געווען פעליג, ביז איינער האט ארויפגעלייגט אויפ'ן וואג א גאנצע מצה און ערשט דאן האט עס אראפגעוואויגען.

דער חפץ חיים, דאס באמערקענדיג, האט א קרעכץ געטהאן און גע־זאגט:

„אין רוחניות איז דאך אויך אזוי . . . מענשען טהוען מצוות, וועל־כע זיינען נישט פאלקאם. מען טהוט צדקה, כדי זיך אויסצופיינען, אדער וויל עס פאסט ניט; מען דאווענט אהן כוונה און אהן הארץ; מען לערענט תורה צוליב כבוד, אדער מאטעריעלע צוועקען.

---

1) הג' ר' אלחנן וואסערמאן ערקלערט דערמיט דעם טעם פון העוסק במצוה פטור מן המצוה, לויט'ן ר"ן (סוכה כ"ה ע"א) וועמענס דעה עס ווערט געבראכט להלכה אין שלחן ערוך („אורח חיים" ס"י תר"מ). אז אויך אפילו ווען אפשר לקיים שניהם איז מען אויך פטור. לכאורה, אויב מ'קאן ערפילען אין דער זעלבער צייט ביידע פארוואס זאל מען זיין פטור? אבער, לויט'ן חפץ חיים, איז עס פארשטענדליך, וויל ווען מען איז איינגע־טאהן מיט אלע כחות, מחשבות און חושים אין איין מצוה בלייבט ניט איבער אין מח א ליידיגער פלאץ וועלכע די מחשבה פון א נייער מצוה זאל קאנען פארנעמען.

ר' אלחנן פיהרט אוים: ווען מען האט געזעהן דעם חפץ חיים טהאן א מצוה איז ממש געווען צו באוואונדערען זיין פולשטענדיגע איינגעטהאנקייט. בעת ער האט עוסק געווען אין א מצוה פלעגט ער עס טהאן מיט זיין גאנצען רעיון, מיט זיין גאנצען „איך". אלע זיינע געפיהלען זיינען געווען קאנצענטרירט דארויף, אזוי אז עס איז ניט געבליבען קיין ליידיגער ארט אין מח וואס זאל ניט זיין פארנומען מיט דער מצוה. עס איז ממילא ניט געבליבען ביי איהם קיין „איך" צו טהאן אן אנדער מצוה".

אנמערקונג: דיזע סברה געפינט זיך אין תוס' „מועד קטן" ד' ע"ב בד"ה „לפי שאין מערבין שמחה בשמחה. וטעם נראה קצת דכמו שאין עושין מצוות חבילות דבעינן שיהא לבו פנוי למצוה אחת ולא יפנה עצמו הימנה. וכן שמחה בשמחה יהי' לבו פנוי בשמחתה". — דער שרייבער.

„אַזעלכע הייסען צובראָכענע און צוקאַליעטשעטע מצוות און דורך זיי קאָן דער מענש ווייט נישט דערגרייכען. אָבער איינע אַ גאַנצע מצוה וועגט איבער און ציהט מיט זיך מיט אַלע ברעקלאַך מצוות".

קאָסט פון אַ מצוה

כדי מקיים צו זיין אַ מצות עשה איז מען ניט מחויב אַוועקצוגעבען דאָס גאַנצע פאַרמעגען. אָבער ביז צעהנטעל איז מען מחויב אויסצוגעבען אויף יעדער מצוה, און ביז אַ פינפטעל אויף אַזאַ מצוה, וואָס איהר קיום איז תלוי אין אַ געוויסער צייט (מצוה עוברת). אויך איז מען מחויב זיך צו לאָזען קאָסטען אויף אַ „הדור מצוה" ביז אַ דריטעל פון באַטרעף (מלגו), צ. ב. ש. פון אַ געוועהנליכען אתרוג ביז אַ שעהנעם, אָדער אַ געוועהנליכע ס"ת ביז אַ שעהנער (משנה ברורה תרנ"ו).

זעה קשיה אין „ביאור הלכה" פון קידושין כ"ט ע"ב, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אויב ער פאַרמאָגט בלויז פינף דאָלאַר, דאַרף ער פונדעסטוועגען מקיים זיין דערמיט די מצוה פון „פדיון הבן", אָדער עולה צו זיין לרגל. אָבוואָהל דאָס איז זיין גאַנצער פאַרמעגען. אויך איז אַ פראַגע, אויב מען איז יאָ מחויב אַלץ אַוועקצוגעבען, טאָ וואָס איז דער נייעס, אַז רבן גמליאל זייענדיג אויף אַ שיף האָט זיך געלאָזט קאָסטען טויזענד זוז פאַר אַן אתרוג?

דער תירוץ איז, מיט דעם פאַרזאָג פון „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (כתובות נ' ע"א) זיינען די חכמים אויסען געווען צו פאַרהיטען, אַז דער פזרן זאָל ניט פאַראָרימט ווערען און דאַרפען אָנקומען צו מענשען. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען, אויב ער איז מעהר וויניג אַ פאַרמעגליכער, וועהרענד אויב איינעם'ס פאַרמעגען באַשטעהט בלויז פון פינף דאָלאַר, און ער פאַרדינט ווי עס איז אויף זיין חיונה, אַזאַ מענש דאַרף מעהר ניט מורא האָבען פאַר אָרימקייט, זיין מצב וועט שוין ניט פאַרערגערט ווערען דורך אויסגעבען די לעצטע פאַר דאָלאַר, אָדער געשטאַרקט ווערען דורך האַלטען זיי. דאַריבער איז ער מחויב אַוועקצוגעבען דאָס לעצטע כדי מקיים צו זיין אַ מצוה.

דער ירושלמי פאה באַהויפטעט: „כבד את ה' מהונך, ממה שיחננך מפריש לקט שכחה ופאה, מפריש תרומה . . . ועושה סוכה ולולב ושופר ותפילין וציצית ומאכיל את העניים . . . אם יש לך אתה חייב בכולן ואם אין לך אין אתה חייב באחת מהן אבל כשהוא בא אצל כבוד אב ואם בין

שיש לך הון בין שאין לך הון כבד את אביך ואת אמך ואפילו אתה מסבב על הפתחים". מילא, דאָס וואָס עס ווייזט אויס, אַז דער ירושלמי הייסט דאָס גאַנצע פאַרמעגען אויסגעבען, קאָן מען פאַרענטפערען אַזוי ווי פריהער, אַז עס באַציהט זיך אויף אַן אָרימאַן, וואָס האָט ניט מעהר ווי די סומע נויטיג פאַר אַ מצוה. ס'איז אָבער לכאורה שווער צו פאַרשטעהן דאָס, וואָס דער ירושלמי פאַרענדיגט, אַז מקיים צו זיין אַ מצוה איז ער נאָר מחויב „אם יש לו", אָבער ניט צו זיין אַ „מחזיר על הפתחים". פאַרוואָס זאָלען אַזעלכע מצוות ווי סוכה, לולב, שופר, ציצית ותפילין זיין אַנדערש ווי די מצוה פון חנוכה־ליכט, אָדער דאָס אָנצינדען פון שבת־ליכט, אָדער די פיר כוסות פּסח, וועלכע כדי צו ערפילען איז מען מחויב זאָגאַר צו געהן אין די הייזער, אָבוואָהל דער חיוב איז בלויז ד ר ב נ ן (צוליב „פרסומי ניסא", אָדער „עונג שבת"), ווערהענד סוכה, לולב, תפילין און ציצית זיינען מ ד א ו ר י י ת א?

ווען מ'באַטראַכט אָבער פאַרזיכטיג די ווערטער פון ירושלמי קאָן עס דערקלערט ווערען אָהן אַ שום סתירה צו אונזער אויבענדערמאָנטען פסק. לכאורה פאַרוואָס עפּעס זאָגט דער ירושלמי דעם לשון „ ו ע ו ש ה סוכה ולולב" . . . אַנשטאָט בעסער צו זאָגען — „ויושב בסוכה, ונוטל לולב, ותוקע בשופר, ולובש תפילין וציצית"? קאָן מען דאַריבער זאָגען, אַז דער־מיט איז דער ירושלמי אויסען צו לערנען אַ גאַנץ אַנדער דין. ווי באַוואוסט האַלט דער ירושלמי, אַז „העושה סוכה לעצמו אומר ברוך אשר קדשנו במצותיו וציונו לעשות סוכה . . . נכנס לישב בה אומר . . . לישב בסוכה. העושה לולב לעצמו אומר . . . לעשות לולב" (ברכות פ"ט, ה"ג, אַנדערש האַלט אָבער דער בבלי, זעה תוספות מנחות מ"ב ע"ב), ד"ה דעם ירושלמי'ס שיטה איז, ווען איינער מאַכט אַ סוכה פאַר זיך, אָדער אַ לולב, אָדער תפילין איז ער מחויב צו מאַכען אויף דעם אַ ברכה: „לעשות סוכה, לעשות לולב, לעשות תפילין" וכדומה. נמצא, אַז כדי מקיים צו זיין בשלמות די מצוה פון סוכה . . . דאַרף ער איהר דוקא אַליין אויפבויען, אויב ער קויפט אַ גרייטע פעהלט איהם די מצוה פון מאַכען, וואָס איז אַן ענין בפני עצמו. דאָך, אָבוואָהל די אַרבייט דערפון איז אַ מצוה, איז עס פונדעסטוועגען ניט קיין פאַרגלייך מיט'ן קיום פון דעם עצם המצוה, ווייל ס'איז בלויז אַ הכנה צום קיום המצוה, אַ ה כ ש ר מ צ ו ה.

איבער דעם זאָגט דער ירושלמי „ ו ע ו ש ה סוכה", דאָס הייסט כדי מקיים צו זיין די מצוה פון מאַכען, איינצושאַפען זיך מאַטעריאַל כדי פער־זענליך צו קאָנען בויען די סוכה, אָדער מאַכען תפילין איז ער בלויז מחויב, אויב ער איז פאַרמעגליך, אָבער צו זיין אַ מחזיר על הפתחים איז ער ניט

מחויב. ווערהענד מקיים צו זיין דעם עצם המצוה איז ער מעגליך זאָגאַר פאַרפליכטעט צו געהן איבער די הייזער.

און דער „ביאור הלכה״ פיהרט אויס:

„אויב אפילו אויף אַזוי פיל זאָל ער ניט זיין מחויב, יעדענפאַלס צו זוכען לייען אַ פּאָר תפילין, כדי מקיים צו זיין די מצוה, איז ער זיכער מחויב״.

אַן עהנליכע דיסקוסיע (פלפול) בנוגע דעם ענין פון צדקה, זעה אין זיין ספר „אהבת חסד״, ח״ב, פ״ב.

טהאָן

לא עליך המלאכה לגמור (פרקי אבות ב׳).

מרגלא בפומיא: אונזער אויפגאַבע איז צו טהאָן, אויפטהאָן איז פאַר׳ן רבונו של עולם. אויך פלעגט ער זאָגען:

אז מען וויל עפּעס אויפטהון, דארף מען וועלען דוקא אויספיהרען, מען דאַרף טהאָן. אַט דאָס וויל השי״ת פון אונז 2)

אַליין זיך פּאַטשען

איינמאָל האָט איינער פון זיינע בני בית איבערדערצעהלט אַן ענין וועגען ר׳ מ., אין זיין אַנוועזענהייט. איז דער חפץ חיים שטאַרק בייז געוואָרען און געזאָגט: „איך וויל נישט הערען רעדען וועגען אַן אַנדערען, איך האָב גענוג מיינע אייגענע חסרונות פון זיי צו רעדען.״

ווען דער דערצעהלער האָט זיך פאַרטיידיגט, מיט דעם וואָס ר׳ מ. איז נאָר וואָס דאָ געוועזען און אַז ער אַליין האָט וועגען זיך דאָס דערצעהלט, האָט דער חפץ חיים געענטפערט: „אַ מענשען פאַרדריסט נישט אויב ער

---

2) אַנמערקונג: די וויכטיגקייט פון טהאָן, די חשיבות פון מעשים, איז צו דרינגען פון דעם דין וואָס לויט דער גמרא טאָר מען ניט טהאָן אומריינע זאַכען מיט דער רעכטער האַנט, נאָר מיט דער לינקער. מיט דער רעכטער האַנט טהוט מען אָן די תפילין אויפ׳ן לינקען אָרעם. אבוואָהל די לינקע האנט טראָגט די תפילין און די רעכטע ניט, דאָך איז די רעכטע האַנט חשוב׳ער. אויך דער דין פון „עושה דוחה לא תעשה״, צייגט די חשיבות פון טהאָן, פון מעשה.

גיט זיך אליין א פאטש, אבער איהם פארדריסט אויב אן אנדערער גיט עס איהם".

דער תכלית פון דער וועלט

ויאמר אלקים יהי מאורות ברקיע השמים להבדיל בין היום ובין הלילה והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים והיו למאורות ברקיע השמים להאיר על הארץ (בראשית א').

דער אויבענדערמאנטער פסוק דערצעהלט אז דער אויבערשטער האט באשאפען די לייכטער אין הימעל אונטערצושיידען צווישען טאג און נאכט, צו דינען אלס צייכען פאר צייטען, טעג און יאהרען אין דער פארשפרייטונג פון הימעל צו באלייכטען די ערד.

די תורה איז דער תכלית פון דער בריאה. אלץ אין דער וועלט האט דער באשעפער געבראכט אין עקזיסטענץ צוליב'ן ברית התורה (אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי).

אויב די הויפט כונה פון באשעפער זאל האבען געווען באשאפען די לייכטער כדי זיי זאלען באלייכטען די ערד וואלט באדארפט שטעהן — יהי מאורות ברקיע השמים להאיר על הארץ און נאכהער להבדיל בין היום ובין הלילה, והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים?

דער פסוק איז אבער מרמז אז דער הויפט תכלית פון זון און לבנה איז אונטערצושיידען נאכט פון טאג כדי צו דינען אלס צייכענס פאר צייט, טעג און יאהרען אלץ צוליב דער תורה, כדי צו קאנען מקיים זיין איהרע מצוות ווי תפילין, שבת, יום טוב, א. ז. וו. נאר אגב וועט די וועלט אויך געניסען פון זייער באלייכטונג, ווייל זיי זיינען גלייכצייטיג להאיר את הארץ 1).

1) דיזע באהויפטונג מאכט זעהר פארשטענדליך די ערקלערונג אין דער גמרא אויפ'ן פסוק: „ויקרא אלקים לאור יום ולחשך קרא לילה (בראשית א') — קריא רחמנא לנהורא ופקדיה אמצותא דיממא, וקריא רחמנא לחשוכא ופקדיה אמצותא דלילה" (פסחים ב' ע"א), ד. ה., אז די הויפט־כוונה און עיקר בריאה פון אור איז געווען צוליב די מצוות, וועלכע מ'דארף טהאן בייטאג, און די נאכט צוליב די מצוות, וועלכע זיינען נוהג ביינאכט. אנדערש איז שווער דעם אויסדרוק ופקדיה אמצותא — המחבר.

פאַר׳ן אויבערשטען

רחש לבי דבר טוב אומר אני מעשי למלך
(תהלים מ״ה).

אַז מען איז עוסק בתורה לשמה, זאָגט דער תנא, איז מען זוכה לדברים הרבה. דאָס זעלבע, אַז מען טהוט אויך די אַנדערע מצוות התורה לשמה. די וועלכע אַרבייטען פאַר אַ מלך, האָבען אַלעמאָל ספעציעלע פריווילֶיגיעס; זיי האָבען אַ צוטריט צו אַזעלכע הויכגעשטעלטע ערטער, וואו אַ געוועהנליכער מענש קאָן נישט צוקומען. פאַר זיי זיינען אַלע טירען שטענדיג אָפען. דאָס איז די כונה פון דעם אויבענדערמאָנטען פסוק. ווען איך טראַכט אין האַרצען צו טהאָן אַ גוטע זאַך, זאָג איך, אַז איך געה עס טהאָן לכבוד ה׳.

נו, אַז איך אַרבייט פאַר׳ן מלך, איז מיר שוין לייכט צו דערגרייכען די העכסטע מדרגות.

אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען געווען בעלי מלאכה, שוסטער, שניידער און אַז. וו., וועלכע פלעגען אַרבייטען פאַר׳ן מיליטער. און צוליב דעם האָט זיי די רעגירונג באַפרייט פון אַקטיווער דיענסט אין דער אַרמיי. זעלבסטפאַרשטענדליך, זייערע פּראָדוקטען האָבען געהאַט אַ שטעמפּעל פון דער רעגירונג. פלעגט דער חפץ חיים זאָגען: ביי אידישקייט איז דאָך אויך, אַזאַ איינער איז אַ שוסטער, זיצט און מאַכט שטיוועל, ווען מען איהם פרעגען, פאַרוואָס זיצסטו ניט און לערנסט תורה? וועט ער ענטפערען — איך אַרבייט איך זאָל האָבען מיט וואָס מפרנס צו זיין מיין ווייב און קינ־דער, באַצאָהלען שכר לימוד פאַר די קינדער, העלפען מחזיק זיין אַ ישיבה, שטיצען אַ תלמיד חכם — איז דאָס אויך ווי געלערענט, אַזוי ווי מען קומט ביים שוסטער פרעגען, הלמאי ער געהט ניט דינען, ווייזט ער די שטיוועל, אַז אויף זיי שטעהט דער שטעמפּעל פון דער מלוכה און אַז ער אַרבייט פאַר איהר, איז דאָס אַלץ איינס ווי דינען דעם מלך . . .

---o---

באַצאָהלען אין צייט

איינמאָל אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג, האָט ער דיזען שרייבער געבעטען, אַזוי גוט זיין און אָנוועקטראָגען דעם מלמד פון זיין אינגעל אהר׳לען, שכר

לימוד פאַר דער וואָך. ער האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז די געלט זאָל איבער־געגעבען ווערען דעם זעלבען טאָג און באַטאַנט, אַז די צייט צו באַצאָהלען אַ מלמד שכר־לימוד איז פרייטאָג. אַז מ׳באַצאָהלט נישט דאַן, איז מען עובר אויפ׳ן „ביומו תתן שכרו״.

ניט איינמאָל איז דער חפץ חיים געקראָכען אין א פינצטערער, קאַלטער, ווינטיגער, אדער שלאַגס־רעגענדיגער נאַכט, כדי צו באצאָהלען דעם שניידער, אָדער שוסטער א. א. זייער פארדינסט אין צייט.

איינמאָל אינמיטען ווינטער אין אַ פראָסטיג־קאַלטען טאָג, פאָהרענדיג קיין וואַרשא לטובת זיין ישיבה, האָט מיט גרויס אָנשטריינגונג דער חפץ חיים קוים זיך דערשלעפּט מיט גרשון בעל עגלה פון ראַדין קיין באָסטון צום באַהן, א מרחק פון 21 רוסישע וויאָרסט, און אַ שלעכט „באָטש־נעם״ וועג. דערמאָהנט ער זיך פּלוצלינג, אַז זייענדיג פאַרטהאָן אין זיין רייזע, האָט ער פאַרגעסען צו באַצאָהלען שמעון דעם שניידער פאַר פאַריכטען זיין פוטער. ער האָט געהאַט גרויס צער פון ניט באַצאָהלען אַ פועל בזמנו. קלערט דער חפץ חיים ניט, נאָר הייסט גרש׳קען גלייך פאָהרען מיט איהם צוריק אַהיים, כדי צו באַצאָהלען דעם בעל מלאכה פאַר זיין אַרבעט דעם זעלבען טאָג — ביומו תתן שכרו !״

ווען מען האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, ער קאָן דאָך די געלד אָפּ־שיקען דורך גרש׳קען דעם בעל עגלה מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל קומענדיג אַהיים גלייך עס איבערגעבען צום שניידער, האָט דער חפץ חיים געענטפערט: „ווען עס איז נוגע אָן ענין דאורייתא פאַרלאָזט מען זיך גיט אויף אַ שליח״.

בכלל פלעגט ער תמיד פאַראויס מושוה ווערען מיט יעדען, וועלכער פלעגט אַרבייטען פאַר איהם, און אויב ער האָט עס ניט געטהאָן, האָט ער באַצאָהלט, וויפיל דער בעל מלאכה האָט פאַרלאַנגט.

חשק צו טהאָן אַ מצוה

אשרי איש ירא ה׳ במצותיו חפץ מאד
(תהלים קי״ב).

א״ר אליעזר במצותיו ולא בשכר מצותיו
(ע״ז י״ט, ע״א).

די חז״ל מיינען ניט צו זאָגען, אַז אַ איד זאָל ניט וועלען קריגען קיין שכר פאַר אַ מצוה, ווייל דער וואָס וויל ניט האָבען קיין שכר, ווייס ניט וואָס גוט איז. נאָר די כוונה איז, אַז דער עיקר דאַרף מען ענטוויקלען דעם חוש צו באַגרייפען דעם געשמאַק פון טאָן אַ מצוה, ווארום, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער שכר פון אַ מצוה, איז דער תענוג פון מקיים זיין די מצוה, דער גליק און דאָס פאַרגעניגען פון האָבען די געלעגענהייט צו דינען השי״ת נאָך גרעסער, אַ זאַך וואָס מען קאָן נאָר ערפיהלען אויף דער וועלט און ניט אויף די עולמות העליונים 1).

---

1) ר׳ חיים וואָלאָזשינער אין זיין הקדמה צום „ביאור הגר״א" אויף „אורח חיים", דערקלערט:

ויהי אדם לנפש חיה — דער מענש איז דער נפש החיים פון אלע עולמות. דער קיום און חיות פון אלע וועלטען זיינען אָפּהענגיג אין׳ם מענשען׳ס מעשים, דיבורים און מחשבות. מחשבה, די געהעריגע כונה פון א מצוה איז געוויס אן ערהאַבענער ענין און האָט א געוואַלדיג גוטע ווירקונג צו דערהויבען דעם מענשען און איהם צו באהעפטען צו זיין שורש למעלה. אָבער דאָ אין דער וועלט, אין עולם המעשה איז ניט מחשבה דער עיקר אין אונזער עבודה, נאָר מעשה. א גוטע מחשבה ווען זי געהט צוזאַמען מיט א גוטען טהאָט דערהויבט די מעשה צו א הויכע מעלה. פונדעסטוועגען ווען איינער עסט דעם פסח (קרבן) לשם אכילה גסה, כדי זיך אנצועסען, זאָגען די חז״ל אז אבוואהל קיין מצוה מן המובחר האָט ער ניט מקיים געווען, האָט ער געטאָהן א מצוה. פונקט ווי ביי קרבנות איז אַ כלל, אַז סתמן כלשמה דמי. דאַגעגען, אויב אַ איד וועט בעת הקרבת הפסח טראַכטען די טיפסטע און רייגסטע מחשבות און וועט פארפעהלען מקריב צו זיין דעם קרבן פסח איז זיין עונש כרת ונכרתה הנפש ההיא. עס איז דאריבער קלאָר אז אזוי ווי מען קען ניט דערגרייכען די אויבערשטע שטאַפּלען פון א לייטער אויב עס פעהלען די נידעריגע מדרגות אזוי איז אויך אונזער פליכט, לעבענדיג אין דיזער וועלטיגער דירה, וועלכעס איז א עולם המעשה, מקיים צו זיין די מעשה לויט אלע איהרע פאָדערונגען, פּרטים און דקדוקים. דער וואָס מעהרט מדקדק צו זיין במעשה דאַרף גלויבט ווערען ווייל מצרף זיין מחשבה למעשה איז וויכטיג. מען טאָר אָבער ניט אָפּלייגען די מעשה צוליב דער מניעה פון אַ רייגער מחשבה, א כל שכן ניט ח״ו פאַרלאָזען דעם לימוד התלמוד הקדוש המביא לידי מעשה . . . ״

א מצוה קעגען אן עבירה

הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה (פרקי אבות ב׳).

אויב אַ גרויסער וועלט באנקיר רעדט וועגען פאַרדינסטען, פאַרשטעהט מען אַז עס האַנדעלט זיך וועגען מיליאָנען, ווייל אַ גרויסער גביר וואָלט דאָך גישט רעדען וועגען קליינע רוחים. דאָס גלייכען, אויב מען געפינט אין זיינע ביכער פאַרצייכענט וועגען אַ פאַרלוסט, וויים מען אַז עס האַנדעלט זיך זיכער וועגען אַן אונגעהויערע סומע, ווייל אנדערש וואָלט ער דאָך קיין וועזען פון דעם נישט געמאַכט.

היינט, אַז דער רבש״ע, וואָס איז דער באַשאַפער און אייגענטימער פון דער גאנצער וועלט, אויב ער פאַרצייכענט אין דער תורה, דעם „ספר הספרים״, אַ פאַרלוסט וואָס אַ מענש וועט ליידען צוליב אַ חטא, קאָן מען פאַרשטעהן ווי גרויס דער שאָדען וועט זיין. דאגעגען ווען דער רבש״ע רעדט וועגען פאַרדינסטען, איז זיך לייכט פאַרצושטעלען, אַז עס רעדט זיך מכח אונגעהוי־ער גרויסע רוחים, פון וועלכע מיר דאָ האָבען גאָר קיין אהנונג נישט.

שכר פאַר איין מצוה

איינער האָט אַמאָל געפרעגט דעם חפץ חיים, די חז״ל זאָגען, אַז אלע רייכטימער פון דער וועלט קאָנען זיך נישט פאַרגלייכען צו דעם שכר וואָס עס קומט דעם מענשען פאַר איין מצוה (ב״ר ל״ח). יעדער מענש אָבער טהוט דאָך אַסך מצוות, וואָלט געוועזען נישט מעהר ווי רעכט, אַז דער רבש״ע זאָל אויסבייטען כאָטש איין מצוה און באַצאָהלען דעם מענשען דעם שכר אויף דער וועלט ?

האָט דער חפץ חיים געענטפערט מיט אַ משל. אַ קינד האָט אַמאָל גע־פונען אין גאַס אַן אסיגנאציע, נישט וויסענדיג די פולע ווערטה פון דעם, איז ער צוזאַמען מיט נאָך קינדער אריין אין אַ קראם און האָט געבעטען דעם קרעמער ער זאָל איהם געבען נאשערייען און שפיעל זאַכען פאַר דעם.

דער קרעמער דערזעהענדיג דעם ווערטפולען באנקנאט, האָט עס איהם אויסגעביטען און איהם געגעבען אַ באַרג מיט זיסע זאַכען און שפילצייג.

ווען דער פאָטער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער געקומען מיט אַ געוואַלד צום קרעמער, טענה'נדיג אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט אויסצובייטען אַזאַ ווערטפולע אסיגנאציע טראָץ דעם וואָס דאָס קינד האָט עס פון איהם געבעטען, ווייל דאָס קינד האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען די ווערטה פון דעם.

אזוי, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, וואָלט דאָך דער מענש אויף יענער וועלט געהאַט אַ גערעכטע טענה צו כביכול, אַז ער האָט נישט געהאַט דאָס רעכט אויסצובייטען די פאַרדינסטען פאַר איין מצוה טראָץ דעם וואָס ער (דער מענש) אין זיין קינדערישקייט האָט עס מיט תחנונים פון איהם געפאָדערט.

———o———

אַ פגם פון אַ מצוה

מעות לא יוכל לתקן — מי שבטל מצות עשה של קריאת שמע (ברכות כ"ו).

ער פלעגט זאָגען: דער מענש דאַרף זיך אָנשטרייינגען און טהאָן אַ מצוה מיט מעהר זהירות און פאלקאמענהייט, ווי ער אנטלויפט פון אַן עבירה, ווייל אויף אַן עבירה העלפט דאָך תשובה, אָדער שטראָף, אָפּצוואַשען די זינד פון מענשען, אזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָרניט געטהאָן (יסורים ממרקים עונותיו של אדם, — סנהדרין ל"ט).

אָבער משלים צו זיין אַ פגימה אין אַ מצוה, העלפט קיין תשובה ניט, און די מצוה בלייבט שטענדיג אַ פגומה'דיגע.

אין דעם זינן איז דאָס עובר זיין אויף אַ עשה ערגער, ווי דאָס עובר זיין אויף אַ לאו, ווייל תשובה העלפט אָפּצוווישען די עבירה פון אַ לאו, עס זאָל באַטראַכט ווערען אַקוראַט ווי ער וואָלט עס ניט געטהאָן, וועהרענד פאַר מבטל זיין דעם קיום פון אַ עשה, קאָן קיין תשובה ניט פועל'ן עס זאָל הייסען אַזוי ווי ער וואָלט עס געטהאָן.

דאָס איז דער געדאַנק פון די חז"ל, אַז דער וואָס האָט מבטל געמאַכט די מצות עשה פון קריאת שמע, וועט איהם קיין תשובה נישט קאָנען גוט מאַכען, אַז דאָס וואָס ער האָט נישט געטהאָן זאָל זיין אקוראט ווי ער וואָלט עס געטהאָן.

———o———

קיום המצוות אין גלות

ונתתי לה את כרמיה משם (הושע ב׳).

אַ איד זייענדיג אין גלות, אבוואהל ער איז נישט אימשטאַנד בפועל ממש מקיים צו זיין די מצוות התלויות בארץ, ווי תרומה, מעשר, בכורים, א. ז. וו., קאָן ער אָבער יא מקיים זיין אַלעס במחשבה. לויט׳ן כלל פון די חז״ל, אַז אַ מענש טראַכט צו טהאָן אַ מצוה און ער קאָן עס צוליב אַ צופאַל (אין וועלכען ער איז נישט שולדיג) נישט אויספיהרען, ווערט עס באַטראַכט פונקט אזוי ווי ער וואָלט די מצוה בפועל מקיים געווען.

דער איד וואָס איז מכוון מקיים צו זיין אַזאַ מצוה בשלמות, איז דאָך נישט שולדיג וואָס ער קאָן אין דער ווירקליכקייט עס נישט טהאָן. ער וואָלט דאָך יא געוואָלט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, אַז די גאולה זאָל קומען און ער זאָל קאָנען זיין אין ארץ ישראל „תחת גפנו ותאנתו״, אום מקיים צו זיין אַלע מצוות. דער גלות איז דאָך געגען זיין ווילען. לכן קאָן ער מקיים זיין די גאַנצע תורה ברעיון. אַזוי האָבען געטהאָן אונזערע אבות און אַנדערע גרויסע מענשען.

דאָס אַלעס שטימט מיט די ווערטער פון די חכמים, אַז דער וואָס איז עוסק אין דער תורה פון קרבנות, ווערט פאַררעכענט אַזוי ווי ער וואָלט מקריב געווען קרבנות בפועל ממש. דאָס מיינט דער נביא: „השי״ת זאגט: אין גלות וועל איך אייך געבען די ווייגערטנער פון דאָרטען, — פון ארץ ישראל״.

גוטע טעג

אוהב ימים לראות טוב (תהלים ל״ד).

קיין זאַך געהט ניט לאבוד. מען וועט אַמאָל אַדורכפיהרען פאַר דיר, פאַר דיינע אויגען דיינע טעג, מען וועט דיר צייגען וואָס דו האָסט געמאַכט פון זיי. זעה דעריבער, אַז זיי זאָלען ניט בלייבען פוסטע. פיל אויס דיין צייט מיט תורה און מעשים טובים.

אַ רבים טהוען אַ מצוה

אַ מצוה וואָס ווערט געטהאָן דורך אַ רבים, איז גאָר אַנאַנדער ענין. מען זעהט דאָך, אַז ווען עס בענטשען (ברכת המזון) דריי מענשען צוזאַמען זיינען זיי מחויב צו זאָגען „נברך", צעהן מענשען דערמאָהנען שוין „נברך אלקינו", הונדערט מענשען זאָגען שוין „נברך ה' אלקינו", טויזענד מענשען דאַרפען שוין צולייגען „נברך לה' אלקינו אלקי ישראל", א. א. וו. (ברכות מ"ט).

אזוי זאָגט דאָך טאַקי רש"י אויפ'ן פסוק „ורדפו מכם חמשה מאה... אינו דומה מרובין העושין את המצוה למועטין העושין את המצוה", אַ מצוה וואָס עס טהוען עטליכע מענשען איז נישט גלייך צו אַ מצוה וואָס עס ווערט געטהאָן פאר אסך מענשען. די דערגרייכונגען פון יעדער יחיד זיינען דאן פיל גרעסער, איידער ער אליין וואָלט עס געטהאָן.

צו אַ חתונה

דער שרייבער עראינערט זיך אַ חופה אויפ'ן שוהל הויף אין ראַדין, ביי אַ טאָכטער פון יאָשע דעם שוסטער. דער חפץ חיים איז געשטאַנען און געוואַרט. ווען מען האָט איהם געזאָגט, אַז מען פיהרט שוין די כלה, איז ער געלאָפען עטליכע טריט אַנטקעגען לכבוד הכלה. און צו די תלמידים אַרום איהם האָט ער דאַן ציטירט די מאמרי חז"ל וועגען דעם. און אגב אויך געזאָגט: אַז מען קוקט אויף אַ חתונה און מען איז ניט משמח חתן וכלה, איז פאַראַן אין דעם אַ חשש גזל, ווייל מען האָט דאָך איהם פאַר דעם צוועק איינגעלאַדען צו דער חתונה. ווי די חז"ל ערקלערען: „כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בה' קולות, שנאמר קול חתן . . ." (ברכות ו', ע"ב), ווייל די הויפט שמחה איז דאָך מיט קול, זינגען, ריידען, וכדומה. אויך האָט דער שרייבער איהם דאַן געהערט באַמערקען מיט אַ זיפץ:

„די מוזיק צו אַ חתונה איז אויך ניט ווי אַמאָל. זי דריקט אויס אי־דישען צער און טרויער!"

אגב, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז זאָגאָר די אָרימסטע חתונה פלעגט דער חפץ חיים פאַרזאָגען צו פראַווען עפענטליך מיט מוזיק און זיך ניט צו־פרידענשטעלען מיט אַ שטילער פריוואַטער צערעמאָניע, אַלץ אין איינקלאַנג מיט די פאַרהייליגטע אידישע טראַדיציעס.

נישט רעדען וועגען קיינעם

ריידענדיג אַמאָל וועגען לשון הרע, האָט ער געזאָגט:

ווען איינער קאָן נישט בייסטעהן דעם נסיון פון ריידען לשון הרע אויפ׳ן אנדערען, זאָל ער אַמווייניגסטענס זיך היטען נישט צו דערמאָנען יענעם ביים נאָמען. משל למה הדבר דומה?

צו איינעם וואָס האָט צוגעזאָגט זיין אײדים אַסך טויזענטער נדן און נישט האָבענדיג קיין געלט, האָט ער געגעבען אַ וועקסעל אויף וועלכען ער האָט זיין נאָמען נישט אונטערגעשריבען. דער אײדים, פאַרזעהענדיג עס, האָט געמיינט, אַז ער פאַרמאָגט אַסך געלט. דער שווער אָבער, האָט געוואוסט אַז זיין וועקסעל איז גאָרנישט ווערטה אָהן זיין חתימה.

דאָס זעלבע איז ווען איינער רעדט לשון הרע אויפ׳ן צווייטען און דער־מאָנט ניט יענעמס נאָמען. דער באַריידער האָט פון דעם הנאה, מיינענדיג אז ער האָט טאַקע גערעדט לשון הרע. אָבער מאָנען איהם אויפ׳ן עולם האמת וועט מען נישט קאָנען, ווייל ער האָט קיין נאָמען נישט דערמאָנט.

באַצאָהלט אן אַלטען חוב

י. ב., אַ טרעסטינער איד, האָט איינמאָל געשריבען צום חפץ חיים אַ בריוו, אָנפרעגענדיג איהם וועגען אַ געוויסען ענין און האָט אַריינגעלייגט אַ פּאָסט־מאַרקע פון זיבען קאָפּיקעס אויף אַן ענטפער.

צוליב געוויסע סבות האָט איהם דאָן דער חפץ חיים ניט געענטפערט.

ווען דער חפץ חיים האָט מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער באַגעגענט דעם בריוו־שרייבער אין ביאַליסטאָק, האָט ער איהם אָפּגעגעבען זיבען קאָפּיקעס, זאָגענדיג: „איך בין דאָך אייך אַ בעל חוב פאַר דער מאַרקע, וואָס איהר האָט מיר אַמאָל געשיקט!” און זיך ענטשולדיגט הלמאי ער האָט איהם דאָן ניט געענטפערט.

מפרי כפיה נטעה כרם (משלי ל״א).

אויך די פרוי קאָן מיט די פרוכט פון איהרע הענט פלאַנצען דעם כ ר ם ב י ת י ש ר א ל.

תאוה

דער אספסוף האָט געגלוסט תאוה און פון זיי האָט זיך עס פאַרשפּרייט אויף „כל בני ישראל" . . .

„התאוו תאוה" מיינט, אַז זיי האָבען געגלוסט, אַז עס זאָל זיך זיי תאוה'נען. קוים לאָזט זיך דער מענש אַריין אין תאוה, ווערט ער וואָס ווייטער וועלען אַלץ מעהר.

———o———

דער חטאת מאָנט

לפתח חטאת רובץ (בראשית ד').

חטאת — ווייסען מיר, מיינט אַן עבירה געטהאָן בשוגג, עון — במזיד, און פשע — וואָס מתכון למרוד בו, נמצא, אַז חטאת איז די קלענסטע עבירה. וואָלט דאָך לכאורה געווען פאַסיגער צו שטעהן לפתח פשע, אָדער עון רובץ?

נאָר מ'קאָן דאָס פאַרשטעהן מיט אַ משל. איינער איז שולדיג געווען אַ סך חובות און האָט באַנקראָטירט. זיינען דאָן געקומען די בעלי חובות צו איהם אין הויז און געכאַפּט חפצים פאַר זייער חוב. איינעם איז ער שול־דיג געווען טויזענד רובעל, דעם אַנדערען פינף הונדערט און אַזוי ווייטער. איז געקומען איינער, וועמען ער איז בלויז שולדיג געווען פינף און צוואַנציג רובל און האָט אויך געכאַפּט, טענה'נדיג: „מיין חוב איז אויך אַ חוב. איך וויל מיינס אויך ניט שיינקען". אַזוי פאַסירט עס אויך מיט'ן מענש. כל זמן ער לעבט, האָבען די משחיתים אויף איהם קיין שליטה נישט. ווען ער שטאַרבט אָבער, קומען זיי אַלע מאָנען, דער פשע, דער עון, מיטאַמאָל דער חטאת איז אויך דאָ. זאָגט מען צו איהם: „דו זעהסט דאָך, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע גרויסע בעלי־חובות, וואָרום זאָלסטו אויך מאָנען?" — ענטפערט ער: „וואָס הייסט, מיין חוב איז קיין חוב ניט, מיין חוב איז אויך אַ חוב", לפתח חטאת רובץ — דער חטאת מאָנט אויך.

דער מענש דאַרף זיך דאַריבער היטען פון אַן עבירה, אַזוי ווי פאַר פייער, ווען מ'פאַלט אַמאָל דורך, זאָל מען תיכף תשובה טהאָן.

———o———

די טריט

„המכין מצעדי גבר" — דער אויבערשטער באַשטימט פאַראויס די טריט פון מענשען, אַזוי דערקלערט דער פסוק: „מה' מצעדי גבר כוננו" (תהלים ל"ז), „וה' יכין צעדו" (משלי ט"ז), „כי אתה צעדי תספור" (איוב י"ד).

אַ מענש דאַרף וויסען, אַז יעדער טריט, וואָס ער מאַכט, איז אַלץ בהשגחה. עס איז פאַראויס באַשטימט וויפיל טריט ער זאָל מאַכען אין דער וועלט. אָבער צי ער זאָל געהן טהאָן אַ מצוה אָדער פאַרקערט, ווענדט זיך אין זיין אויסוואַהל (בחירה).

דאַריבער דאַרף אַ מענש היטען זיינע טריט . . .

טענץ

רעדענדיג איינמאָל פאַר די אידען פון שטעטעל, אַז זיי זאָלען ניט צו־לאָזען צו קיין געמישטע טענץ פון בחורים און בתולות אויף חתונות, וכדומה. האָט ער זיי אויפמערקזאם געמאַכט, אויף אַ שטעל אין רש"י, וואָס זאָגט, אַז די אידען, דינענדיג דעם עגל, האָבען עובר געווען אויף די דריי האַרבסטע עבירות: עבודה זרה, גלוי עריות ושפיכת דמים. „האָב איך אימער געקלערט, אַז עס איז דאַרט געווען עבודה זרה, דאָס ווייסען מיר — דער עגל; שפיכת דמים, די ערמאָרדונג פון חור; אָבער פון וואנען דרינגט עס רש"י, אַז עס איז דאָרטען געווען זנות?

„יעצט אָבער פאַרשטעה איך: דער פסוק זאָגט דאָך, אַז „וירא את העגל ומחלת", אַז משה רבנו האָט דערזעהן דעם עגל מיט די טענץ און אַז דאָרטען זיינען געווען טענץ (געמישטע), פאַרשטעהט מען שוין דעם פועל־יוצא. וואָס איז דער פועל־יוצא פון געמישטע טענץ, — גלוי עריות" . . . 1).

---

1) אַנמערקונג:

גאַנץ ריכטיג האָט אַמאָל דער גאון ר' חיים בריסקער באַמערקט: דער עגל איז צו־שטערט געוואָרען, אָבער די מחולות זיינען געבליבען און פון זיי ליידען מיר עד היום הזה.

געוואוינהייט צו זינד

רק לא ירבה לו סוסים ולא ישיב את העם מצרימה
למען הרבות סוס . . . (דברים י"ז פסוק ט"ז).

איז דאָך אייגענטליך קשה דער לשון פון פסוק. ס'פאַנגט זיך אָן מיט אַ לשון רבים סוסים און ס'לאָזט לאָזט זיך אויס מיט אַ לשון יחיד — למען הרבות סוס ?

די פסיכאָלאָגיע פון מענשען איז, אַז דאָס ערשטע מאָל וועט ער אַזוי לייכט ניט עובר זיין קיין עבירה. זאָלען מיר נעמען, למשל, אַ אידען אַ שומר שבת, ווען ער ווערט געשטעלט צו אַ פּראָבע, צו פאַרקוקען דעם שבת צוליב אַ קליינעם פאַרדינסטעל, געוויס וועט ער לייכט ביישטעהן אַזאַ נסיון. אַנדערש איז אָבער ווען ער האָט אויף גרויסע פאַרדינסטען אויף טויזענטער — דאַמאָלט קאָן שוין זיין, אַז ער זאָל ניט קאָנען מעהר ביישטעהן דעם נסיון. דאַגעגען נאָכדעם ווי ער האָט שוין געמאַכט אַ התחלה מחלל שבת צו זיין, וועט שוין די זינד פון חילול שבת ביי איהם ניט זיין אַזוי שרעקליך. כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר, ער וועט שוין ביסלעכווייז קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז ביי איהם וועט רעכט זיין מחלל שבת צו זיין צוליב אַ פּרוטה ריוח, און אַמאָל אַפילו, ווען ער ווייס, אַז ער וועט פאַרלירען געלד.

אָט דאָס וואָרענט אונז די תורה: אָנזאָגענדיג דעם מלך ישראל — לא ירבה לו סוסים, ווייל געוועהנליך, וועט ער צוערשט ניט פיהרעז די אידען צוריק קיין מצרים צוליב איין פערד. צוערשט וועט זיך איהם גלוסטען צו האָבען אַ סך פערד, נאָכדעם ווי ער וועט שוין זיין אריינגעצויגען אין דער תאוה פון האָבען אַ סך סוסים, וועט שוין דאַמאָלט ביי איהם רעכט זיין צו שיקען דאָס פאָלק קיין מצרים — למען הרבות סוס — זאָגאַר צוליב איין איינציגען פערד.

זינד א געוואוינהייט

אָפטמאָל וואונדערט מען זיך, ווען מ'זעהט אַ איד, וועמען מ'האָט אין דער אלטער וועלט געקאָנט אלס פרומען און זייענדיג אין אמעריקא האָט ער אלץ פון זיך אראָפּגעוואָרפען. עס איז ביי איהם רעכט צו ווערען א מחלל שבת, א

אוכל טריפות און וואָס ניט. דער ענטפער איז די געוואוינהייט (הרגל) מאַכט עס אָן.

א מענש וואָס האָט זיך זיין גאנץ לעבען באשעפטיגט מיט פערפומע, אז ער מוז אויפגעבען זיין אלטע פרנסה און ווערען א גארבער, איז איהם די ערשטע צייט זייער שווער צו פארטראָגען דעם שלעכטען ריח פון דער גאר־בעריי. ביסלעכווייז געוואוינט ער זיך אָבער צו דעם צו אז ער פילט שוין מעהר גישט דעם פאַסקודנעם עפוש.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם אידען. די ערשטע צייט פאלט איהם שווער צו זינדיגען. לכתחילה פארנאכלעסיגט ער זיין אידישקייט כלומר׳שט צוליב גויט, אדער כדי מ׳זאָל ניט אָפלאַכען פון איהם, אָבער מיט דער צייט הערט ער שוין אויף צו פיהלען דעם ריח רע פון דער עבירה. נעשה לו כהיתר. (זעה ס׳ „נדחי ישראל״).

אַן אידעאַלער לעבען

זיין אמביציע איז אימער געווען וואָס מעהר תורה און מצוות. ווען ער האָט זיך באַדאַרפט מאַטערען צו זוכען פרנסה פון זיינע אָרימע עסקים, איז דאַמאָלט יעדע ערפאַהרונג פאַר איהם געווען אַן ענין פון לימוד, פון לערנען און דורכלעבען בפועל ממש די פרינציפּען פון דער תורה.

אַזוי ווי זיין לעבען און מעשים בכלל, רעפּרעזענטירט אויך די פרשה פון זיין מסחר׳ן אַ לעבעדיגעןביישפּיל פון אַ זעלטענעם עקספּערימענט אין הלכות משא ומתן, לערנענדיג אַלץ פון פּערזענליכע ערפאַהרונגען. ער פּלעגט זאָגען, ס׳זיינען פאַראַן צווייערליי קרעמערס: ביי איינעם וואַלגערט זיך די בעסטע סחורה אונטער׳ן טונבאַנק (קאָנטאָר) און ס׳ווערט אַ תל פון דעם, ביי אַן אַנדערען געפינט יעדער שטיקעל סחורה — אפילו דאָס קלענסטע — אַ פּלאַץ, ס׳ליגט אין אָרדנונג אויפ׳ן פּאָליצע.

ווען אַ איד האַנדעלט עהרליך; גיט אַ ריכטיגע וואָג און מאָס, און ער נאַרט נישט דעם קונה איז ער מקיים דעם „הין צדק ואיפה צדק״, „לא תונו איש את עמיתו״. ווען ער באַשעפטיגט אַרבייטער, באַהאַנדעלט זיי מענשליך, באַצאָהלט זיי אין צייט און טראַכט מקיים צו זיין דאָס, וואָס די תורה פאַרזאָגט: לא תלין פעולת שכיר. ביומו תתן שכרו — קריגען זיינע עסקים דאַמאָלט אַ העכערען זינן, אַן ענין פון קדושה־שטרעבונג, וואָס ער

טהוט, זעהט ער, עס זאָל ווערען פון דעם אַ מצוה, וועהרענד אַן אַנדערער מאַכט פון מצוות גאָרנִיט.

ער פלעגט דערצעהלען, אַז אַ באַקאַנטער סוחר האָט איהם אַמאָל פאַר־טרויט, אַז זיינע קאָנקורענטען אין עולם המסחר ווילען איבערנעמען זיינע עסקים און איהם דערפאַר באַצאָהלען אַזוי פיל, אַז ער זאָל דאָס גאַנצע לעבען האָבען געגוג צו לעבען בריוח.

„ס׳וואָלט, דוכט זיך, געווען גאַנץ גוט פאַר מיר, אָבער ווי אַזוי קאָן איך זיך ערלויבען צו זיצען און עסען און גאָרניט טהאָן, איך וועל דאָך משוגע ווערען, אַרומגעהענדיג גאַנצע טעג ליידיג.״

און ער פלעגט צוגעבען מיט אַ טאָן פון סימפּאַטיע און רחמנות־דיגער באַדויערונג: „ס׳אַראַ קליינע קורצזיכטיגע מחות. זיי מיינען, אויב ניט מסחר׳ן איז גאָרניט פאַראַן וואָס צו טהאָן מיט דאָס ביסעל יאָהרען. וועגען לערנען תורה און עוסק זיין אין מצוות, בשעת מען איז באַזאָרגט מיט פרנסה, קלערט מען גאָרניט״.

אהבת תורה

עס זיינען אַמאָל געווען צוויי שוועסטער, איינע א רייכע און די צווייטע אַן אָרימע, וועלכע האָבען געוואוינט ווייט איינע פון די אַנדערע. איז איינמאָל געקומען די אָרימע באַזוכען איהר רייכע שוועסטער און איז געווען איבערראַשט צו געפינען איהר רייכע שוועסטער אומעטיג, בלייך און אין א נערוועזען צו־שטאַנד. ווען זיי זיינען געבליבען אליין, איז די אָרימע צוגעשטאַנען צו איהר רייכע שוועסטער אז זי זאָל איהר דערקלערען ווארום זי קוקט אויס אזוי שלעכט. עס פעהלט דאָך איהר, דאכט זיך, גאָרניט, האָט א שעהנע היים, א רייכען געשעפט, משרתים און משרתות איהר צו באדינען.

די רייכע שוועסטער האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין. „דיר אויס־דערציילען מיין שווער און צובראָכען האַרץ, טייערע שוועסטער, דאַרף נעמען צו לאַנג. נאָר בקיצור וועל איך דיר זאָגען, איך האָב אין מיין לעבען קיין איין פרעהליכע מינוט ניט. אלץ וואָס דו זעהסט: מיין רייכטום און פרנסה זיינען מיר דערווידער. וואָס קומט מיר ארויס פון מיין עשירות אז איך האָב פון מיין לעבען קיין הנאה ניט, אז איך פיהר אַן אומגליקליכען לעבען. כ׳האָב פון מיין מאַן גרויסע צרות. ער פאראומערט מיר מיינע יאָהרען. איך האָב ביי איהם קיין ווערטה ניט. ער טהוט מיר אלץ צו להכעיס. אין הויז האָט ביי

איהם די דינסט מעהר ווערדע ווי איך, זיין פרוי. אין געשעפט רעכענט ער זיך ניט מיט מיינע ערפאהרונגען. פאר פרעמדע מענשען אין די אויגען היט ער זיך אביסעל מיר ניט צו באליידיגען און גיט מיר לפנים אַמאָל א קוש אויך, אָבער אין הויז מאַכט ער מיר א גיהנם. פאַרשטעהסטו שוין מיין גרויסען צער? עס איז מיר פשוט א וואונדער ווי אזוי איך האַלט עס אויס".

נאָכדעם רופט זיך אָן די רייכע צו דער אָרימע: „ווי אזוי פארברייננגסטו דיין לעבען, מיין טייערע, איך ווייס, אז דו ביזט אָרים און דאָך קוקסטו אויס אזוי פייך"

„שוועסטער לעבען", האָט זי איהר געענטפערט, „איך זעה טאַקע אויס גוט, טראָץ מיין ארימען און שווערען לעבען, דאָס איז א דאנק מיין גוטען מאַן. ער מאכט מיר אלץ לייכט און זיס. איך בין ביי איהם זעהר ליב און טייער. ער טהוט ניט קיין זאך אָהן מיר. איך שפיר זיין ליבשאַפט אויף טריט און שריט און בין דאריבער צופרידען אין מיין אָרימקייט מעהר ווי אנדערע אין רייכקייט".

אזוי פארשידען איז אויך די אהבה פון מענשען צו דער תורה. וועלכע איז געגליכען צו א פרוי — תורה ציוה לנו מאורסה.

פאראן מענשען, וואָס אויסערליך זיינען זיי מכבד דער תורה, נעמען איהר ארום, קושען איהר, האַלזען איהר, מאַכען איהר שעהנע קליינער (מענטע־לאך, פרוכת׳ן), קויפען איהר שעהנע ציהרונג, צאָהלען גרויסע סומען פאַר עליות. דאָס איז אָבער אלץ כלפי חוץ. וועהרענד אין זייער פריוואַטען לעבען דערצערנען זיי די תורה, מאַכען איהר צו שאַנדע און שפּאָט . . .

פאראן אָבער אָרימע מענשען וועלכע פאַרמאָגען ניט די מיטלען זיך צו קאָנען ווארפען מיט רייכקייט פאר דער תורה דערפאר אָבער זיינען זיי איהר מכבד מיט וואָס נאָר זיי קאָנען. זיי האַלטען איהר חשוב און טייער און טהוען ניט א טריט אָהן איהר . . .

צוליב אַ מצוה

יעדען מענשען האָט די השגחה באַשאַפען צוליב א געוויסען תכלית ובפרט א גרויסען מענש וועלכער דארף מיט זיין עקזאַמפּלאַרען לעבען דינען אלס מוסטער אוןביישפּיל פאר אנדערע. ווען מיר זעהן ווי אַ גדול צייכענט זיך באַזונדערס אויס אין אַ געוויסען ענין, פאַרשטעהט מען אַז מסתמא איז זיין פארפאלקאָמענען זיך אין דער מצוה דער סוד און תכלית פון זיין דא־זייך. און

אזוי שנעל ווי ער דערגרייכט די העכסטע מדריגה אין דעם קיום המצוה האַלט איהם די השגחה מער ניט אויף דער וועלט. לויט דיזען געדאַנק האָט דער שרייבער איינמאָל געהערט דעם חפץ חיים׳ס משולח ר׳ הירשל איישישקער, זאָגענדיג בשם החפץ חיים:— אין ירושלמי (פאה א׳ הלכה א) וואו עס ווערט דערצעהלט אז איינמאָל איז ר׳ טרפון זעהר קראַנק געוואָרען, זיינען די חכמים גיקומען איהם מבקר חולה זיין. האָט די מוטער פון ר׳ טרפון געזאָגט צו די חכמים, „בעט פאר מיין זוהן וואָס ער איז אזוי נוהג כבוד אין זיין מוטער״. האָבען די חכמים איהר געענטפערט: „ווען ער זאָל אפילו אַ מיליאָן מאָל אזויפיל נוהג כבוד זיין אין דיר האָט ער אויך ניט דערגרייכט אפילו צו דער העלפט פון דער מצוה פון כבוד!״

איז דאָך לכאורה אַ פלא: אין דער צייט, וואָס אַ מענש געפינט זיך אין אַ צרה און מען דאַרף מעורר זיין רחמים אויף איהם טאָ ווי קומט עס אַז די חכמים זאָלען גאָר זוכען צו פארקלענערען זיינע זכותים?

דער תירוץ איז: עס ווערט אין תלמוד דערצעהלט פילע ביישפילען וועגען ר׳ טרפון׳ס גרויסע זהירות און זריזות אין דער מצוה פון כבוד אם. אַז ביינאַכט, ווען זי פלעגט געהן שלאָפען האָט זיך ר׳ טרפון אַוועקגעלייגט אויף דער ערד אלס פוסען־בענקעל איבער וועלכען די מוטער איז ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן בעט. דאָס זעלבע האָט ער געטהאן אויך בייטאָג ווען די מוטער האָט געוואָלט אראָפגעהן פון בעט. איינמאָל אין אַ שבת איז דער מוטער צוריסען געוואָרען די פאַנטאָפעל, בעת זי איז געגאַנגען איבער׳ן הויף. האָט ר׳ טרפון אונטערגעלעגט זיינע הענד אונטער איהרע פיס כדי די מוטער זאָל ניט געהן באָרוועס און אַזוי איז זי דערגאַנגען ביז׳ן שטוב. פון דעם איז צו זעהן אז ר׳ טרפון האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אויסגעצייכענט אין דער מצוה פון צוטיילען כבוד אם. האָבען די חכמים מורא געהאַט, טאָמער איז ר׳ טרפון גאָר אַראָפּ־געקומען אויף דער וועלט כדי זיך צו פאַרפאָלקאָמענען טאַקע אין דער מצוה פון כבוד אם, נמצא, אויב ער האָט שוין משלים געווען זיך אין דער מצוה איז שוין מעגליך געקומען זיין צייט נסתלק צו ווערען. האָבען זיי דעריבער בכיוון פאַרקלענערט זיין עובדא פון כבוד אַזוי ארום האָט ער נאָך ניט משלים געווען זיין עובדא אויף דער וועלט און ער האָט נאָך צו וואָס צו לעבען . . .

———o———

ניט אָפּלייגען

כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה, כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הלך שמה. („קהלת" ט').

כל זמן דו פיהלסט בי די כחות טהו וואָס דו קאָנסט. פאַרלאָז זיך ניט אויף מאָרגען, ווייל ווער ווייס, אויב דער מאָרגען וועט קומען. פאַרלאָז זיך ניט אַז דיינע קינדער וועלען טהאָן פאר דיר נאָך דיין טויט . . . אויך ניט אז דו אַליין וועסט אַלץ באַוואָרנען פאר דיין טויט. ווער ווייס צו דו וועסט האָבען אַ מעגליכקייט דערצו, אַז דו וועסט דאַמאָלט זיין ביי דיין זינען אָדער געדאַנק בכלל דארף מען וויסען אז זאָגאר דאַמאָלט איז מען פון יצר הרע ניט באַפרייט און זאָגאר דאמאָלט איז מען ניט זיכער איהם צו קאָנען בייקומען.

און דער חפץ חיים דערצעהלט פון זיינעם אַ באַקאַנטען אַ איש נכבד וועלכער האָט פאר זיין טויט אָפּגעזאָגט זיין ש"ס אַלס נדבה צום בית המדרש. זייענדיג אַ סוחר האָט ער זיך געשראָקען טאָמער האָט ער האַנדלענדיג, ווען עס איז אָנגעריהרט אין געלד ענינים — אַ איסור גזל און ער געדיינקט ניט צו ווען, דאַריבער געבענדיג די ספרים פאַר'ן רבים צו לערנען, דאַן איז דאָך מעגליך אז די יעניגע ווען ער איז עפּעס שולדיג געבליבען זאָלען לערנען אין זיינע ספרים און דורך דער הנאה ווערען פארגיטיגט. האָט ער זיך גלייך מיישב געווען און געבעטען די חברה קדישא תיכף ומיד כל זמן ער לעבט צוצונעמען די ש"ס. ער האָט ניט געוואָלט איבערלאָזען צו די קינדער. און ער האָט זיך בעת מעשה פאַנאַנדערגעוויינט „אוי וועה, אפילו איצט נאָהענט פאַר מיין טויט פיהל איך ווי דער יצר הרע שטארקט זי און מיין האַרץ איינריידענדיג מיר צו טהאָן אלץ כדי זיך אויסצופיינען פאר מענשען . . . " („שם עולם")

עהנליכעס אין ענינים בנוגע מצוות און עבירות זעה אויך אין ערשטען חלק, זייטען: 62, 69, 80, 92, 94, 132, 151, 162, 179, 213, 225, 226, 304, 306, 317, 391, 415.



סמיכה פאר דעם מחבר פון לאמזשער מורה הוראה

יהודה ליב גארדין
אב"דקק לאמזא
מחבר ס' שו"ת דברי יהודה, שו"ת
תשובות יהודה וס' דגלי יהודה

Iuda Leib Gordin
OBER-RABBINER
Lomza.

[illegible]

Oberrab. J. L. Gordin.

RABB. L. G. Gor[illegible]
Lomza.

א המלצה בריוו פון דעם לאמזשער רב פאר דעם מחבר
איהם אויפצונעמען אויף א רבנות שטעלע